STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06773

FAUST

Johann Wolfgang von Goethe

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאוסט

א טראגעדיע אין צוויי טייל

— פון —

י. וו. פאָן געטהע

איבערזעצט פון דייטשען אָריגינאַל, מיט קאָמענטאַרען
פון די גרעסטע געטהע-פאָרשער

פון ל. קופערמאַן.

צווייטער טייל

מאַלערמאַן'ס ליטעראַרישע פּאָבלישינג קאָמפּאַני
נויארק — פילאַדעלפיא
1920

Copyright, 1920
By
Malerman Literary Pub. Co.

פאוסט

צווייטער טהייל

ערשטער אקט (1)

I.

(בין השמשות.)

(פ אַ ו ס ט, אויף מיט בלומען באַדעקטער ערד, מיעד, אונרוהיג, פּרוביערט אַנשלאָפען צו ווערען. ג י י ס ט ע ר ק ר י י ז, ליעבליכע קליינע באַשעפענישען, באַוועגט זיך, שוועבענדיג.)

אַ ר י אֵ ל.

(געזאַנג, באַגלייט פון עאָלסהאַרפען.)

וועןדער ליעבער פריהלינג־רעגען
איבער אַלץ מיט בליטהען זינקט,
ווען דער גרינער פעלדער־זעגען
אַלע ערד געבויר׳נע ווינקט,
יאָגען דאַן די עלפען קליינע
העלפען איבעראַל וואו שלעכט ;
באַדויערן דעם נישט באַגליקטען,
צו ׳ר איז שולדיג, צו גערעכט.

איהר וואָס שוועבט אַרום דעם קאָפּ אין לופט׳גען קרייז,
צייגט אייך יעצט אין עדלער עלפען געשטאַלט !
באַרוהיגט זאַנפט דאָס טיעף געקרענקטע האַרץ ;
נעמט אַוועק דעם פאָרוואורפ׳ס גליה׳נדע, ביט׳רע פיילען,
דאס אינערליכע ריינִיגט פון דורכגעלעבטען שמערץ !
פ י ע ר זיינען די פויזען פון דער נאַכט ; (2)
פילט זיי, נישט פאַרזאַמט, יעצט פריינדליך אוים !
אויף קיהלע קישען לעגט צוערשט זיין קאָפּ אַנידער,

דאַן באָדט איהם אין דעם טהוי פון לעטהע׳ס שטראָם; (3)
און עס באַוועגען זיך די קראַנק־פֿאַרשטאַרצטע גליעדער,
ווען ער געשטאַרקט זיך אויסרוהט פאַר דעם טאָג וואָס קומט.
ענדיגט איהר עלפען די שעהנסטע פליכט,
גיט איהם צוריק דעם הייליגען ליכט! (4)

כ אָ ר. (5)

(איינציגווייז, צו צוויי און מעהרערע, אָבוועקסלענדיג און
אינאיינעם.)

ווען ווארעם פילען זיך די לופטען
אָרום דער לאָנקע, גרין באַדעקט,
די דעמערונג, דאַן ברענגען זאַנפטע
נעבעל־שלייערס, זיעסע דופטען.
שעפּטשעט, פליסטערט זיעסען פריעדען,
וויגט דאָס הארץ אין קינדער־רוה,
און די אויגען פון דעם מיעדען
די טהירען פון דעם טאָג שליעסט צו!

׳ס איז די נאַכט שוין שטיל געזונקען,
שטערן באַהעפט׳ן זיך זייט ביי זייט.
גרויסע ליכטער, קליינע פונקען,
בלישצען נאָה׳נט און גלאַנצען וויט;
בלישצען שפּיעלענדיג אין ים זיך,
גלאַנצען אויב׳ן אין קלאָהרער נאַכט;
רוה פאַרשפּרייטענדיג און גליק, הערשט
דער לבנה׳ס פולע פּראַכט.

פאַרלאָשען זענען שוין די שטונדען,
און פאַרשוואונדען שמערץ און גליק;
פיהל עס מיעדער! ביזט געזונד שוין;
טרוי פון נייעם טאָג דעם בליק!
טהאָלען גרינען, ׳ס הויבען בערג זיך,

איינגעהילט אין שאָטען רוה;
און אין לייכטע זילבער־וועלען,
שוועבט דער זאַאט דעם קאָרן צו.

וואונש און ווינשע צו דערגרייכען,
קוק אהין צום שעהנעם גלאַנץ!
אַרומגענומען ביזט דו לייכט
אין שלאָף־געוועב, וואַרף׳ס אַוועק!
אייל דיך יעצט צום הויכען שטרעבען,
ווען די מאַסע נישט באַגרייפט;
אַלצדינג קען דער עדלער שאַפען,
וואָס פאַרשטעהט און שנעל נאָר גרייפט.

(אַ אונגעהייער געטומעל זאָגט אָן דאָס דערנעהנטערען זיך פון דער זון.) (6)

א ר י א ל.

הערט נאָר! הערט! דעם שטונדען שטורעם!
בלויז געהערט פון גייסטער־אויערן
ווערט דער נייער טאָג געבוירען.
פעלזען־טהירען רוישען קראַכען,
פעבוס׳ס רעדער דרעה׳ן זיך, קלאַפען;
וואָס פאַר טומעל ברענגט דאָס ליכט!
עס טרומייטערט און עס טרובעט,
אויגען בלענדען, אוירען שטוינען,
דאָס אונדערהערטע הערט זיך נישט.
פליהט שנעל צו די בלומען־קרוינען,
טיעפער, טיעפער שטיל צו וואוינען,
אין די פעלזען, אונטער בלעטער;
טרעפט עס אויך דאַן ווערט איהר טויב.

פ אַ ו ס ט (7)

די לעבענס־פולסען שלאָגען פריש און לעבעדיג,
מילד די לופטיגע דעמערונג צו באַגריסען;

אויף די נאַכט ביזט דו, ערד, געוועזן שטאַנדהאַפט,
און אָטהעמסט ניי דערקוויקט יעצט מיר צו פוסען,
הייבסט שוין אָן מיך מיט לוסט אַרומצואוועבען,
דו רעגסט און וועקסט אַ קרעפטיג שטאַרק באַשליעסען,
צום העכסטען דאזיין ווייטער אַלץ צו שטרעבען. —
אין דעמערונג־שיין ליגט די וועלט שוין אויפגעשלאָסען,
עס קלינגט דער וואַלד מיט טויזענדשטימיגען לעבען,
מיט לייכטען נעבעל איז טהאָל אוים, טהאָל איין פאַרגאָסען;
דאָך דרינגט די הימעל־קלאָהרקייט אין דער טיעפקייט,
און צווייג און בלעטער, פריש דערקוויקט, יעצט שפראָצען
פון דופט׳גען אָבגרונד, וואו זיי זענ׳ן געשלאָפען;
אויף די פאַרבען קלעהרען אוים זיך פון דעם גרונד,
וואו פון בלום און בלאַט ציטערדיגע פערל טריעפען;
אַלץ אַרום מיר ווערט ווי אַ גן־עדן.

קוק אַרויף! — פון די בערג די ריעזענשפּיצען
זאָגען אָן דאָס קומען פון דער פייערליכער שטונדע;
פריה געניעסען זיי שוין פון דעם ליכט דעם עביגען,
וואָס צו אונז ערשט שפּעטער זיך דערנידערט.
אויף די גרין געבייגטע פעלדער פון די אַלפּען
צייגט זיך ווידער נייער גלאַנץ און דייטליכקייט,
און אַרונטער איז עס לאַנגזאַם, שטופען־ווייז; —
זי טרעט אַרוים! — און, לײדער! שוין פאַרבלענדעט,
דרעה איך מיך אַוועק, פון אויגענשמערץ פאַרוואונדעט.

הייסט עס אַזוי איז דאָס: ווען בענקענדיג די האָפנונג
האָט דעם העכסטען וואונש געמיינט ערפילט שוין,
שטעהען אָפען ערשט פאַר איהר די ערפילונגס־טהירען;
יעצט אָבער שיינט אַרוים פון יענע עב׳גע גרונדען,
אַ פלאַמען־איבערגום און מיר שטעה׳ן ערשטוינט:
צינדען האָבען מיר געוואָלט דעם לעבענס־פאַקעל,
׳ס רינגעלט אונז אַ פייער־ים אַרום, ׳ס׳אַר אַ פייער!
איז עס ליעבע? האַס? וואָס גליהענדיג אונז נעמט אַרום,

אונגעהייער בייטענדיג מיט פרייד און לייד זיך,
אַז מיר קוקען וויעדער צו דער ערד אַראָב,
צו באַהאַלטען זיך אין יוגענדליכסטען שלייער. (8)

זאָל די זון מיר בלייבען דאָן פון הינטען!
דעם וואַסער־שטורץ, דעם פעלזען־שפּאַלט דורכדרינגענדיג,
איהם קוק איך אָן מיט וואַקסענדער ענטציקונג.
פון שטורץ צו שטורץ וואַרפט ער זיך אין טויזענד זייטען,
דאַן צעגיעסען אָבער טויזענד שטראָמען זיך,
ברויזענדיג מיט שוים אויף שוים הויך אין דער לופטען.
דאָך, איבער דעם ווילדען שטראָם, ווי וואונדערבאַר
עס וועלבט דער בייטענדיגער רעגענבויגען זיך,
באַלד קלאָהר געצייכענט, באַלד אין לופט צעפליעסענדיג,
פאַרשפּרייטענדיג אַרום קיהלען דופטיגען טהוי!
ער שפּיגעלט אָב אין זיך דאָס מענשליכע שטרעבען.
דענק נאָר נאָך, און דו באַגרייפסט עס לייכטער;
אין פאַרביגען אָבגלאַנץ האָבען מיר דאָס לעבען.

II.

קייזערליכער שלאָס (9)

טהרוין - זאַל.

(די ראטהגעבער ערוואַרטענדיג דעם קייזער. טראָמפּעטען. פאַרשיעדענאַרטיג הויפגעזינדעל, פּרעכטיג אַנגעטהאָן, ערשיינט. דער קייזער זעצט זיך אויף דעם טה'רוין; ביי דער רעכטער האַנד שטעהט דער אסטראָלאָג.)

קייזער.

איך באַגריס איך, טרייע מיינע,
פאַרזאַמעלט פון דער נאָהנט און וויים; —
דעם קלוגען זעה איך ביי דער זייט,
דאָך וואו איז דער נאַר געבליבען?

ריטער.

גלייך הינטער דיין מאַנטעלשלעפּ
איז ער געפאַלען, אויף די טרעפּ,
אוועקגעטראָגען האָט מען איהם,
טויט אָדער שכור? ווייסט מען נישט.

צווייטער ריטער.

דאָך מיט וואונדערבאַרער שנעלקייט
דרינגט אַן אַנד'רער אויף דער שטעל זיך;
ער איז גאַנץ מאָדנע אויסגעפּוצט,
און פרעך אַז יעדער בלייבט פאַרגאַפט;
'ס האָט איהם גלייך די וואַך פאַרהאַלטען
מיט געקרייצטע העלענבאַרדען —
אָט קומט ער דאָך דער פרעכער נאַר!

מעפיסטאָפעלעס.

(קניהענדיג ביים טהרוין.)

וואָס איז פאַרשאָלטען, דאָך ווילקאָמען? (10)
וואָס איז פאַרלאַנגט און דאָך פאַריאָגט?
וואָס איז מעהר ווי אַלץ באַשיצט?
וואָס איז פאַרשאָלטען און פאַרקלאָגט?
ועמען וואַגסט דו נישט צו הערען?
וועמעס נאָמען הערט מען גערן?
וואָס דערנעהנט זיך דיין טהרוין?
וואָס האַלט אַליין זיך ווייט פון דיר?

קייזער.

האַלט פאַר זיך די רעדעס דיינע!
נישט רעטענישען דאַרף מען יעצט,
דאָס איז די אַרבייט פון די הערן —
ערקלעהר זיי דו! איך הער עס גערן.
מיין אַלטער נאַר ׳ך האָב מורא איז געגאַנגען ווייט;
פאַרנעם זיין פלאַץ און שטעל דיך ביי מיין זייט.

(מעפיסטאָפעלעס שטייגט אַרויף און שטעלט זיך ביי דער לינקער זייט.)

געמורמעל פון דער מאַסע.

אַ נייער נאַר — צו נייע פיין —
ווי־אַרום? וו׳אַזוי איז ער אַריין? —
דער אַלטער אַוועק — שוין אָבגעטהאָן! —
געוועזן ׳ז אַ פאַס — יעצט איז אַ שפּאָן. —

קייזער.

און אַלזאָ איהר געטרייע מיינע,
ווילקאָמען פון דער נאָה׳נט און ווייטען!
איהר זאַמעלט אייך אונט׳ר אַ גוטען שטערן;

אנגעשריבען איז אונז אויבען גליק און פריעדען.
דאך זאגט, ווארום אין אזעלכע טעג,
ווען מיר זענען פריי פון זארגען,
שעהנע בערד און מאסקעס טראגען
ווילען, און בלויז פרייליכקייט געניעסען,
צו וואס מיט עצות זיך צו קווענלען? (12)
דאך וויל איהר דענקט, ׳ס קען נישט אנדערש זיין, —
עס איז געשעהן, נו, זאל עס זיין.

קאנצלער.

די העכסטע טוגענד, ווי א הייליגער שיין,
שטראהלט אויף דעם קייזער׳ס קאפ, נאר ער אליין
איז פעהיג מיט איהר זיך צו באנוצען:
גערעכטיגקייט! — וואס אלע מענשען ליעבען,
וואס אלע פאדערן, ווינשען, שווער ענטבעהרען,
הענגט אב פון איהם, זי דעם פאלק צו געבען.
דאך אך! וואס העלפט דער מענשליכער פארשטאנד;
די הארצ׳גע גוטסקייט, די ווילינגקייט פון דער האנד,
ווען ווי א פיעבער איבער׳ן גאנצען לאנד הערשט
שלעכטיגקייט, וואס לויטער שלעכטיגקייטען ברענגט?
ווער עס קוקט ארונטער פון דער הויכקייט דא
אין גרויסען לאנד, שיינט ׳ס איהם ווי א שווערער טרוים,
וואו איין פארקריפעלטקייט א צווייטע שאפט,
וואו אונגערעכטיגקייט גערעכטיגקייט באהערשט,
און ׳ס ענטוויקעלט זיך א וועלט פון טעות׳ן.

דער רויבט זיך רינדער, דער א ווייב,
בעכער, קרייץ און לייכטער פון אלטאר,
באריהמט זיך דאן א לאנגע צייט,
און בלייבט נאך מיט א גאנצען לייב.
קלעגער יאגען צום געריכט זיך,
וואו דער ריכטער זיצט אויף הויכע קישענס;
דערווייל וואקסט מיט ביטערן געפיהל

דעם אויפרוהר'ס צאָרענדיגער שטורם.
ווער 'ס איז פאַרקלאָגט אויף רויב און שאַנד,
דער אויף מיטשולדיגע זיך שטיצט
און „שולדיג!“ הערסט דו שרייען אוים,
וואו 'ס שטיצט די אונשולד זיך אַליין.
'זוי ווילען זיי די וועלט צעפּליקען,
פאַרניכטען אַלץ וואָס עקזיסטירט:
ווי זאָל דער שכל זיך ענטוויקלען,
וואָס אונז נאָר צום גוטען פיהרט?
און אויך דער גוטגעשטימטער מענש
פאָלגט דעם שמייכלער, דעם באַשטעכער;
אַ ריכטער וואָס נישט שטראָפען קען,
חבר'ט זיך מיט דעם פאַרברעכער.
'ך האָב שוואַרץ געמאָלען, דאָך וואָלט איך ליעבערשט
אַ שוואַרצען שלייער ציהען איבער'ן בילד. (פּויזע)
ענטשליסע קען מען נישט פאַרמיידען;
ווען אַלע שעדיגען, אַלע ליידען,
באַרויבט מען אויך די מאַיעסטעט.

פ ע ל ד־ מ אַ ר ש אַ ל.

ווי רוישט עס אין די ווילדע טעג!
אַ יעדער שלאָגט און ווערט דערשלאָגען,
און צום קאָמאַנדאָ איז מען טויב.
דער בירגער הינטער זיינע מויערן,
דער ריטער אויף זיין פעלזען־נעסט,
פאַרשווערען זיך אונז אויסצומוטשען,
און האַלטען זיי'רע קרעפטען פעסט.
דער לוין־סאָלדאַט ווערט אונגעדולדיג,
פאַרלאַנגט אויך צאָרנדיג זיין לוין,
און זאָל מען גאָרנישט שולדיג זיין איהם,
וואָלט אין גאַנצען ער אַנטלויפען.
זאָל מען פאַרביעטען, וואָס זיי ווילען,
דאַן שטעהט מען ווי'ן אַ וועספּען־נעסט;

דאָס לאַנד וואָס זיי באַשיצען דאַרפען,
ליגט געפּלינדערט און באַרויבט.
מען לאָזט אונאָרדנונג שרעקליך הערשען,
אַ האַלבע וועלט איז שוין צעשטערט;
נאָך זענען קעניגע פאַראַן,
דאָך קיינער דענקט, עס געהט איהם אָן.

שאַץ־מייסטער.

ווער קען אויף בונד־פריינד זיך פאַרלאָזען!
שטיצונג, וואָס מען האָט אונז צוגעזאָגט,
קומט ווי וואַסער אין צובראָכ'נע רעהרען.
און, האַר, אין דיינע ווייטע שטאַטען
אין ועמענס הענד 'ז דאָס אייגענטהום?
אַ נייער בעל־הבית איז וואו מען קומט,
און אונאַבהענגיג וויל ער לעבען;
צוזעהן מוז מען וואָס ער טהוט:
מיר האָבען זיי אַזוי פיעל רעכט אַוועקגעגעבען,
אַז אויף גאָרנישט בלייבט אונז מעהר קיין רעכט.
אויך אויף פּאַרטייען, ווי מען רופט זיי,
קען מען זיך היינט נישט פאַרלאָזען;
זיי מעגען זידלען אָדער לויבען,
גלייכגילטיג זיינען ליעב' און האַס.
די גהיבעלינען און גועלפען (13)
באַהאַלטען זיך, אום אויסצורוה'ן;
ווער וויל יעצט זיין שכן העלפען?
אַ יעדער האָט פאַר זיך צו טהון.
די גאָלד־טהירען זענ'ן פאַרריגעלט,
אַ יעדער קראַצט און שאַרט און זאַמעלט,
און אונז'רע קאַסעס בלייבען פוסט.

הויף־מייסטער.

וואָס פאַר צרות מוז אויך איך דערלעבען!
מיר ווילען אַלע טעג נאָר קאַרגען

און דאַרפען אַלע טעג אַלץ מעהר,
און טעגליך וואַקסט מיר נייער פיין.
די קוכערס ערגערט נישט דער מאַנגעל;
ווילד־שוויין, הירשען, האָזען, רעהען,
פאַזאַנען, היהנער, געגז און קאַטשקעס, (14)
גוט־באַצאָהלטע, זיכ׳רע איינקונפט,
די קומען צימליך נאָך אַריין;
דאָך ענדליך הייבט אָן פעהלען וויין.
ווען אין קעלער איז געשטאַנען פאַס ביי פאַס,
דער בעסטער באַרג־וויין פון דעם יאָהר,
האָב׳ן אונענדליך דאָן געטרונקען
די עד׳לע העררן ביז צום לעצטען טראָפּען אויס.
דער שטאָדט־ראַטה מוז זיין וויין אויך צאַפּען,
מען טרינקט פון שיסלען און פון בעכערס.
ביז אַלע ליגען אונטער׳ן טיש.
יעצט מוז איך צאָהלען אַלע שולדען;
׳ס וועט דער איד מיך נישט מעהר שוינען,
עס קומען צו אַלץ נייע וועקסלען
וואָס פרעסען אויף די שפּעט׳רע יאָהרען.
די שוויינען קענען פעט נישט ווערן,
פון בעט דאָס קישען איז פאַרזעצט,
דאָס ברויט איז אויפגעגעסען איידער ׳ס זעהט דעם טיש.

ק י י ז ע ר.

(נאָך א קורצען נאָכדענקען צו מעפיסטאָפעלעס).

זאָג, נאַר, ווייסט דו נישט נאָך אויך א נויט?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

איך? אָ, ניין. זעהענדיג דעם גלאַנץ אַרום —
דיך און די דייניגע! — מאַנגעלט דען פאַרטרויען,
וואו מאַיעסטעט געביעטעריש באַפעהלט,
וואו שטאַרקע מאַכט פאַרניכטעט שנאה,
וואו גוטער־ווילען, קרעפטיג דורך פאַרשטאַנד,
און טהעטיגקייט, פיעלפאַכיגע, איז אין דיין האַנד?

וואס קען זיך דען צום שלעכטען דא פאראייניגען,
צו פינסטערניש, וואו אזעלכע שטערן לייכטען?

ג ע מ ו ר מ ע ל.

דאס איז א יונג — וואס גוט פארשטעהט —
ליגען זאגט — 'זוי לאנג עס געהט —
איך וויים שוין — וואס אונטער דעם עס שטעקט —
און וואס נאך ווייטער? — א פראיעקט —

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

וואו פעהלט נישט עטוואס ערגעץ אין דער וועלט?
דעם דאס, דעם יענס, דא אבער פעהלט דאס געלד.
כאטש קלויבען קען מען דאס נישט פון דער ערד;
דאך חכמה קען דאס טיעפסטע ברענגען.
אין בערג־אדערן, אונטער מויער־גרונדען,
קען מען גאלד געמינצט און נישט געמינצט געפינען;
און פרעגט איהר ווער'ס פון דארט אהערצו ברענגט:
דער מאן באגאבט מיט גייסטיג־ און נאטור־קראפט.

ק א נ צ ל ע ר.

נאטור און גייסט — 'זוי רעדט מען נישט צו קריסטען. (15
דערפאר פארברענט מען אטהעאיסטען,
ווייל אזעלכע רעדעס זענען זעהר געפעהרליך.
נאטור איז זינד און גייסט איז טייפעל;
זיי האלטען צווישען זיך דעם צווייפעל,
זייער געמישטע מיסגעבורט.
מ י ר נישט אזוי! — דעם קייזער'ס אלטע היטער,
זענען צוויי געשלעכטער בלויז פאראן,
וואס שטיצען ווירדיג שטארק זיין טהרוין:
די הייליגע און זיינע ריטער;
זיי שטעהען ביי דעם ערגסטען שטורעם
און נעהמען קירך און שטאט צום לוין.
דעם אונצופריעד'נעם גייסט פון פאלק

ענטוויקעלט זיך אַ ווידערשטאַנד;
אפיקורסים זענען זיי! מכשפים!
און זיי פאַרדאַרבען שטאָדט און לאַנד.
יעצט ווילסט דו זיי מיט פרעכען שפּאַס
גאָר אין די הויכע קרייזען ברענגען?
איהר האַלט אייך ביי פאַרדאַרב'נע הערצער,
נאָה'נט פאַרוואַנדטע זיינען זיי דעם נאַר.

מעפיסטאָפעלעס.

אין דעם דערקען איך דעם געלעהרנטען האַר!
וואָס איהר קענט נישט טאַפּען, שטעהט אייך מיילען וויט;
וואָס איהר נישט באַגרייפט, פעהלט אייך גאָר אין גאַנצען;
וואָס איהר נישט באַרעכענט, גלויבט איהר איז נישט וואָהר;
וואָס איהר קענט נישט וועג'ן, האָט פאַר אייך קיין געוויכט;
וואָס איהר קענט נישט מינצען, מיינט איהר האָט קיין ווערט.

קייזער.

דורך דעם ווערן אונז'רע מאַנגעל נישט געהאָלפען;
וואָס ווילסט דו יעצט דען מיט דיין פאַסטען-דרשה?
איך בין זאַט שוין פון דעם עביגען ווי און ווען;
עס פעהלט דאָך געלד, נו שאַף עס אויב דו קענסט!

מעפיסטאָפעלעס.

איך פאַרשאַף אייך, וואָס איהר ווילט, און נאָך מעהר;
כאָטש עס איז לייכט, דאָך איז דאָס לייכטע שוועהר.
עס איז שוין דאָ, דאָך אַרויסצוקריגען דאָס,
דאָס איז די קונסט; ווער ווייסט ווי אָנצופאַנגען?
באַטראַכט דאָך גוט נאָר: אין יענע בלוט'גע צייטען
ווען מענשען-שטראָמען האָבען לאַנד און פאָלק פאַרטרונקען,
ווען יעדער איינער, וואָס געוועזן איז אונגעשראָקען,
האָט דאָס בעסטע וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטען;
אזוי געוועזן איז אין דער מעכט'גער רוימער-צייט,
און אזוי ווייטער, ביז ערשט נעכטען, יאָ, ביז היינט.

דאָס ליגט אַלץ שטיל נאָך אין דער ערד באַגראָבען,
די ערד באַלאַנגט צום קייזער ער זאָל׳ם האָבען.

ש אַ ץ־מ י י ס ט ע ר.

׳ך לעבען, אַלס אַ נאַר, רעדט ער גאָר נישט שלעכט,
דאָס איז ווירקליך דאָך דעם אַלטען קייזער׳ם רעכט.

ק אַ נ צ ל ע ר.

דער שטן לעגט אייך גאָלד־געשטיקטע נעצען,
עס געהט נישט צו מיט מיט פרומע, גוטע זאַכען.

ה ו י ף־מ י י ס ט ע ר.

זאָל ער אונז אין הויף נאָר גוטע זאַכען ברענגען.
׳ם וואָלט מיך נישט געאַרט איך זאָל נישט זיין גערעכט.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל.

דער נאַר איז קלוג, זאָגט אַלצדינג יעדען צו;
׳ם פרעגט נישט דער סאָלדאַט פון וואַנען דאָס אַלץ קומט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

און מיינט איהר אַז איהר זענט פון מיר גענאַרט,
אָט שטעהט אַ מאַן דאָ! פרעגט דעם אַסטראָלאָג.
אַלע קרייזען פון די שטונדען־הייזער קען ער גאַנץ גענוי, (16)
זאָג־זשע אונז: ווי זעהט עס אויף דעם הימעל אוים?

ג ע מ ו ר מ ע ל.

צוויי גוטע שעלמע — זיך גוט פאַרשטעהן —
נאַר און פאַנטאַסט — ביים טהרוין זיי שטעהן, —
אַן אַלט געדיכט — און גלאַט פאַרגלעט, —
דער נאַר סופלירט — דער קלוגער רעדט —

אַ ס ט ר אָ ל אָ ג.

(רעדט, מעפיסט. סופליערט).

די זון אַליין, זי איז פון ריינעם גאָלד; (17)
מערקור דער העראָלד, ער דיענט אויב פאַר לוין;

פרוי ווענוס האָט פאַר׳כשופ׳ט אַלע אייך,
ליעבליך בליקט זי אויף אייך אַלע, פריה און שפעט;
די צנועה׳דיגע לונא האָט קאַפּריזנע לוינען;
מארס, כאָטש ער טרעפט נישט, שרעקט אייך מיט זיין מאכט.
און יופיטער בלייבט דאָך דער שעהנסטער שיין,
סאַטורן איז גרויס, דאָך ווייט און קליין דעם אויג;
איהם אַלס מעטאַל פאַרעהרען מיר נישט זעהר,
ווייניג איז זיין ווערטה, דאָך זיין געוויכט איז שוועהר.
יא, ווען פיין עס מישט זיך לונא אוים מיט סאָל,
גאָלד מיט זילבער, דאַן לוסטיג איז די וועלט;
דאָס איבעריגע איז שוין לייכט צו קריגען:
פאַלאַסטען, גערטנער, בריסטלעך, רויטע בעקלעך,
דאָס אַלעס שאַפט דער הויך געלעהרטער מאַן,
וואָס ער אַליין נאָר קען און אונז׳רע קענען נישט.

קייזער.

דאָפּעלט הער איך, וואָס ער רעדט,
דאָך בין איך נישט איבערצייגט.

געמורמעל.

וואָס זאָל דאָס זיין? — געדראָש׳נער שפּאָס! —
קאַלענדעריי! — בעמיסטעריי! — (18)
געהערט שוין אָפט! — און פאַלש געהאָפט! —
און קומט עס שוין — איז עס אַ נאַר. —

מעפיסטאָפעלעס.

אָט שטעהען זיי אַרום און שטוינען,
דעם הויכען געפינס גלויבען זיי נישט;
איינער חלומ׳ט בלויז פון שדים,
דער אַנד׳רער פון דעם שוואַרצען הונד, (19)
׳ך פאַרשטעה נישט, וואָס זיך איינער וויצעלט,
אַן אַנדער מיינט ׳ס איז צויבעריי,
ווען עס איהם אַמאָל אין פּיאַטע קיצעלט,

און קען נישט מאַכען אַ זיכערן שריט ! (20)
אַלע פּיהלט איהר דאָס געהיימע ווירקען
פון דער עביג שאַפענדער נאַטור,
און פון די טיעפע, טיעפע גרונדען,
ווייזט זיך אַ לעבעדיגע שפּור.
ווען עס אין אַלע גליעדער צוויקט,
ווען עס אונהיימליך ווערטביים פּלאַץ,
ווערט גלייך ענטשלאָסען, גראָבט און האַקט !
דאָ ליגט דער פיעדלער, ליגט דער שאַץ ! (21)

געמורמעל.

מיר ליגט אין פוס ווי בליי געוויכט —
מיר קרעמפּפּט די האַנד — עס איז די גיכט —
׳ס קיצעלט מיך דער פוסען־פינגער —
מיר טהוט דער גאַנצער רוקען וועה —
לויט די צייכענס וואָלט געוועז
דער רייכסטער שעהנסטער אוצר דאָ.

קייזער.

אייל דיך ! וועסט דיך ווידער נישט אַרויסדרעה׳ן ;
גיך איבערצייג מיר דיינע ליגענס
און ווייז אונז גלייך די אוצרות־פּלעצער.
איך לעג אַוועק גלייך שווערט און סצעפּטער
און וועל מיט מיינע אייג׳נע הענד,
אויב דו לייגסט נישט, ענדיגען דאָס ווערק,
דיך, אויב דו לייגסט, גלייך אין גהינם שיקען !

מעפיסטאָפעלעס.

דעם וועג אַהינצו וועל איך יעדענפאַלס געפינען.
דאָך קען איך גאַנץ גענוי נישט זאָגען,
וויפיעל באַזיצלאָזיגקייט עס איז פאַראַן.
דער בויער, וואָס דאָס פעלד זיינס אַקערט,
נעמט אַ גאָלד־טאָפּ פון דער ערד אַרויס ;
סאַלפּעטער האָפט ער צו געפינען אין דער ליים־וואַנד, (22)

און געפינט גאָר איינגעוויקעלט ריינעם גין־גאָלד,
דערפרעהט, דערשראָקען אין דער ציטערדיגער האַנד.
וויפיעל געוועלבען דאַרף מען נאָך אויפרייסען,
אין וואָס׳ר אַ שפּאַלטען, און אין גאַנגען
מוז דער שאַצבאַוואוסטער קריעכען
ביז צו דער אונטערוועלט ער קומט!
אין וויטע גוט באַהאַלטענע קעלערס,
גאָלדענע שיסלען, טעלער, בעכערס,
זעהט ער אויסגעשטעלט אין רייהען;
בעכערס פון רובינען שטעהען,
און וויל ער זיך מיט זיי באַדיענען,
געפינט ער אויך אַן אַלטען טרונק. (23)
דאָך — גלויבט דעם מענשען וואָס פאַרשטעהט —
פאַרפוילט איז שוין לאַנג דאָס פעסעל־ברעט,
דער וויינשטיין האָט אַ פאַס געמאַכט דעם ווייַן. (24)
עסענצען פון אַזעלכע וויינען,
נישט נאָר גאָלד אַליין און ציהרונג,
זענ׳ן געהילט אין נאַכט און שוידער.
דער קלוגער פאָרשט דאָס נישט דערשראָקען;
ביים ליכט צו זעהען, דאָס איז נאַריש,
אין פינסטערנישען זענען סודות נאָר פאַראַן.

ק י י ז ע ר.

דאָס לאָז איך דיר! וואָס קען דאָס פינסטערע ניצען?
וואָס עטוואָס ווערטה האָט, קומען מוז צום ליכט.
ווער דערקענט געניי דעם שעלם אין טיעפער נאַכט?
עס זענען שוואַרץ די קיה, עס זענען גרוי די קעץ.
די טעפּ דאָרט אונטען, פול מיט גאָלד־געוויכט,
גראָב מיט דעם אַקער אויס, און ברענג אַרויס צום ליכט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

נעם האַק און רידעל, גראָב אַליין,
די בויערן אַרבייט מאַכט דיך גרויס,

און אַ טשערעדע גאָלד'נע קעלבער,
רייסען זיך פון ד'ר ערד אַרויס. (25)
דאַן קענסט דו דיך און די געליעבטע ציערען;
אַ ליכט'גע פאַרב און דימענט־גלאַנץ, דערהויכט
די שעהנקייט און די מאַיעסטעט.

ק י י ז ע ר.

שנעל! נאָר שנעל! ווי לאַנג נאָך זאָל עס דויערן?

אַ ס ט ר אָ ל אָ ג

(ווי אויבען).

האָר, אייל נישט אַזאַ דרינגענדעם פאַרלאַנג!
זאָל צוערשט פאַרביי דער לוסט'גער פריידען־שפּיעל;
ווייל צעשטרייטקייט פיהרט אונז נישט צום ציעל.
פאַסען מוזען מיר צוערשט אַ רוהיגען באַשלוס,
דאס אונטערשטע דורך דאָס אויבערשטע פאַרדיענען.
ווער 'ס וויל גוטס, זאָל צוערשט זיין גוט;
ווער פריידען וויל, שטילען זאָל זיין בלוט;
ווער וויין פאַרלאַנגט, זאָל קלייבען צייט'גע טרויבען;
ווער אויף וואונדער האָפט, פאַרשטאַרקען זאָל זיין גלויבען.

ק י י ז ע ר.

זאָל מען די צייט אין פרעהליכקייט פאַרברענגען;
ווי געוואונשען קומט דער אַשער־מיטוואָך אָן. (26)
יעצט פייערן מיר, אין יעדען פאַל,
נאָך לוסטיגער דעם ווילדען קאַרנאַוואַל.

(טראָמפּעטען. אַבגאַנג.)

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

ווי זיך געווינס און גליק פאַרקניפּען,
דאָס פאַלט די נאַרען קיינמאָל איין.
וואָלטען זיי דעם חכם־שטיין געהאַט,
דעם חכם וואָלט געפעהלט דער שטיין. (27)

III.

גרויסער זאַל

(מיט זייטיגע צימערען, פּאַרציערט און אויפגעפּוצט פאַר דעם מאַסקען־באַל.) (28)

הערא̈לד.

דענקט נישט אַז אין דייטשלאַנד'ס גרעניצען,
איז טייפעל־נאַ־ן און טויטען־טענץ פאַראַן;
אַ לוסטיגער פעסט ערוואַרט אייך יעצט.
דער האַר, ווען אויף זיין רוימער־צוג,
האַט זיך צום נוץ, אייך צום פאַרג'ניגען,
די הויכע אַלפּען איבערשטייגט,
געוואונען זיך אַ פריילין לאַנד.
דער קייזער, איידער ער האַט די הייליגע פיס געבויגען,
האַט צוערשט פאַרלאַנגט דאָס רעכט צו מאַכט,
און ווי ער איז געגאַנגען זיך די קרוין צו נעהמען,
האַט ער אונז דעם נאַר'ס מיץ מיטגעבראַכט. (29)
יעצט זענען מיר ווי ניי געבוירען;
יעדער וועלט־ערפאַרענער מאַן,
ציהט עס רוהיג איבער קאָפּ און אוירען;
אויבען זעהט ער אוים גאַר ווי אַ נאַר,
און איז אונטען קלוג, נאַר ווי ער קען.
איך זעה שוין, ווי זיך מאַסען־ווייז
שוועבענדיג, צעטהיילענדיג אין פּאַרלעך,
צודרינגליך שליעסט זיך כאַר צו כאַר,
אַריין, אַרוים, נאַר נישט געשראָקען!
עס בלייבט דאָך ענדליך ווי צופאַר,
מיט איהרע הונדערט־טויזענד שפּאַסען,
די וועלט, דער איינציג־גרויסער נאַר.

ג ע ר ט נ ע ר י נ ס (30)

(געזאנג באגלייט פון מאנדאלינס).

אייער בייפאל צו געווינען
האב'ן מיר זיך געפוצט די נאכט
יונגע פלארענטינערינען,
ביי דעם דייטשען קייזער'ס פראכט.

אין ברוינע לאקען טראגען מיר
אויך ליעבליך שעהנע בלומען,
זיידענפעדים, זיידענשניר,
צום פארשיין מוזען קומען.

ווייל מיר האלטען עס פארדיענסטליך,
לויבענסווירדיג פאר אונז נאר;
אונז'רע בלומען גלאנצען קינסטליך
בליהען אויך דאס גאנצע יאהר.

געפארבטע און געשניצטע זאכען
אראנזשירט סימעטריש גלייך;
פון די שטיקלעך מעגט איהר לאכען,
דאס גאנצע אבער געפעלט דאך אייך.

ליעבליך זענ'ן מיר, פול פארטרויען,
גארטענ־מיידלעך און גאלאנט,
ווייל דאס נאטירליכע פון פרויען
מיט דער קונסט איז נאה'נט פארוואנדט.

ה ע ר א ל ד.

לאזט די רייכע קערב נאר זעהען,
וואס איהר טראגט אויף איי'רע קעפ
און אויך איי'רע ארעמס ציערען,
זאל יעדער וועהלען, וואס ער וויל.

איילט אייך! זאָל מיט בלעטער און מיט בוימער,
אונז אַ גאָרטען זיך אַנטפּלעקען;
אַרומצושטעלען זענען ווירדיג
די סחורה און די קרעמערינס.

גערטנערינס.

האַנדעלט דאָ ביים פרייליכען אָרט,
כאָטש איהר דאָ קיין מאַרק נישט האָט!
און מיט אַ קורצען קלוגען וואָרט,
זאָל יעדער וויסען וואָס ער האָט.

אָליוועןְ־צווייג מיט פרוכט. (31)

נישט קיין בלומען־צווייג באַנייד איך,
דאָך אַיעדען שטרייט פאַרמייד איך;
עס איז געגען מיין נאַטור:
איך בין דאָך דער מאַרך פון לענדער,
צו זיעכערן די פריעדען־בענדער
בין אַ פריעדען־צייכען איך;
׳ך האָף מיך זאָל דאָס גליק היינט פיהרען,
אַ ווירדיג שעהנעם קאָפּ צו ציערען.

וויין־קראַנץ (גאָלדען).

צערעס׳ס מתנות אייך צו פוצען, (32)
וועלען ליעבליך ביי אייך שטעהן:
דאָס געווינשעסטע צו נוצען,
זאָל אלס ציערונג זיין אייך שעהן.

פאַנטאַזי־קראַנץ.

בונטע בלומען, מאַלפען עהנליך, (33)
ג׳וואַקסען פון דעם מאָך אַרויס;
דער נאַטור איז׳ס נישט געוועהנליך,
דאָך די מאָדע טראַכט דאָס אויס.

פאנטאזיבלומען־צווייג.

אייך מיין נאָמען אויסצוזאָגען,
וועט אויך טהעאָפראסט נישט וועלען (34)
און דאָך האָף איך, אויב נישט אַלע,
איינער וועל איך דאָך געפעלען;
די וואָס צו זיך מיך נעהמען,
מיך אין ד'האָר פארפלעכטען טהוען,
און זיך קענען בלויז ענטשליעסען,
ביי איהר הארץ מיך לאָזען רוהען.

אויפפּאָדערונג.

מעגען בונטע פאנטאזיען
פאר דער היינט'גער מאָדע בליהען,
וואונדער וואָס מען זעהט נאָר איינמאָל,
ווי נאַטור זיי שאַפט נישט קיינמאָל;
גרינע שטענגלעך, גאָלד'נע גלאָקען,
קוקען אַרוים פון רייכע לאָקען! —
אָבער מיר

רויזען־קנאָספען.

האַלטען זיך פאַרשטעקט;
גליקליך ווער אונז פריש אַנטדעקט!
ווען דער זומער קומט צו פליהען,
רויזען־קנאָספען הייב'ן אָן בליהען,
ווער קען אַזאַ גליק נישט פיהלען?
דאָס פארשפּרעכען, דאָס ערפילען,
דאָס באַהערשט נאָר פלאָראַ'ס רייך, (35)
בליק און זין און הארץ צוגלייך.

(אונטער גרינע בלעטער־אַלעען פוצען די גערטנערינס ציערליך
אויס זייער קראָם.)

מעהרערע גערטנער. (36)

(געזאנג באגלייט פון טהעארבען).

זעהט די בלומען שפראָצען רוהיג
און דעם קאָפּ אייך שעהן פארציערען;
פרוכטען קען מען דאָך געניעסען,
ווייל זיי קענען נישט פארפיהרען.

צייגען ברוינליכע געזיכטער,
קארשען, פלוימען — נישט קיין בלומען!
קויפט! נישט פאָלגט דאָס אויג וואָס נארט אייך,
גוט נאָר פיהלען צונג און גומען.

קומט, פון אַלע רייפע פרוכטען
מיט געשמאַק און לוסט צו שפייזען;
וועגען רויזען קען מען דיכטען,
דאָך אין ד׳ עפּעל מוז מען בייסען.

זיי׳ס ערלויבט אונז צוצושטעהן,
צו אייער רייכען, יוגענד־פלאַץ,
אויסצופוצען אונזער רייפע
סחורה, אונזער ליעבען שאַץ.

אונטער שעהן געפּוצטע ביימער,
וועט איעדער וואָס ער זוכט,
אַלעס, אַלעס דאָ געפינען,
קנאָספען, בלעטער, בלומען, פרוכט.

(אונטער וועקסעלגעזאנג, באגלייט פון גיטאַרען און טהעארבען, זעצען פּאָרטביידע כאָרען אויסצושטעלען זייערע סחורות שטופענ־ווייז, אין דער הויך, אָנבאָטענדיג זיי צו די קויפערס.)

מוטער און טאָכטער (37)

מוטער.

ווען דו האָסט דערזעהן דאָס ליכט,
געפּוצט דיך האָב'ך אין הייבלעך;
האָסט געהאַט אַ ליעב געזיכט,
און צאַרט געוועזן דיין לייב איז.
געזעהען שוין אַלס אַ כלה דיך,
צום רייכסטען מאַן פאַרהייראַט' דיך,
דעם שעהנסטען מאַן'ס די ווייב ביזט.

אַך, שוין זענען פיעלע יאָהר
נישט געברויכט פאַרפלויגען,
עס זענען די חתנים
שנעל פאַרבייגעצויגען,
געטאַנצט מיט איינעם האָסטו פלינק,
דעם אַנדערן געגעב'ן אַ ווינק
מיט דעם עלענבויגען.

וואָס פאַר אַ פעסט מען האָט געמאַכט,
אומזיסט זענ'ן מיר געגאַנגען;
פאַנדע־שפּיעל, און דריטער מאַן,
געקענט האָב'ן אויך נישט פאַנגען;
'ס זענען היינט די נאַרען לויז,
ליעבסטע עפען אויף דיין שויס!
איינער בלייבט דאָך פאָרט געפאַנגען.

(מיידלעך יונגע און שעהנע, קומען צו, און עס דערהערט זיך אַ פאַרטרויליכער געפּלוידער. פּישער און פויגעלכאַפּער מיט נעצען, אנגלען און ליים־צווייגען, און אַנדערע ווערקצייג, ערשיינען און מישען זיך אוים מיט די שעהנע מיידלעך. דאָס געגענזייטיגע פּרוביערען צו געווינען, צו כאַפּען, צו אַנטלויפען און פעסטצוהאַלטען, גיט געלעגענהייט צו די אַנגענעהמסטע געשפּרעכען.)

האַלץ־העקערס (38)

(ערשיינען שטורעמדיג און גראָב).

העי! פלאַץ נאַר מאַכט!
מיר דאַרפען רוים,
מיר האַק'ן דעם בוים
וואָס פאַלט און קראַכט.
ווען מיר טראָגען
הערט זיך שטויסען.
צו אונזער לויב
איז דאָ דאָס ריינע!
ווען נישט די גראָבע
שאַפען אין לאַנד,
וואָלט'ן די פיינע
געקומען צו שטאַנד
מיט זיי'רע וויצען?
ווייסט זשע פון אונז;
איהר וואָלט געפרוירען,
מיר זאָל'ן נישט שוויצען.

פוליצינעל

(אומגעלומפערט, כמעט אידיאָטיש).

נאַרען פאַרלוירענע!
קרום געבוירענע;
מיר זענ'ן די קלוגע,
וואָס קיינמאָל טראָגען;
ווייל אונז'רע קאַפען,
יאַקלעך און לאַפען
זענ'ן לייכט צו טראָגען;
פון פאַרגעניגען
מיר אימער לוסטיג,
פאַנטאָפעל־פיסיג,

דורך מאַרק און הויפּען
ארום צו לויפען,
פאַרגאַפּט צו שטעהען,
יעדען פאַרקרעהען;
צו אַזעלכע קלאַנגען,
יאָגען און פאַנגען,
שווימען ווי אַן אַאַל
אינאיינעם אין לויף,
שרייען, פאַרטויבען.
איהר מעגט אונז לויבען,
איהר מעגט אונז שעלטען,
מיר הערען נישט אויף.

פאַראַזיטען

(חניפה׳דיג, תאוה׳דיג).

איהר לוסט׳גע טרעגער,
און אייערע פריינד
די קוילענגרעבער,
זענ׳ן אונז׳רע מענער;
ווייל אַלץ וואָס זיך בוקט,
אויף אַלצדינג י אָ זאָגט,
געצוויג׳נע פראַזען,
דאָס דאָפּעל-בלאָזען,
וואָס וואַרעמט און קיהלט,
ווי עס איינער פיהלט,
וואָס דאַרף מען דאָס?
עס קען דאָך פייער,
פיעל אונגעהייער,
פון הימעל קומען,
נישט זיין זאָל׳ן שייטלעך
און קוילען-טראַכטען
דעם טאָק צו הייצען,

היץ צו פאַרפלייצען.
עס בראָט און שוויצט,
עס קאָכט און שפּריצט!
און דער פיינשמעקער,
דער טעלערלעקער,
ער שמעקט דעם בראַטען,
און חלומ'ט פון פיש;
און מאַכט זיך פאַרטיג
צו זעצען צום טיש.

שכור'ער (39)

(אונבאַוואוסט)

זייט מיר היינט נאָר נישט צואוויעדער!
'ך פיהל מיך אַזוי פראַנק און פריי;
פרישע לוסט און פרייל'כע ליעדער,
האָב געבראַכט איך אויף דאָס ניי!
אַזוי טרינק איך! טרינקען, טרינקען!
שטויסט די גלעזער! קלינגען, קלינגען!
העי דאָרט אונטען, קום אַהער!
זאָל דאָס גלאָז נאָר בלייבען לעער.

מיין ווייבעל האָט געשאָלטען מיך,
מיר צוקנייטשט דעם בונטען ראָק,
און, שטאָלץ ווי 'ך האָב געהאַלטען זיך,
גערופען מיך אַ „מאַסקען־באָק".
דאָך איך טרינק מיר! טרינקען! טרינקען!
אָנגעקלונגען! קלינגען! קלינגען!
מאַסקען־בעק קומט נאָר אהער,
ווען עס קלינגט דאַן איז עס לעער.

זאָגט נאָר נישט אַז איך פאַרווירט בין,
וואָס איך בין איז מיין פאַרדיענסט;

באַרגט דער ווירט נישט, באַרגט די ווירטין,
און אויך ענדליך באַרגט די דיענסט.
שטענדיג טרינק איך! טרינקען! טרינקען!
קומט איהר אַנד'רע! קלינגען! קלינגען!
יעדער איינער טרינקט וואָס מעהר!
זאָל'ן די גלעזער בלייבען לעער!

ווי און וואו איך האָב פאַרג'ניגען,
מעג דאָס אומעדום געשעהן;
וואו איך ליג דאָרט לאָזט מיך ליגען,
ווייל איך קען נישט לענגער שטעהן.

כ אָ ר.

זאָל'ן די ברידער טרינקען, טרינקען!
שטויסט־צו פריש אַ קלינגען, קלינגען!
אויף די בענק זיצט, טרינקט וואָס מעהר!
אונטער'ן טיש! דאָס גלאָז איז לעער!

(ד ע ר ה ע ר א ל ד (40) מעלדעט פארשיעדענע פּאָעטען, נאַטור־דיכטער, הויף־ און ריטער־זינגער, סענטימענטאַלע און ענטהוזיאסטען. אין דעם געדרענג פון פארשיעדענע געגנער, לאָזט איינער דעם אנדערן נישט קומען צום וואָרט. איינער יאָגט דורך מיט עטליכע ווערטער:)

ס אַ ט י ר י ק ע ר.

ווייסט איהר וואָס מיך אַלס פּאָעט
דערפרעהעט וואָלט ערשט גערן?
ווען 'דוואָלט קענען זינגען, רעדען,
וואָס קיינער וויל נישט הערען.

(די נאכט־ און קברים־דיכטער בעטען ענטשולדיגונג, ווייל זיי זענען פאראינטערעסירט אין אַ געשפּרעך מיט אַ ניי־געבוירענעם וואמ־

פיר, פון וועלכען עס קען זיך ענטוויקלען א נייע ארט דיכטקונסט; דער הערָאלד נעמט אָן זייער ענטשולדיגונג און רופט דער־וויל צום פּאַרשיין די גריכישע מיטהאָלאָגי, וועלכע, אָבוואָהל אין מאָדערנע מאַסקעס, פאַרליערט דאָך נישט איהר כאראקטער און ליעבליכען רייץ.)

די גראַציען (41)

אַגלאַיאַ.

גנאָדע ברענגען מיר אין לעבען;
גנעדיג זייט אויך אין דעם געבען!

העגעמאָנע.

גנעדיג זייט אין דעם עמפּפאנגען!
ליעבליך איז, דעם וואונש דערלאַנגען.

אייפראָסינע.

ווען איהר האָט שוין איי׳ר פאַרלאַנגען,
גנעדיג זאָל אויך זיין דאָס דאַנקען.

די מזלות. (42)

אַטראָפּאָס.

דאָס מאָל האָט מען איינגעלאַדען
מיך, די עלטעסטע, צו שפּינען,
ווייל ׳ס איז דאָ ביים לעבענס־פאָדעם
פיעל צו דענקען, פיעל צו זינען.

אום ער זאָל אייך ווייך און צאַרט זיין,
וועל דעם פיינסטען פלאַקס איך פּלעטען;
אַז ער זאָל אויך גלאַט און גלייך זיין,
וועל׳ן די קלוגע פינגער גלעטען.

וועז איהר ווילט ביי לוסט און טאנצען
צופיעל שטיפעריש אייך וויזען,
דענקט ווי דין עס איז דער פאָדעם!
היט אייך! ווייל ער קען נאָך רייסען.

קלאָטהאָ.

ווייסט אַז אין דער צייט דער לעצטער
האָט מען מיר פאַרטרויט די שער;
ווייל מען קען אויף אונזער אַלטער
זיך שוין נישט פאַרלאָזען מעהר.

שפּינט אונניציג לאַנגע פעדים,
שלעפּט זיי אום אין לופט און ליכט,
האָפנונגען די ליעבסטע, שעהנסטע,
אָבגעפּליקט פון ד'ר ערד'ם געזיכט.

פיעלע טעות'ן געמאַכט שוין
האָב אַמאָל איך, יונגערהייט,
היינט, מיך אָבער אָבצוהאַלטען,
שטעק די שער איך אין דער שייד.

אַזוי בין איך גערן געבונדען,
אויף דעם אָרט איך פריינדליך בליק,
ווי איהר אין די פרייע שטונדען,
שווערמט נאָר ווייטער פאַר דעם גליק.

לאַכעסיס.

מיר אַליין, ווייל איך בין פעהיג,
איז די אָרדנונג צוגעטהיילט;
מיינע ווערגעז אין דעם לעבען,
האָבען קיינמאָל נישט פאַרפעהלט.

פעדים קומען, פעדים געהען,
יעדען פיהר איך אויף זיין וועג,
לאַז קיין איינעם זיך פאַרמישען,
לאַז פון קרייז איהם נישט אַוועק.

וואָלט איך מיך אַמאָל פאַרגעסען,
איז פערשוואונד'ן דאָס גאַנצע גליק;
שטונדען צעהלען, יאָהרען מעסטען
און דער וועבער נעמט דעם שטריק.

העראָלד.

די וואָס קומען יעצט וועט איהר נישט דערקענען,
מעגט איהר ווי געלעהרט אין אַלטע שריפטען זיין;
וועט איהר זעהן זיי, די וואָס צרות ברענגען,
וועט איהר זיי עמפּפאַנגען אַלס ווילקאָמ'נע געסט.

די פוריען זענען עס, קיינער וועט אונז גלויבען, (43)
שעהן און גוט געבויט, פריינדליך, יונג אין יאָהרען;
לאָזט מיט זיי אַריין זיך, וועט איהר גלייך ערפאַרען,
ווי שלאַנגענהאַפט 'ס פאַרוואונדען אַזעלכע טויבען.

כיטרע זענען זיי, דאָך אין היינט'גע צייטען,
ווען אַיעדער נאַר זיך מיט זיין שאַנדע ריהמט,
אויך זיי פאַרלאַנגען נישט מלאכים כבוד,
אַנערקענען זיך אַלס פּלאָג פון שטאָדט און דאָרף.

אַלעקטאָ.

וואָס העלפט דאָס אייך, איהר וועט אונז דאָך פאַרטרויען!
ווייל מיר זענען שעהן און יונג און שמייכעל־קעצלעך,
האָט אימיצער פון אייך אַ היים־געליעבטע,
רייבען וועלען מיר איהם אַזוי לאַנג די אוירען,

ביז מיר וועלען איהם קענען זאגען אויג אויף אויג:
אז זי אין דער זעלבער צייט, צו דעם און יענעם ווינקט,
אז ז׳ איז שרעקליך דום, אין רוקען קרום, און הינקט,
און, ווען זי שוין זיין כלה איז, צו גארנישט טויג.

אויך וויסען מיר וו׳אזוי די כלה צו פארדרעהען:
׳ם האט איהר טהיי׳רער פריינד, ערשט פאר א פאר וואכען
מיט פאראכטונג, פון איהר, צו דער און דער גערעדט!
בעט מען איבער זיך, בלייבט דאך עטוואס הענגען.

מעגערא.

דאס איז נאר שפאס! איז מען שוין גוט פארבונדען,
נעם די ארבייט איך אויף מיר און וויים, אין יעדען פאל,
דאס שעהנסטע גליק דורך נארישקייטען צו פארגאלען;
פארשיעדען איז דער מענש, פארשיעדען אויך די שטונדען.

און קיינער דאס געווינשטע פעסט אין ד׳ארעמס האלט,
ווער נאריש מעהר געווינשטערעס זיך נישט פארלאנגט,
פול פון העכסטען גליק, צו וועלכען ׳ר האט זיך צוגעוואוינט;
פון דער זון אנטלויפט ער, וויל דעם פראסט דערוואר׳מען.

מיט דעם אלעם וויים איך ווי ארומצוגעהן,
און איך ברענג אשמדאי׳ן, דעם געטרייען,
צו דער רעכטער צייט עטוואס שלעכטס צו טהון,
און פארדארב אזוי דאס מענשען־פאלק אין פארלעך.

טיזיפאנע.

גיפט און דאלך, שטאט בייזע צונגען,
מיש איך, שארף איך דעם פאררעטער;
ליעבסט דו אנד׳רע, פריהער, שפעטער,
פארדארבונג האט דיך דורכגעדרונגען.

'ם מוז פון אויגענבליק דאָס זיעסטע
זיך צו גאַל און צאָרן פאַרוואַנדלען!
'ם איז קיין מאַרק נישט דאָ, צו האַנדלען,
זיינע יאָהרען זיינען וויסטע.

זינגט מיר נאָר נישט פון פאַרגעבען!
עס הערען בלויז די בערג מיין קלאַנג:
הערט! ר אַ כ ע! שרייט דער ווידערקלאַנג,
ווער עס אומבייט זאָל נישט לעבען.

הע̈ראָלד.

ווילט איהר אַזוי גוט זיין, אין דער זייט זיך שטעלען;
ווייל די וואָס קומען יעצט, נישט אייער גלייכען זענען,
איהר זעהט ווי 'ם דרענגט אַריין אַ באַרג זיך. (44)
די זייטען שטאָלץ באַהאַנגען מיט קאָוויאָרען בונטע;
אַ קאָפּ מיט לאַנגע ציינער, און אַ שלאַנגען־נאָז,
געהיימניספול, דאָך צייג איך אייך דעם שליסעל.
אויף זיין נאַקען זיצט אַ רייצענד־צאַרטע פרוי,
מיט אַ פיינעם שטעקעל פיהרט זי איהם גענוי;
אויבען שטעהט די אַנדערע, ליעבליך אָנצוזעהן,
פאַרשפּרייטענדיג אַ גלאַנץ וואָס פאַרבלענדט מיך.
עדלע פרויען ביי דער זייט געשלאָסען אין קעטען,
איינע פול בענקשאַפט, די אַנד'רע פול מיט פרייד;
איינע וו י נ ש ט צו זיין, די אַנד'רע פי ה ל ט זיך פריי.
זאָל יעדע זאָגען ווער זי איז.

ש ר ע ק.

רויכיגע פאַקלען, לאָמפּען, ליכטער,
פונקלען דורך'ן טרוי'ריגען פעסט;
צווישען די געזיכטער פאַלשע
בינד'ן מיך, אַך! די קעטען פעסט.

אַוועק איהר לעבערליכע לאַכער!
אייער גרינזען ׳ז פול פאַרדאַכט;
אַלע מיינע שלעכטע געגנער,
דרענגען זיך אין טיעפער נאַכט.

דאָ׳ז אַ פריינד, אַ פיינד געוואָרן,
׳ך זעה וואָס אונטער מאַסקעס שטעקט;
יענער וואָלט געוואָלט מיך מאָרדען,
יעצט אַנטלויפט ער, ווייל אַנטדעקט.

אַך, ווי גערן דורך אַלע זייטען
וואָלט איך פון דער וועלט אַוועק!
דאָך פון דאָרטען טויט, פאַרניכטונג,
האַלטען מיך צוריק מיט שרעק.

ה אָ פ נ ו נ ג.

זייט געגריסט, איהר ליעבע שוועסטער!
האָט איהר נעכטען, זאָגט, און היינט שוין
אין די מאַסקעס שעהן געשיינט שוין,
זיכער בין איך דאָך אַז אַלע,
וועט איהר מאָרגען אייך אַנטפּלעקען.
און ווען יעצט די פאַקעל־ליכטער
זיך צו פרעהען אונז נישט קלעקען,
ווילען מיר אין טעג אין שעהנע,
דאַן מיט לוסטיגע געזיכטער,
נאָך דעם אייג׳נעם וואונש און ווילען,
פריי דורך שעהנע לאַנקעס געהען,
פריי צו שאַפען אָדער שטעהען,
און אין זאָרגענפרייעם לעבען,
מיעד נישט ווערן, אימער שטרעבען.
איבעראַל אַלס געסט ווילקאָמען,
טרעטען רוהיג מיר אַריין;

עס מוז זיכער דאָך דאָס בעסטע
ערגעץ צו געפינען זיין.

ח כ מ ה.

צוויי פון מענשען׳ס גרעסטע שונאים,
שרעק און האָפנונג, פעסט געקעטעט,
האַלט איך אָב פון דער געזעלשאַפט;
מאַכט נאָר פלאַץ! איהר זענט געֿרעטעט.

אָט דעם לעבעדיגען ריעז דאָ,
פיהר איך, זעהט איהר, טורם־געלאָדען,
און ער וואַנדעלט גאַנץ געלאַסען,
שריט ביי שריט און גאָר אָהן שאָדען.

אָבער דאָרטען אויף דעם טורעם
יענע געטין, מיט באַגעהר׳ן
זוכט, מיט אויסגעשפּרייטע פליגעל,
וואו דער מענש קען גליקליך ווערן.

גלאַנץ און עהרע שיינט אַרום איהר
לייכטענדיג אין אַלע זייטען;
׳ס איז ו ו י ק ט אָ ר י אַ איהר נאָמען,
געטין פון די טהעטיגקייטען.

צ אָ י ל אָ ־ ט ה ע ר ס י ט ע ס (45)

הו! הו! יעצט איז מיר אַלץ שוין רעכט,
איהר זענט דאָ אַל׳ אינאיינעם שלעכט!
דאָך, וואָס ׳ך האָב מיר צום ציעל געמאַכט,
ו ו י ק ט אָ ר י אַ איז, וואָס איך באַטראַכט.
מיט ווייסע פליגעל, מיינט זי שוין
זי איז אַן אָדלער, די פּאַרשוין!
און וואו זי גיט זיך נאָר אַ קעהר,

אי פאָלק, אי לאַנד, אַלץ איהר געהער;
דאָך ווען באַריהמטעס ווערט געטהאָן,
טהו גלייך איך דאָס געשיער מיר אָן;
דאָס טיעפע הויך, דאָס הויכע טיעף,
דאָס קרומע גלייך, דאָס גלייכע קרום,
נאָר דאָס אַליין מאַכט מיך געזונד;
'זוי וויל איך'ס אויף דער ערדענס־רונד.

ה ע ר אָ ל ד.

דאַן קריג אַ זעץ, דו לומפּען־הונד,
פון דעם מייסטער'ס צויבער־שטעקען!
קרים און בויג דיך איין אין דרייען! —
זעהט, ווי די דאָפּעלט־צווערג־געשטאַלט
זיך אין אַ קליינעם קנויל שרומפּט איין! —
— אַ וואונדער! — 'ם ווערט דער קנויל אַן איי,
עס בלאָזט זיך אויף און פּלאַצט אין צוויי;
יעצט פאַלט אַ צווילינג־פּאָר אַרויס,
אַ קליינע שלאַנג, אַ פלעדערמויז;
די ערשטע קריכט אַריין אין שטויב
צום באַלקען פליהט די צווייט' אַרויף —
זיי יאָגען אַרויס, אינאיינעם זיין,
'ך וואָלט נישט געוואָלט דער דריטער זיין.

ג ע מ ו ר מ ע ל.

דאָרטען טאַנצט מען, קום אַוועק! —
איך וואָלט געוואָלט 'ם זאָל נעהמ'ן אַן עק! —
פיהלסט דו נישט ווי'ס פליהען אום
די געשפּענסטער אונז אַרום?
'ס רוישט אַרום מיר איבער ד' האָר —
'ך האָב 'ס געזעהן ערשט אויף'ן וואָהר —
קיינעם האָט נאָך נישט געשאַדט —
דאָך די שרעק איז ווי אַ טשאַד —

די פרעהליכקייט נישט צ'האבען האלד,
דאס האבען די בעסטיען געוואלט.

הערא לד.

זינט מען האט ביי מאסקאראדען
די הערא לד'ס פליכט אויף מיר געלעגט,
וואך איך ערנסט ביי די טהירען,
אז אייך, אין דעם פרייל'כען ארט,
זאל קיין שלעכטעס נישט געשעהן;
נישט איך צווייפעל, נישט איך ציטער.
דאך 'ך האב מורא, דורך די פענסטער,
ציהען לופטיגע געשפענסטער,
און פון שדים, צויבערייען,
קען איך אייך יעצט נישט באפרייען.
'ס איז דער צווערג געווען פארדעכטיג,
און דארט אונטען שטראמט עס מעכטיג.
וואס 'ס בעדייטען די געשטאלטען,
וואלט געוואלט איך, פריינד, אייך זאגען;
דאך וואס איך נישט באגרייפען קען,
קען איך אייך אויך נישט ערקלעהרען;
העלפט מיר אלע צו פארשטעהן! —
זעהט איהר'ס דורך דער מאסע יאגען?
פיער פערד געשפאנט צו א פרעכט'גען וואגען,
פליהט דורך אלע מענשען דורך;
דאך צעטהיילט ער נישט די מאסע,
און 'ך ערגעץ זעה איך קיין געדרענג;
פארביג גלאנצט עס אין דער וויטקייט,
בונט פארפלעקטע שטערן לייכטען,
ווי פאר'כשופ'טע לאנטערנס,
און 'ס קומט אהער מיט שטורם-געוואלד.
מאכט נאר פלאץ! מיך שוידערט!

אינגעל.
(וואַגענ־פיהרער)

האַלט!
יאַג־פערד מאַכט צו איי׳רע פליגעל,
פיהלט אויך דעם געוואוינטען צוים,
זייט יעצט שטיל ווי איך באַפעהל אייך,
רוישט אַוועק, ווען ׳ך ווער באַגייסטערט —
לאָמיר דאָ דאָס פּלאַץ פאַרעהרען!
זעהט נאַר, זעהט, ווי זיי זיך מעהרען
די באַוואונדערער זיך אַרום אונז!
הויב אָן, העראָלד, לויט דיין פליכט איז,
איידער מיר פון דאַנען פליהען,
אונז צו שילדער׳ן, צו ערקלעהרען;
ווייל מיר זענען אַלעגאָריען,
איז דיין פליכט דו זאָלסט אונז קענען.

העראָלד.

אָנשטאָט צו זאָגען ווער דו ביזט,
וואָלט איך גיכער דיך באַשריבען.

אינגעל פיהרער.

דאַן פּרוביער!

העראָלד.

מען מוז געשטעהן:
ערשטענס ביזט דו יונג און שעהן.
אַ האַלב־דעַרוואַקס׳נער אינגעל ביזט דו, דאָך די פרויען
וואָלטען דיך געוואָלט גאַנץ אויסגעוואַקסען זעהן.
אַ צוקינפטיגער פרייער שיינסטו מיר צו זיין,
אַזוי, נאָך פון דער היים אוים אַ פאַרפיהרער.

אינגעל פיהרער.

דאָס לאָזט זיך הערען! רעד נאָר ווייטער,
צום רעטעניש געפין דאָס ריכט׳גע וואָרט!

הערָאלד.

דער שוואַרצער בליץ פון ד׳ אויגען, די נאַכט פון די לאָקען, (46)
געלייטערט פון דעם דימענטען־באַזעצטען באַנד!
און וואָס פאַר אַ שעהן געציהרט געוואַנד
פליעסט פון דיינע אַקסעל דיר ביז צו די זאָקען,
מיט פורפור־זוים און פליטער־גאָלד!
מען וואָלט געמיינט דו ביזט אַ מיידעל.
דאָך ווערסט דו יעצט, צו גוט צו שלעכט,
ביי די מיידלעך שוין פיעל ווערטה זיין:
זיי וואָלטען דיך לערנען דאָס אַ. בע. צע.

איינגעל פיהרער.

און דער וואָס ווי אַ פרעכטיג בילד
אויף דעם וואָגען־טהרוין דאָ גלאַנצט?

הערָאלד.

ער שיינט אַ קעניג, רייך און מילד צו זיין;
וואויל איז דעם וואָס חן געפינט ביי איהם!
ער האָט נישט מעהר צו וואָס צו שטרעבען;
וואָס ערגעץ פעהלט דערזעהט זיין בליק,
און זיין ריינע לוסט צום געבען,
איז גרעסער פון באַזיץ און גליק.

איינגעל פיהרער.

דערביי דאַרפסט דו ניט שטעהען בלייבען,
דו מוזט איהם גאַנץ גענוי באַשרייבען.

הערָאלד.

דאָס ווירדיגע באַשרייבט זיך נישט.
דאָך דאָס געזונדע רונד געזיכט,

דאָס שעהנע מויל, די פרישע באַקען,
וואָס אונטערן טורבאַנ׳ס ציהרונג שיינען, (47)
רייכקייט טראָגט ער ׳ן פאַלבען־קלייד.
וואָס זאָל איך פון דער האַלטונג זאָגען?
באַקאַנט אַלס הערשער שיינט ער מיר.

אינגעל פיהרער.

׳ס איז פלוטוס, דער גאָט פון אַלע אוצרות;
ער קומט אַהער אין שטאָלצען צוג,
עס וויל איהם זעהר דער קייזער זעהן.

העראָלד.

פון דיר אַליין דעם וואָס און ווער ערקלעהר מיר.

אינגעל פיהרער.

איך בין די פאַרשווענדונג, בין די פּאָעזי; (48)
בין דער פּאָעט, וואָס ווערט ערשט דאַן געקרוינט,
ווען ער זיין גאַנצען גוט פאַרשווענדט.
אויך איך בין אונגעהייער רייך,
און שעץ מיך אויך צו פלוטוס גלייך.
׳ך פאַרציער, מאַך לוסטיג איהם דעם טאַנץ און פעסט,
דאָס וואָס איהם פעהלט, דאָס טהייל איך אוים.

העראָלד.

דאָס זיך באַריהמען פּאַסט דיר שעהן;
דאָך לאָמיר דיינע קינסטע זעהן!

אינגעל פיהרער.

מיט דעם פינגער זעהט מיך נאָר אַ קנאַק טהון!
שוין שיינט עס און עס גלאַנצט אַרום דעם וואָגען,
און עס שפּרינגט אַ פּערל־שנור אַרוים.

(האַלט אין איין קנאַקען מיט די פינגער.)

נעמט גאָלד'נע רינגען פאַר האַלז און אוי'ר;
אויך קעמלעך, קרוינדלעך פיעל איהר ווילט,
און בריליאַנט־באַזעצטע רינגען;
אויך פלעמלעך גיב איך דאַן און וואַן,
צו זעהען וואו זיי קענען צינדען.

הערא לד.

ווי 'ס כאַפּט און לאַפּט די ליעבע מאַסע!
מען צעקוועטשט באַלד שיער דעם געבער.
ציהרונג וואַרפט ער ווי'ן אַ חלום,
און אַלע מענשען לויפען כאַפּען.
דאָך נייע קונצען זעה איך דאָ:
וואָס איינער האָט ערשט נאָר געכאַפּט,
שלעכט באַצאָהלט ער דאַן דערפאַר,
דאָס געשענק פליהט גלייך אַוועק.
די פּערל־שנור צעפאַלט זיך גלייך,
און זשוקעס קריכען איהם אין דער האַנד;
ער וואַרפט ז'אַוועק דער אָר'מער נאַר,
און זיי זשום'ן אַרום זיין קאָפּ.
די אַנדערע, 'שטאַט פעסטע זאַכען,
דערזעהען לייכטע שמעטערלינגגען.
וויפיעל דער שעלם דאָ אַלץ נישט גיט,
איז בלויז אַ גאָלד'נע נאַרעריי! (49)

אינגעל פיהרער.

מאַסקעס, זעה איך, ווייסט דו אָנצוזאָגען,
דאָך דעם קערן פון דער זאַך צו קענען
איז די אַרבייט נישט פון העראָלד.
אַ שאַרפ'רער בליק נעטהיג איז דערצו.
דאָך היט איך מיך פון יעדער קריעגעריי;
צו דיר געביעטער ווענד איך מיינע פראַגען.

(אומקעהרענדיג זיך צו פ ל ו ט ו ס.)

האָסט דו מיר נישט דעם שטורם־ווינד
פון דעם פיער־געשפאַן פאַרטרויט?
פיהר איך גליקליך נישט ווי דו פאַרלאַנגסט?
בין איך דאָרט נישט, וואו דו ווילסט נאָר?
האָב איך מיט געוואַגטען שוואונג נישט
פאַר דיר די פאַלמען אויסגעפלאָכטען?
ווי אָפט איך האָב פאַר דיר געקעמפפט נאָר,
האָט מיר צו יעדער צייט געגליקט;
ווען אַ לאָרבער־קראַנץ דיין שטערן ציהרט,
האָב איך איהם נישט מיט זין און האַנד געפלאָכטען?

פ ל ו ט ו ס.

אוב ׳ס איז נעטהיג ׳ך זאָל דיר צייגניש געבען,
דאַן זאָג איך גערן: ביזט אַ טהייל פון מיין נשמה.
דו האַנדעלסט שטענדיג ווי איך דענק,
ביזט פיעל רייכער נאָך פון מיר.
איך שעץ, דיין דיענסט דיר צו באַלוינען,
די גרינע צווייג מעהר פון אַלע מיינע קרוינען.
איך זאָג אַן אמת וואָרט צו אַלע דאָ:
מיין ליעבער זוהן, פיעל פרייד האָב איך פון דיר.

א י נ ג ע ל פ י ה ר ע ר.

(צו דער מאַסע.)

די גרעסטע מתנות מיינע,
זעהט! האָב איך אַוועקגעגעבען;
עס גליהט אויף דעם׳ם און יענעם׳ם קאָפּ
אַ פלעמעל, וואָס איך האָב געוואָרפען;
פון איינעם צום אַנדערן שפּרינגט עס,
דאָרטען האַלט ׳ס זיך, פון דעם אנטלויפט עס,
זעהר זעלטען פלאַמט עס אין דער הויך,

און לייכט און שטראַהלט אין שעהנעם גלאַנץ;
דאָך ביי פיעלע, איידער מ'האָט 'ם געזעהען,
האָט זיך'ם אויסגעלאָשען, אויסגעברענט. (51)

וויי בער־פלוידערי.

דער אויבען אויף דעם פיער־געשפאַן,
דאָס איז געווים אַ שאַרלאַטאַן;
געקרומט דאָרט אונטען איז האַנס־וואורשט,
זעהר אָבגעצעהרט פון הונגער, דורשט,
ווי מ'האָט געזעהן איהם קיינמאָל נישט,
צופּ איהם, קנייפּ איהם, פיהלט ער נישט.

דער אָבגעמאָגערטער. (52)

אוועק פון מיר דו מיאוס ווייב־געשלעכט!
איך ווייס אַז דיר געפעל איך קיינמאָל. —
ווען איהר דעם פייער־טאָק פארזאָרגט האָט,
האָב איך געהייסען אַוואַריציאַ,
געבליהט האָט דעמאָלט אונזער הויז:
אַ סך אַריין, גאָרנישט אַרויס!
שראַנק און קאַסטען האָב געהיט איך;
אַ לאַסט געווען איז דאָס פאַר אייך!
דאָך, ווי אין די נייע'סטע יאָהרען,
געוואוינט 'ז דאָס ווייב נישט מעהר צו שפּאָרען,
און, ווי יעדער שלעכטער צאָהלער,
פיעל מעהר פאַרלאַנגען האָט אַלם טהאָלער,
נו האָט דער מאַן אַ סך צו דולדען:
וואו ער בליקט נאָר זעהט ער שולדען;
קוים שפּאָרט זי עטוואָס, גיט זי אוים
אויף איהר לייב, אויף איהר געליעבטען!
אויך עסט זי בעסער, טרינקט נאָך מעהר,
מיט די חנ'דלער־מאַכער איהרע;

געשטיגען האָט צו גאָלד אין מיר דער רייץ:
איך בין פון מענליכען געשלעכט, דער גייץ!

הויפּט־ווייב.

מיט דראַכען מעג דער דראַך זיך רייצען; (53)
'ם איז דאָך נישט מעהר ווי לוג, באַטרוג!
ער קומט די מענער אויפצורייצען,
און זיי זענ'ן צרה'דיג גענוג.

ווייבער

(אַלע אינאיינעם).

דאָס שרעק־בילד! שלאָגט איהם מיט דעם שטעקעל!
וואָס וויל דער חברה־מאַן דאָ זיין?
מיר זאָלען שרעקען זיך פאַר איהם!
די דראַכען זענ'ן פון האָלץ און דעקעל;
פריש! וואַרפט איהם קלעפּ וואָס מעהר אַריין!

העראָלד.

ביי מיין שטעקען! האַלט אייך רוהיג! —
דאָך מען דאַרף שוין נישט מיין הילף;
זעהט ווי די שרעקליכע געשטאַלטען
פלינק באַוועגען אין געוואונ'נעם פּלאַץ,
זיי'רע ריעזען־גרויסע פליגעל!
צאָרנענדיג וואַרפען זיך די דראַכען
און שפּייען פייער פון די מיילער;
די מאַס' אַנטלויפט, דאָס פּלאַץ איז ריין.

(פּלוטוס שטייגט אַרוים פון וואָגען.)

העראָלד.

ער געהט אַראַב, ווי קעניגליך!
ער ווינקט, די דראַכען ריהרען זיך;

דעם קאַסטען הויבען זיי פון וואַגען,
מיט גאָלד און גייץ אָראָבצוטראָגען.
ער שטעהט איהם שוין ביי זיינע פיס;
אַ וואונדער ווי דאָס איז געשעהן.

פלוטוס.

(צום פיהרער.)

יעצט ביזט דו פריי שוין פון דיין שוועהרער לאַסט,
ביזט פראַנק און פריי, און שוועב צו דיינע ספערען!
נישט דאָ זענען זיי! אומגעלומפערט־ווילדע
פנים'ער דרענגען זיך אַרום אונז דאָ.
נאָר דאָרט וואו קלאָהר דו קוקסט אין ריינער שעהנקייט,
וואו דו דיר אַליין געהערסט, און דיר אַליין פאַרטרויסט,
דאָרט וואו דאָס שעהנע, און דאָס גוטע בלויז געפעלט,
אין דער איינזאַמקייט! — דאָרט שאַף דיין שעהנע וועלט.

איינגעל פיהרער.

אַזוי שעץ איך מיך אַלס אַ הויך געזאַנדטען,
אַזוי ליעב איך דיך אַלס מיין נאָהענטסטען פאַרוואַנדטען,
וואו דו ביזט איז זעטיגקייט; וואו איך בין,
פיהלט יעדער זיך אין הערליכסטען געווינס;
אויך וואַנקט ער אָפט אין וויעדערשפּרעכיגען לעבען:
זאָל ער זיך דיר, אָדער מיר איבערגעבען?
אמת, די דאָזיגע, זיי קענען שטענדיג רוה'ן,
ווער אָבער מיר פאָלגט, האָט שטענדיג וואָס צו טהון.
מיינע שאַפונגען זענען קיינמאָל נישט באַהאַלטען;
איך אָטהעם נאָר און איך בין שוין פאַרראַטען.
זיי געזונד! דו פאַרגינסט מיר דאָך מיין גליק;
פליסטער שטיל, און גלייך קום איך צוריק.

(אָב ווי ער איז געקומען.)

פלוטוס.

יעצט איז שוין צייט די אוצרות אויפצושליעסען!
די שלעסער עפען איך מיט דעם העראָלד'ס שטעקען.
עס מאַכט זיך אויף! זעהט! אין אייזערנע קעסלען
פליעסט און שטראָמט פאַר אייך ווי אַ גאָלד'נער שטראָם פון
בלוט;
דערביי אויך שמוק פון קרוינען, קעטען, רינגען,
עס זיעדט און קאָכט זיי שמעלצ'נדיג צו פאַרשלינגען.

וועקסעלגעשריי פון דער מאַסע.

אַ, זעהט נאָר זעהט! ווי רייך עס שווילט,
דער קאַסט'ן 'ז ביז צום ראַנד געפילט. —
גאָלדענע זאַכען שמעלצען זיך,
געמינצטע ראָלען וועלצען זיך —
דוקאַטען שפּרינגען ווי געפּרעגט,
אַ, ווי דאָס האַרץ אין מיר זיך רעגט —
ווי זעה איך דאָ מיין אויג'ס באַגעהר!
אָט יאָגען זיי זיך שוין אַהער. —
מען גיט עס אייך, באַנוצט עס גלייך,
און בויגט אייך אָן, איהר ווערט באַלד רייך. —
מיר אַנד'רע, שנעל נאָר ווי דער בליץ,
נעהמען דעם קאַסטען אין באַזיץ.

הערָאלד.

וואָס ווילט איהר נאַרען? וואָס ווילט איהר דען?
עס איז דאָך בלויז אַ מאַסקען־שפּאַס.
היינט אָבענד ווערט דאָ נישט באַגעהרט;
איהר גלויבט מען גיט אייך גאָלד וואָס 'ז ווערטה?
עס איז פאַר אייך אָט אין דעם שפּיעל,
אויך קליינע פעניגע צופיעל.
איהר נאַראָנים! אַזאַ פוסטער שיין,
מוז גלייך פאַר אייך אָן אמת זיין.

וואָס דאַרפט איהר אמת? — אילוזיאָן
כאַפּט אייך אין אַלע זייטען אָן. —
פאַרשטעלטער פּלוטוס, מאַסקען־העלד,
פאַריאָג די מאַסע פון דעם פעלד! (54)

פּלוטוס.

דיין שטעקען איז דערצו באַרייט,
מיר לייה איהם אויף אַ קורצער צייט! —
איך טונק איהם גלייך אין פייער איין. —
יעצט מאַסקעס גרייט אייך צו צו פיין!
ווי ׳ס שפּריצט און קראַכט, און פונקען שפּריהט!
דער שטעקען איז שוין אָנגעגליהט.
און ווער עס קומט מיר אונטער ד׳הענד,
ווערט גלייך פאַר׳שרפה׳עט, גלייך פאַרברענט. —
יעצט הייב איך אָן אַרום צו געהן.

געשריי און געדרענג.

וועה, אַ, וועה! עס איז געשעהן! —
אַנטלויפט איהר אַלע, ווער עס קען!
צוריק, צוריק דו לעצטער דאָרט! —
אין פּנים פּיהל איך שוין דעם ברען. —
מיך דריקט דעם הייסען שטעקענ׳ס ג׳וויכט —
פאַרלוירען זענ׳ן מיר! ׳ס נעמט אַן עק! —
צוריק, צוריק איהר מאַסקען־לייט!
נאַרישער הויפען, צוריק! מען שרייט! —
אַ, וואָלט געהאַט איך פליגעל, ׳ך וואָלט אַוועק. —

פּלוטוס.

צוריקגעצויג׳ן איז שוין דער קרייז,
און קיינער, דאַכט מיר, איז פאַרברענט.
די מאַס׳ ׳ז אַוועק,

פֿול לויטער שרעק.
אום זיכער ׳ס זאָל די אָרדנונג זיין.
ציה איך אַן אונזיכטבאַרען באַנד.

ה ע ר אָ ל ד.

אַ הערליך ווערק האָסט דו געמאַכט,
איך דאַנק, און שעץ דיין קלוגע מאַכט!

פ ל ו ט ו ס.

נאָך דאַרף מען, עדלער פריינד, געדולד:
ווייל מען וועט היינט נאָך ליאַרמען פיעל.

ג י י ץ.

קען מען, הייסט עס, ווען מען וויל,
אויף דעם קרייז מיט פאַרגעניגען קוקען;
ווייל שטענדיג שטעהן פאָראוים די ווייבער,
וואו ׳ס איז פאַראַן צו גאַפען אָדער נאַשען.
נאָך בין איך אין גאַנצען נישט פאַרזשאַווערט!
אַ ווייב וואָס ׳ז שעהן, איז אימער שעהן:
און היינט, ווייל עס קאָסט דאָ גאָרנישט,
וועלען מיר דעם „הויף" זיי מאַכען.
האָך, ווייל אין דעם איבערפילטען אָרט,
קען מען נישט הערען דאָ אַ וואָרט,
וועל פרוביערען איך, און האָף עס זאָל מיר גליקען,
מיך פאַנטאָמימיש דייטליך אויסצודריקען.
האַנד, פוס, באַוועגונג, איז דאָ נישט גענוג,
וועל איך מיט אַ שפּאַס באַנוצען זיך.
ווי פייכטען ליים וועל קנעטען איך דאָס גאָלד,
ווייל דאָס מעטאַל לאָזט אין אַלץ פאַרוואַנדלען זיך.

ה ע ר אָ ל ד.

וואָס הייבט ער אָן דער מאָג׳רער נאַר? (55)
האָט אַזאַ הונגער־מאַן הומאָר?

ער קנעט דאָס גאַנצע גאָלד ווי טייג,
עס ווערט איהם ווייך אונטער די הענד;
ווי ער קנייטשט עס, ווי ער פּרעסט עס,
קומט דאָס אַלץ נאָר קרום אַרוים.
ער ווענדט זיך דאָרטען צו די ווייבער,
וועלכע שרייען, ווילען אַנטלויפען,
מיט אונאַנשטענדיגע גרימאַסען:
דער שופט פאַר גאָרנישט שטעלט זיך אָפּ.
'ך האָב מורא, אַז עס איהם געפעלט,
ווען ער די זיטליכקייט פאַרלעצט.
דערביי קען איך נישט רוהיג בלייבען;
גיב מיר דעם שטעק'ן איהם צו פאַרטרייבען.

פּ ל ו ט ו ס.

ער ווייסט נישט וואָס פון דרויסען שרעקט אונז;
לאָז די נאַרישע שטיק איהם טרייבען!
עס וועט קיין פּלאַץ איהם פאַר די שטוקעס בלייבען;
מעכטיג איז געזעץ, דאָך מעכט'גער איז די נויט.

ג ע מ ו ר מ ע ל א ו ן ג ע ז א נ ג.

די ווילדע מאַס' קומט וויעד'ר אַמאָל,
פון הויכע בערג, פון וואַלד און טהאָל.
אונוויעדערשטעהליך קומען זיי;
זייער גרויסען פאַן פייערן זיי.
וואָס קיינער ווייסט, דאָס ווייסען זיי.
אין פּוסטען קרייז זיך דרענגען זיי.

פּ ל ו ט ו ס.

איך קען אייך גוט און אייער גרויסען פּ אַ ן!
איהר האָט אינאייגעם אַ געוואַגטען שריט געמאַכט.
איך וויים זעהר גוט וואָס נישט איעדער ווייסט,
און, אַלס פליכט, עפען איך פאַר אייך דעם ענגען קרייז
זאָל אַ גליק אַ גוטס באַגלייטען אייך!

דאָס וואונדערליכסטע קען געשעהן.
זיי ווייסען נישט וואוהין זיי געהן,
ווייל ז׳האָבען זיך נישט פֿאַרגעזעהן. (56)

ווילד געזאַנג.

געפּוצטעס פֿאָלק, דו נאַרען בילד!
זיי קומען גראָב, זיי קומען ווילד,
אין הויכען שפּרונג, אין שנעלען לויף,
זיי טרעטען שטאַרק און טיכטיג אויף.

פֿאונען. (57)

די פֿאונען קומען
אין לוסט׳גען טאַנץ,
דעם דעמבען־קראַנץ
אין ד׳קרויזע האָר;
אַ פֿיינער שׂעהן געשפּיצטער אויער
קוקט פֿון לאָקען־קאָפּ אַרויס;
אַ גראָב־קורץ נעזעל, אַ ברייט געזיכט,
דאָס שאַדט ביי פֿרויען קיינמאָל נישט.
ווען ׳ס שטרעקט דער פֿאון די לאַפּעס אויס,
זאָגט די שעהנסטע זיך פֿון טאַנץ נישט אָפּ.

סאַטיר. (58)

עס שפּרינגט יעצט דער סאַטיר אַריין
מיט ציגען־פֿוס און דאַרען ביין;
זיי מוזען דין און קרעפֿטיג זיין,
און ווי אַ געמז׳ אויף שפּיצען־בערג,
לוסט האָט ער אַרום צו קוקען.
און קרעפֿטיג דאָן אין פֿרייהייט׳ס־לופֿט,
פֿאַרלאַכט ער קינד און ווייב און מאַן,
וואָס טיעף, אין דאַמפּף פֿון טהאָל און רויך,
מיינען אַז זיי לעבען אויך;

דאָך, איהם, ריין און אונגעשטערט,
די וועלט דאָרט אויב'ן אַליין געהערט.

גנאָמען. (59)

·עצט יאָגט די מחנה קליינ' אַריין,
זיי געהן נישט גערן פּאָר צו פּאָר;
אין מאָכ'גע קליידער מיט ליכט'גע לעמפּלעך,
באַוועגען זיי זיך לייכט און שנעל,
וואו יעדער שאַפט פאַר זיך אַליין,
ווי פייער־מוראַזשקעס שוויבלענדיג;
און לויפט אַהין און לויפט אַהער,
באַשעפטיגט אין דער לענג און ברייט.

מיט גוטע מענשען נאָהנט פאַרוואַנדט.
אַלס פעלז־כירורגען גוט באַקאַנט,
די בערג צו ד'ר אָדער לאָזען מיר,
פון פולע אָדערן שעפּען מיר;
מעטאַלען וואַרפען מיר אין הויפענס
מיט פרייל'כען גרוס: גליק! גליק צו אייך!
דאָס איז פון גרונד אויס גוט געמיינט,
מיר זענ'ן דעם מענשענ'ס גוטע פריינד.
דאָך ברענגען מיר דאס גאָלד צום ליכט,
מען זאָל קענען גנב'נען, קופּלען;
נישט פעהלען אייזען זאָל דעם שטאַרקען מאַן,
וואָס אויסגעטראַכט דאָס מאָרדען האָט.
און ווער די דריי געבאָט פאַראַכט'ט,
זיך אויך פון אַנד'רע גאָרנישט מאַכט.
דאָס אַלעם איז נישט אונזער שולד;
רפואה· ״י מיר, האָט פיעל געדולד.

ריעזען. (60)

די ווילדע מענער רופט מען זיי,
און אין די האַרץ־בערג גוט באַקאַנט;

נאַטירליך, נאַכ'ט אין אַלטער קראַפט,
קומען אַלע, ריעזענהאַפט.
דעם טאַנענבוים אין ד'ר רעכטער האַנד,
אַרום דעם לייב אַ ווייכען באַנד
און פאַרטוכער פון צווייג און בלאַט:
דער פאַפסט האָט אויך נישט אַזאַ וואַך.

נימפען אין כאָר. (61)

(זיי רינגלען ארום דעם גרויסען פאַן.)

ער קומט שוין אָן!
אַלץ פון דער וועלט
ווערט פאָרגעשטעלט
אין גרויסען פאַן.
איהר פרעהליכסטע, רינגעלט אַרום איהם,
אין לוסט'גען טאַנץ יאָגט זיך אַרום איהם!
ווייל ווען 'ר איז ערנסט און גוט דערצו,
וויל ער אַז מען זאָל פרעהליך זיין.
אונטער'ן בלוי־געוועלבטען דאַך
האַלט ער זיך אויך שטענדיג וואַך;
דאָך מורמלען איהם די קוואַלען צו,
און ווינטלעך וויגען איהם אין מילדער רוה.
און, ווען ער נאָך מיטאג שלאָפט, (62)
רעגט זיך נישט קיין בלאַט, קיין צווייג;
געזונדער פלאַנצען־באַלזאַם דופט
פילט אָן די שווייגזאַם שטילע לופט;
די נימפע טאָר נישט לוסטיג זיין,
וואו ז'איז געשטאַנען שלאָפט זי איין.
ווען אָבער מיט אַ ריעזען ג'וואַלד
עס הילכט אָב זיין שטים אין וואַלד
ווי בליצען־צוקען און שטורם פון ים,
ווייסט קיינער נישט וואו איין, וואו אויס,
צעפליהט דאָס פלינקע חיל אין פעלד,

אין טומעל ציטערט אויף דער העלד.
גיט כבוד דעם, וואָס כבוד קומט!
לעב'ן זאָל דער וואָס האָט אונז געבראכט!

דעפּוטאַציאָן פון די גנאָמען

(צו דעם גרויסען פּאַן). (63)

ווען דער גלאַנציג, רייכער אוצר
שטראָמט דורך פעלזען, פעדעם־וויז,
און נאָר בלויז די קלוגע ריטלעך
זיינע לאַבירינטען ווייזט,

בויען מיר אין טונקלע גרובענס
העהלענאַרטיג אונזער הויז,
און אין ליעבע טעג און שעהנע,
טהיילסט דו אוצרות גנעדיג אויס.

יעצט האָבען מיר נישט וויט ענטדעקט
אַ קוואַל מיט ריינעם גאָלד'נעם שוים,
וואָס זאָגט צו גאַנץ לייכט צו געבען
וואָס מען קען דערגרייכען קוים.

דו אַליין נאָר קענסט דאָס שאַפען;
נעם עס, האַר, אין דיין באַזיץ!
אין דיין האַנד, אַיעדער אוצר
קומט דער גאַנצער וועלט צוניץ.

פּלוטוס.

(צום העראָלד.)

מיר מוזען יעצט אין הויכען זין זיך פאַסען,
און וואָס געשעהן וועט, זאָל געשעהען;
דו ביזט דאָך געוועהנליך פול מיט שטאַרקסטען מוט.
באַלד וועט עטוואָס שרעקליכעס געשעהען;

עס וועט לייקענען אין ד ע ר און י ע נ ע ר וועלט:
שרייב עס איין נאָר ריכטיג אין דיין פראָטאָקאָל.

הערָאלד (64)

(כאפט אָן דעם שטעקען, וועלכען פּ ל ו ט ו ס האלט אין דער האנד).

די צווערגלעך פיהר'ן דעם גרויסען פּ א ן
זאכט אהין צום פייער־קוואַל;
עס זיעדט אַרויף פון טיעפען גרונד,
און זינקט אין גרונד צוריק אַראָב,
און פינסטער שטעהט דאָס אָפ'נע מויל;
שוימט אויף צוריק אין גלוט און זוד.
דער גרויסער פּ א ן שטעהט, גוט געלוינט,
פרעהט זיך מיט דער וואונדערבארער זאך,
און רעכטס און לינקס שווימט פערלשוים.
ווי קען ער גלויבען גאָר אין דעם?
ער בייגט זיך טיעף אריין, צו זעהן. —
יעצט אָבער פאלט די באָרד אריין! —
ווער קען די גלאטע מאָרדע זיין?
די האנד באהאלט'ס פאר אונזער בליק. —
יעצט קומט אַ גרויסע צרה נאָך:
עס פלאַמט די באָרד און פליהט צוריק,
צינדט אָן דעם קראַנץ און קאָפּ און ברוסט,
צו לייד פארוואנדעלט זיך די לוסט. —
צו לעשען לויפט די מאַס' אהער,
דאָך די פלאַמען שוינען קיינעם;
און וואו מען לויפט און וואו מען יאגט,
אַלץ שטארקער ווערט דער פייער־פלאַם;
פארפלאָכטען אין דעם עלעמענט
ווערט אַ מאַסקען־פּאַק פארברענט.
וואָס אָבער הער איך? וואָס פאר נייַ'ס
פון אויי'ר צו אויי'ר פון מויל צו מויל געהט?
אָ, עביג אונגליקליכע נאכט,

וואָס האָסט ד׳אונז פאַר אַ לייד געבראַכט !
וויסען וועט מען לאָזען מאָרגען,
וואָס קיינער וואָלט געוואָלט נישט הער׳ן ;
דאָך הער איך שרייען אומעדום :
„דער קייזער ליידעט שרעקליך שוועהר !"
אָ, וואָלט דאָס אַלץ נישט וואָהר געווען !
דער קייזער ברענט, דער עולם אויך.
פלוך צו די וואָס האָב׳ן פאַרפיהרט איהם,
מיט פאַרפוצטע בערד און מאַסקען,
מיט ווילדען ברויזענדעם געזאַנג,
צו אַזאַ שרעקליכ׳ן אונטערגאַנג.
אָ יוגענד, יוגענד, וועסט דו קיינמאָל
אַ מאָס צו דיינע פריידען מאַכען ?
אָ קייזער, קייזער, וועסט דו קיינמאָל
קלוג ווי אויך אַלמעכטיג הערשען ?

שוין פאַרשווינדט דער וואַלד אין פלאַמען ;
די פייער־צונגען שפּיצען אַרויף,
צום לייכטען האלב־פאַרדעקטען דאַך ;
אונז שרעקט אַן אַלגעמיינער בראַנד.
׳ס איז איבערפילט דאָס מאָס פון יאָמער,
׳ך וויים נישט ווער עס קען אונז רעטען.
׳ן אַ הויפען אַש, פון בלויז איין נאַכט,
ליגט מאָרגען אַ רייכע קייזער־פּראַכט.

פ ל ו ט ו ס.

שרעק פאַרשפּרייט איז יעצט גענוג שוין !
הילף נאָר דאַרף מען שאַפען יעצט !
שלאָג דעם שטעקען פול מיט מאַכט,
אַז דער באָדען ציטערט, קראַכט !
און דו, וויטע, וויטע לופט,
פיל דיך אָן מיט קיהלען דופט !

קומט אַהער אייך צו פֿאַרשפּרייטען,
נעבעל־וואָלקען, וואַסער־שטראָמען,
און דעקט צו דעם פֿלאַמען־ים!
וואָלקען קרייזעלט, פֿליסט און פֿליסטערט,
קומט אין מאַסען, דאַמפּפֿט נאַר לאַנגזאַם,
לעשענדיג זיעגט איבעראַל;
איהר, די לינדערנדע, די פֿייכטע,
פֿאַר־וואַנדעלט אין אַ זומערגלאַנץ
דעם גאַנצען נאַר'שען פֿלאַמענשפּיעל! —
שרעקען גייסטער אונז צו שעדיגען,
זאָל דער כשוף זיך באַטהעטיגען.

IV.

לוסט־גארטען, מארגען־זון (65)

דע׳ר ק י י ז ע ר, זיינע ה ו י פ ל י י ט, מענער און פרויען; פ א ו ס ט, מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס, אנשטענדיג, נישט אויפ־פאלענד, אנגעטהון, לויט דעם מנהג; ביידע קניען.

פ אַ ו ס ט.

פאַרצייהסט דו אונז, אַ האַר, דעם פלאַמען שפיעל?

ק י י ז ע ר

(ווינקט איהם אויפצושטעהן).

איך וואָלט געוואונשען מיר אַזעלכע שפּאַסען פיעל. —
אויף איינמאָל האָב געזעהן איך מיך אין פייער ספּערען,
׳סהאָט זיך אויסגעוויזען מיר אַז איך בין פ ל ו ט אָ.
פון נאַכט און קוילען איז אַ פעלזען־גרונד געלעגען,
פון פלעמלעך גליהענדיג. און פון איעדער טיעפקייט
האָבען אויפגעשטראמט פיעל טויזענד ווילדע פלאַמען,
דאַן ווי ׳ן איין געוועלב האָבען זיי געפלאַמט צוזאַמען.
צום געוועלב, צום העכסטען האָבען זיי געצינגעלט,
וואָס איז באַלד ערשיענען, באַלד פארשוואונדען.
דורך דעם ווייטען רוים פון הויכע פייערזיילען,
באַוועגען האָב געזעהן איך די רייהען פון די פעלקער,
אין ווייטע קרייזען האָב׳ן זיי זיך גערדענגט צו מיר,
און מיר כבוד, ווי געוועהנליך, אָבגעגעבען.
פון מיין הויף דערקענט האָב איך אויך מאַנכע לייט,
׳ך האָב אויסגעזעהען ווי אַ פירסט פון טויזענד סאַלאַמאַנדרען.

מעפיסטאָפעלעס.

דאָס ביזט דו, אָ האַר, ווייל יעדעס עלעמענט,
דיין מאַיעסטעט אַלס הערשער אַנערקענט.
געהאָרזאַם פייער האָסט דו שוין פּרוביערט;
וואַרף אין ים דיך, וואו עס אַם ווילדסטען ברויזט,
און קוים באַטרעטסט דו נאָר דעם פּערל־רייכען גרונד,
אזוי בילדעט זיך א רונדע ארום דיר גלייך;
זעהסט יאָגען לוסטיג, ליכטיג־גרינע כוואַליעס,
מיט פּורפּור־זוים, צו דיין פאַרגעניגען,
אַרום דיר, דער מיטעלפּונקט. ביי יעדען שריט,
וואוהין דו געהסט גערען די פּאַלאַצען מיט.
די ווענד, אַליין דערפרעהטע, פול מיט לעבען,
פייל־שנעל יאָגענדיג, הין און הער צו שטרעבען.
ים־וואונדער דרענגען זיך צום מילדען שיין,
זיי שטורמען, דאָך, זיי קענען נישט אַריין.
ע̇ס שפּיעלען פאַרביג־גאָלד־באַדעקטע דראַכען,
דער האַי־פיש גענעצט, דאָך דו לאַכסט איהם אוים.
ווי עס זיך יעצט פון דיר דער הויף ענטציקט,
האָסט דו קיינמאָל נאָך אַזאַ געדרענג דערבליקט.
בלייבסט אויך פון די ליעבסטע נישט געשיעדען,
עס נעהנטערן זיך נייגיעריגע נערײידען,
צום פרעכט׳גען פּאַלאַץ, אין עביג פרישען,
שרעקעדיג צוערשט די יונגע, ווי די פיש,
די עלט׳רע קלוג; טהעטיס ווערט עס גלייך געוואָהר, (66)
דעם צווייטען פּעלעוס רייכט זי האַנד און מויל. —
דעם טהרוין דאַן אויף דעם הויכען אָלימפּוס...

קייזער.

די לופט׳גע פּלעצער, לאָז איך איבער דיר,
נאָך פריה גענוג באַשטייגט מען יענעם טהרוין.

מעפיסטאָפעלעס.

און די ערד, אָ האַר, באַזיצט דו שוין!

קייזער.

וועלכער גוטער גליק האָט דיך אַהער געבראַכט,
אַזוי ווי גלייך פון טויזענד אין איין נאַכט?
ביזט דו אַזוי פרוכטבאַר ווי שעהעראַצאַד, (67)
פאַרזיכער איך די העכסטע פון די גנאַדען דיר.
שטענדיג זיי באַרייט, ווען אייער טאָג־וועלט,
ווי׳ס מאַכט זיך אָפט, מיר נישט געפעלט.

הויף־מייסטער.

(טרעט שנעל אויף)

הויכגעשעצטער, נישט געחלומ׳ט האָב איך
דיר אַזאַ טהייער גליק בעקאַנט צו מאַכען
ווי דאָס, וואָס מיך יעצט שטאַרק באַגליקט,
מיך אין דיין געגענוואַרט ענטציקט:
שוין באַצאָהלט איז יעדע רעכענונג,
די וואוכער־לאַפּעס אויפגעריסען,
פריי בין איך שוין פון גהינם פּיין.
אין הימעל קען נישט פרעהל׳כער זיין.

פעלד־מאַרשאל.

(קומט שנעל)

דער גאַנצער לוין איז שוין באַצאָהלט.
דאָס חיל איז אויף׳ס ניי פאַרפליכטעט,
דער לאַנדקנעכט פיהלט שוין פרישעס בלוט,
און ווירטה און מיידלעך האָבען׳ס גוט.

קייזער.

ווי אָטהעמט פריי די ברוסט יעצט איי׳רע!
פרעהלעך דאָס געקנייטשטע פּנים!
ווי לוסטיג קומט איהר יעצט אַריין!

שאַץ־מייסטער.

(אריינקומענדיג)

פרעג נאָר די וואָס האָבען דאָס געטהאָן.

פאוסט.

דעם קאַנצלער פּאַסט דאָס בעסער צו ערקלעהרען.

קאַנצלער.

(וועלכער קומט לאַנגזאַם)

באַגליקט בין איך אין מיינע אַלטע יאָהרען. —
יעצט הערט און זעהט דאָס שיקזאַל־שווערע בלאַט, (68)
וואָס יעדע לייד אין פרייד פאַרוואַנדעלט האָט. (ער לייענט.)
„ווייסען זאָל דאָס יעדער, וועמען ס׳ איז נוגע:
„דאָס דאָזיגע צעטעל איז טויזענד קראָנען ווערט.
„אַלס גוטער משכן, ליגט געזיכערט איהם,
„„אין קייזער׳ס לאַנד באַגראָבען אוצרות פיעל.
„און עס איז געזאָרגט, כדי דער רייכער שאַץ,
„ווען אַרויסגענומען, זאָל דיענען אַלס ערזאַץ״.

קייזער.

אַ פאַרברעכען שיינט׳ס מיר, שרעקליכער באַטרוג!
ווער האָט דאָס געפעלשט דעם קייזער׳ס אונטערשריפט?
איז אַזאַ פאַרברעכען אונבאַשטראָפט געבליבען?

שאַץ־מייסטער.

דערמאָן דיך נאַר! דו האָסט אַליין עס אונטערשריעבען;
ערשט היינט׳גע נאַכט. ביזט אַלס גרויסער פּאַ ן געשטאַנ׳ן,
דער קאַנצלער האָט מיט אונז צו דיר גערעדט:
„באַוויליג דיר דאָס הויכע פעסט־פארג׳ניגען,
„דאָס גליק פון פאָלק, בלויז מיט אַ פּאָר פעדער־
שטריכען״.
דו האָסט ׳ס געטהאָן, דאַן האָט מען אין דער זעלבער נאַכט,
דורך טויזענד קינסטלער, דאָס פאַרטויזענדפאַכט.
און כדי דאָס גליק זאָל זיין פאַר אַלע גלייך,
האָבען אַלע מיר געשטעמפּעלט גלייך,
צעהן, דרייסיג, פופציג, הונדערט זענען דאָ.

איהר ווייסט גאַרנישט ווי גוט עס האָט דעם פֿאָלק געטהאָן.
זעהט אייער שטאָדט, האַלב כמעט אין טויט פֿאַרשימעלט,
ווי אַלץ יעצט לעבט און לוסטיג, פֿרעהליך טומעלט!
כאָטש דיין נאָמען האָט שוין לאַנג די וועלט באַגליקט,
האָט מען אויף איהם קיינמאָל אַזוי פֿריינדליך נישט געבליקט.
איבערפֿליסיג איז דאָס אַלפֿאַבעט שוין,
ווייל יעדער פֿיהלט זיך אין דעם צייכען גליקליך.

קייזער.

פֿאַר מיין פֿאָלק, זאָגט איהר, גילט׳ס פֿאַר גוטען גאָלד?
און דעם מיליטער און הויף פֿאַר גוטען לוין?
ווי עס וואונדערט מיך, דאָך וועל איך עס לאָזען.

הויף־מייסטער.

אונמעגליך וואָלט געוועזען די פּאַפּירען איינצוהאַלטען;
ווי דער בליץ שנעל האָב׳ן זיי זיך פֿאַרשפּרייט אין לויף.
אָפֿען שטעהען אַלע וועקסעל־בענק שוין
און עס ווערט געביטען דאָרט איעדעס בלאַט
אויף גאָלד און זילבער, נאַטירליך מיט ראַבאַט.
דאַן געהט׳ס צום פֿליישער, בעקער, שענקער;
עס שיינט אַ האַלבע וועלט נאָר יום־טוב האָט אין זינ׳ן,
ווען זיך די אַנד׳רע העלפֿט אין נייע קליידער פּוצט.
דער קרעמער שניידט די סחורה און דער שניידער נעהט.
מיט אַ "האָך דעם קייזער!" טרינקט מען אין די קעלערס,
מען קאָכט, מען בראָט, און מען קלאַפּט דאָרט אין די טעלערס.

מעפֿיסטאָפֿעלעס.

ווער אויף די טעראַסען איינזאַם אַרומשפּאַציערט,
דערזעהט די ליעבסטע, פּרעכטיג שעהן געציערט,
איין אויג פֿאַרדעקט פֿון שטאָלצען פּאַווע־פֿאָכער,
און זי קוקט און שמייכעלט צו אַזאַ פּאַפּיער,

דאַן שנעלער ווי דורך וויץ און רעדע־קונסט,
פֿאַרמיטעלט זיך דאָס ריינסטע ליעבעסגליק.
מען דאַרף אויך נישט מיט ביטעל, זאַק זיך פֿלאָגען,
אַ בלעטעל איז אין בוזים לייכט צו טראָגען,
מיט ליעבעס־בריוולעך פֿאָרט עס זיך באַקוועם,
עס באַהאַלט׳ם דער גלח אין געבעט־בוך,
און דער סאָלדאַט, אום עס צו מאַכען לייכטער,
לויזער מאַכט דעם גאַרטעל ביי די לענדען.
פֿאַרצייה מיר מאַיעסטעט, ווען מיט קליינליכקייטען,
שיינט אז איך דאָס גרויסע ווערק ערניעדעריג.

פֿ אַ ו ס ט.

דער איבערפֿלוס פֿון אוצרות, וואָס, פֿאַרשטאַרצט,
אין דיינע לענדער טיעף אין באָדען וואַרט,
ליגט אונבאַריהרט. דער ווייטעסטער געדאַנק
איז פֿאַר אַזאַ רייכטהום ענג באַגרענעצט;
די פֿאַנטאַזי אויך אין איהר העכסטען שוואונג,
שטרענגט זיך אָן און קען עס נישט באַגרייפֿען;
דאָך ווירדיגע געדאַנקען פֿאַסען, טיעף צו בליקען,
צום גרענעצלויזען גרענעצלויז׳ם פֿאַרטרויען.

מ ע פֿ י ס ט אָ פֿ ע ל ע ס.

אנשטאט גאָלד און פּערל, איז אַזאַ פּאַפּיער
דאָך זעהר באַקוועם, מען ווייסט דאָך וואָס מען האָט;
מען דאַרף נישט דינגען זיך צוערשט און בייטען,
מען קען זיך ווען מען וויל מיט ליעב׳ און ווין באַרוישען.
וויל מען מעטאַל, אַ חלפֿן וועט שוין געבען,
און פֿעהלט עס אוים, דאַן גראָבט מען בלויז אַ קורצע צייט.
ווען בעכערס און קעטען ווערען אויספֿאַרקויפֿט,
קומט דאַן דאָס פּאַפּיער פֿאַרהאַלט עס גלייך ,
און פֿאַרשעהמט דעם צווייפֿלער, וואָס האָט אונז פֿרעך
פֿאַרלאַכט.

מען וויל נישט אַנדערש מעהר, מען איז צו דעם געוואוינט.
פון יעצט און ווייטער בלייבען אין די לענדער
ציערונג, גאָלד, פּאַפּיערען געגוג פאַר יעדען.

קייזער.

דאָס גרויסע גליק פאַרדאַנקט אייך אונזער רייך;
ווי ווייט מעגליך זאָל דער לוין דעם דיענסט זיין גלייך.
אייך זאָל זיין פאַרטרויט דער אינערליכער באָדען,
איהר זענט פון די אוצרות די ווירדיגסטע היטער.
איהר ווייסט וואו די ווייטע, באַהאַלט'נע אוצרות זענען,
און, ווען מען וועט גראָבען, זאָל'ס זיין אויף אייער באַפעהל.
פאַראייניגט אייך, איהר מייסטער פון די אוצרות,
ערפילט מיט לוסט, די ווירדיגקייט פון אייער אַמט,
וואו מיט דער אויבערשטער די אונטערוועלט,
אין איינינקייט באַגליקט און זיך צוזאַמענשטעלט!

שאַץ־מייסטער.

זאָל צווישען אונז קיין ווייט'רער שטרייט נישט זיין!
דעם מכשף האָב איך ליעב מיר אַלס אַ חבר.
(אָב מיט פאוסט).

קייזער.

שענקען וועל איך יעצט איעדען מאַן פון הויף,
דאָך זאָגען מוז מען מיר, ווי מען וועט'ס געברויכען.

פּאַזש
(עמפפאַנגענדיג).

איך וועל לעבען לוסטיג, פרעהלעך, מונטער.

אַן אַנדערער
(דאָסזעלבע).

איך וועל ברענגען גלייך דער ליעבסטער אַ קעט און רינג.

קאמער־הערר
(נעמענדיג).

פון יעצט אָן וועל איך טרינקען דאָפּעלט בעסערן וויין.

אן אנדערער
(דאסזעלבע).

מיך קיצלען שוין אין קעשענע די ווירפלעך.

פאָהן־ריטער
(באַדענקליך).

מיין שלאָס און פעלד וועל איך מאַכען שולדען־פריי.

אן אנדערער
(דאסזעלבע).

׳ס איז אַ שאַץ און לעג צו אַנד׳רע אוצרות איהם.

קייזער.

׳דהאָב געהאָפט דורך לוסט און מוט צו נייע טהאַטען;
דאָך ווער עס קען אייך וועט עס לייכט באַגרייפען:
איך זעה, אבוואָל איך האָב געגעבען אוצרות אַייך,
ווי איהר זענט געוועזען, אַזוי וועט איהר בלייבען.

נאר
(צוקומענדיג).

איהר וואַרפט אוצרות, שענקט אויך עטוואָס מיר!

קייזער.

וואָס, דו לעבסט שוין ווידער? דו פאַטרינקסט עס גלייך.

נ אַ ר.

די צויבער־בלעטער! איך פאַרשטעה נישט גוט.

ק י י ז ע ר.

דאָס גלויב איך שוין, ווייל דו געברויכסט זיי שלעכט.

נ אַ ר.

אַם פאַלען אַנדערע, איך וויים נישט וואָס צו טהון.

ק י י ז ע ר.

נעהם זיי נאַר! זיי זענ'ן פאַר דיר געפאַלען.

(אָב).

נ אַ ר.

פינף טויזענד קראָנען, קומט מיר גוט צוניץ!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

צוויי־ביינינגער וויין־פאַס, ביזט לעבעדיג געוואָרן?

נ אַ ר.

דאָס געשעהט מיר אָפט, דאָך, נישט אַזוי גוט ווי יעצט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דו פרעהסט דיך, כאָטש קאַלטער שוויים באַגיעסט דיך.

נ אַ ר.

קוקט דאָס בעסער אָן, איז דאָס געלד דען ווערט?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דו קריגסט דערפאַר, וואָס האַלז און בויך באַגעהרט.

נ אַ ר.

און איך קען אויך קויפען לאַנד און הויז און פיה?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אודאי! וויל עס נאַר! דו קריגסט עס שוין, און ווי!

נ אַ ר.

און שלאָס מיט וואלד און יאגד, און טייך פאַר פיש?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אלץ!

נ אַ ר.

היינט אָבענד וויג איך מיך אלס גוטס־באַזיצער!
(אָב).

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

ווער צווייפעלט נאָך אין וויץ פון אונזער נאַר?

V.

פינסטערע גאלערי (69)

פ א ו ס ט. מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

וואָס ציהסט דו מיך אַהער, אין דעם פינסטערן גאנג?
איז נישטאָ דאָרט לוסט גענוג,
אין געדיכטען הויף־געדרענג,
געלעגענהייט צו שפּאַס, באַטרוג?

פ אַ ו ס ט.

זאָג מיר דאָס נישט! דו האָסט'ס אין פריה'רע יאָהרען
לאַנג שוין אויסגענוצט, און אָבגעטראָגען;
דאָך, דיין יעצטיג דרעהן זיך הין און הער,
איז בלויז דו זאָלסט נישט האַלטען וואָרט.
איך אָבער בין געפּלאגט צו טהון,
דער הויף־מאַרשאַל און קאַמער־הערר לאָזען מיך נישט רוה'ן.
דער קייזער וויל עס און ס' מוז גלייך געשעהן,
ער וויל ה ע ל ע נ א און פּ אַ ר י ז פאר זיך זעהן;
דאָס מוסטערבילד פון מענער און פון פרויען
וויל ער זעהן אין דייטליכע געשטאַלטען.
שנעל צו ד'ר אַרבייט! איך טאָר מיין וואָרט נישט ברעכען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

נאַריש איז'ס געווען, לייכטזיניג צו פאַרשפּרעכען.

פ א ו ס ט.

דו האָסט, אַ, חבר, נישט געטראַכט,
וואוהין אונז דיינע קונצען פיהרען;
צוערשט האָב'ן מיר איהם רייך געמאַכט,
יעצט מוזען מיר איהם אַמוזירען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דו מיינסט עס טהוט זיך אַזוי לייכט;
דאַ שטעהען מיר פאַר שפּיציגע טרעפּ,
ווילסט געהן יעצט אין אַ פרעמדען רייך,
און זינדיגענדיג מאַכען נייע שולדען,
דענקסט ה ע ל ע נ ע'ן אַזוי לייכט אַפּירצורופ'ן
ווי דאָס פּאַפּיר — געשפּענסט פון גולדען? —
מיט מכשפות און מיט שדים, רוחות,
געשוואָל'נע צווערגלעך, קען איך דיך באַדיענען;
דאָך טייפעל'ס־ליעבסטע, כאָטש זיי נישט צו שעלטען,
זיי קענען פאַר קיין העלדינען נישט גילטען.

פ א ו ס ט.

דו זינגסט שוין וויעד'ראַמאָל דאָס אַלטע ליעדעל!
מען קען נישט קיינמאָל וויסען, וואו מען האַלט מיט דיר.
פון אַלע שטערונגען דער טאַטע ביזט דו נאַר,
פאַר יעדען מיטעל ווילסט דו פריש באַצאָהלט.
מיט אַ ביסעל מורמלען, ווייס איך, קענסט דו'ס טהון;
ביז מען קוקט אַרום זיך, ברענגסט דו זי אַהער.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

מיט'ן היידען־פאָלק האָב איך גאָרנישט וואָס צו טהון,
עס וואוינט אין זיין אייגענעם גהינם;
דאָך 'ז פאַראַן אַ מיטעל. (70)

פ א ו ס ט.

רעד, און נישט פֿערזאמט!

מ ע פֿ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אונגערן ענטדעק איך העכערע סודות. —
די ג ע ט י נ ע ן טהרוינען אין איינזאַמקייט,
אַרום זיי איז נישט קיין צ י י ט און פּ ל א ץ פֿאַראַן;
פֿון זיי צו רעדען מיינט פֿאַרלעגענהייט.
די מ א מ ע ס זענ'ן עס! (71)

פ אָ ו ס ט
(דערשראָקען).
מ אַ מ ע ס!

מ ע פֿ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.
שווידערט דיך?

פ א ו ס ט.
די מאַמעס! מאַמעס! 'סקלינגט אַזוי וואונדערליך!

מ ע פֿ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.
דאָס איז עס אויך. געטינען, אונבאַקאַנט
אייך שטערבליכע, פֿון אונז נישט גערן דערמאָנט.
צו זיי מוזט דו אין די טיעפֿענישען קריעכען;
דו אַליין ביזט שולדיג וואָס מיר דאַרפֿען זיי.

פ א ו ס ט.
וואו איז דער וועג?

מ ע פֿ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.
קיין וועג! אין א ו נ ב א ט ר ע ט ע נ ע ס

נישט צו באטרעטען; א וועג אין אונדער־
באטענעם
נישט צו דערבעטען. ביזט דו בארייט? —
נישט קיין שלעסער, ריגלען דארף מען עפענען,
אין איינזאמקייטען ווערסט ד'ארומגעטריבען.
באגרייפסט דו וואס 'סהייסט לעערקייט, איינ־
זאמקייט?

פאוסט.

דאכט מיר מעגסט באהאלטען דיינע רעדעס;
זיי שמעקען זעהר נאך מכשפה־קיך,
נאך א לאנג פארגאנגענער צייט.
האב נישט געמוזט איך מיט דער וועלט פארקעהרען?
דאס לערע לערנען, לערעס לערנען? — (72)
און האב גערעדט איך, ווי איך האב פארשטאנען,
דאפעלט שטארק געקלונגען האט דער ווידערשפרוך;
איך האב געמוזט דורך עקעלדיגע שטוקעס,
אין דער איינזאמקייט, אין ווילדערניש אנטלויפען,
און אום נישט גאנץ פארלאז'ן, אליין צו לעבען,
האב איך מיך צולעצט דעם טייפעל איבערגעבען.

מעפיסטאפעלעס.

און ווען דו וואלסט דעם ים דורכגעשוואומען,
דאס גרענעצלויזע דארט געזוכט,
זעהסט דו דאך ווי כוואל' אויף כוואליעס קומען,
אפילו ווען דער אונטערגאנג דיך שוידערט.
דו זעהסט דאך עטוואס, זעהסט ווי אין דעם גרין
געשטילטען ים, שווימען די דעלפינען;
זעהסט וואלקען ציהען, זון, לבנה, שטערן:
גארנישט וועסט דו זעהן אין עביג ווייטער
לעערקייט, (73)

דיין שריט נישט הערען וואָס דו מאַכסט,
קיין באָדען נישט געפינען וואו צו רוה'ן.

פ אָ ו ס ט.

דו רעדסט ווי איינער פון די מיסטאַגאָגען, (74)
וואָס האָט גענאַרט די טרייע נעאָפיטען;
נאָר אומגעקעהרט. דו שיקסט מיך אין דאָס ל ע ע ר ע,
אַז איך זאָל דאָרט קונסט און קראַפט פראַמעהרען;
באַהאַנדעלסט מיך, אַז איך, ווי יענע קאַץ, זאָל
דיר די קאַסטאַניען פון דעם פייער שאַרען.
נו, קום נאָר קום! מיר וועלען עס דערגרינדען,
אין דיין נ י כ ט ס האָף איך דאָס ג אַ נ צ ע צו געפינען! (75)

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

איך לויב דיך שוין, נאָך איידער מיר זיך שיידען,
און זעה זעהר גוט אַז דו דעם טייפעל קענסט;
נאַ, נעם דעם שליסעל! (76)

פ אָ ו ס ט.

די קליינע זאַך?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

נעם צוערשט איהם, און נישט שעץ איהם גרינג!

פ אָ ו ס ט.

ער וואַקסט מיר אין דער האַנד! ער לייכט און בליצט!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

וועסט ווימען באַלד, וואָס מען אין איהם באַזיצט!

דער שליסעל וועט דעם רעכטען פלאַץ געפינען;
געה נאָך איהם אראָב, ער פיהרט דיך צו די מ אַ מ ע ס.

פ אָ ו ס ט.

(שוידערנדיג.)

די מ אָ מ ע ס! ׳ס טרעפט מיך שטעטדיג ווי אַ קלאַפּ!
וואָס איז דאָס וואָרט, וואָס ׳ך וואָלט נישט וועלען הערען?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

ביזט דו אַזוי שוואַך, אַז דאָס וואָרט דיך שטערט?
ווילסט דו בלויז נאָר הערען, וואָס דו האָסט געהערט שוין?
דיך זאָל גאָר נישט שטערען, ווי עס זאָל נישט קלינגען,
דו, וואָס ביזט שוין געוואוינט צו וואונדערבאַרע זאַכען.

פ אָ ו ס ט.

דאָך אין טעמפּקייט זוך איך נישט מיין גליק.
דאָס שוידערן ׳ז דער מענשהייטס בעסטער טהייל;
ווי איינעם זאָל די וועלט נישט רויבען דאָס געפיהל,
ערגריפען פיהלט ער טיעף דאָס אונגעהייער.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאַן פאַרזינק! איך וואָלט געקענט אויך זאָגען: שטייג
ארויף! (77)
עס איז אַלץ איינס. אַנטלויף פון דעם ג ע ש אַ פֿ ע נ ע ם,
אין די געשטאַלטען פון ג ר ע נ ע צ ל ו י ז ע ס פ ע ר ע ן!
דערפרעה דיך מיט דעם וואָס איז נישט מעהר פאַראַן!
ווי וואָלקען שלינגט זיך דאָרט דאָס אונגעהייער;
באַוועג דעם שליסעל ווייט נאָר פון דיין לייב!

פ א ו ס ט.

(באגייסטערט.)

גוט! האלטענדיג איהם פיהל איך נייע קראפט,
די ברוסט זיך רייסט אהין, צום גרויסען ווערק.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

א גליה'נדער ד ר י י פ ו ס, וועט דיר ענדליך ווייזען (78)
אז דו ביסט אין טיעפסטען, טיעפסטען אבגרונד.
ביי זיין שיין וועסט דו די מאמעס זעהן;
איינעגע זיצען, אנד'רע שטעהן און געהען,
ווי אזוי עס טרעפט. ג ע ש ט א ל ט ו נ ג און פ א ר־
ו ו א נ ד ל ו נ ג,
דעם עביגען געדאנק'ס עב'גע אונטערהאלטונג,
שוועבט ארום אין בילדער פון אלע שעפפונגען;
זיי וועלען דיך נישט זעהען, גייסטער זעהן זיי נאר.
נעם אן מיט מוט דיך, די געפאהר איז גרויס,
און געה נאר גלייך צו יענעם ד ר י י פ ו ס צו,
באריהר איהם מיט דעם שליסעל!

פ א ו ס ט.

(מאכט א שטרענגע, געביעטערישע באוועגונג מיט דעם שליסעל.)

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

(באטראכטענדיג איהם).

אזוי איז גוט!
ער שליעסט זיך אן, און געהט דיר נאך אלס טרייער קנעכט;
געלאסען שטייגסט דו דאן, דיך דערהויבט דאס גליק,
און איידער זיי נאך זעהן, קומסט דו מיט איהם צוריק.
און האסט דו איינמאל איהם אהער געבראכט,
קענסט דו רופען העלד און העלדין אויס דער נאכט,

דער ערשטער וואָס געוואַגט האָט דאָס צו טהון;
עס איז געשעהן, און די אַרבייט ד י י נ ע איז.
דאַן מוז זיך ווייטער, נאָך דער קראַפט דער מאַגישער,
דער וויהרויך־נעבעל אין געטער זיך פאַרוואַנדלען.

פ אַ ו ס ט.

גוט, און יעצט?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

ארונטער זאָל דיין וועזען שטרעבען!
טופּענדיג פאַרזינק, טופּענדיג שטייגסט דו ווידער ארויף.

פ אַ ו ס ט.

(טופּעט און פאַרזינקט).

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

זאָל דער שליסעל איהם נאָר עטוואָס לערנען!
נייגיריג בין איך צו קומט ער נאָך צוריק.

VI
העל באלויכטענע זאלען (79)

(קייזער און פירסטען. דער הויף
איז אין באוועגונג.)

קאמער־הער.
(צו מעפיסטאפעלעס.)

איהר זענט אונז נאך די גייסטער־סצענע שולדיג,
מאכט עס שנעל נאר, דער האר איז אונגעדולדיג!

הויף־מארשאל.

זיין מאיעסטעט האט ערשט געפרעגט דערפאר;
זעהט לעגט נישט אב און ערגערט נישט דעם האר.

מעפיסטאפעלעס.

דערפאר איז דאך מיין פריינד אוועקגעגאנגען;
ער ווייסט שוין ווי דאס אנצופאנגען,
פארשלאסען מוז ער דעם צויבער שאפען;
ארבייטען מוז ער אויך טיכטיג,
ווייל ווער דעם שאץ, דאס שעהנע, ברענגען וויל,
געברויכט די העכסטע קונסט, דעם כשוף פון די קלוגע.

הויף־מארשאל.

אונז מאכט נישט אויס וואס פאר א קונצען איהר געברויכט,
דער קייזער וויל אז עס זאל פארטיג זיין.

א בלאנדע
(צו מעפיסטאָפעלעס.)

אײן װאָרט מײן הערר! איהר זעהט אַ רײן געזיכט, (80)
דאָך, קומט דער זומער איז עס נישט אַזוי!
עס שפּראָצען הונדערט ברוינליך־רױטע פלעקען,
װעלכע, צום פאַרדרוס, די װײסע הויט באַדעקען.
אַ מיטעל!

מעפיסטאָפעלעס.
אַ שאָד! אַזאַ ליכטיגער אוצר
זאָל אין מאַי געטופּט זײן װי אַ פּאַנטהער־קעצעל.
נעמט זשאַבע־רויגען, זשאַבע־צונגען, מישט זײ אויס,
אין פולסטער לבנה־שײן זײ דיסטילירט,
און װען עס זעצט זיך אָב, דאַן שמירט דערמיט —
דער פריהלינג קומט, די טופּען זען'ן פאַרשװאונדען.

אַ ברוינע.
עס לויפט די מאַסע אײך אַרומצורינגלען.
איך בעט אַ מיטעל! אַ דערפרוירנ'ער פוס,
שטערט מיר אי אין טאַנצען, אי אין געהן;
נישט געשיקט בין איך אויך צום באַגריסען.

מעפיסטאָפעלעס.
ערלויבט מיר אײך אַ טרעט צו געבען מיט מײן פוס.

די ברוינע.
דאָס געשעהט נאָר דאַן װען בײדע זען'ן פאַרליעבט.

מעפיסטאָפעלעס.
מײן פוס־טריט האָט מעהרער צו באַדײטען.

גלייך מיט גלייך, וואָס יענער זאָל נישט ליידען;
פום היילט פום, און אַזוי מיט אַלע גליעדער.
קומט נאָהענט! האַלט אייך! טרעט נאָר נישט צוריק.

די ברוינע.

(שרייענדיג.)

וועה! וועה! ווי ׳ס ברענט! אַ שטאַרקער טריט געווען,
ווי פון אַ קאָפּיטע.

מעפיסטאָפעלעס.

איהר היילט אייך אָבער אוים.
דו קענסט פון יעצט אָן טאַנצען שוין וויפיעל דו ווילסט;
אונטערן טיש אויך דריקען דעם געליעבטענ׳ם פום.

דאַמע

(שטופּענדיג זיך).

לאָזט מיך דורך! צו גרוים זענען מיינע שמערצען,
זיי שטורמען, ברענען מיר אין טיעפען האַרצען;
ביז נעכטען האָט ער גליק געזוכט אין מיינע בליקען,
יעצט רעדט ער מיט איהר, און קעהרט מיר אום דעם רוקען.

מעפיסטאָפעלעס.

שווערליך איז דאָס, אָבער הער מיך אוים.
מוזט דיך לאַנגזאַם דריקען, לייכט נאָר, נעבען איהם;
נעם די דאָז׳גע קויהל, מאַך אויף איהם אַ צייכען,
אויף׳ן אַרבעל, מאַנטעל, אַקסעל, ווי ׳ס זיך מאַכט;
ער דערפיהלט אין האַרצען גלייך חרטה.
דאַן מוזט דו גלייך די קויהל אַרונטערשלינגען,
נישט וויין נישט וואַסער צו די ליפּען ברענגען;
ער זיפצט שוין פאַר דיין טהיר נאָך היינט ביינאַכט.

ד א מ ע.

'ס איז דאָך נישט קיין גיפט?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(באַליידיגט).

רעספּעקט, וואו מען בעדאַרף!
לאַנג לויפען וואָלט געמוזט איהר פאַר אַזאַ מין קויהל:
זי קומט פון אַ שייטערהויפען,
אויף וועלכען מיר האָבען געבלאָז'ן.

פ אַ ז ש.

איך בין פאַרליעבט, דאָך האַלט מען מיך צו יונג.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(פאַר זיך.)

איך וויים נישט מעהר, וועמען פריה'ר צו הערען.

(צום פאַזש.)

איהר מוזט נישט אויף די יונגע בויען אייער גליק,
די עלט'רע מיידלעך וועלען אייך שוין שעצען. —

(אנדערע שטופען זיך צו איהם.)

שוין ווידער נייע? וואָס פאַר אַ האַרטער וועג!
איך וועל ענדליך העלפען מיר מיט ריינעם אמת;
דער שלעכטעסטער אַרויסדרעה, דאָך די נויט איז גרויס. —
אָ מאַמעס, מאַמעס! באַפרייעט פאוסטען נאָר!

(ארומקוקענדיג זיך.)

די ליכט שוין הויבען אָן צו ברענען טריעב אין זאַל,
עס באוועגט דער גאַנצער הויף זיך מיט אַמאָל.

איך זעה שוין ווי, לויט שטאַנד און ראַנג, זיי געהען
דורך לאַנגע גאַנגען, ווייטע גאַלעריען.
יעצט פאַרזאַמלען זיי זיך אין דעם גרויסען פלאַץ
פון אַלטען ריטער־זאַל, זיי געהען קוים אַריין.
אויף ברייטע ווענד מיט טעפּיכען באַהאַנגען,
אויסגעשטעלט מיט ריסטונגען, באַהאַנגען מיט געוועהר, (81)
דאָ דאַרף מען, דאַכט זיך, נישט קיין צויבערווערטער,
עס געפינען זיך אַליין די גייסטער דאָ.

VII
ריטערזאַל, שוואַך באַלויכטעט (82

(דער ק י י ז ע ר און דער הויף זענען ערשיענען.)

ה ע ר אָ ל ד.

מיין אַלטע אַרבייט, דאָס שוישפּיעל אויסצורופען,
פאַרביטערט מיר דאָס הערשען פון די גייסטער;
מען פּראָבירט אומזיסט, מיט קאַלטען שכל צו פאַרשטעהען,
צו ערקלעהרען זיך דאָס ווילדע שאַלטען און וואַלטען.
די בענקלעך און די שטוהלען זענען אויסגעשטעלט שוין;
דעם קייזער זעצט מען גלייך דער וואַנד אַנטקעגען;
אויף די קאָווי‏אָרען וועט ער דאַן די שלאַכטען
פון דער גרויסער צייט באַקוועמליך זיך באַטראַכטען.
אַלע זיצען אויסגעזעצט שוין אין דעם רונד,
אויסגעפילט אויך זענ׳ן די בענק אין הינטערגרונד;
אויך ליעבסטע האָבען, אין פינסט׳רע גייסטער־שטונדען,
ביי דער זייט די ליעבסטע זיך אַוועקגעזעצט.
און אַזוי ווי אַלע האָב׳ן די פּלעצער שוין פאַרנומען,
זענען מיר באַרייט; די גייסטער מעגען קומען!

(טראָמפּעטען.)

אַ ס ט ר אָ ל אָ ג.

אָנהויבען זאָל די דראַמאַ שוין איהר לויף!
דער האַר באַפעהלט, איהר ווענד, גלייך מאַכט אייך אויף!
גאָר נישט שטערט שוין, דער צויבער העלפט אונז מיט.
די קאָווי‏אָרען שווינדען, ווי געראָלט פון בראַנד;
די מויער שפּאַלט זיך, און זי קעהרט זיך אום;

א טיעף טהעאטער שיינט זיך אויפצושטעלען,
געהיימניספול א שיין אונז צו באליכטען,
און איך שטייג ארויף דער פאדער־ביהנע.

מעפיסטאפעלעס

(אויפשטייגענדיג פון סופלער־קאסטען.)

פון דאנען האף איך אנערקענונג צו געווינען,
ווייל סופליערען איז דעם טייפעל׳ס רעדעקונסט.

(צום אסטראלאג.)

דו קענסט דעם טאקט אין וועלכען די שטערן געהען,
און וועסט מיין שעפטשען מייסטערהאפט פארשטעהען.

אסטראלאג:

דורך וואונדערקראפט ערשיינט יעצט פאר אונז דא
א גאנץ מאסיווער אלטער טעמפעל.
און, ווי אטלאס, וואס דעם הימעל האט געטראגען, (83)
שטעהען פיעלע זיילען אין דער רייהע.
פאר דער שטיינער־מאסע זענען זיי גענוג,
ווייל צוויי בלויז וואלטען אויסגעהאלט׳ן א שלאס.

ארכיטעקט.

דאס איז אנטיק? איך קען עס נישט פארשטעהן, (84)
עס זאל פלומפ און אומגעלומפערט הייסען.
גראב רופט מען עדעל, אומגעלומפערט, גרויס.
שמאלע שפיצען ליעב איך, שטרעבענדיג אונענדליך;
שפיץ־געבויגענער געוועלב דערהויבט דעם גייסט;
אזא געבוי דערהייכט שטענדיג אונזער גייסט.

אסטראלאג.

עמפפאנגט מיט עהרפורכט שטערן־ערלויבטע שטונדען!

דורך צויבערוואָרט זאָל שכל זיין געבונדען;
פון ד'ר אַנד'רער זייט זאָל זיך באַוועגען פריי,
די ווייטע הערליכע פאַנטאַזי.
יעצט זאָלט איהר אויך זעהען, וואָס איהר שטאַרק־באַגעהרט!
אונמעגליך איז עס, דערפאַר דאָך גלויבענסווערטה.

(פ אַ ו ס ט שטייגט אַרויף דער אַנדערער זייט פון דער
פאָדער־ביהנע.)

אין פריסטער־קלייד, באַקראַנצט, דער וואונדערמענש,
ענדיגט יעצט וואָס 'ר האָט מיט גלויבען אָנגעפאַנגען.
אַ דרייפוס שטייגט מיט איהם אַרוים פון טיעפען גרוב,
שוין פיהל איך שטייגען וויירויך פון דער שאָל.
ער פאַרפאַרטיגט זיך צו הייליגען דאָס הויכע ווערק;
פון יעצט און ווייטער קען נאָר גליקליכעס געשעהן.

פ אַ ו ס ט

(ערהאַבען.)

אין אייער נאָמען, מאָמעס, וואָס איהר טהראָנט
אין ג ר ע נ ע צ ל ו י ז ע ן, עביג איינזאַם וואוינט,
און דאָך אינאייינעם! אייער קאָפּ אומשוועבען
דעם לעבענס פאָרעמס, באַוועגענדיג אָהן לעבען.
וואָס ס'אַמאָל געווען, אין פולען גלאַנץ און שיין,
באַוועגט זיך דאָרט; ווייל עס וויל עביג זיין. (85)
און איהר, אַלגעוואַלטיגע מעכטע, פאַרטהיילט עס
צום געצעלט פון טאָג, צום געוועלב פון דער נאַכט.
איינע כאַפּט דאָס לעבען אויף אין ליעבען לויף,
די אַנד'רע זוכט דער שטאָלצער מאַגיקער אויף;
אין רייכען איבערפלוס לאָזט ער, פול פאַרטרויען,
וואָס יעדער ווינשט, דאָס וואונדערבאַרע זעהען.

אַ ס ט ר אָ ל אָ ג.

דער גליהענדיגער שליסעל ריהרט די שאָל אָן קוים,

אַ וואָלקענדיגער נעבעל דעקט גלייך צו דעם רוים;
ער קריכט אַריין, ער ציהט וו'אַ וואָלקען גלייך,
געדעהנט, געדרעהט, פאַרשמאָלט, געטהיילט, געפּאַרט.
און יעצט דערזעהט אַ גייסטער־מייסטערשטיק!
און וואו נאָר זיי געהען, הערט זיך גלייך מוזיק.
לופט'גע טענער קומען 'ך וויים נישט ווי אַזוי,
וואו זיי שוועבען, ציהען, ווערט אַלץ צו מעלאָדי.
די זיילען־קערפּער, און דער דריי־שניט קלינגט, (86)
מיר דאַכט זיך אַז דער גאַנצער טעמפּעל זינגט.
דער נעבעל זעצט זיך, פון טומאַן דעם לייכטען
טרעט אין טאַקט אַרוים אַ שעהנער אינגלינג.
דאָ שווייגט מיין אַמט; 'ך דאַרף זיין נאָמען אייך נישט זאָגען:
ווער דערקענט דען נישט דעם ליעבליכען פּאַריז? (87)

ד אַ מ ע.

אַ! וואָס פאַר אַ פּראַכט פון בליה'נדער יוגענדקראַפט!

צ ו ו י י ט ע.

ווי אַ פּערעשקע אַ פרישע פול מיט זאַפט!

ד ר י ט ע.

די פיין געפורמטע, זיעס געשוואָל'נע ליפּען!

פ י ע ר ט ע.

וואָלסט געוואָלט פון אַזאַ בעכער זיפּען?

פ י נ פ ט ע.

ער איז גאַנץ שעהן, ווען אפילו נישט זעהר פיין.

ז ע ק ס ט ע.

ער האָט געמעגט אַביסעל גראַציעזער זיין.

ר י ט ע ר.

איך זעה אין איהם נאַר בלויז דעם פאַסטוך־קנעכט,
ער האָט נישט פרינצליכע־ און הויף־מאַניערען.

אַ נ ד ע ר ע ר.

אָ יאָ! האַלב נאַקעט איז דער אינגלינג שעהן!
אין ריסטונג דאַרפען מיר צוערשט איהם זעהן!

ד אַ מ ע.

צאַרט זעצט ער זיך אַנידער, אַנגענעהם.

ר י ט ע ר.

וואָלט אין זיין שויס געוועזן אייך נישט באַקוועם?

אַ נ ד ע ר ע.

ער הייבט אויף אַזוי ליעבליך איבערן קאָפּ די האַנד.

ק אַ מ ע ר ־ ה ע ר.

די גראָבהייט! דאָס זאָל דאָ נישט זיין ערלויבט!

ד אַ מ ע.

איהר מענער האָט אויף אַלצדינג אויסצוזעצען.

ד ע ר ז ע ל ב ע ר.

אין קייזער'ס געגענוואַרט זיך אויסצוציהען!

ד אַ מ ע.

ער שפּיעלט דאָך נאַר! ער מיינט 'ר איז גאַנץ אַליין.

ד ע ר ז ע ל ב ע ר.

דאָס שוישפּיעל אויך זאָל דאָ מעהר העפליך זיין.

דאַמע.

זאָנפט האָט דער שלאָף צום שעהנעם זיך דערנידערט.

דערזעלבער.

יעצט וועט ער שנאָרכען; נאַטירליך איז'ס אין גאַנצען.

יונגע דאַמע

(ענטציקט).

צום ווייהרויך־דאַמפּף, וואָס שמעקט אַזוי געמישט
אַז דאָס מיין הארץ אין טיעפסטען מיר דערפרישט?

עלטערע.

אמת! עס דרינגט אַ הויך טיעף אין געפיהל.
ער קומט פון איהם!

עלטסטע.

'ס איז דאָס בליהען פון דעם וואַקסען,
וואָס פאַרפאַרטיגט ווי אַמבראַזיאַ אין דעם אינגלינג זיך (88)
און פאַרשפּרייט זיך אין דער אַטמאָספערע אַרום איהם.

(העלענא ערשיינט.)

מעפיסטאָפעלעס.

אָט דאָס איז זי? די וואָלט נישט געשטערט מיין רוה. (89)
אמת, זי איז שעהן, דאָך נישט נאָך מיין געשמאַק.

אַסטראָלאָג.

אַלס עהרענמאַן געשטעה איך אייך דאָס יעצט.
פאַר מיר איז מעהר נישטאָ דאָ וואָס צו טהון,

די שעהנע קומט, און וואלט געהאט איך פייערצונגען ! —
די שעהנקייט האט מען לאנג שוין, לאנג באזונגען —
וועמען זי ערשיינט, דער ווערט ווי האלב פארריקט,
און וועמען זי געהערט, דער איז צו הויך באגליקט.

פאוסט.

האב איך אויגען נאך ? ווי טיעף פליעסט אין מיין זין
דער קוואל פון שעהנקייט, פון איהר פולען שטראם.
מיין שרעקענס־גאנג ברענגט דעם טהייערסטען געווינס.
פארשלאסען, לעדיג איז געוועזן די וועלט פאר מיר !
זייט מיין פריסטערשאפט, ווי האט זי זיך געענדערט !
גאנץ ווינשענסווערטה, באגרינדעט, דויערהאפט !
פארשווינדען זאל מיין לעבענס אטהעמסקראפט
ווען איך וועל פון דיר אמאל זיך אבגעוועהנען ! —
די ליעב׳ געשטאלט וואס האט אמאל מיך שטארק ענט־
ציקט, (90)
און אין צויבער־שפיגעל מיך באגליקט,
איז פון אזא שעהנקייט א שוים־בילד בלויז געוועזן ! —
א, נאר דיר, דורך מיין שטארקער, פולער קראפט,
דער טיעף־באגריף פון ליידענשאפט,
גיב איך, נייגונג, ליעבע, פארעהרונג, וואהנזין.

מעפיסטאפעלעס.

(פון סופלער קאסטען.)

פאסט אייך דאך, און פאלט ארוים נישט פון דער ראלע!

עלטערע דאמע.

גרויס, שעהן געבויט, נאר דער קאפ צו קליין.

איינגערע.

זעהט דעם פוס נאר! קען ער דען נאך פלומפער זיין?

דיפלאמאט.

איך האב אזעלכע פירסטינס שוין געזעהן;
מיר דאכט זי איז פון קאפ ביז פיסען שעהן.

הויף־מאן.

זי דערנעהענט זיך דעם שלעפער ליסטיג, מילד.

דאמע.

ווי העסליך נעב'ן דעם יוגענדריינעם בילד!

פאעט.

פון איהר שעהנקייט איז ער ווי באשטראהלט.

דאמע.

ענדימיאן און לונא! ווי געמאהלען! (91)

פאעט.

גאנץ רעכט! די געטין שיינט אראבצונידערן,
זי נייגט זיך איבער איהם, זיין הויך צו טרינקען;
בין מקנא איהם! — א קוש! — דאס מאס איז פול.

דוענא.

פאר אלע מענשען! דאס איז שוין צופיעל!

פאוסט.

א שרעקליכע גונסט דעם אינגעל! —

מעפיסטאפעלעס.

רוהיג! שטיל!
לאזט דעם שאטען טהון דאך וואס ער וויל!

ה ו י ף־מ א ן.

זי שוועבט אוועק, לייכטפיסיג; ער ערוואכט.

ד א מ ע.

זי קוקט זיך אום! איך האב מיר דאס געטראכט.

ה ו י ף־מ א ן.

ער שטוינט! וואס ׳ס געשעהט ׳ז פאר איהם א וואונדער.

ד א מ ע.

פאר איהר איז עס קיין וואונדער, וואס זי זעהט.

ה ו י ף־מ א ן.

מיט ווירדע קעהרט זי זיך יעצט אום צו איהם.

ד א מ ע.

איך זעה שוין ווי זי נעמט איהם אין דער לעהר;
אין אזא פאל זענען אלע מענער דום:
ער גלויבט דאך אויך אז ער ׳ז ביי איהר דער ערשטער.

ר י ט ע ר.

מיר געפעלט זי זעהר! מאיעסטעטיש פיין! —

ד א מ ע.

די אויסגעלאס׳נע דאס איז דאך געמיין!

פ א ז ש.

אויף זיין שטעל וואלט איך געוואלט יעצט זיין!

הויף־מאן.

ווער וואָלט נישט אין אזא נעץ געלאָזט זיך פאנגען?

דאמע.

די ציהרונג איז דורך פיעלע הענד געגאנגען,
אויך די פארגילדונג איז שוין אָבגעניצט.

אן אנדערע.

זי האָט שוין נישט געטויגט פון צעהנטען יאָהר נאָך. (92)

ריטער.

איעדער נעמט, אויב מעגליך, זיך דאָס בעסטע;
צופריעדען וואָלט געווען איך מיט דעם רעשט.

געלעהרטער.

איך זעה זי דייטליך, דאָך, מוז איך געשטעהען,
צווייפלען מוז מען, אויב דאָס איז ווירקליך זי.
די געגענוואַרט פאַרפיהרט אין איבערטריעבענעם,
איך האַלט, פאַר אלץ, מיך בלויז אין דעם געשריעבענעם.
׳ך האָב געלעזען: זי איז ווירקליך אַלע
גרויי־בערדיגע טראָיאָס וואונדערליך געפעלען;
און ווי מיר דאַכט, איז עס אַ גרויסער אמת:
איך בין נישט מעהר יונג, און דאָך געפעלט זי מיר.

אסטראָלאָג.

קיין אינגעל מעהר! אַ שטאָלץ געוואַגטער העלד,
נעמט אַרום ער זי, וואָס קען זיך ווערען קוים.
מיט געשטאַרקטע ארעמס הויך הייבט ער זי אויף;
מיינט ער זי אַוועק צו פיהרען?

פ א ו ס ט.

אונפארשעהמטער נאר!
דו וואגסט? דו הערסט נישט? האלט! דאס איז צופיעל!

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

האסט אליין געמאכט דאך, דאס נאר'שע גייסטער־שפיעל.

א ס ט ר א ל א ג.

בלויז נאך אייןווארט! נאך אלץ וואס איז געשעהן,
רוף איך דאס שטיק: ד ע ר ר ו י ב פ ו ן ה ע ל ע נ א. (93)

פ א ו ס ט.

וואס רויב! בין אומזיסט איך אויף דער שטעל דא?
איז את דער שליסעל נישט דען אין מיין האנד?
'ר האט מיך געפיהרט דורך שרעק און שטורם און כוואליעס
פון איינזאמקייטען, אהער צו פעסטען שטאנד.
דא שטעה איך פעסט! דא זענען ווירקליכקייטען,
פון דאנען מוז דער ג י י ס ט מיט גייסטער קעמפפען.
דאס דאפעל־רייך, דאס גרויסע, פארבארייטען.
ווי ווייט זי איז געווען, ווי קען זי נעהנטער זיין!
איך רעטע זי, און דאפעלט איז זי מיין.
געוואגט! איהר מאמעס! מאמעס! מוזט מיר העלפען!
ווער זי דערקענט, טאר זי נישט מעהר פארליערען.

א ס ט ר א ל א ג.

וואס טהוסט דו? פאוסט, א, פאוסט! מיט געוואלד
נעמט ער זי אן, שוין דונקעלט די געשטאלט.
דעם שליסעל קעהרט ער אום צום אינגלינג יעצט,
באריהרט איהם! — וועה אונז, וועה! פארשוואונדען שוין!

(עקספלאזיאן, פ א ו ס ט ליגט אויף דער ערד. די גייסטער צע־
פליעסען זיך אין נעבעל.) (94)

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(װעלכער נעמט פ א ו ס ט ׳ ן אויף די אקסעל).

אָט האָט איהר אָ! מיט נאַרען זיך באַלאָדען
ברענגט דעם טײפעל ענדליך אויך פיעל שאָדען.

(פינסטערניש, געטומעל.)

צווייטער אקט (95)

I

(אַ הויך־געוועלבט, ענג גאָטיש צימער, פריהער פאַוסט׳ס, אונפאַרענדערט.)

מעפיסטאָפעלעס (פון הינטערן פאָרהאנג אַפּירטרעטענ־דיג. אין דער צייט וואָס ער הייבט איהם אויף און צוריקקוקט, דער־זעהט מען פאַוסט׳ן אויסגעשטרעקט אויף אַן אַלטמאָדישען בעט).

דאָ ליג, אומגליקליכער! פאַרפיערט
פון דעם שטאַרק פאַרקניפּטען ליעבעסבאַנד!
וועמ׳ן העלענאַ פאַראַליזיערט,
דער קומט נישט אַזוי לייכט שוין צום פאַרשטאַנד.

(ארומקוקענדיג זיך.)

איך קוק אַרויף, אַהין, אַריבער,
גאַנץ אונפאַרענדערט איז עס, נישט באַריהרט:
די פאַרב׳גע שויבען זענען, דאַכט מיר, טריעבער,
די שפּינגעוועבען האָבען זיך פאַרמעהרט;
די טינט איז טרוקען דאָס פּאַפּיר פאַרגעלט;
דאָך אַלץ איז אויף דעם פּלאַץ געבליבען;
עס ליגט אפילו נאָך די פעדער דאָ,
מיט וועלכער פאַוסט דעם טייפעל האָט זיך אונטערשריעבען.
יאַ! טיעף דאָרט אין דעם רעהר, נאָך ליגט
אַ טראָפּען בלוט, וואָס ׳ך האָב איהם אָבגעצאַפּט.
אַזאַ איינציג זעלטענער אַנטיק,
וואָלט פאַר׳ן גרעסטען זאַמלער געווען אַ גליק.

איך הענגט דער אלטער פעלץ, אויף׳ן אלטען האקען,
וואס מיך דערמאנט אין יענעם שפאס,
ווי ׳ך האב אמאל געלערנט יענעם אינגעל,
און וועלכער נאך אין דעם אלס אינגעל צעהרט.
מיר גלוסט זיך, אין דער אמת׳ן, נאך,
מיט דיר פאראייניגט, אלטע מאסקע,
אלס דאצענט זיך נאך אמאל פארשטעלען,
ווי מען ווירקליך מיינט אזעלכען נאך צו זעהן.
געלעהרטע ווייסען׳ס נאך ווי צו דערגרייכען,
דער טייפעל האט׳ס שוין לאנג פארגעסען.

(ער טרייסעלט דעם אראבגענומענעם פעלץ; פליגלעך, זשוקלעך און מויהלען פליהען ארויס.)

כאר פון אינסעקטען. (96)

ווילקאמען! ווילקאמען!
א, טאטעלע קרוין!
מיר שוועבען און זשומען
און קענען דיך שוין.
נאר איינציג׳ אין שטילקייט
האסט דו אונז געפלאנצט;
אין טויזענדער קומען מיר,
פאטער, געטאנצט.
דער גנב אין בוזים
זיך שטענדיג באהאלט,
פון פעלץ נאר די לייזלעך
צייג׳ן זייער געשטאלט.

מעפיסטאפעלעס.

ווי איבערראשענדיג מיך פרעהט די יונגע שעפפונג!
זעען דארף מען נאר, מען שניידט שוין מיט דער צייט.
איך טרייסעל נאך אמאל דעם אלטען פעלץ,

און מאַנכע פליהען דאָ און דאָרט אַרוים.
אַרויף! אַרום! אין הונדערטוויזענד עקען
יאָגט אייך, איהר ליעבסטע, צו באַהאַלטען,
דאָרט, וואו די אַלטע שאַכטלען שטעהן,
דאָ אין דעם אַלטען פערגאַמענט,
אין פאַרשטויבטע שערבלעך פון די אַלטע טעפּ,
אין די העהלען־אויגען פון די טויטענקעפּ.
אין אַזאַ שימעלדיג מויהלען־לעבען
מוזען אויך עביג גרילען זיין.

(טהוט אָן דעם פעלץ.)

קום, דעק מיר צו די אַקסעל נאָך אַמאָל!
היינט בין ווידער איך דירעקטאָר.
דאָך עם העלפט נישט מיך אַזוי צו רופען;
וואו זענ'ן די מענשען מיך צו אַנערקענען?

(ער ציהט דעם גלאָק, וועלכער לאָזט אַרויס אַ קוויטשענדיגען, דורכ־דרינגענדעם טאָן, פון וועלכען די זאַלען ציטערן און די טהירען שפרינגען אויף.)

פ אַ מ ו ל ו ס (97)

(וואַקלענדיג זיך אין דעם לאַנגען פינסטערן גאַנג).

וואָס פאַר רוישען! וואָס פאַר קלינגען!
טרעפּ זיך וואַקלען מויערן רינגען;
דורך דעם פענסטער'ס ליכט'גען ציטער
זעה'ך אַ שרעקליכען געוויטער;
פלאַסטער קומט אַראָבגעפלויגען,
זאַמד און קאַלך פליהט אין די אויגען;
און די טהיר וואָס'ז שטאַרק פאַריגעלט,
איז דורך כשוף אויפגעזיגעלט. —
דאָרט שטעהט אַ פירכטערליכער ריעז
אין פעלץ פון פאַוסט וואָס גרייכט צו ד' פים!

פון זיין בליקען, פון זיין ווינקען,
פיהל איך וו׳אויף די קניע צו זינקען.
זאָל איך לויפען? זאָל איך שטעהען?
אָ, וואָס וועט מיט מיר געשעהען!

מעפיסטאָפעלעס

(ווינקענדיג).

קומט, פריינד, אָהער! — איהר הייסט ניקאָדעמוס.

פאַמולוס.

הויכווירדיגער הערר! אַזוי הייס איך — אָרעמוס!

מעפיסטאָפעלעס.

לאָזט דאָס אָב!

פאַמולוס.

ווי גליקליך וואָס איהר מיך דערקענט!

מעפיסטאָפעלעס.

אָ, איך ווייס עס, באַיאָהרענט און נאָך סטודענט.
מאָכיגער הערר! אויך אַ געלעהרטער מענש
מוז שטודירען, ווייל ער זיך נישט העלפען קען.
אַזוי בויט מען זיך אַ קאָרטענשטיבעל אוים,
דאָך קען עס נישט ענדיגען דער גרעסטער גייסט.
אָבער אייער מייסטער, ער איזווירקליך גרוים:
ווער קען איהם נישט, דעם עדלעם דאָקטאָר וואַגנער,
דעם ערשטען יעצט אין דער געלעהרטער וועלט!
ער אַליין נאָר האַלט זי יעצט צוזאַמען,
פון חכמה דער טעגליכער פאַרמעהרער.
אַלע די וואָס ווילען לערנען, הערער,

פאַרזאַמלען זיך אין הויפענס אַרום איהם.
ער שיינט אַרונטער פון קאַטהעדער;
די שליסעל האַלט ער ווי סאַנקט פעטער, (98)
דאָס אונטערשטע און אויבערשטע שליסט ער אויף.
פון אַלע העכער גליהט ער, פונקעלט,
זיין רוהם און נאָמען קלינגט פון יעדענס וויטער:
פאַוסטס נאָמען אַפילו ווערט פאַרטונקעלט,
ער אַליין געפינט יעצט אַלעס אוים.

פ אַ מ ו ל ו ס.

פאַרצייהט הויכווירדיגער העדר! ווען איך אייך זאָג,
ווען איך וואַג צו ווידערשפּרעכען אייך:
פון דעם אַלצדינג איז נישט די רעדע;
באשיידענקייט איז זיין באַשייד'נער טהייל.
דאָס אונבאַגרייפליכע פאַרשווינדען
פון דעם גרויסען מאַן קריינקט איהם נאָך ביז היינט.
טרייסט ערוואַרטעט ער און גליק פון זיין צוריקקעהר.
דאָס צימער, פונקט ווי 'ן דאָקטאָר פאַוסטען'ס טעג,
אונבאַריהרט נאָך, זינט ער איז אַוועק,
ערוואַרט זיין אַלטען האַר.
אַהין אַריינצוקומען וואַג איך קוים.
וואָס'אַר שטערנשטונדע מוז יעצט זיין? —
פול בענקשאַפט שיינט די מויער מיר;
טהירען האָב'ן געציטערט, ריגלען אויפגעשפּרונגען,
ווייל אַנדערש וואָלט אַריין איהר נישט אַליין.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

וואו האָט זיך דער מענש אַהינגעטהאָן?
פיהרט מיך צו איהם! ברענגט איהם אַהער!

פ אַ מ ו ל ו ס.

אך! זעהר שאַרף איז זיין פאַרבאָט;

איך ווייס נישט אויב איך וואָגען זאָל.
מאָנאָטען לאַנג, צוליעב דעם גרויסען ווערק,
לעבט ער אין דער שטילסטער שטילקייט.
דער צאַרטעסטער פון די געלעהרטע מענער,
זעהט יעצט אויס נאָר ווי אַ קויהלענברענער,
פאַרשוואַרצט פון ד׳ אוירען ביז דער נאָז,
די אויגען רויט פון פייער בלאָזען;
אַזוי לעכצט ער יעדען אויגענבליק;
פון דער צוואַנג דאָס קלאַפּען מאַכט מוזיק.

מעפיסטאָפעלעס.

ווארום זאָל ער פאַרביטען מיר אַריינצוגעהן?
איך בין דער מאַן, וואָס קען איהם העלפען אין זיין גליק.

(דער פאַמולוס געהט אָב. מעפיסטאָפעלעס זעצט זיך גאַנץ ערנסט אַנידער.)

קוים האָב איך מיך דאָ נאָר אַוועקגעזעצט,
רעגט זיך אונטען דאָרט אַ, מיר באַקענטער, גאַסט.
דאָך דאָס מאָל איז ער פון די ניי׳סטע;
שרעקליך גרענעצלויז וועט זיין זיין שטאָלץ.

באַקאַלאַרעאוס (99)

(אַריינשטורמענדיג אין גאַנג).

טהוי׳ר און טהיר געפין איך אָפען!
נו, יעצט קען מען ענדליך האָפען,
עס זאָל נישט פול שימעל לויטער,
דער לעבעדיגער ווי אַ טויטער
זיך פאַרמאָרען, זיך פאַרדאַרבען,
און זאָל נאָך ביים לעבען שטאַרבען.

אָט די ווענט דאָ, און די מוי׳רען

דאַכט מיר זינקען, ווערן פאַרלוירען;
און ווען מיר נישט באַלד אַנטלויפען,
פאַלען וועט אויף אונז דער הויפען.
דרייסט בין איך, ווי דאָ נישט איינער,
דאָך, געהן ווייטער מאַכט מיך קיינער!

און וואָס איך הער יעצט, איז עס וואָהר?
'ס איז דאָ געוועזען פאַר פיעלע יאָהר,
וואו איך פול שרעק און אַנגסט באַנומען,
בין אַלס גוטער פוקס געקומען,
די בערדיגע האָב איך געטרויט,
אויף זייער וואָרט האָב איך געבויט!

פון דער אַלטער ביכער־ברוסט
האָב'ן זיי געלייגט, וואָס ז'האָב'ן געוואוסט,
וואָס ז'האָב'ן געוואוסט און נישט געגלויבט,
דאָס לעבען זיך און מיר גערויבט.
וואָס? — דאַכט זיך דאָרט געוועזען איז קיינער,
און דאָך זיצט נאָך דאָרטען איינער!

נאָהענט זעה איך מיט ערשטוינען,
זיצט ער נאָך אין פעלץ אין ברוינעם,
ווי 'ך האָב איהם פאַרלאָזט אַמאָל,
נאָך געהילט אין פעלץ פון וואָל!
געוועזען איז ער, אמת, קלוג,
נאָר 'ך האָב איהם נישט פאַרשטאַנ'ן גענוג;
אָ, היינט וועט דאָס נישט מעהר געשעהן,
אָהן מורא וועל איך צו איהם געהן!

ווען, אַלטער הערר, נישט־לעטהעם טריעבע שטראָמען
דעם שיעף געבייגטען ליסע־קאָפּ האָט דורכגעשוואומען,
זעהט, דערקענענדיג, דעם שילער קומען,

פון ד'אקאדעמישע גענג ארויסגעוואקסען.
איך געפין אייך נאך, ווי 'דהאב אייך געזעהן,
נאר א י ך בין אן אנדערער.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס

מיך פרעהט זעהר וואס מיין קלינגען האט געבראכט אייך.
שוין דעמאלט נישט געשעצט האב איך אייך גרינג;
דאס ווער'מעל צייגט אונז פריה שוין אן
דעם שפעטערן שעהנעם שמעטערלינג.
מיט דעם לאקענקאפ און שפיצענקראגען
האט איהר ליעבליך קינדיש אויסגעזעהן —
איהר האט געוויס קיין צאפ געטראגען? —
היינט זעה איך זענט איהר קורץ געשוירען.
ר ע ז א ל ו ט און גאנץ שטאלץ זעהט איהר אויס;
קומט נאר נישט גאנץ א ב ס א ל ו ט צו הויז.

ב א ק א ל א ו ר ע ו ס.

מיין אלטער הערר מיר זענען אויפ'ן אלטען ארט;
דאך פון דער נייער צייט דעם לויף באדענקט
און שוינט די דאפעלזיניגע ווערטער!
מיר פאסען יעצט גאנץ אנדערש אויף.
איהר האט געשפאסט פון גוט געטרייעם אינגלינג;
דאס איז אייך גאר אהן שום קונסט געלונגען,
וואס היינט וואגט נישט קיינער מעהר.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

ווען מען דער יוגענד ריינעם אמת זאגט,
וויל עס גאר די יונגע נישט געפעלען,
ווען זיי אבער דאן נאך פיעלע יאהרען
דאס אלץ פון אייג'נער הויט ערפאהרען,
דאן דענקען זיי עס קומט פון אייג'נעם קאפ;
און 'סהייסט דער מייסטער איז געוועזן א נאר.

באקאלאורעוס.

א שעלם פיליכט! — ווייל וועלכער לעהרער זאגט
דעם אמת אונז גלייך אין געזיכט דען?
יעדער ווייסט ווי צו פארמעהרען, צו פארמינדערן,
באלד ערנסט, באלד לוסטיג־קלוג, קינדער צו געפעלען.

מעפיסטאפעלעס.

צו לערנען איז געווים פאראן א צייט;
יענעם לערנען זעה איך זענט אליין איהר שוין בארייט.
זייט איניגע לבנות, זונען, זענ'ן פאראנגנגען,
געוואונען האט איהר זעהר א סך ערפאהרונג.

באקאלאורעוס.

ערפאהרונג! 'סאיז בלויז שוים און שטויב!
און פארגלייכט זיך מיט דעם שכל נישט!
זייט מודה! וואס מען האט שוין לאנג געוואוסט,
איז דורכאוים ניט וויסענסווערט גענוג.

מעפיסטאפעלעס

(נאך א פויזע).

מיר דאכט שוין לאנג אזוי. 'ך בין געוועזן א נאר,
יעצט קום איך לעכערליך אליין מיר פאר.

באקאלאורעוס.

דאס פרעהט מיך זעהר, יעצט הער איך דאך פארשטאנד;
דעם ערשטען קלוגען גרייז וואס 'ך האב געפונען.

מעפיסטאפעלעס.

פארבארג'נע גאלד'נע אוצרות האב געזוכט איך
און געקראגען האב איך עקעלדיגע קויהלען.

באקאלעורעוס.

נעשטעהט אז אייער שארבען, אייער פליך,
איז נישט מעהר ווערט ווי יענע לעד'גע דארט.

מעפיסטאפעלעס

(גוטמוטהיג).

דו ווייסט גארנישט, מיין פריינד, ווי גראב דו ביזט.

באקאלאורעוס.

אין דייטשען לייגט מען, ווען מען העפליך איז.

מעפיסטאפעלעס

(ווערבער רוקט זיך מיט זיין רעהר־שטוהל אלץ נעהנטער צו דער פאדער־ביהנע, צום אונטערשטען פובליקום).

דא אויבען פיהל איך פעהלט מיר ליפט און לופט,
קען אפשר איך ביי אייך געפינען שוץ?

באקאלאורעוס.

איינבילדונג איז עס, ווען מען שוין צו שפעט
עטוואס זיין וויל, ווען מען איז שוין גארנישט.
דעם מענשענ'ס לעבען לעבט אין בלוט, און וואו
באוועגט דאס בלוט זיך ווי אין אינגלינג?
לעבעדיגעס בלוט איז דאס, און פרישע קראפט;
וואס נייעס לעבען זיך פון לעבען שאפט.
דא רעגט זיך אלץ, דא ווערט עטוואס געטהאן,
דאס שוואכע פאלט, דאס טיכט'גע טרעט אריין.
אין צייט וואס מיר האב'ן א האלבע וועלט געוואונען,
וואס האט איהר געטהאן? געדרימעלט און געטראכט,
גע'חלומ'ט און באטראכט א פלאן און נאך א פלאן.

'סאיז קלאָהר! די עלטער איז אַ קאַלטער פיעבער,
אַ פראָסט פון לוינעגהאַפטער נויט;
איז איינער איבער דרייסיג יאָהר,
דאַן איז ער אַזוי גוט ווי טויט. (101)
אַם בעסטען וואָלט געווען באַצייטענס אייך צו הרג'ענען.

מעפיסטאָפעלעס.

דער טייפעל האָט דאָ מעהר נישט וואָס צו זאָגען.

באַקאַלאורעוס.

ווען איך וויל נישט, דאַרף קיין טייפעל זיין.

מעפיסטאָפעלעס
(אפּארט).

דאָך אונטערשטעלען וועט דער טייפעל דיר אַ פיסעל.

באַקאַלאורעוס.

דאָס איז פון דער יוגענד דער עדעלסטער באַרוף!
נישט געווען די וועלט איז איידער איך האָב זי באַשאַפען;
די זון האָב איך פון ים ארויסגעפיהרט;
אָנגעהויבען האָט מיט מ י ר זיך דער לבנה־לויף;
געפּוצט האָט זיך דער טאָג אויף מיינע וועגען,
די ערד געגרינט, געבליהט האָט מיר אַנטקעגען;
אויף מיין וואונק, אין יענער ערשטער נאַכט,
האָט אָבגעשלייערט זיך די גאַנצע שטערן פּראַכט.
ווער, אויסער מיר, האָט אַרויסגעריסען אייך
פון די פיליסטערהאַפט־געקלאַמערטע געדאַנקען?
איך אָבער, פריי, ווי מיר מיין שכל זאָגט,
געה פרעהליך נאָך מיין אינערליכען ליכט,
און וואַנדעל שנעל, אין אייגענער ענטציקונג,
דאָס ליכט פאר מיר, און פינסטערניש פון הינטען. (אב.)

מעפיסטאָפעלעס.

אָריגינאַל! וואַנדער ווייטער אין דיין פּראַכט.
ווי וועט שפּעטער דיך דיין מיינונג קרענקען:
ווער קען עפּעס קלוג צו נאַריש דענקען
וואָס די פאָר־וועלט האָט נישט פריהער שוין געדאַכט? (102)
דאָך זענען מיר מיט דעם נאָך אויך נישט אין געפאַהר,
אין ווייניג יאָהרען וועט עס אַנדערש זיין:
ווייל ווי נאַריש ׳ס זאָל דער מוסט נישט באָבלען, (103)
ענדליך וועט ער מוזען ווערן וויין.

(צו די אינגערע צושויער וועלכע אפּלאָדירען נישט.)

איהר בלייבט ביי מיינע ווערטער קאַלט,
אייך גוטע קינדער לאָז איך געהן;
באַדענקט; דער טייפעל איז שוין אַלט,
ווערט־זשע אַלט איהם צו פאַרשטעהן!

II

לאבאָראַטאָריום (104)

אין מיטעלאַלטערליכען זין.

(גרויסע, שווערע מאַשינען פאַר פאַנטאַסטישע צוועקען.)

ו ו אַ ג נ ע ר (ביים שמעלץ-אויווען).

עס קלינגט דער גלאָק, דער שרעקליכער,
דורכשווידערנדיג די פאַראַסט'טע מויערן;
דאָס אונגעוויסע קען נישט לענגער
דער ערנסטערסטער ערוואַרטונג דויערן.
שוין לייכטען זיך די פינסטערנישען,
און אין דעם גרונד פון דער פיאָלע
גליהט עס שוין ווי לעבעדיגע קויהלען,
יאָ, ווי דער שעהנסטער קאַרפונקעל
בליצט עס שטראַהל'נדיג דורך דאָס טונקעל.
אַ ליכטיג, ווייסע ליכט ערשיינט!
אָ, וואָלט איך'ם דאָסמאָל נישט פאַרליערען! —
אַך גאָט, וואָס קלאַפּערט ביי דער טהיר?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס (אריינקומענדיג).

ווילקאָמען! איך קום אהער אַלס פריינד.

ו ו אַ ג נ ע ר (ענגסטליך).

ווילקאָמען צום שטערן פון דער שטונדע! (שטיל)
דאָך האַלט דאָס וואָרט און אָטהעם פעסט אין מויל!
אַ הערליך ווערק ווערט פאַרטיג יעצט געמאַכט.

מעפיסטאפעלעס (שטילער).

וואס איז דאס דען?

וואגנער (שטילער).

עס ווערט א מענש געמאכט.

מעפיסטאפעלעס.

א מענש? און וואס פאר א פארליעבטעס פארל
האט איהר אין רויך־לאך איינגעשלאסען?

וואגנער.

גאט באהיט! די אלטע מאדע פון געבורט
ערקלעהרען מיר פאר נארישקייטען.
דער צארטער פונקט, פון וועלכען ׳סלעבען האט געשפראצט,
די עדלע קראפט, וואס האט פון אינערליכען זיך געדרענגט,
און גענומען האט, געגעבען, צייכנענדיג אליין זיך,
ערשטענסט זיך, דאן צו פרעמדע עהנליך זיין,
די איז פון איהר ווירדע שוין אראבגעזעצט;
ווען די חיה אליץ אין דעם נאך לוסט געפינט,
דאן דארף דער מענש, מיט זיינע הויכע מעלות,
שפעטער א ריינערן, העכערן שורש האבען.

(צום שמעלץ־אויווען געווענדט.)

עס לייכט שוין! זעהט! — יעצט קען מען ווירקליך האפען,
אז ווען מיר פון פיעלע הונדערט שטאפען,
דורך מישונג — ווייל אויף מישען קומט דאס אן —
דעם מענשען־שטאף גאנץ עדעל קאמפאניערען,
איהם פארמאכען אין א קאלבע,
און איהם ריכטיג דיסטיליערען,
דאן, אין שטילקייט, איז דאס ווערק געענדיגט.

(ווידער צום שמעלץ־אויווען געווענדט.)

עס ווערט! די מאַסע רעגט זיך קלאָהרער!
די איבערצייגונג אמת'ער, אמת'ער!
וואָס מען האָט געגלויבט, ס'ם איז דער נאַטור'ס געהיימנים,
דאָס וואגען מיר פאַרשטענדליך צו פּרוביערען,
און וואָס זי האָט געלאָזט אָרגאַניזיערען,
דאָס לאָזען מיר קריסטאַליזיערען.

מעפיסטאָפעלעס.

ווער לאַנג לעבט דער האָט פיעל ערפאַהרונג,
קיין נייעס קען פאר איהם שוין אויף דער וועלט געשעהן,
איך האָב שוין אין מיינע וואַנדעריאַהרען,
קריסטאַליזיערטעס מענשענפאָלק געזעהן. (105)

וואגנער

(ביז יעצט קוקענדיג אויפמערקזאם אויף דער פיאָלע)

עס שטייגט, עס בליצט, עס הייפט זיך אָן,
נאָך איין מינוט און 'סאיז געשעהן!
משוגע שיינט צוערשט די גרויסע טהאָט צו זיין;
דאָך מיר ווילען שפּעטער פון דעם צופאַל לאַכען,
און אזא געהירן וואָס מוז ריכטיג דענקען,
וועט שפּעטער אויך אַ דענקער שאַפען.

(באטראכטענדיג די פיאָלע, ענטציקט.)

עס קלינגט דאָס גלאָז פול ליעבליכער געוואַלד,
עס טריעבט, עס קלעהרט זיך, אָ, עס מוז געשעהן!
איך זעה אַ ליעבליכע געשטאַלט,
אַ מענשעל זעה איך זיך געשטאַלטען.
וואָס ווילען מיר, וואָס וויל די וועלט נאָך מעהר?
אויפגעקלעהרט איז דאָס געהיימנים:
הערט אייך צו נאָר צו די קלאַנגען,
עס ווערט אַ שטימע, ווערט אַ שפּראַך.

האָמונקלוס. (106)

(אין דער פיאָלע, צו וואגנער.)

נו, טאַטעלע, ווי געהט עס? ׳ס איז געווען קיין שפּאַס!
קום דריק מיך אמת־צערטליך צו דיין האַרץ!
דאָך נישט צו שטאַרק, נישט ברעכען זאָל דאָס גלאָז.
דאָס איז די איינענשאַפט פון שטאָפען:
דעם נאַטירליכען איז קוים גענוג די וועלט;
וואָס קינסטליך איז פערלאַנגט געשלאָס׳נעם רוים.

(צו מעפיסטאָפעלעס.)

דו שעלם, מיין שוועסטערקינד, ביזט אויך דאָ?
אין ריכט׳גען אויגענבליק! איך דאַנק דיר זעהר.
אַ גוטער מזל ברענגט דיך יעצט צו אונז;
ווייל, בין איך שוין דאָ, מוז איך אויך טהעטיג זיין.
שוין וואָלט איך וועלען נעהמען צו דער אַרבייט זיך;
דו ביזט געשיקט, דעם וועג מיר צו פאַרקירצען.

וואגנער.

בלויז נאָך איין וואָרט! ביז יעצט געמוזט האָב איך זיך
שעהמען,
ווייל באַשטורמט האָט אַלט און יונג מיך מיט פּראָבלעמען.
צוםביישפּיעל: קיינער קען נאָך נישט באַגרייפען,
ווי זעעל׳ און לייב זיך אַזוי שעהן צוזאַמענפּאַסען,
האַלטען אַזוי פעסט זיך, ווי קיינמאָל נישט צו שיידען,
און דאָך קענען זיי זיך דערפאַר קיינמאָל נישט פאַרטראַגען.

מעפיסטאָפעלעס.

וואַרט נאַר! איך וואָלט בעסער וועלען פרעגען:
וואַרום זיך מאַן און ווייב ׳זוי שלעכט פאַרטראַגען;
דאָס, מיין פריינד, קענסט דו קיינמאָל נישט פאַרשטעהן.
דאָ דאַרף מען טהון, און דאָס בלויז וויל דער קליינער.

האמונקולוס.

וואס 'ז פאראן צו טהון?

מעפיסטאפעלעס

(אויף א זייטענטהיר אנדרייטענדיג.)

דא צייג מיר נאר דיין קונסט!

וואגנער

(אלץ אין דער פיאלע קוקענדיג.)

אין ד'ר אמת'ן, דו ביזט א ליעבליך שעהנער אינגעל!

(די זייטענטהיר עפענט זיך, מען זעהט פאוסט'ן אויסגעשטרעקט אויף דעם געלעגער.)

האמונקולוס

(ערשטוינט.)

באדייטענד! (107)

(די פיאלע גליטשט זיך ארויס פון וואגנער'ס הענד, שוועבט איבער פאוסט און באלייכטעט איהם.)

ארום פול שעהנקייט! — קלאהרע וואסערן
און געדיכטע וועלדער; פרויען, וואס זיך אויסטהון,
די ליעבליכסטע! — און 'ס ווערט בעסער וואס אמאל.
דאך איינע לייכטענדיג זיך אונטערשיידט, —
געוויס פון העכסטען העלדען אדער געטער־שטאם, —
יעצט טונקט זי איין דעם פוס אין דורכזיכט'גען שיין;
דעם עדלעם קערפער'ס זיסער לעבענספלאם
קיהלט זיך אין דער כוואליע'ס צערטליכען קריסטאל. —
דאך, וואס פאר א פאטשען פון שנעל באוועגטע פליגעל,
וואס פאר ברויזען און א שפריצען שטורמט אין גלאטען
שפיגעל?

דערשראָקען פליה'ן די מיידלעך, דאָך אליין
די קעניגין, זי בליקט געלאַס'ן אַהין,
און זעהט מיט שטאָלצען, ווייבליכען פאַרג'ניגען,
דעם שוואַנען־פירסט צו איהרע פיס זיך לאַשצען,
צודרינגליך־מילד. ער שיינט זיך צו געוויינען. —
אויף איינמאָל אָבער שטייגט אַרויס אַ נעבעל
און באַדעקט מיט דיכט געוועבטע וואָלקען,
די ליעבליכסטע פון אַלע סצענען.

מעפיסטאָפעלעס.

וואָס דו קענסט שוין אַלצדינג נישט דערצעהלען!
ווי קליין דו ביזט, אזוי גרויס ביזט' אַ פאַנטאַסט.
איך זעה גאָרנישט —

האָמונקולוס.

דאָס גלויב איך. דו וואָס אין נאָרד,
אין נעבעל־צייטען ביזט געבוירען,
אין רויש פון ריטערטהום און פריסטעריי,
ווי קען דאָס אויג דיר דען זיין פריי?
אין פינסטערניש ביזט דו נאָר אין דער היים.

(אַרומקוקענדיג זיך.)

פאַרברוינטע שטיינער, און פאַרשימעלטע,
שפיץ־געבויגען, שלעכט פאַרציערטע, ניעדריג! —
ערוואַכט אונז דער דאָ, קומט אַ נייע נויט,
ער בלייבט גלייך אויף דער שטעל דאָ טויט.
וואַלד־קוואַלען, שוואַנען, נאַק'טע שעהנקייט,
דאָס געוועזן איז זיין פאַראויס־געטרוימטער חלום;
ווי קען ער זיך דען דאָ געוויינען?
איך, דער באַקוועמסטער דולד עס קוים.
אַוועק מיט איהם!

מעפיסטאָפעלעס.

מיך פרעהט דער אויסוועג זעהר.

ה אָ מ ו נ ק ו ל ו ס.

באַפעהל דעם קריעגער אין דער שלאַכט,
פיהר די מיידלעך דו צום טאַנץ,
דאַן איז אַלצדינג אָבגעטהאָן.
עבען איז יעצט, ווי מיר דאַכט,
קלאַסישע וואַלפּורגים־נאַכט;
דאָס בעסטע, וואָס אונז נישט געשעהן זאָל,
איז צו ברענגען איהם צו זיינע עלעמענטען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

פון אַזעלכע זאַכען האָב איך נישט געהערט.

ה אָ מ ו נ ק ו ל ו ס.

ווי זאָל קומען דאָס צו איי'רע אוי'רען דען?
איהר קענט דאָך בלויז ראָמאַנטישע געשפענסטער;
אַן עכט געשפענסט, דאָס מוז אויך קלאַסיש זיין.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אָבער וואו אַהין דען מוזען רייזען מיר?
שוין צוואוויעדער זענ'ן אַנטיקישע קאַלעגען מיר.

ה אָ מ ו נ ק ו ל ו ס.

נאָרד־וועסטליך, שטן, שטרעבט דיין לוסט נאָר,
זיד־אָסטליך אָבער דאָס מאָל פאָהרען מיר —
אין ברייטע שטראָמען פליעסט פ ע נ ע י אָ ס פריי, (108)
אַרום מיט קוסט'ן און בוימער, אין שטילע פייכטע בוכטען;
די אויבערפלעכע ציהט זיך צו דער בערגער טיעפקייט,
און אויבען ליגט פ אַ ר ז אַ ל ו ס, אַלט און ניי.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אָ וועה! אוועק! און לאָז נאָר יענע שלאַכט

פון טיראַניי און שקלאַפעריי ׳ן אַ זייט!
׳ם לאַנגווײלט מיך; ווייל קוים איז עם געענדיגט,
דאַן הויבען זיי פון פאַרענט ווידער אָן;
און קיינער זעהט ׳ם: ער איז דאָך בלויז גערייצט
פון אשמדאי, וועלכער לויערט שטיל פון הינטען.
זיי קעמפפען, הייסט עס, פאַר פרייהייטס רעכט;
נאָר, גענוי באַטראַכט, זענען ׳ם קנעכט בלויז געגען קנעכט.

האָמונקולוס.

לאָז דעם מענשען זיין קריעגזיכטיגע נאַטור;
איעדער מוז זיך וועהרען, ווי ער קען,
פון אַ קליינעם אינגעל, ווערט צולעצט אַ מאַן.
דאָ פרעגט זיך נאָר, ווי קען געזונד דער ווערן?
האָסט ד׳ אַ מיטעל, דאַן ווייז עס גלייך אַהער!
האָסט דו אָבער נישט, דאַן לאָז עס איבער מיר!

מעפיסטאָפעלעס.

מאַנכע בראָקען־שטיקלעך וואָלט מען נאָך געקענט פּרובירען,
דאָך די הײדען־ריגעל זענען שטאַרק פאַרריגעלט.
דאָס גריכענפאָלק איז קיינמאָל נישט פיעל ווערטה געוועזן!
דאָך ׳ם פאַרבלענדט איך מיט פרייען זינליך־שפיעל,
און לאָקט דעם מענשענ׳ס האַרץ צו לוסט׳גע זינד;
די אונז׳ריגע געפינט מען שטענדיג טרוי׳ריג. (109)
יעצט וואָס ווייטער?

האָמונקלוס.

ביזט געוועהנליך דאָך קיין נאַר;
און ווען איך פון טהעסאַלישע מכשפות רעד, (110)
דענק איך, האָב איך שוין עטוואָס געזאָגט.

מעפיסטאָפעלעס

(תאוה'דיג.)

טהעסאַלישע מכשפות! גוט, דאָס זענען מענשען,
נאָך וועלכע 'ך האָב שוין לאַנג געפרעגט.
מיט זיי צוזאַמען נאַכט פאַר נאַכט צו וואוינען,
גלויב איך נישט, אויב דאָס זיך פּאַסט;
דאָך, צו באַזוכען, פאַרזוכען —

האָמונקלוס.

דעם מאַנטעל אַהער,
אין איהם איינגעהילט דעם ריטער!
דער לאַפּען וועט איך, ווי ביז יעצט,
דעם איינעם ווי דעם צווייטען טראָגען;
איך לייכט פאַראויס.

וואַגנער

(ענגסטליך.)

און איך?

האָמונקלוס.

האָ? וואָס?
דו בלייבסט אין הויז דאָס וויכטיגסטע צו טהון.
דו וויקעל אויף די אַלטע פּערגאַמענטען,
לויט פאַרשריפט זאַמעל לעבענס־עלעמענטען
און פּאַס מיט פאַרזיכט זיי איינס צום אַנדערן.
דאָס וואָס באַדענק, און מעהר באַדענק ווי־אַזוי.
אין צייט וואָס איך אַ שטיקעל וועלט דורכוואַנדער,
וועל ענטדעקען איך דאָס פּינטעל אויף דער אי. (111)
דאַן איז דער גרויסער צוועק דערגרייכט;
אַזאַ מין לוין פאַרדיענט אַזאַ מין שטרעבען;

גאָלד, כבוד, רוהם, געזונדעס לאַנגעס לעבען,
און וויסענשאַפט און טוגענד — מעגליך אויך.
זיי געזונד!

וואַגנער

(באטריעבט.)

זיי געזונד! עס דריקט מיר צו מיין האַרץ,
'ך האָב מורא, אז איך וועל דיך קיינמאָל מעהר נישט זעהן.

מעפיסטאָפעלעס.

יעצט צום פענעיאָס פריש אַראָב!
נישט צו פאַראַכטען איז מיין שוועסטערקינד.

(צו די צושויער.)

ענדליך הענגען מיר דאָך אָב
פון באַשעפענישען, וואָס מיר שאַפען. (112)

III

קלאַסישע וואַלפּורגיס־נאַכט (113)

פּ אַ ר ז אַ ל י ש ע פ ע ל ד ע ר. —

פּ י נ ס ט ע ר נ י ש.

ע ר י כ ט אָ.

צום שרעקענספּעסט פון דיעזער נאַכט, ווי אָפּטמאָל שוין,
קום איך אַהער, עריכטאָ, איך די אומעדיגע;
נישט אַזוי אַבשייליך, ווי די בייזע דיכטער מיך
אַן איבערמאָס פאַרלוימדען... הערען זיי דאָך קיינמאָל
אויף, צו לויבען, שעלטען... צו פאַרבלייכט ערשיינט מיר שוין
פון גרוי געצעלטען־כוואַליעם דאָרט דער ווייטער טהאָל,
אַלס שרעקענסבילד פון זאָרג־ און מורא׳דיגער נאַכט.
ווי אָפּט שוין ווידערהאָלט עס זיך! ׳ס ועט זיך אזוי אימער
און עביג ווידערהאָלען... קיינער נישט פאַרגינט דאָס רייך
דעם אַנדערן; און קיינער דעם וואָס האָט גענומ׳ן מיט
קראַפט,
און קרעפטיג הערשט; ווייל יעדער, וואָס זיין אינערליכען
א י ך
נישט רעגיערען קען, דער וויל גערן רעגיערען
דעם צווייטענס ווילען, לויט אייג׳נעם שטאָלצען זין.
דאָ האָט מען אָב׳ר א גרויסען ביישפּיעל דורכגעקעמפּפט:
ווי געוואַלט זיך גרעסערער געוואַלט אַנטקעגענשטעלט,
ווי דער פרייהייטס שעהנער, טויזענדבלומיגער קראַנץ
צערייסט,
ווי זיך דער שטייפער לאָרבער־קראַנץ אַרום דעם קאָפּ פון
הערשער בייגט.
דאָ האָט פּ אָ מ פּ ע י גע׳חלומ׳ט זיינע גרויסע בלוט׳גע טעג;

פאר דער ציטערדיגער וואגשאל, געוואכט האט צעזאר דארט!
מען וועט עס וועגען. ׳ס ווייסט די וועלט וועמען ׳ס איז
געלונגען

וואך־פייערן גליהען, רויטע פלאמען שפריצענדיג;
עס הויכט די ערד ארום דאס פיעל פארגאס׳נע בלוט,
און צוגעצויגען פון זעלט׳נעם נעכטליכען וואונדער־גלאנץ,
פארזאמלען זיך לעגיאנען פון העלענישע לעגענדען.
ארום די פייערן אונזיכטבאר שוועבט, אדער זיצט
געמיטליך א געשטאלט פון אלטע פאבעלהאפטע טעג...
די לבנה, אמת נישט אין גאנצען, אבער העל,
דערהויבט זיך, מילדען גלאנץ פארשפרייטענדיג איבעראל;
דאס געצעלט־געשפענסט פארשווינדט, די פייערן ברענען
בלוי.

דאך איבער מיר, וואס פאר אן אונערווארטעטער מעטעאר!
עס לייכטעט און באלייכט א קערפערליכען באלן.
איך פיהל דאס לעבען, ׳ך קען ביי מיר נישט פועל׳ן
לעבעדיגע זיך צו נעהערן, ווען׳ן איך שעדליך בין;
דאס מאכט מ׳ר״א שלעכטען נאמען, און גארנישט ברענגט
עס מיר.
׳ס לאזט זיך שוין ארונטער. פארזיכטיג ציה איך מיך צוריק.
(דערוויטערט זיך)

(די לופטרייזענדע אויבען)

האמונקלוס.

שוועב אמאל נאך ׳רום די רונדען,
איבער פלאם־ און שרעקענס־וועהען;
׳ס איז אין טהאל דאך און די גרונדען,
גאנץ געשפענסטליך אנצוזעהען.

מעפיסטאפעלעס.

זעה איך, ווי דורך׳ן אלטען פענסטער

פון דעם נאַרדענס שרעק און גרויז,
פיעלע העסליכע געשפּענסטער,
בין איך דאָ ווי דאָרט צו הויז.

ה אַ מ ו נ ק ל ו ס.

זעה, דאָרט געהט איינע דין און לאַנג,
שפּאַנט מיט ברייטע שריט אַהין.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

עס ווייזט מיר אוים ווי ׳ס טהוט איהר באַנג;
ז׳האָט דורך דער לופט געזעהן אונז ציה׳ן.

ה אַ מ ו נ ק ו ל ו ס.

לאָז זי געהען! זעץ אַנידער
נאָר דיין ריטער, און דאַן גלייך
איהם קומט צוריק דאָס לעבען ווידער
ווייל ער זוכט׳ס אין פאַבעל־רייך.

פ אַ ו ס ט

(די ערד באטרעטענדיג.)

וואו איז זי? —

ה אַ מ ו נ ק ו ל ו ס.

מיר קענען דיר נישט זאָגען,
דאָך דאָ ווארשיינליך צו דערפרעגען.
אין אייל׳ניש קענסט דו, איידער ׳ס טאָגט,
זוכענדיג זי, געהן פון פלאַץ צו פלאַץ:
ווער ׳ס האָט צו די מאַמעס זיך געוואגט,
האָט ווייטער גאַרנישט וואָס צו ליידען.

מעפיסטאָפעלעס.

'ך האָב אין דעם שפּיעל דאָ אויך מיין טהייל;
דאָך פאַר אונזער גליק נישט וויים איך וואָס צו טהון!
ווי: יעדער זאָל זיך דורך די פייערן,
פּרובירען זוכען זיין פיעל געווינשטעס גליק.
דאַן, אום צו פאַראייניגען אונז ווידער,
לאָז, קלינגענד שיינען, קליינער, אונז דיין ליכט.

האָמונקולוס.

דאַן זאָל עס בליצען, זאָל עס קלינגען.
(דאָס גלאָז קלינגט און לייכט געוואַלטיג.)
יעצט פריש צו נייע וואונדער־זאַכען!

פאוסט

(אליין.)

וואו איז זי?— פרעג יעצט ווייטער נישט מעהר נאָך!... (114)
איז דאָס נישט די ערד, וואָס זי געטראָגען האָט,
נישט די כוואַליע, וואָס געקומען 'ז איהר אַנטקעגען,
דאַן איז 'ס די לופט וואָס האָט גערעדט איהר שפּראַך.
דאָ! דורך אַ וואונדער, דאָ אין גריעכענלאַנד!
'ך האָב גלייך דערפיהלט דעם באָדען וואו איך בין געשטאַנ'ן.
ווי 'ס האָט מיך, דעם שלעפער, דערפרישט אַ נייער גייסט,
אַזוי שטעה איך שוין, אַן אַנטעאוס אין געמיטה.
און געפין איך דאָ דאָס זעלטענסטע צוזאַמען,
דורכפאָרש איך ערנסט דעם לאַבירינט פון פלאַמען.

(דערווייטערט זיך.)

מעפיסטאָפעלעס

(ארומפאָרשענדיג.)

און ווי איך מיך אַרום די פייערלעך אַרומדרעה

דאָך געפֿין איך מיך דאָ גאָר אין גאַנצען פרעמד ; (115)
פֿאַסט אַלץ איז נאַק׳ט, נאָר דאָ און דאָרט באַהעמדעלט :
די ספינקסען גאָר אָהן בושה, אונפֿאַרשעהמט די גרייפֿען,
און אַלץ וואָס איז פֿאַראַן דאָ, לאָקיג און באַפֿליעגעלט,
פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטען זיך אין ד׳אויגען שפּיעגעלט...
כאָטש מיר זענען אויך נישט׳קשה אונאַנשטענדיג,
דאָך דאָס אַנטיקישע געפֿין איך צו לעבענדיג ;
אין נייסטען זין מוז מען דאָס באַמייסטערן,
און פֿאַרשיעדענאַרטיג מאָדיש איבערקלעפֿען...
אַן עקליג פֿאָלק ! דאַך דאַרף מיך נישט פֿאַרדריעסען
אַלס נייער גאַסט, אַנשטענדיג זיי צו גריעסען...
גליק אייך, איהר שעהנע פרויען, קלוגע גרייזען !

ג ר י י ף

(ברומענדיג.)

נישט גרייזען ! גרייפֿען ! — קיינער הערט נישט גערן
מען זאָל גרייז איהם רופֿען. אין יעדען וואָרט קלינגט
דער שורש פֿון וואַנען ׳ס קומט אַהער. (116)
גרוי, גרימצאָרן, גרייז־גרוי, גרויליך, גריעבער, גרימיג,
גלייך שטימען צווישען זיך עטהימאָלאָגיש,
און פֿאַרשטומען אונז.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

און דאָך, געפֿעלט אייך
דאָס וואָרט ג ר י י ף און עהרענטיטעל ג ר י י פ ע ן.

ג ר י י ף

(ווי אויבען און אימער אזוי.)

נאַטירליך ! די פֿאַרוואַנדשאַפֿט איז באַוויזען
כאָטש אָפֿט באַליידיגט דאָך אָבער מעהר געלויבט ;

ווער עס גרייפט נאָר מיידלעך, קרוינען, גאָלד;
דעם גרייפענדעס האָט מעהר פ אָ ר ט ו נ א האָלד. (117)

מ ו ר א ש ק ע ס

(פון ריעזענהאפטען מין.)

איהר רעדט פון גאָלד, מיר האָבען פיעל געזאַמעלט,
אין פעלז און העהלען שטיל עס גוט באַהאַלטען;
דאָס ארימאספען־פאָלק האָט עס אויסגעשפּיערט
און לאכען דאָרט, וואו ז'האָבען עס אוועקגעפיהרט.

ג ר י י פ ע ן.

מיר וועלען צווינגען זיי זיך מודה זיין.

אָ ר י מ א ס פ ע ן (118)

נאָר נישט אין דער פרייער יובעל־נאַכט.
ביז מאָרגען איז שוין אַלץ פאַרשוואונדט
דאַסמאָל וועט עס זיכער אונז געלינגען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(וועלכער האָט זיך צווישען די ספינקסען געזעצט.)

ווי לייכט און גערן געוואוין איך מיך דאָ צו!
ווייל איך פאַרשטעה אייך אַלע דאָ.

ס פ י נ ק ס.

מיר הויכען אונז'רע גייסטער־טענער
און איהר פאַרקערפּערט זיי דערנאָך.
יעצט זאָג ווער ביזט דו, ביז מיר דיך בעסער קענען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

מיט פיעלע נעמען ליעבט מען מיך צו רופען —
זענען בריטען דאָ? זיי רייזען פיעל ארום

שלאַכטפעלדער, וואַסערפאַלען אָנצוקוקען,
איינגעפאַל׳נע מויערן, קלאַסיש מאַכ׳גע פלעצער;
דאָ וואָלט פאַר זיי געווען אַ גוטער ציעל.
זיי זענען עדות: אין אַלטע ביהנען־שפּיעלען
האָט מען מיך געזעהן אַלס „אָלד איניקואיטי“ (119)

ספינקס.

ווי איז עס איינגעפאַלען?

מעפיסטאָפעלעס.

׳ך ווייס אַליין נישט.

ספינקס.

קען זיין! פאַרשטעהסט דו עטוואָס פון די שטערן?
וואָס זאָגסט דו צו דער יעצטיגער שטונדע?

מעפיסטאָפעלעס

(אַרויפקוקענדיג.)

שטערן יאָגט נאָך שטערן, האַלב־לבנה ליכטיג שיינט,
מיר איז אויף דעם ליעבען פּלאַץ דאָ גוט,
אין דיין לייבענפעל דערוואַרם איך מיך.
דאָרט אַרויפצוקריכען וואָלט געווען אַ שאָד;
גיעב רעטענישען, אָדער גאָר שאַראַדען!

ספינקס.

רוף נאָר אָן דיך, וועט אַ רעטעניש שוין זיין. (120)
פּרוביער אַמאָל דיך אינערליך אויסצופאָרשען:
„נעטהיג פאַר דעם פרומען מענש, ווי פאַר דעם שלעכטען;
דעם אַ פּאַנצער פאַר אַסקעטישען קאַמפף;

אַ פריינד דעם אַ נ ד ע ר ן, צו ווילדע שטוקעס,
אוןביידע, בלויז אום צעאום׳ן צו אַמוזירען.“

ע ר ש ט ע ר ג ר י י ף

(ברומענדיג.)

׳ך קען נישט ליידען איהם!

צ ו ו י י ט ע ר ג ר י י ף

(שטאַרקער ברומענדיג.)

וואָס וויל דען ד ע ר דאָ?

ב י י ד ע.

דער אַבשייליכער באַלאַנגט גאָר נישט אַהער.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(ברוטאַל.)

גלויבסט דו אפשר אַז דעם גאַסט׳ס נעגעל קראַצען
נישט אַזוי גוט ווי דיינע שאַרפע קלויען?
פרוביר עס נאָר!

ס פ י נ ק ס

(מילד.)

קענסט דאָ רוהיג בלייבען,
עס וועט פון אונזער מיט אַליין דיך טרייבען;
אין דיין אייגען לאַנד, איז עס פאר דיר גוט,
דאָך דאָ, דאַכט מיר, איז דיר שלעכט צו מוט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דו ביזט גאַנץ אַפעטיטליך אויבען אָנצוקוקען,
דאָך אונטען דאָרט, די בעסטיע מאַכט מיך גרוילען.

ספינקס.

דו פאַלשער, דיין חרטה וועט זיין ביטער.
ווייל אונז'רע לאַפּעס זענ'ן געזונד;
דיר, מיט דיין פאַרדאַרטען פערדענפוס,
וועט אין אונזער בונד נישט גוט זיין.

(סירענען זינגען אויבען.)

מעפיסטאָפעלעס.

ווער זענ'ן די פייגעל, וואָס זיך וויעגען
אויף די פּאַפּעל־ביימער צווייגען?

ספינקס

היט אייך נאָר! די בעסטע
האָט אַזאַ געזאַנג באַזיעגט שוין.

סירענען. (121)

אַך, דאָ בלייבען איז צואווידער,
אין דעם העסליך וואונדערבאַרען!
הערט, מיר קומען דאָ אין שאַאַרען,
און אין גוט געשטימטע ליעדער;
אַזוי פּאַסט עס פאַר סירענען.

ספינקסען

(פאַרשפּאַטענדיג זיי אין דער זעלבער מעלאָדיע.)

צווינגט זיי נאָר אַראָבצושטייגען!
זיי באַהאַלטען אין די צווייגען
זיי'רע מיאוס'ע פאַלקען־קראַלען,
אום אויף אייך דאַן אָנצופאַלען,
ווען איהר הערט זיך צו צו זיי.

ס י ר ע נ ע ן.

אוים מיט האָס! נישט מיט באַנייידען
זאַמלען מיר די שעהנסטע פריידען,
אונטער הימעל וואָס פאַרשפּרייט!
ווייט אויף די ים'ען, אויף דער ערד,
מיר, יעדען איינעם וואָס איז ווערטה,
צו ווילקאָמען זענען גרייט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאָס זענ'ען די ליעבע נייאיגקייטען,
וואָס פון דעם האַלז און פון די סטרונעס,
איין טאָן אַרום דעם אַנדערן זיך פלעכט.
דאָס טרילערן איז פאַר מיר פאַרלוירען;
עס קיצעלט מיר אפילו 'ן די אוירען,
נאָר אין הארצען דרינגט עס נישט.

ס פ י נ ק ס ע ן.

רעד נישט פון הארץ! 'ס איז פּוסטע גאוה;
אַ לעדערנער צעקנייטשטער בייטעל
פּאַסט דיר גיעכער צום געזיכט.

פ א ו ס ט

(צוקומענדיג.)

ווי וואונדערבאַר! ס'געפעלט דער אַנבליק מיר
פון די גראָבע דאָך גרויסע טיכט'גע ציגען. (122)
א גינסטיגען שיקזאַל פיהל איך שוין;
וואוהין טראָגט מיך אוועק דער ערנסטער בליק?

(אויף די ספינקסען צייגענדיג.)

פאַר אַזעלכע איז ע ד י פּ ו ס אַמאָל געשטאַנען; (123)

(אויף די סירענען צייגענדיג.)

פאַר אַזעלכע האָט א ו ל י ם געקרימט זיך אין האַנפ׳נע
בענדער ;

(אויף די מוראשקעס צייגענדיג.)

געזאַמעלט פון אַזעלכע איז געווען דער גרעסטער שאַץ ;

(אויף די גרייפען צייגענדיג.)

פון די געטריי און עהרליך גוט געהיט :
פון פרישען גייסט פיהל איך מיך דורכדרונגען ;
גרוים זענען די געשטאַלטען, גרוים ד׳ ערינערונגען !

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אַמאָל וואָלסט דו פאַרשאַלטען אַזעלכע,
דאָך, ווי מיר שיינט, געפעלען זיי דיר יעצט ;
ווייל וואו מען די געליעבטע זוכט,
זען׳ן מיאום׳קייטען אויך ווילקאָמען.

פ א ו ס ט (צו די ספינקסען).

איהר פרוי׳ן געשטאַלטען מוזט מיר ענטפערן יעצט :
האָט אימיצער פון אייך געזעהן העלענאַ ?

ס פ י ק ס ע ן.

מיר גרייכען נישט ביז וויים צו איהרע טעג.
די לעצטערע האָט ה ע ר ק ו ל ע ס דער׳הרג׳עט. (124)
פון כ י ר אָ ן קענסט דו דיך דערפרעגען ;
ער שפרינגט ארום דאָ אין דער גייסטער־נאַכט ;
ווען ער דיר העלפט, דאַן האָסט דו ׳ס וויים געבראַכט.

ס י ר ע נ ע ן.

זאָלסט אויך אין דיין ציעל נישט פעהלען !..
ווען אולים ביי אונז פאַרווײלט האָט,

ניִשט פֿאַרשעהמט אונז איבעראַיילט האָט,
פֿיעל האָט ער געוואוסט צ׳ ערצעהלען;
אַלעם וועל׳ן מיר דיר פֿאַרטרויען,
ווען דו וועסט דיך צו אונז טרויען,
ביי דעם שעהנעם גרינעם ים.

ספינקס

לאָז דיר, עדלער, נישט פֿאַרפֿיהרען!
שטאט זיך לאָזען בינד׳ן ווי אוליס,
לאָז אונזער גוטער ראָטה דיך בינדען;
קענסט דו דעם עדלען כיראָן נאָר געפֿינען,
וועסט ד׳ערפֿאַהרען אַלץ וואָס מיר דיר זאָגען.

(פֿאוסט דערווייטערט זיך.)

מעפיסטאָפעלעס (געערגערט).

וואָס קרעכצט פֿאַרביי מיט פֿליגעל־שלאָג?
׳זוי שנעל אַז מען׳ם נישט זעהען קען,
און איינם אַלץ יאָגט זיך נאָך דעם צווייטען;
אַ יעגער וואָלט אַזש מיעד געוואָרן.

ספינקס

גלייך ווי דער שטורם פֿון ווינטערווינד,
פֿון אַלסידעס׳ם פֿיילען קוים דערגרייכבאַר,
דאָס זענ׳ן די פֿלינקע סטימפֿאַלידען, (125)
זיי׳ר קרעכצען־גרוס איז גוט געמיינט,
מיט אָדלער־שנאָבעל און גענזען־פֿוס.
זיי וואָלטען וועל׳ן אין אונז׳רע קרייזען
זיך אַלס שטאַמפֿאַרוואַנדטע ווייזען.

מעפיסטאָפעלעס (ווי דערשראָקען).

נאָך עטוואָס צישט אין מיטען דאָרט.

ספינקס

דאַרפסט זיך פאַר זיי אויך נישט שרעקען!
דאָס זענ'ן די קעפּ פון דער לערנעאישער שלאַנג. (126)
פון קערפּער אָבגעשניט'ן און מיינ'ן זיי זענ'ן עטוואָס —
דאָך זאָגט, וואָס וועט דאָ פון אייך ווערן?
צו וואָס אַזוי אונרוהיג זיין?
וואו ווילט איהר געהן? דאַן געהט אייך גלייך!..
און ווי יענער כאָר דאָרט,
מאַכט צו דרעהען אייך דעם האַלז; צווינגט אייך נישט,
געהט! באַגריעסט וועלכ' עס איז דאָרט שעהן געזיכט!
די לאַמיען זענען עס, לופט-שעהנע מיידלעך, (127)
מיט שמייכעל-ליפּען און פרעכע שטערנס,
ווי זיי דעם סאַטיר-פאָלק געפעלען;
אַ קלויען-פוס מעג אַלץ דאָרט וואַגען,

מעפיסטאָפעלעס.

איהר בלייבט דאָך דאָ, 'ך זאָל אייך געפינען ווידער?

ספינקס.

יא! מיש דיך אוים אין לופטיגען געזינדעל.
מיר זענען פון עגיפּטען נאָך געוואויהנט,
אַז אונזער איינע זאָל רעגירען טויזענד יאָהר.
און אויב איהר גיט אָב כבוד אונזער פּלאַץ,
דאַן רעגיערען מיר די זון- און אויך לבנה-טעג.

מיר זיצען פאַר די פּיראַמידען,
אַלס די פעלקערס הויך-געריכט,
איבערשוועמונג, קריעג און פריעדען —
און פארקרימ'ן נישט דאָס געזיכט.

IV

פּענעיאָס (128)

(ארומגערינגעלט פון וואסערן און נ י מ פ ע ן).

פּ ע נ ע י אָ ס.

רעג דיך שנעל, דו ווערב׳ געפליסטער,
הויכט נאָר שטילער, ראָהרען־שוועסטער,
מורמעלט שטילער, ווערבע־קוסטעס,
פליסטערט זאַנפטער, פּאַפּעל־צווייגען,
צו דעם אונטערבראָכ׳נעם טרוים!
מיך וועקט אַ שרעקליכער געוויטער,
אַ סודות׳דיג־באַוועגליך ציטערן
שרעקט מיך פון מיין שלאָף אין שטראָם.

פּ אַ ו ס ט (צום שטראָם צוקומענדיג).

הער איך גוט, דאַן מוז איך גלויבען
הינטער די געפלאָכט׳נע בלעטער
פון די צווייגען פון די ביימלעך,
קלינגט אַ מענשען־עהנליך קול.
׳ס דאַכט מיר ׳ך הער די כוואַליעס פּלאַפּלען,
און זעפיר ווי שפּאַס צו מאַכען.

נ י מ פ ע ן (129) (צו פאוסט).

אַם בעסטען געוועז וואָלט,
דו לעגסט דיך אַנידער,
ערהאָלסט דאָ אין קיהלקייט,
ד׳ ערמיעדעטע גליעדער,

געניעסט דאָ, די שטענדיג,
דיך מיידענדע רוה,
מיר רוישען, מיר פלוישען,
מיר שעפּשען דיר צו.

פ א ו ס ט

איך בין ערוואכט! אָ, לאָזט זיי וואלטען
די אונפארגלייכליכע געשטאַלטען,
וואו זיי אַהין מיין אויג פאַרפאָלגט.
ווי וואונדערבאַר איך פיהל מיך יעצט געריהרט!
איז עס חלומות? צו זכרונות?
ביזט שוין אַמאָל געוועזן אַזוי באַגליקט.
וואסערן פליעסען, דורך די פרישע
און געדיכטע, זאַנפט באַוועגטע קוסטעס.
זיי רוישען נישט, זיי שעפשען קוים;
פון אַלע זייטען הונדערט קוואַלען
פאַראייניגען אַ ריינעם, קלאָהרען,
צום באָדען זיך, אַ פלאַך־פאַרטיעפטען פלאַץ.
געזונדע יונגע פרויענגליעדער,
פאַרדאָפּעלט פון דעם פייכטען שפּיעגעל,
מיט לוסט דערפרייען זיי דאָס אויג!
אינאיינעם באָדענדיג זיך פריילעך,
שטאָלץ שווימענדיג, קריכענדיג מיט שרעק,
צולעצט געשריי און וואסערשלאַכט.
'ך וואָלט מיך מיט דעם בעדארפט באַגניגען,
מיין אויג וואָלט דאָ בעדאַרפט געניעסען,
דאָך אימער וויטער שטרעבט מיין זין.
דער בליק דרינגט שטאַרק צו יענעם צודעק
פון די רייכע גרינע בלעטער,
וואָס באהאַלט די שטאָלצע קעניגען.

וואונדערבאַר! אויך שוואַנען קומען,

פון די בוכטען שווימענדיג אַהער
מאַיעסטעטיש ריין באַוועגט.
צאַרט אינאיינעם רוהיג שוועבענדיג,
אָבער שטאָלץ, אַליינגעפעליג,
באַוועגען זיי דעם קאָפּ און שנאָבעל...
איינער אָבער, מעהר פון אַלע,
שיינט אליין זיך צו געפעלען,
יאָגט זיך שטאָלץ דורך אַלע שנעל;
די ווייסע פעדערן בלאָזט ער אויף,
אַ כוואַליע שוועבענדיג אויף כוואַליעס,
יאָגט ער צו דעם הייליגען אָרט...
די אַנדערע שווימען אַהין און צוריק
מיט פעדערן וואָס רוהיג גלאַנצען
באַלד אויך מיט ליעבען לוסט'גען קאַמפּף
די אונשולד'גע מיידלעך צו פאַרטרייבען,
זיי זאָלען פון זיי'ר דיענסט נישט דענקען,
נאָר פון דער אייג'נער זיעכערקייט.

נימפען.

אייער אוי'ר לעגט, שוועסטער איהר,
דאָ ביי די ברעגעס, אויף דער ערד,
הער איך גוט, דאַן דאַכט זיך מיר,
אַ קלאַנג ווי פון די פיס פון פערד.
'ך וואָלט וועלען וויסען, ווער די נאַכט,
שנעל שלוחות האָט געבראַכט.

פאוסט

מיר דאַכט איך הער, עס קלינגט די ערד,
ווי פון אַ גאַלאָפּיר'נדיג פערד.

אָט דאָרט מיין בליק!
עס קומט מיין צוקונפט'ס גליק.

זאָל עס מיך שוין דערגרייכען?
אָ, וואונדער גאָר אָהן גלייכען!

א רייטער קומט אהער געיאָגט,
ער שיינט מיט גייסט און מוטה באַגאַבט,
פון א שנעע־ווייסען פערד געטראָגען...
איך האָב קיין טעות, ׳ך קען איהם שוין,
׳ס איז פ י ל י ר א ׳ ס באַריהמטער זוהן! —
וואַרט, כיראָן! וואַרט! איך האָב דיר וואָס צו זאָגען.

כ י ר אָ ן.

וואָס איז? וואָס ווילסט דו?

פ א ו ס ט

האַלט איין דיין שריט.

כ י ר אָ ן.

איך רוה נישט.

פ אַ ו ס ט.

דאַן נעהם מיך מיט, איך בעט דיך!

כ י ר אָ ן.

זעץ דיך אויף! אַזוי קען איך אַלץ דיך פרעגען:
וואו פיהרט דיין וועג דיך? שטעהסט ביים ברעג דאָ,
איך בין באַרייט דיך דורך דעם שטראָם צו טראָגען.

פ אַ ו ס ט (ארויפזעצענדיג זיך).

וואוהין דו ווילסט. אויף עביג דאַנק איך דיר...
דער גרויסער מאַן, דער עדלער פעדאַגאָג,

וואָס, זיך צום כבוד, האָט אַ העלדען־פאָלק ערצויגען,
דעם שעהנעם קרייז פון ד׳ עדלע אָרגאַנאוטען, (131)
פון אַלע די, וואָס האָב׳ן דעם דיכטער׳ס וועלט געשאַפען.

כ י ר אָ ן.

מיר וועלען יעצט דערפון נישט רעדען!
אפילו פּאַלאַס האָט אַלס ראַטהגעבער קיין כבוד נישט; (132)
ענדליך טהוען זיי דאָך אַלעס ווי זיי ווילען,
גלייך זיי וואָלטען נישט געוועזן ערצויגען.

פ אַ ו ס ט.

דעם אַרצט, וואָס אַלע פּלאַנצען ווייסט,
די טיעפקייט פון די וואורצלען קען,
דעם קראַנקען היילט, לינדערט אַלע וואונדען,
אומאַרם איך דאָ אין גייסט — און קערפּערקראַפט.

כ י ר אָ ן.

איז אַ העלד געוואָרן מיר פארוואונדעט,
האָב איך גלייך געוואוסט צו שאַפען הילף און ראַטה;
דאָך, האָב איך מיין קונסט איבערגעלאָזט
צו אַלטע ווייבער און גלחים.

פ אַ ו ס ט.

דו ביזט דער אמת, גרויסער מענש,
וואָס קען קיין לויבענסוואָרט נישט הערען;
ער וויל באַשייד׳ן אונז מאַכען גלויבען,
אַז עס זענ׳ן פאַראַן פיעלע ווי זיין גלייכען.

כ י ר אָ ן.

מיר דאַכט דו ביזט אַ גאַנץ געשיקטער מענש,
דעם קעניג ווי דאָס פאָלק צו שמייכלען.

פאוסט.

דו וועסט מיר אָבער דאָך געשטעהן,
דו האָסט די גרעסטע פון דיין צייט געזעהן,
נאָכגעשפירט דעם עדעלסטען אין זיינע טהאטען,
די טעג האַלב־געטליך ערנסט דורכגעלעבט. —
אָבער אונטער אַלע העלדישע געשטאַלטען,
וועמען האָסט דו פאַר דעם טיכטיגסטען געהאלטען?

כיראָן.

אין דעם עדלעם אַרגאָנאוטען קרייז
איז יעדער גוט געווען אויף זיין שטייגער
און לויט דער קראַפט, וואָס ׳ר האָט פאַרמאָגט,
האָט ער דערזעצט וואו ׳ם האָט געפעהלט דעם צווייטען.
די דיאָסקורען האָבען איבעראַל געזיעגט, (133)
וואו יוגענד נאָר און שעהנקייט האָט געהערשט.
ענטשלוס און שנעלע טהאַט פאַר יענעמ׳ס גליק,
איז פון די באָרעאַדען געווען דער שעהנסטער טהייל.
נאָכדענקענד, קרעפטיג, קלוג און גוט אין ראַטה,
געהערשט האָט יאַזאָן, פרויען אַנגענעהם.
דאַן, אָרפעאוס, צאַרט און אימער שטיל פאַרטראַכט,
אָבער אויף דער לירע, אַלע איבערוועלטיגט.
שאַרפזיכטיגער לינצעאוס, וועלכער, טאָג און נאַכט,
האָט דאָס הייליגע שיף דורך שטיין צום ברעג געבראַכט.
נאָר אינאיינעם קען מען די געפאַהר באַזיעגען,
און ווען איינער שאַפט, לויבט מען אַל׳ אינאיינעם.

פאוסט.

און הערקולעסן ווילסט דו נישט דערמאָנען?

כיראָן.

אָ, וועה! וועק נישט אויף מיין בענקען...

איך האָב פ ע ב ו ס נישט געזעהען, (134)
נישט א ר ע ס, ה ע ר מ ע ס, ווי זיי הייסען;
דאָך האָב איך געזעהן פאַר מיינע אויגען שטעהן,
דאָס וואָס אַלע מענשען רופען געטליך אָן.
אַ קעניג איז געוועזן געבוירען ער,
אַלס אינגלינג ליעבליך אָנצוזעהן;
דעם עלטערן ברודער אונטערטהעניג,
און אויך צו אַלע שעהנסטע פרויען.
אַ צווייטען האָט נישט ג ע אַ מעהר,
און ה ע ב ע פיהרט איהם נישט אין הימעל;
אומזיסט באַמיהען זיך די ליעדער,
אומזיסט נאָר קוועהלען זיי דעם שטיין.

פ אַ ו ס ט.

ווי פיעל עס פלאַגען זיך די סקולפטאָרס,
קענען זיי נישט אַזוי שעהן איהם צייגען.
פון שעהנסטען מאַן האָסט דו גערעדט שוין,
יעצט רעד איך פון דער שעהנסטער פרוי! (135)

כ י ר אָ ן.

וואָס!.. פרויענשעהנקייט מיינט דאָך גאָרנישט;
און אויך צו אָפט אַ שטומעס בילד;
נאָר אַזאַ וועזען קען איך לויבען,
וואָס פריילעך קוועלט מיט לעבענסלוסט.
געבענשט איז שעהנקייט בלויז פאַר זיך נאָר;
דאָס גראַציעזע איז אונוויעדערשטעהליך,
ווי העלענאַ, ווען 'ך האָב זי געטראָגען.

פ אַ ו ס ט.

דו האָסט זי געטראָגען?

כ י ר אָ ן.

יאָ, דאַ אויף דעם רוקען.

פ אָ ו ס ט.

בין איך שוין נישט פאַרווירט גענוג?
און אזא זיץ מוז מיך באַגליקען!

כ י ר אָ ן.

ז' האָט מיך געהאַלטען ביי די האָר,
ווי דו עס טהוסט.

פ אָ ו ס ט.

אָ, איך פאַרליער
מיך גאָר אין גאַנצען! דערצעהל וו' אַזוי?
זי איז מיין איינציגער באַגעהר!
וואוהין, זאָג, האָסט דו זי געטראָגען?

כ י ר אָ ן.

די פראַגע איז צו ענטפערן לייכט.
די דיאָסקורען האָב'ן צו יענער צייט, (136)
דאָס שוועסטערל פון רויבער־האַנד באַפרייט.
דאָך זיי, נישט געוואוינט, באַזיעגט צו זיין,
האָב'ן מיט מוטה גענומען יאָגען זיך נאָך זיי.
דאַן זענען זיי, די ברידער, שטעהן געבליבען,
ביי די זומפּען פון עלייזיס.
זיי האָב'ן געברויזשעט, איך געיאָגט, געשוואומען אַריבער;
דאַן איז זי אַראָבגעשפּרונגען און געגלעט
מיר די פייכטע גריוועס, און געשמייכעלט,
געדאַנקט מיר ליעבליך־קלוג און זעלבסט באַוואוסט.
ווי רייצענד ז' איז געווען! יונג, דעם אַלטענס לוסט!

פ אָ ו ס ט.

בלויז זיעבען יאָהר!..

כיראן.

איך זעה, די פילאָלאָגען (137)
האָבען דיך, ווי זיך אַליין גענאַרט.
מערקווירדיג איז עס מיט דער מיטהאָלאָג'שער פרוי:
דער דיכטער ברענגט זי, ווען ער דאַרף צום שפיעל זי האָבען;
אויך ווערט זי נישט קיינמאָל עלטער,
און איז שטענדיג אַפּעטיטליך;
ווערט יונג פאַרפיהרט, ווען עלטער, נאָך באַגעהרט;
גענוג, עס בינדט דעם דיכטער נישט קיין צייט.

פאוסט.

דאָן זאָל זי אויך דורך צייט נישט זיין געבונדען!
האָט דאָך אַ כ י ל ע א ו ס אויף פ ע ר ע זי געפונען
אויסער יעדער צייט. וואָס פאַר אַ זעלטען גליק:
אַזאַ געוואונ'נע ליעבע געגען דעם שיקזאַל!
און זאָל נישט איך, דורך בענקענדער געוואַלט,
אין לעבען ברענגען די איינציגע געשטאַלט,
דאָס עביגע וועזען, וואָס איז געטער־עהנליך,
צאַרט ווי גרויס, ערהאַב'ן ווי ליעבענסווירדיג.
דו האָסט ז'אַמאָל געזעהן! איך האָב זי ה י י נ ט געזעהן,
אַזוי שעהן ווי רייצענד, ווי געווינשט 'זוי שעהן.
יעצט איז מיין זין, מיין וועזען שטאַרק געבונדען;
באַזיץ איך זי נישט, קען איך אויך נישט לעבען.

כיראן.

מיין פרעמדער מאַן! אַלס מענש ביזט דו ענטציקט;
דאָך צווישען גייסטער זעהסט דו ווי משוגע אויס.
אָבער 'ס טרעפט זיך גראַדע צו דיין גליק;
ווייל יעדעס יאהר, אויף עטליכע אויגענבליק,
קום איך צו זעהן דאָ מ אַ נ ט אָ, (138).
די טאָכטער עסקולאַפּ'ס; אין שטילע תפילות,

בעט דעם פאָטער זי, אַז, פאַר זיין כבוד,
זאָל באַלייכטען ער די מוחות פון די ערצטע,
און באַקעהרען זיי פון פרעכען טויט־שלאג.
איך ליעב זי מעהר פון אַלע די סיבילען:
נישט ווילד־פאַרדרעהט, וואוילטהעטיג־מילד;
איהר וועט עס אין אַ קורצער צייט געלינגען,
מיט וואורצעל־קרעפטען אויסצוהיילען דיך.

פ אַ ו ס ט.

איך וויל נישט ווערן געהיילט! מיין זין איז מעכטיג,
אַנדערש וואָלט געוועזן איך וו'אַנד'רע, ניעדערטרעכטיג.

כ י ר אָ ן.

פאַרזאַם נישט די היילונג פון דעם עדלעם קוואַל!
יעצט שנעל אַראַב! מיר זענען אויף דער שטעל שוין.

פ אַ ו ס ט.

זאָג מיר, וואוהין האָסט דו, אין שרעקענס־נאַכט,
דורך קיעזעל־וואַסער מיך אויף לאַנד געבראַכט?

כ י ר אָ ן.

געטראָצט דאָ האָבען רוים און גריעכענלאַנד אין קאַמפף,
פענעיאָס רעכטס, לינקס ביי דער זייט אָלימפּוס,
דאָס גרעסטע רייך, וואָס זיך אין זאַמד פאַרליערט.
'סאַנטלויפט דער קעניג, דער בירגער טריאומפירט.
בליק אויף! דאָ שטעהט פאר אונז גאַנץ נאָה'נט,
דער עביגער טעמפעל אין לבנה גלאַנץ.

מ אַ נ ט אָ
(אינוועניג, חלום'דיג).

פון פערדישע קלויען קלעפּ

קלינגען די הייליגע טרעפּ;
האַלבגעטער קומ'ן אַהער מיר דאַכט.

כ י ר אָ ן.

גאַנץ ריכטיג!
נאַר די אויגען אויפגעמאַכט!

מ אַ נ ט אָ
(ערוואַכענדיג)

ווילקאָמען! איך זעה דו בלייבסט נישט אוים.

כ י ר אָ ן.

דאָ שטעהט דאָך נאָך דיין טעמפּעל־הויז!

מ אַ נ ט אָ.

יאָגסט דו נאָך, אונערמיעדליך, אַלץ אַרום?

כ י ר אָ ן.

דו וואוינסט נאָך אַלץ אין שטילען פריעדען,
אין צייט וואָס יאָגען מיך דערפרעהט..

מ אַ נ ט אָ.

איך וואַרט, אַרום מיר דרעהט די צייט זיך.
און דער דאָ?

כ י ר אָ ן.

די פאַרשאָלט'נע נאַכט
האָט איהם ווירבלענדיג אַהער געבראַכט.
העלענען, מיט משוגע'נעם פאַרלאַנגען,
העלענען וויל ער זיך געווינען,

אונ ווייסט נישט, וו׳ אַזוי אָנצוהויבען זוכען;
׳ר איז אַן עקסולאַפּישע רפואה ווערטה.

מ אַ נ ט אָ.

דעם ליעב איך, ווער אונמעגליכעם באַגעהרט.

(כיראָן איז שוין ווייט אַוועק.)

טרעט אַריין, געוואַגטער, זאָלסט דיך פרעהען!
דער טונקלער וועג דאָ פיהרט צו פּ ע ר ס ע פ אָ נ ע ׳ ן (139)
אין דעם אָלימפּוס׳ס לעהרען פוס,
וואַרט זי אויף אַ פאַרבאָטענעם גרוס.
׳ך האָב דאָ אַמאָל אָרפעאוס׳ן אַריינגעפיהרט;
ד ו באַנוץ עס בעסער! פריש! מיט מוטה!

(זיי שטייגען אַראָב.)

IV.

אויף דעם אויבערשטען פענעיאם

סירענען (140)

(ווי צופאַר.)

שטירצט אייך אין פענעיאַם'ם פלוטה!
'ם איז, ווייזט אוים, דאָ גוט צו שווימען,
ליעדער זינגט מיט גוטע שטימען,
פאַר'ן אונגליקליכ'ן פאָלק צום גוט.
וואו קיין וואַסער, דאָרט קיין הייל!
לאָמיר יאָג'ן, מיט לוסט'גע ליעדער,
צום עגעישען ים יעצט ווידער,
וואו די לוסט איז אונזער טהייל.

(ערדציטערניש)

שוימענדיג די כוואַל' קומט ווידער,
לעגט זיך נישט אין שטראָם אַנידער;
'ם ברומט דער גרונד, עס רוישט דאָס וואַסער,
'ם רויכערט זיך דער ברעג דער נאַסער.
לאָמיר לויפען! קומט! קומט, יעצט!
ווער דאָס וואונדער דאָ נישט שעצט.
אוועק! איהר עד'לע פרעהל'כע געסט,
און קומט צום ים, צום לוסט'גען פעסט,
וואו די בלאַנקענד ציטער־וועלען,
ברעג באַנעצען, ליעבליך שוועלען,
דאָרט וואו לונא דאָפּעלט לייכטעט,
אונז מיט הייל'גען טהוי באַפייכטעט;
אַ פרייעם לעבען דאָרט ביים ברעג,
דאָ, אַן ערד־ציטערניש פול שרעק;

יעדער קלוגער איילט זיך פֿאָרט!
שווידערהאַפֿט איז דאָ דאָס אָרט.

סעיסמאָס (141)

(ברומענדיג און שטויסענדיג אין דער טיפֿעניש).

נאָך איינמאָל מיט קראַפֿט געשיבען,
מיט די אַקסעל שטאַרק געהויבען!
אַזוי קומען מיר דאַן אויבען,
וואו אונז אַלעס וויכען מוז.

ספֿינקסען.

וואָסער מיאוס'ער געציטער,
העסליך שווידערהאַפֿט געוויטער!
ווי עס ציטערט, וואַרפֿט דאָס לעבען,
וואַקלענדיג זיך אין דעם שטרעבען!
אַן אָבשטויסענדער פֿאַרדרוס!
דאָך ריהר'ן מיר זיך נישט פֿון דער שטעל,
מעג פּלאַצען דאָ די גאַנצע העל'.

יעצט זיך הייבען אויף געוועלבער
וואונדערבאַר. עס איז דערזעלבער,
יענער אַלטער, לאַנג פֿאַרגרויטער,
וואָס ד' אינזעל דעלאָס האָט געבויט ער,
א געהנ'דיגער־צוקינד צוליעב,
פֿון ים געיאָגט מיט שטאַרקען טריעב.

ער מיט שטרעבען, דראַנג און דריקען,
שטייף די הענד, געקרומט דעם רוקען;
ווי אַן אַטלאַס אין זיין שטעהען, (142)
העבט ער באָדען, ערד, אָהן וועהען;
שטיינדלעך, קיזעל, ליים און זאַמד,

פון אונזער בעט ביים וואסער־ראנד.
אזוי צערייכט ער מיט אמאהל
א גרויס שטיק לאנד פון שטילען טהאל.
אנגעשטרענגט, דאך קיינמאל מיד,
א ריעזען־גרויסער קאריאטיד,
טראגט א פאנצער לויטער שטיין,
און מוז אין ד׳ר ערד א העלפט נאך שטעהן.
ווייטער אבער זאל׳ס נישט קומען,
ספינקסען האבען פלאץ גענומען.

סעיסמאס (143)

אז איך האב אליין דאס אויפגעטהון
וועט מען דאך ענדליך מוזען געשטעהן:
און וואלט איך נישט געשטורמט און געטרייסעלט
וואלט די וועלט דען אזוי שעהן געווען?
ווי וואלטען איי׳רע בערג געשטאנען אויבען
אין פרעכטיג־ריינעם עטהער בלוי
וואלט איך זיי ניט ארויפגעהויבען,
צו־א מאלעריש־ענטציקטעם בילד?
עס האבען מיך אין אלטע צייטען,
געזעהן די נאכט אין כאאס, ווי איך האב,
אין געזעלשאפט פון טיטאנען, (144)
מיט פעליאן און אססא געווארפען ווי מיט באלן,
מיר האב׳ן געצארנט פון יוגענדליכער היץ,
ביז, איבערדריסיג, נאך צולעצט,
האבען מיר אויף דעם פארנאס, ווי א דאפעל־מיץ,
דיביידע בערג מיט כעם ארויפגעזעצט.
זיצט פארווילט אפאלא פרעהליך דארט,
מיט א מוזען כאר א ליעבליכען.
אפילו יופיטערן, מיט זיינע דונער־פיילען,
האב אויפגעהויבען איך דעם שטוהל.

און יעצט, מיט אונגעהייערן שטרעבען
האָב געדרענגט איך מיך פון גרונד ארויף,
און פאָדער שטאַרק צו נייעם לעבען
אויף, מיר פרעהליכע באַוואוינער.

ספינקען.

אוראַלט, מוזען מיר געשטעהען
וואָלט דאָס געשאָפ׳נע אויסגעזעהען,
וואָלטען מיר נישט אליין געזעהען,
ווי ׳ס האָט פון ד׳ערד ארויסגעריסען זיך
יעצט באַדעקט דאָס אַלץ געדיכטע וועלדער,
נאָך דרינגט אריין זיך פעלז צו פעלז,
א ספינקס וועט זיך דערפון נישט שרעקען
מיר לאָזען אונזער הייל׳גען זיץ נישט שטערען.

גרייפען.

גאָלד אין בלעטלעך, גאָלד אין פליטערן,
דורך די שפּאַלטען זעה איך ציטערן.
לאָזט אייך אַזאַ שאַץ נישט רויבען!
אימזען יאָגט עס אויפצוקלויבען. (145)

כאָר פון מוראַשקעס.

ווי איהם די ריעזיגע
ארויסגעהויבען,
יאָגט איהר, לייכט-פיסיגע,
שנעל ארויף אויבען!
יאָגט ארוים און אריין!
אין אַזעלכע שפּאַלטען
מוז יעדעס ברעקעל זיין
ווערטה צו באַהאַלטען.

דאָס קלענסטע, דאָס מינדעסטע
מוזט איהר אַנטדעקען,
אין אַלע עקען.
פלייסיג אויך מוזט איהר זיין,
און איילט אייך גיך צו;
ברענגט בלויז דאָס גאָלד אריין!
דעם בארג לאָזט צורוה.

ג ר י י פ ע ן.

אריין! אריין! ברענגט גאָלד צענויף!
מיר לעגען אונז׳רע קלוי׳ן אַרויף,
דאָס זענען ריגלען פון בעסטען סאָרט,
דער שאַץ איז זיכער אויף דעם אָרט.

פ י ג מ ע י ע ן. (146)

מיר האָבען ווירקליך פּלאַץ גענומען,
ווייסען נישט ווי ׳ס איז געשעהן;
פרעגט אונז נישט פון וואַנ׳ן מיר קומען,
׳ס איז גענוג, איהר קענט אונז זעהן.
אין לעבענס-לוסט א פּלאַץ צו האלטען,
פּאַסט זיך צו איעדען לאַנד;
וואו ׳ס זיך ווייזען פעלזען-שפּאלטען,
איז דער צווערג אויך ביי דער האַנד.
צווערג און צווערגען, פליים געניעסען,
יעדעם פּאַר שעהן אַנצוזעהן:
זענ׳ן אַזעלכע, ווער קען וויסען,
אין גן עדן שוין געווען?
מיר געפינען ׳ס דאָ אם בעסטען,
לויבען דאַנקבאַר אונזער שטערן;
ווייל אין מזרח ווי אין מערב,
פרוכפּערט מאַמע-ערד זיך גערן.

דאקטילען. (147)

האָט זי זיי, בלויז אין איין נאַכט
די קלייניגקע אַפּירגעבראַכט,
וועט די קלענסטע זי געבעהרען,
זייער גלייכען זיי געפינען.

עלטסטע פּיגמעיען.

איילט זיך, באַקוועמען
זיך איינצונעהמען!
אַרבייט אָהן קאַרגקייט!
שנעלקייט פאַר שטאַרקייט!
נאָך איז עס פריעדען;
בויט אייך די שמיעדען,
ריסטונג און וואַפען
דעם חיל צו שאַפען.

מוראַשקעס אַלע,
וואָס שנעל זיך דרענגען,
שאַפט אונז מעטאַלען!
און איהר, דאַקטילען!
קלייניגקע פיעלע,
אייך איז באַפוילען,
האָלץ אונז צו ברענגען!
מאַכט דאַן צוזאַמען,
באַהאַלטענע פלאַמען;
שאַפט פאַר אונז קויהלען!

הויפּט־קאָמאַנדיר. (148)

מיט פייל און בויגען,
פריש, ווי געפלויגען

בײ יענעם פיש־טײך,
ד׳ רײהערס דערשיעסט גלײך!
אונצעהליג זענען זײ,
גרױסמוטהיג זענען זײ,
שיעסט מיט אײן שאָס!
אײנס נישט פאַרליערען —
מיר זאָלען זיך ציהרען
אין פעדערן אָהן מאָס.

מוראַשקעס און דאַקטילען.

װער װעט אונז רעטען!
מיר ברענגען אײזען,
זײ שמידען קעטען.
אַרױס אונז צו רײסען,
יעצט איז נאָך נישט צײט;
ד׳רום בלײבט װאו איהר זײט.

איביקוס׳ס קראַניכען. (149)

מאָרדגעשרײ, און טױטען־קלאַגען!
שרעק׳דיג הערט זיך פליגעל־שלאַגען!
װאַסער פײן און װאַסער יעכצען
דרינגט צו אונז, א שרעקליך קרעכצען!
אַלע זענען זײ שױן טױט,
דאָס בלוט געמאַכט דעם ים האָט רױט;
בלױז נאָר מיאוס׳ע לוסט־פאַרפיהרונג,
האָט געראױבט דעם רײהערס ציהרונג.
עס פלאַטערט דאָך שױן אױף די העלמס,
פון די פעט־בױך, קרום־פוס שעלמס.
איהר װאָס פליהט מיט אונז צוזאַמען,
און איהר װאַנדערט איבער ים׳ען,
קומט מיט אונז יעצט ראַכע נעהמען,

׳ם טהוט די זאַך אונז אַלע קלעמען.
נישט שפּאָר׳ן זאָל קיינער קראַפט און וואוטה,
מיר שווער׳ן זיי שנאה ביז צו בלוט.
(צעשפּרייטען זיך, קרעכצענדיג, אין דער לופטען).

מעפיסטאָפעלעס. (150)
(אויף דער עבענע).

די נאָרד׳שע מכשפות האָב גוט געקענט איך מייסטערן;
דאָך נישט היימיש איז מיר דאָ, צווישען די פרעמדע גייסטער
דער בלאָקסבאַרג בלייבט דאָך א זעהר באַקוועם לאָקאַל;
וואו מען איז, געפינט מען זיך ווי אין דער היים.
פרוי אילזע וואַכט פאַר אונז דאָרט אויף איהר שטיין,
אויף זיין הויכקייט וועט היינריך לוסטיג זיין,
כאָטש די שנאַרכער ברומען אויף דעם עלענד,
דאָך איז אַלץ געענדיגט שוין פאַר טויזענד יאָהר.
ווער ווייסט דען דאָ גאָר וואו ער שטעהט און געהט?
צו אונטער איהם דער באָדען גאָר נישט זינקט?
איך וואַנדער לוסטיג דורך א גלאַטען טהאָל,
און הינטער מיר דערהייבט זיך מיט אַמאָל
אַ באַרג, כאָטש קוים א באַרג צו רופען,
דאָך פון מיינע ספינקען אָבצורייסען מיך
שוין הויך גענוג... דאָך שיינט א פייער נאָך
אַראָב פון טהאָל, און פלאַמט צו עטוואָס נייעס...
נאָך טאַנצט און שוועבט פאַר מיר און לאָקט מיך אָן,
פאַרפיהרעריש, דער גאַלאַנטער כאָר.
יעצט לאַנגזאַם נאָר! ווייל, זעהר געוואוינט צו נאַשען,
וואו עס זאָל נישט זיין, וויל מען עטוואָס כאַפּען.

לאַמיען. (151)
(ציהענדיג נאָך זיך מעפיסטאָפעלעס׳ן)

געשווינד געשווינדטער!

און אלץ וואס ווייטער!
דאן ווידער צעגערענדיג,
ליארמענדיג, פלאפלענדיג,
׳ס איז אזוי פרעהלעך
דעם אלטען זינדער,
נאך אונז צו ציהען;
צו תשובה איז דאס —
מיט א דארען פום
קומט ער צו הינקען,
זעה, זאלסט נישט זינקען!
ער שלעפט די פים, ווען
מיר זיך צעפליהען,
גאנץ ווייט אוועק.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

(שטעהענדיג שטיל)

פארפלוכט שיקזאל! גענארטע טפשים!
פון אדם נאך פארפיהרטע נארנים!
אלט ווערט מען שוין, דאך ווער ווערט קלוג?
ביזט שוין געווען פארנארט גענוג!
מען ווייסט, אז צו גארנישט טויג דאס פאלק,
מיט דעם געשנירטען לייב, געשמינקט געזיכט;
גארנישט האבען זיי געזונדעס אונז צו געבען.
וואו מען טאפט זיי נאר, זענען פויל די גליעדער.
מען ווייסט, מען זעהט, ׳ס איז אנצוגרייפען,
און טראצדעם טאנצט מען ווען די לודערס פייפען.

ל א מ י ע ן.

(שטעהען בלייבענדיג).

ווארט נאר! איבערלעגט זיך, צעגערט, שטעהט,
האלט איהם פעסט, נישט אנטרינען זאל ער!

מעפיסטאפעלעס.

(ווייטער געהענדיג).

גערה! גערה! און לאז דיך אין געוועב
פון צווייפלערייען נישט ארייגציהן;
ווייל וואלטען מכשפות נישט געווען,
ווער, טייפעל, וואלט געוואלט א טייפעל זיין!

לאמעין.

(זעהר ליעבליך).

רינגלען לאמיר ארום דעם העלד;
ליעבע וועט זיך אין זיין הארצען
געפינען זיעכער פאר אונז איינע.

מעפיסטאפעלעס.

ווייל דא, אין האלבטונקלעם שימער,
שיינט איהר שעהנע פרויענצימער,
וועל איך אייך דערפאר נישט שעלטען.

עמפוזע (152)

(ארייגלויפענדיג).
אויך נישט מיך! און אלס אזעלכע,
לאזט אריין מיך אין איי'ר רייהע.

לאמעין.

די איז אין אונזער קרייז צו פיעל,
פארדארבט נאר שטענדיג אונזער שפיעל.

ע מ פ ו ז ע.

(צו מעפיסטאָפעלעס).

גענגריסט זיי פון דיין שוועסטערקינד,
עמפוזע, מיט דעם עזעלפוס!
דו האָסט נאָר בלויז א פערדענפוס,
דאָך, שוועסטערקינד, ד׳ר א שעהנעם גרוס!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

׳ך האָב געמיינט דאָ ׳ז לויטער אונבעקאַנטע,
און געפין גאָר ליידער נאָהנט פאַרוואַנדטע;
׳ס איז בלויז אַן אַלטער בוך צו בלעטערן:
פון האַרץ ביז העלזאַס שוועסטערקינדער! (153)

ע מ פ ו ז ע.

ענטשלאָסען ווייס איך נאָר צו האַנדלען,
פיעלפאַכיג קען איך מיך פאַרוואַנדלען;
דאָך אייך צום כבוד האָב איך יעצט,
דעם עזעלקאָפּ אַרויפגעזעצט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

איך זעה, אַז ביי די חברה האָט
פאַרוואַנדשאַפט צו באַדייטען פיעל;
דאָך, מעג געשעהען וואָס עס וויל,
דעם עזעלקאָפּ פאַרלייקען איך.

ל אַ מ ע י ן.

לאָז אָב די מיאוס׳קייט, זי דערשרעקט
אַלץ וואָס איהר דאַכט איז ליעבליך שעהן;
אַלץ וואָס איז ליעבליך אָנצוזעהן,
קומט זי נאָר אָן פאַרשווינדט עס גלייך.

מעפיסטאָפעלעס.

אויך די שוועסטערקינדער צאַרט און ליסטיג,
זענען אַלע מיר פאַרדעכטיג;
פון הינט׳ר אַזעלכע רויזען-בעקלעך,
שרעקען מיך מעטאַמאָרפאָזען. (154)

לאַמעין.

פרוביער עס דאָך! מיר זענען פיעל.
כאַפּ אָן! און האָסט דו גליק אין שפּיעל,
נעם דאָס בעסטע וואָס דו קענסט!
וואָס מיינט דער תאוה׳דיגער דרעה-אָרגעל-שפּיעל?
דו ביזט אָן עקעלהאַפטער פרייער,
שטאָלציערסט ארום און מאַכסט דיך גרויס! —
יעצט מישט ער זיך אין. אונזער רייהע,
לאָזט אַנטלויפען אַלע מאַסקען,
און ציינט אייך פאַר איהם ווי איהר זענט!

מעפיסטאָפעלעס.

די שעהנסטע האָב איך אויסגעקליבען...

(ארומכאַפּענדיג זי).

אָי, וואָס פאַר אַ דאַרער בעזעם!

(אַן אַנדערע אַרומכאַפּענדיג).

און די דאָ?... אָי, שרעקליך פּנים!

לאַמעין.

פאַרדיענסט דו בעסער? דאַכט זיך, נישט.

מעפיסטאָפעלעס.

די קליינע וואָלט איך מיר גענומען...

אַ יאַשטשערקע פון מיינע הענד שפּרינגט!
און שלאַנגענהאַפט דער גלאַטער צאָפּ.
כאַפּ איך אָבער אָן די לאַנגע...
פּאַק איך גאָר אַ ט ה י ר ז ו ס-שטעקען! (155)
אָ סאָסנע-עפּעל אַלס אַ קאָפּ
וואָס ווערט זיין דאָ?... נאָך אַ פּעטע,
ביי וועלכער ׳ך וואָלט פּילייכט דערקוויקט מיך;
זאָל זיין! צום לעצטען מאָל געוואַגט!
גאַנץ גראָב און פויל; דערפאַר באַצאַהלען
אַ הויכען פּרייז די אָריענטאַלען...
דאָך אָך! דער שטויב-קנויל פּלאַצט אין צוויי!

ל אַ מ ע י ן.

טהיילט איך פאַנאַנדער, שוואַנקט און שוועבט,
בליצמעסיג, אין שוואַרצען צוג, אומגעבט
דעם איינגעדרונג׳נעם מכשפה-זוהן!
אונזיכערע, שווידערהאַפטע קרייזען!
פלעדערמייז מיט שוויגזאַמע פליגעל!
צו ביליג קומט ער אָב פון דאַנ׳ן.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

(טרייסלענדיג זיך).

פיעל קליגער שיינט עס בין איך נישט געוואָרען;
דאָ איז נאַריש, נאַריש אין דער נאָרד,
אונזיניגע געשפּענסטער דאָ ווי דאָרט,
פאָלק און פּאָעטען אָבגעשמאַקט.
דאָס זעלבע איז אויך דאָ ווי דאָרט,
און אומעדום אַ טאַנץ פון זנות.
געכאַפּט האָב איך דאָ שעהנע מאַסקען,
נפשות געקראָג׳ן אַזש ׳ס האָט געשוידערט...

דאָך וואָלט געוואָלט איך מיך באַטריגען,
ווען ׳ס זאָל דויערן לענגער נאָך.

(צווישען די שטיינער פארבלאָנדזשענדיג).

וואו בין איך דען? וואו אַרום אַרוים?
געוועזן ׳ז אַ וועג, יעצט איז א שרעק,
בין אַהער געקומ׳ן אויף גלאַטע וועגען,
יעצט שטעהען פעלזען מיר אַנטקעגען,
אומזיסט נאָר קלעטער איך אַרויף, אראָב,
וואו געפין איך מיינע ספינקען וויעדער?
׳ך האָב נישט געגלויבט ׳ס אזוי משוגע;
אַזעלכע בערג בלויז אין איין נאַכט!
אין אַזאַ מין ווילדען העקסען-לויף
ברענגען זיי דעם בלאָקסבאַרג מיט.

אַרעאַס (156)

(פון נאַטורפעלז).

אַרויף אַהער! מיינע בערג, די אַלטע
שטעהען נאָך אין אוראַלטער געשטאַלט.
שטאַרקע פעלזענטרעפ גיב כבוד אָב,
וואו פינדוס ׳ס לעצטער צווייג זיך ענדיגט!
אזוי פעסט בין איך געשטאַנען נאָך
ווען פאָמפעי איז איבער מיר געפלויגען.
דער נאַרישער געבוי פון נעבען מיר,
וועט פאַרשווינדען גלייך ביים קרעה׳ן פון האָהן.
אַזעלכע מערכען זעה איך אָפט ענטשטעהן,
און פלוצים וויעדער אונטערגעהן.

מעפיסטאָפעלעס.

גרוים כבוד דיר, עהרווירדיגער קאָפ,
באַגרינט פון הויכער דעמבע-קראַפט!

דער ריינסטער קלאָהר'ר לבנה שיין
דרינגט דיין פינסטערניש נישט דורך. —
דאָך דאָרטען ביי די קוסטען ציהט
אַ ליכט, וואָס גאַנץ באַשיידען גליהט.
ווי זיך דאָ אַלעם פאַסען מוז!
ריכטיג! עס איז האָמונקולוס.
וואו געהסט דו יעצט, דו קליינער חבר?

האָמונקולוס.

אזוי שוועב איך ארום פון פלאַץ צו פלאַץ,
און וואָלט געוואָלט אין בעסטען זין ענטשטעהן,
פול אונגעדולד מיין גלאָז אין צוויי צו ברעכען;
דאָך וואָס 'ך האָב ביז אהער געזעהן,
וואָג איך נישט אהער אריינצוגעהן.
אָבער איך וועל דיר א סוד פארטרויען:
צוויי פילאָזאָפען שפיר איך לאַנג שוין נאָך,
'ך האָב צוגעהערט, און בלויז: „נאַטור!" „נאַטור!" געהערט.
איך וויל פון זיי מיך נישט צעשיידען,
ווייל זיי מוזען דאָך דאָס ערדישע פערשטעהן,
און ענדליך וועל ערפאַהרען איך,
וואו אַם בעסטען מיך צו ווענדען.

מעפיסטאָפעלעס.

נו, געה און טהו ווי דו פאַרשטעהסט!
ווייל וואו עס זענ'ן פאַראַן געשפענסטער,
זענען פילאָזאָפען אויך ווילקאָמען;
כדי מען זאָל זיך פרעהען מיט זיין קונסט און גונסט,
וועט גלייך באַשאַפען ער א טוצען נייע.
ווען דו נישט בלאָנדזשעסט, קומסט דו נישט צום שכל;
ווילסט דו ענטשטעהען, ענטשטעה דורך דיר אליין!

ה אָ מ ו נ ק ו ל ו ס.

א גוטען ראטה איז אויך גוט צו באַהאַלטען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאַן ווייטער געה! מיר וועלען ווייטער זעהן.

(צעשיידען זיך).

א נ א ק ס א ג אָ ר א ס (157)

(צו טהאַלעס).

דיין עקשנות׳דיגער מח וויל נישט בייגען זיך,
דאַרף מען מעהר נאָך, אום צו איבערצייגען דיך?
גערן בייגט די כוואַליע זיך פאַר יעדען ווינד,
דאָך האַלט זי ווייט זיך פון געשפיצטע פעלזען.
און פיהרט בלויז א געדולדיג פאַלק ביים שטריק.

א נ א ק ס א ג אָ ר א ס.

שנעל וואַקסט דער באַרג מיט מירמידאָנען, (158)
די פעלזענשפאַלטען צו באַוואוינען,
פיגמעיען, מוראַשקעס און גנאָמען,
און אַנד׳רע טהעטיג קליינע זאַכען.

(צו קאָמונקולוס)

האָסט נישט צו עטוואָס גרויס געשטרעבט,
אַליין, ווי א פרוש נאָר געלעבט;
קענסט דו הערשען דיך געוואוינען,
דאַן זאָל איך דיך אַלס קעניג קרוינען.

ה אָ מ ו נ ק ו ל ו ס.

וואָס זאָגט מיין טהאַלעס?

טהאלעס.

׳ך וויל נישט ראטהען;
מיט קליינע טהוט מען קליינע טהאטען,
מיט גרויסע ווערט דער קליינער גרויס.
זעה, דארט, דעם שווארצען קראניך-וואלקען,
ער דראהט דעם פאלק דעם אויפגערעגטען,
און וועט אזוי דעם קעניג סטראשען,
מיט שארפע שנאבלען, קראלען-פיסלעך.

אנאקסאגאראס.

דורך פייער-נעבעל איז דער בארג ענטשטאנען.

טהאלעס.

אין פייכטקייט וועזט נאר לעבעדיגס באשאפען.

האמונקולוס.

(צווישען ביידע).

לאזט זייט ביי זייט מיך מיט אייך געהן!
אויך איך האב לוסט באלד צו ענטשטעהן.

אנאקסאגאראס.

האסט דו, א, טהאלעס, בלויז אין איין נאכט,
אזא מין בארג פון שלאם אפירגעבראכט?

טהאלעס.

די נאטור און איהר לעבעדיגע פליסיגקייט,
נישט אנגעוויזען איז געווען אויף שטונדען, טאג און נאכט,
רעגעלמעסיג בילדעט זי יעדוועדע געשטאלט,
אפילו אין דער גרויסקייט איז נישטא געוואלד. (159)

אַ נ אַ ק ס אַ ג אָ ר אַ ס

דאָ אָבער איז ׳ס געוועזן! פּלוטאָניש שרעקליך פייער,
אונגעהיירע שאָס-קראַפט פוֹן עאָלישע נעבעל,
דורכגעבראָכען האָט די שולאַכץ פון דער פלאַכער ערד,
און א נייער באַרג געמוזט האָט גלייך ענטשטעהן.

ט ה אַ ל ע ס.

וואָס זאָל דורך דעם דען ווייטער זיין?
ער איז דאָך דאָ און דאָס איז ענדליך גוט.
מיט אזאַ מין שטרייט פאַרליערט מען נאָר די צייט.
די קליינע דריקען זיי און שטערען;
אונגליק דונערט שוין פון ווייטען.
א שאַנדע האָט געטויט׳ט די רייהערס,
אין דעם פריעדליך שטילען וואַסער,
דאָך יענער שאָס פון מאָרד און רויבען,
שאַפט גרויזאַם-בלוטיגען ראַכע-זעגען,
רעגט אויף דעם נאָהנט-פאַרוואַנדטען וואוטה,
פאַר דעם פיגמעיענס שאַנדע-בלוט
וואָס טויג יעצט שילד, און העלם און שפּיעז?
וואָס העלפט דעם צווערג די רייהער-פעדער?
ווי זיך דאַקטיל און מוראַשקע באַהאַלטען!
דאָס חיל וואַנקט און פליהט און פאַלט.

אַ נ אַ ק ס אַ ג אָ ר אַ ס.

(נאָך א פויזע, פייערליך).

האָב איך ביז יעצט געלויבט דאָס אונטעראירדישע,
דאָך ווענד איך אין דעם פאַל דאָ מיך נאָך אויבען...
דו! אויבען עביג אונפאַרעלטערטע,
דריימאָל-דערמאָנטע, דריי-געשטאַלטעטע,
צו דיר יעצט רוף איך, ביים וועה פון מיין פאָלק,

דיאַנאַ, לונאַ, העקאַטע!
דו ברוסט-דערווייטערענדע, אין טיעפסטען-פאַרשענדע,
דו רוהיג-שיינענדע, געוואלטיג-אינערליכע,
עפען דיינע שרעקליך שאַטענדיגע גרונדען,
און צייג אָהן צויבער מיר די אַלטע נאַכט!

(פויזע).

בין איך צו שנעל דערהערט?
האָט מיין בעטען
דאָרטען אויבען
די אָרדנונג פון דער נאַטור געשטערט?
און גרעסער, אימער גרעסער, נעהענט שוין
דער געטינ׳ס רונדער ליכט׳גער טהראָן,
אונגעהייער שרעקליך פאַר דעם אויג!
אין שאָטען רויטעלט זיך דאָס פייער...
נישט נעהנטער! דראָהענד מעכטיגע רונדקייט,
דו ריכטעסט אונז צו גרונד דאָס לאַנד און ים!
איז אמת דען, אז טהעססאַלישע פרויען,
מיט זינדיג מאַגנישען פאַרטרויען,
האָב׳ן דיך אַראָבגעזונגען פון דיין וועג,
פאַרדאַרבליכעס געגומ׳ן פון דיר?...
די ליכטיגקייט האָט זיך פאַרטונקעלט,
פלוצים רייסט עס, בליצט און פונקעלט!
וואָס פאַר א קראַכען, און א הוזשען!
אַ דונערן און א שרעקליכער געוויטער!
מיט עניוות שטעה איך ביי די טרעפּ פון טהראָן —
פאַרצייהט! איך האָב די שרעק גערופען.

(װאַרפט זיך אויף דעם געזיכט).

ט ה אַ ל ע ס.

וואָס דער מאַן דאַ אַלץ נישט הערט און זעהט!

ד׳ וויים נישט ריכטיג, ווי עס איז געשעהן,
גאָרנישט האָב אינאיינעם איך מיט איהם געפיהלט,
אמת איז, די שטונדען זענ׳ן משוגע,
און לונאַ וויגט זיך גאַנץ באַקוועם
אויף איהר פּלאַץ אזוי ווי פריהער.

האָמונקולוס.

קוקט אַהין וואו די פּיגמעיען זענען!
דער באַרג געוועזן איז רונד, יעצט איז ער שפּיציג,
ד׳ האָב געפיהלט אַן אונגעהייער קראַכען,
פון דער לבנה איז דער באַרג געפאַלען;
גלייך האָט ער, גאָרנישט וואָרנענדיג,
פריינד און פיינד צעקוועטשט, דערשלאָגען.
דאָך מוז אַזאַ מין קונסט איך לויבען,
וואָס שעפּפעריש, בלויז אין איין נאַכט,
צוגלייך פון אונטען און פון אויבען,
האָט דאָס בערג-געבוי צושטאַנד געבראַכט. (161)

טהאַלעס.

זיי שטיל! ׳ס האָט זיך דיר בלויז אויסגעדאַכט.
זאָל זי געהן, די מיאוס׳ע באַשעפּעניש!
׳ס איז גוט וואָס דו ביזט קעניג נישט געוועזן.
יעצט קום צום לוסט׳גען מעערפעסט!
דאָרט עהרט מען אַלע וואונדערגעסט.
(דערווייטערט זיך).

מעפיסטאָפעלעס.

(אויף דער אנדערער זייט קלעטערנדיג).

יעצט מוז איך מיך דורך שפּיצ׳גע פעלזענטרעפּ,
דורך אַלטע דאַרע דעמבע-וואורצלען שלעפּען!

אויף מיין האַרץ דער ליעבליכער גערוך
האָט עטוואָס ווייכעס, און דאָס ליעב איך,
דאָן דער שוועפעל! דאָ אָבער ביי די גריעכען,
איז פון אַזעלכעס נישט קיין שפור צו שמעקען;
נייגיעריג בין איך אָבער נאָכצושפיערען,
מיט וואָס זיי דעם גהינם און די פלאַמען צינדען.

דריאַס.

אין דיין לאַנד דאָרט קענסט דו זיין דיר נאָך ווי קלוג;
אָבער אין דער פרעמד ביזט דו נישט געשיקט גענוג.
זאָלסט דיין זין נישט קעהרען צו דיין היים צוריק,
דער ווירדיגקייט פון ד׳אַלטע דעמבעס כבוד גיעב.

מעפיסטאָפעלעס.

מען דענקט פון דעם וואָס מ׳האָט פאַרלאָזען,
אַ גן־עדן ׳ז דאָס, צו וואָס מען איז געוואוינט,
דאָך זאָגט, וואָס אין דעם גרוב דאָרט,
ביים שוואַכען שיין זיצט דרייפאַך איינגעדרעהט?

דריאַס.

די פאָרקיאַדען! וואַג דיך צו דעם אָרט, (162)
און רעד מיט זיי אויב דיך נישט שווידערט.

מעפיסטאָפעלעס.

ווארום דען נישט! — איך זעה עטוואָס און שטוין;
ווי שטאָלץ איך בין, מוז איך דאָך געשטעהן:
אַזעלכע האָב איך נישט געזעהן,
זיי זענ׳ן נאָך העסליכער ווי העסליך!
קען מען די עקעלהאפטסטע זינד
נאָך שרעקליך־העליסכער געפינען

ווען מען די דרייאייניגקייט דערזעהט?
מיר וואָלטען נישט געלאָזט זיי אויף דער שוועל
פון אונזער שרעקליכסטען גהינם.
דאָך וואַקסט אין דעם לאַנד פון שעהנקייט,
דאָס וואָס מען מיט שטאָלץ אנטיקיש רופט...
זיי ריהרען זיך, עס שיינט אז זיי מיך פיהלען,
זיי סווישטשען, פייפענדיג, ווי פלעדערמייז-וואַמפּירען.

פ אָ ר ק י אַ ד ע ן.

גיט דאָס אויג מיר, שוועסטער, אום צו זעהען,
ווער זיך אַזוי נאָהנט צו אונזער טעמפּעל וואַגט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

פאַרעהרטעסטע! ערלויבט מיר נעהענטערן זיך צו אייך,
אום אייער ברכה דרייפאַך צו עמפּפאַנגען.
איך קום אָהער, צוואַר נאָך אלס אונבעקאַנטער,
אויב ׳ך האָב קיין טעות נישט, א וויט פאַרוואַנדטער.
אַלט-ווירדיגע געטער האָב איך שוין געזעהן,
פאָר אָ פּ ס און ר ה ע אָ טיעף זיך שוין פאַרנייגט; (163)
די פאַרצען אויך, דעם כאַאָ׳ס, איי׳רע שוועסטער,
האָב געזעהן איך נעכטען, אָדער עהערנעכטען!
דאָך אייערגלייכען האָב איך נישט געזעהן,
יעצט שוויג איך שטיל און פיהל מיך גאַנץ ענטציקט.

פ אָ ר ק י אַ ד ע ן.

דער גייסט דאָ שיינט צו האָבען שכל.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

מיך וואונדערט נאָר וואָס אייך קיין דיכטער לויבט. —
און זאָגט! ווי קומט עס, ווי האָט׳ס געקענט געשעהן?

אין בילדער האָב איך קיינמאָל אייך, ווירדיגסטע, געזעהן;
זאָל די דלאָטע אייך פּרוביערען שניצען,
נישט יונאָ, פּאַלאַס, ווענוס און נאָך אַזעלכע.

פּאָרקיאַדען.

פאַרטיעפט אין איינזאַמקייט און שטילסטער נאַכט,
האָבען מיר דריי דערפון קיינמאָל נישט געטראַכט!

מעפיסטאָפעלעס.

ווי זאָלט איהר אויך? ווען איהר, ווייט פון דער וועלט,
דאָ קיינעם זעהט און קיינער אייך דערבליקט.
איהר וואָלט געמוזט נאָר אין אזעלכע פלעצער וואוינען,
וואו פּראַכט און קונסט אויף'ן פלאַץ דעם זעלבען טהרוינען,
וואו יעדען טאָג, אלץ ניי, אין דאָפּעלשריט,
אַ מאַרמאָרשטיין אַלס העלד אין לעבען קומט.
וואו —

פּאָרקיאַדען.

שווייג נאָר שטיל, און שאַף אונז נישט קיין גליסטען!
וואָס קען אונז העלפען, ווען מיר עס שוין בעסער וויסען?
אין נאַכט געבוירען, נעכטליכקייט פאַרוואַנדט,
כמעט אונז אליין, און יעדען אונבעקאַנט.

מעפיסטאָפעלעס.

אויב אַזוי, נישט רעדען דאַרף מען מעהר,
מען קען זיך אליין אויך אַנד'רע איבערגעבען.
אייך דריי גענוגט איין אויג, גענוגט איין צאָהן,
דאָן קען עס מיטהאָלאָגיש גאַנץ גוט געהן,
אין צוויי פון אייך דריי דאָס בילד צו פאַסען,
דער דריטער'ס געשטאַלט מיר איבערצולאָזען,
אויף אַ קורצער צייט.

א י י נ ע.

וואָס זאָגט איהר? פּרוביערען?

ד י אַ נ ד ע ר ע.

מיר וועל׳ן פּרוביערען: — אָבער אָהן אויג און צאָהן.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

יעצט האָט איהר גראד דאָס בעסטע צוגענומען,
ווי וועט דאָס ריכט׳גע בילד דען זיין פאָלקאָמען?

א י י נ ע.

דו מאַך צו איין אויג נאָר, דאָס קען לייכט געשעהן,
דאַן שטעל אַרוים איין זייטען-צאָהן בלויז,
און אין פּראָפיל וועסט דו דאַן לייכט דערגרייכען,
דאָס שוועסטער-בילד וואָס וועט ווי מיר גלייך אויסזעהן.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

כבוד אייך! עס זאָל זיין!

פ אָ ר ק י אַ ד ע ן.

עס זאָל געשעהן!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

(אלס פּאָרקיאַס אין פּאָרפיל).

אָט שטעה איך שוין
דעם כאַאָס׳ס פיעלגעליעבטער זוהן!

פ אָ ר ק י אַ ד ע ן.

דעם כאַאָס׳ס טעכטער זענ׳ן מיר אונבאַשטריטען.

מעפיסטאָפעלעס.

אַ שמאַך! מען וועט אנדריגינום מיך רופען.

פאַרקיאדען.

וואָס פאר שעהנקייט פאר אונז דריי נייע שוועסטער!
מיר האָבען יעצט צוויי אויגען און צוויי צייהן.

מעפיסטאָפעלעס.

פאַר אַלע אויגען מוז איך מיך בעהאַלטען,
די טייפעל אין גהנם צו דערשרעקען. (164)

(אב.)

VI

פעלזען־בוכטען פון עגעאישען ים. (165)

די לבנה בלייכענדיג אין צעניטה.

סירענען.

(אויף די שפיצפעלזען ארום געלאגערט, שפיעלענדיג אויף פלייטען און זינגענדיג.)

דו, וואָס ׳ס האָבען אין שרעקליכער נאַכט
די טהעסאַלישע מכשפות
מיט שאַנדע דיך אַראָבגעבראַכט,
בליק רוהיג פון דיין נאַכט תהום,
אויף דעם ציטערד־גען וועלענשטראָם,
מילד באַבליצענדיג פון הימעל,
באַלייכטענדיג דאָ דאָס געטימעל,
וואָס זיך פון די כוואַליעס העבט!
מיר זענען צו דיין דיענסט דיר נעטהיג,
שעהנע לונאַ זיי אונז גנעדיג!

נערייידען און טריטאָנען

(אלס ים־וואונדער.)

הויך מיט שטאַרקען שאַרפען זינגען,
׳ס זאָל דעם ברייטען ים דורכקלינגען,
רופט דאָס פאָלק פון ים מיט קלאַנג! —

פֿאַר די שרעקליך שטורעם שלונדען
זענ'ן מיר אַנטלאָפֿ'ן אין שטילסטע גרונדען,
'ס ציהט ארוים אונז זיעם געזאַנג.
זעהט ווי מיר, מיט ליעב-פֿאַרוויערען,
זיך מיט גאָלד'נע קעטען ציהרען,
אויך מיט קרוין און עדעלשטיינער,
אונז באלד און גאַרטעלשמוק פֿאַרציהרען!
דאָס איז אַלץ בלויז אייער פֿרוכט.
אוצרות וואָס אין ים פֿאַרשלונגען,
האָט איהר אונז אַריינגעזונגען,
טייוואָלים איהר פֿון אונזער בוכט.

סירענען.

מיר ווייסען גוט, אין ים גאַנץ פֿריש,
זאַנפֿט באַוועגען זיך די פֿיש,
פֿיהר'ן א לעבען אָהן שום לייד;
דאָך איהר פֿעסטליך לוסט'גע שאַרען,
היינט וואָלטען מיר געוואָלט ערפֿאַהרען,
אז איהר מעהר ווי פֿיש בלויז זייט.

נערייִדען און טריטאָנען

ווען מיר זענ'ן אַהער געקומען,
האָבען מיר אין זינ'ן גענומען;
שוועסטער, ברידער, יעצט נאָר פֿריש!
היינט בעדאַרף מען וועניג רייזען,
אום פֿאָלשטענדיג צו באַווייזען,
אַז מיר זענען מעהר ווי פֿיש.

(דערווייטערען זיך.)

סירענען.

שוין אַנטלאָפען זענען זיי!
צו סאַמאָטהראַצע זענען זיי (166)
פאַרשוואונדען מיט גינסטיגען ווינד,
וואָס דענקען זיי דאָרט אָנצופיהרען,
אין לאַנד פון די שטאָלצע קאַבירען?

זיי זענען געטער, מאָדנע פריי,
באַשאַפען זיך אַלץ אויף דאָס ניי,
און ווייס'ן אליין נישט וואָס זיי זענ'ן.

אויף דיין הויכקייט עביג שטעהן,
בלייב ליעבע לונאַ, גנעדיג שטעהן,
אום עס זאָל די נאַכט פאַרבלייבען,
'ס זאָל דער טאָג אונז נישט פאַרטרייבען!

טהאַלעס

(ביים ברעג צו האָמונקולוס).

איך וואָלט געפיהרט דיך גערן צום אַלטען נערעאוס; (167)
מיר זענען פון זיין העהל שוין יעצט נישט ווייט,
דאָך איינגע'עקשנ'ט איז ער זעהר
דער וויעדערוויליגער זויערטאָפּ.
דאָס גאַנצע מענשליכע געשלעכט
איז איהם, דעם עקשן, נאָר נישט רעכט.
דאָך איז די צוקונפט איהם אַנטפלעקט,
[illegible]ערכאר האט יעדער דרך ארץ,
[illegible]ן גיט איהם כבוד פאר זיין פלאַץ;
ער האָט מעהרערע שוין גוטס געטהאָן.

האָמונקולוס

פּרוביערען מיר און קלאַפּען אָן!
עס וועט נישט גלייך דאָס גלאָז און פלאַם מיך קאָסטען.

נערעאוס.

זען'ן עס מענשענשטימען, וואָס מיין אוי'ר פאַרנעמט?
אַ כעס זיך רעגט שוין אויף מיר טיעף אין האַרץ!
געשטאַלטען, שטרעבזאַם, געטער צו דערגרייכען,
און דאָך פאַרדאַמט, איינער עהנליך זיין צום צווייטען.
זייט לאַנגע יאָהרען האָב געקענט איך געטליך רוה'ן,
דאָך האָט עס מיך געטריבען דעם בעסטען גוטס צו טהון;
און האָב צולעצט געזעהן איך די געשאַפ'נע טהאַטען,
דאַן איז עס געווען, ווי נישט איך וואָלט געראָטהען.

טהאַלעס

און דאָך, אַ גרייז פון ים, פאַרטרויט מען דיר;
דו ביזט דער חכם, טרייב אונז נישט פון דאַנען!
זעה דעם פלאַם דאָ, מענשענעהנליך זעהר,
אין גאַנצען גיט ער איבער צו דיין ראַטה זיך.

נערעאוס.

וואָס ראַטה? האָט ראַטה ביי מענשען ווען געגאָלטען?
עס פאַרשטאַרצט דאָס קלוגע וואָרט אין האַרטע אוי'רען.
ווי אָפט די טהאַט האָט זיך אליין געזיעדעלט,
בלייבט דאָס פאָלק דאָך אייגענזיניג ווי צופאָר.
ווי האָב איך פּאַריז פעטערליך געוואָרענט, (168)
איידער 'ס האָט זיין לוסט צו יענעמ'ס ווייב געשלעפּט איהם!
ביי גריעכישען ברעג געשטאַנען איז ער שטאָלץ דאָ,
איהם דערצעהלט האָב איך, וואָס 'ס האָט מיין גייסט געזעהן:
די לופטען רויכיג, איבערשטראָמט פון רויט,

גליהענדיג די הימלען, אונטען מאָרד און טויט.
טראַיאַ'ס יום הדין, ריטמיש פעסט געשלאָסען,
אויף יאָהרטויזענד' אזוי שרעקליך ווי בעקאַנט.
דעם אַלטען'ס וואָרט, דעם פרעכען האָט געשיינט א שפיעל;
ער האָט געפּאָלגט זיין לוסט, און איליאָן 'ז געפאַלען —
א ריעזען־מת, פאַרשטאַרצט נאָך לאַנגער פיין,
צו פינדוס'ם אָדלערס א ווילקאָמענער מאָהלצייט.
אויך אוליסען, האָב איך געזאָגט פאַראויס,
צירצע'ס ליסטיגקייט, און ציקלאָפּע'ס כּעס!
זיין צעגערן, דער לייכטזין פון די זייניגע,
און וואָס נישט אַלץ! האָט עס איהם געהאָלפען?
ביז וויעגענדיג איהם, כּאָטש שוין שפּעט גענוג,
די וועלען־גונסט האָט איהם געבראַכט צום ליעבען ברעג.

טהאלעס

דעם קלוגען מאַן פאַרשאַפט אַזאַ מין האַנדלען שמערץ;
דאָך, דער גוטער מענש פּרוביערט עס נאָך אַמאָל
א דריים פון דאַנק וועט, איהם צום פאַרגעניגען,
אַ פוד אונדאַנקבאַרקייט זיעכער איבערוועגען
און נישט וואָס גרינגס, האָב'ן מיר יעצט צו בעטען דיך:
דער אינגלינג דאָ ווינשט קלוג בלויז צו ענטשטעהן.

נערעאוס.

פאַרדאַרבט מיר נישט דעם זעלטענסטען הומאָר!
גאַנץ עטוואָס אַנדערש האָב איך נאָך צו טהון היינט:
אַהער גערופען האָב איך אַלע מיינע טעכטער
די גראַציען פון ים, די דאָרידען.
נישט דער אָלימפּ, נישט אייער באָדען טראָגט
אַזאַ שעהן געשטאַלט, וואָס זיך אזוי ליעבליך רעגט.
זיי וואַרפען זיך, אין זעלטען ווילדען שוואונג,
פון וואַסערדראַכען אויף נעפּטונ'ס ווילדע פערד,

פאראייניגט צערטליך מיט דעם עלעמענט,
אז דער שוים אפילו דאכט זיך הייבט זיי אויף.
אין פארבענשפיעל פון ווענוס'עם פערל-וואגען,
קומט גאלאטעא, די שעהנסטע יעצט, געטראגען, (169)
וועלכע, זייט ציפרים האט זיך פון אונז אבגעקעהרט,
אין פאפאס ווערט אלס געטין זי פארעהרט,
און אזוי באזיצט שוין לאנג, די שעהנע,
אלס ירושה, טעמפעל-שטאדט און וואגען-טהרוין.
אוועק! אין פאטערליכע פריידען-שטונדען פאסט
זיך נישט קיין האס אין הארצען, קללות נישט אין מויל.
געהט צו פראטעאוס! פרעגט דארט דעם בעל מופת:
ווי מען ענטשטעהן און זיך פארוואנדלען קען!

(דערווייטערט זיך געגען ים).

טהאלעס

מיר האבען גארנישט דורך דעם שריט געוואונען,
טרעפט מען שוין פראטעאוס, ווערט ער גלייך צערונען.
און שטעהט ער שוין, דאן זאגט ער גאר צולעצט,
וואס שטוינען מאכט, און יענעם בלויז פארווירט.
דאך, דו נעטהיגסט זיך דאך אין אזא מין ראטה;
לאמיר-זשע פרוביער'ן אויף אונזער וועג צו געהן!

(דערווייטערט זיך.)

סירענען.

(אויבען אויף די פעלזען.)

וואס זעהען מיר פון ווייטען,
דאס וועל-ים-רייך דורכשרייטען
ווי לויט פון ווינד די רעגלען

שעמרירען ווייסע זעגלען.
זיי לייכט'ן אין עטהער בלויען,
ווי ליעבע מעער-פרויען.
לאָמיר ארונטערגעהען!
מיר הער'ן זיי דאָך און זעהען.

נערײדען און טריטאָנען

וואָס מיר אויף ד' הענד גענומען,
זאָל אייך אלץ וואויל באָקומען.
כעלאָנעם ריעזען שילד דאָ, (170)
גלאָנצט ווי א ריעזען בילד דאָ:
מיר טהון יעצט געטער ברענגען;
מיט הייל'גע ליעדער זינגען.

סירענען.

קליין אין געשטאַלט,
גרוים אין געוואַלד,
פון שיפען די רעטער,
אלט פאַרעהרטע געטער.

נערײדען און טריטאָנען

מיר ברענגען די קאַבירען,
צום פריעדענפעסט צו פיהרען;
ווייל וואו זיי הייליג וואַלטען,
וועט נעפטון פריעדליך שאַלטען.

סירענען.

מיר דעם אמת האָרכען;
האָט א שיף געבראָכען,
האָט איהר מיט ריעזענקראַפט
געשיצט די מאַנשאַפט.

נ ע ר ײ ד ע ן א ו ן ט ר י ט אָ נ ע ן.

דרײ האָבען מיר מיטגענומען,
נישט געװאָלט האָט דער פערטער קומען;
דער אײנציגער, זאָגט ער, איז ער,
װאָס פאר זײ דענקען מוז ער.

ס י ר ע נ ע ן.

אײן גאָט דעם אַנדערן גאָט,
מאַכט נאָר בלויז צו שפּאָט.
גיט כבוד אלע גנאָדען,
שרעקט אײך פאַר יעדען שאָדען.

נ ע ר ײ ד ע ן א ו ן ט ר י ט אָ נ ע ן.

זײ זענען אײגענטליך זיבען.

ס י ר ע נ ע ן.

װאו זענ'ן די דרײ געבליבען?

נ ע ר ײ ד ע ן א ו ן ט ר י ט אָ נ ע ן.

מיר װײסען נישט אויף זיעכער,
פרעגט אין אָלימפּוס גיעכער;
דער אַכטער אפשר דאָרטען שמאַכט,
װאָס מ'האָט פון איהם נאָך נישט געדאַכט.
פאַר אונז גאַנץ גנאָדענאַרטיג,
דאָך אַלע נאָך נישט פאַרטיג. (171)

דיעזע אונפארגלײכליכע
שטרעבען אימער װײטער,
בענקענדיג הונגערלײדער
פאַר דאָס אונדערגרײכליכע.

חירענען.

מיר זענ'ן געוואוינט,
וואו עס נאָר טהרוינט,
אין זון, לבנה,
דאָרט צו בעטען; עס לוינט.

נערייידען און טריטאָנען.

ווי אונזער רוהם צום העכסטען גלאַנצט.
דאָס פעסט דאָ שעהן צו פיהרען!

סירענען.

די העלדען פון אַלטערטהום,
מאַנגלען אין רוהם,
וואו און ווי אזוי ער שיינט;
האָב'ן די וואָל פון גאָלד, דאָך האָט היינט
איהר די קאַבירען.

(ווידערהאַלט אַלס כאָר-געזאַנג.)

האָב'ן זיי די וואָל פון גאָלד, דאָך האָט היינט
איהר! מיר! די קאַבירען.

(נערייידען און טריטאָנען ציהען פאַרביי.)

האָמונקולוס

די מיסגעשטאַלטען זעהן מיר אוים
ווי ערד'נע שלעכטע טעפּ, (172)
די קלוגע שטויסען זיך אין דעם,
און ברעכען זיי'רע קעפּ.

ט ה א ל ע ס

דאָס איז עס דאָך וואָס מען באַגעהרט :
דער ראָסט ערשט גיט דער מינצע ווערטה.

פ ר אָ ט ע א ו ס.

(אונבאמערקט.)

אָט דאָס פרעהט מיך, אַלטען פאַבלער,
וואָס וואונדערליכער, בכבוד'ער אַלץ מעהר.

ט ה אַ ל ע ס.

וואו ביזטו פראָטעאוס?

פ ר אָ ט ע א ו ס.

(בויכרעדנעריש, באַלד נאהענט, באַלד ווייט.)

דאָ! און דאָ!

ט ה אַ ל ע ס.

דעם אַלטען שפּאַס בין איך דיר מוחל;
דאָך, נאַר קיין פריינד מיט פוסטע ווערטער!
איך וויים דו רעדסט יעצט פון א פאַלשען אָרט.

פ ר אָ ט ע א ו ס.

(ווי פון דער ווייטענס.)

זיי געזונד!

ט ה אַ ל ע ס.

(שטיל צו האָמונקולוס.)

ער איז גאַנץ נאָהנט. יעצט לייכט נאַר שטאַרק!
ער איז נייגעריג ווי א פיש;

און וואו ער זאָל זיך נישט באַהאַלטען,
דורך פלאַמען ווערט ער צוגעצויגען.

הּאַמונקולוס

צוגיעסען וועל איך יעצט א מענגע ליכט,
דאָך לאַנגזאַם, איך זאָל נישט דאָס גלאָז צושפרענגען.

פּראָטעאוס.

(אין דער געשטאַלט פון א ריעזען־טשערעפּאַכע.)

וואָס לייכט דאָרט אזוי ליעב און שעהן ?

טהאַלעס.

(האָמונקולוס פאַרדעקענדיג.)

גוט ! ווען דו ווילסט נאָר קענסט דו ׳ס נעהענטער זעהן.
זאָל די קליינע מיה דיך נישט פאַרדריסען,
און צייג דיך ווי א מענש אויף ביידע פיס.
׳ס זאָל בלויז מיט אונזער גונסט זיין, מיט אונזער ווילען,
צו ווייזען דאָס וואָס מיר באַהאַלטען.

פּראָטעאוס.

(אין עדעלער געשטאַלט.)

געדענקסט נאָך אַלץ די וועלט באַריהמטע שפּיצלעך.

טהאַלעס.

געשטאַלט צו בייטען איז נאָך אַלץ דיין לוסט.

(האָט אויפגעדעקט האָמונקולוס.)

פ ר אָ ט ע א ו ס.

(ערשטוינט.)

א לייכט'נדיג צווערגעל! נאָך קיינמאָל נישט געזעהן!

ט ה אַ ל ע ס.

עס וויל אַ ראַטה, 'ס וואָלט זעהר געוואָלט ענטשטעהן,
עס איז, ווי 'ך האָב פון איהם פארנומען,
וואונדערבאַר האַלב נאָר פון דער וועלט געקומען.
עס פעהלט איהם נישט קיין גייסט'גע אייגענשאַפטען, (173)
דאָך נישט שטאַרק גענוג עטוואָס טיכטיגעס צו פאַסען.
ביז יעצט גיט איהם דאָס גלאָז אליין געוויכט,
דאָך וואָלט ער זעהר געוואָלט פארקערפערט ווערן.

פ ר אָ ט ע א ו ס.

דו ביזט אַן אמת'ר בתולה-זוהן:
ביזט שוין פארטיג איידער נאָך באַשאַפען!

ט ה אַ ל ע ס.

(שטיל.)

וויעדער, ווייזט די זאַך מיר אויס גאַנץ קריטיש,
ער איז גאָר, דאַכט מיר, אַן אנדרוגינוס.

פ ר אָ ט ע א ו ס.

דאַן מוז עס נאָך פיעל לייכטער גליקען;
איהם וועט גוט זיין וואו 'ר וועט קומען.
דאָך מען דאַרף דאָ נישט פיעל טראַכטען,
דיין אָנהויב מוז אין ברייטען ים זיין!
מיט קליינס אין אָנהויב פאַנגט מען אָן, (174)

און פרעהט זיך קליינע צו פאַרשלינגען;
אזוי וואַקסט מען לאַנגזאַם אוים,
ביז מען קען טהון עטוואַס גרעסערס.

האַמונקולוס

דאַ וועהט א ריינע ווייכע לופט,
עס גרינט אזוי, און מיר געפעלט דער דופט.

פּראָטעאוס.

דאַס גלויב איך דיר, מיין ליעבער אינגלינג!
און וואַס וויטער איז אלץ בעסער נאָך,
אויף דעם שמאָלען דינעם ברעג,
בלאָזט דער ווינד נאָך קרעפטיגער;
אָט דאָרטען זעהט מען שוין דעם צוג,
וואָס שוועבט אהער גאַנץ נאָהנט גענוג,
קומט מיט אהין!

טהאלעס.

איך געה אויך מיט.

האַמונקולוס

א דרייפאַך מערקווירדיגער גייסטער-שריט!

VII

טעלכינען פון רהאָדוס (157)

(אויף ים־פערד און ים־דראכען, פיהרענדיג נעפּטונ׳ס דרייפּאכיגען סצעפּטער.)

כ אָ ר.

מיר האָבען דעם סצעפּטער נעפּטונ׳ען געשמידט,
מיט וועלכען די ווילדעסטע כוואַליעס ער שטילט.
צוקראַכט נאָר דער דונערער די וואָלקען, די שטאַרקע,
אַנטקעגען געהט נעפּטון דעם גרויליכען ברומען;
און ווי עס אויך אויבען אין זיג־זאַג דאָרט בליצט,
ווערט כוואַליע נאָך כוואַליע פון אונטען געשפּריצט;
און וואָס אין דער ענגשאַפט אריין איז געדרונגען,
א צייט ווערט געשליידערט, פון תהום דאן פאַרשלונגען;
דערפאַר האָט ער אונז היינט דעם סצעפּטער דערלאַנגט —
יעצט שוועבען מיר פעסטליך באַרוהיגט און לייכט.

ס י ר ע נ ע ן.

אייך, צו העליאָס געהייליגטע,
צום לוסט׳גען טאָג פאַראייניגטע,
גרוס צו דער שעה אייך, וואָס באַוועגט,
און לונא׳ס הויכפאַרעהרונג רעגט!

טעלכינען.

געליעבטעסטע געטין אין הימעל דאָרט אויבען!
דו הערסט מיט ענטציקונג דעם ברודער דאָ לויבען.
צו רהאָדוס׳ען הערסט דו פון אויבען דיך צו,
דאָרט שטייגט איהם אַן עביגער פּעאַן ארויס. (176)
פאַנגט ער דעם טאָג אַן, צו ווען ער געהט אונטער,
אויף אונז מיט א פייער׳ריגען שטראַהלענבליק קוקט ער.
די בערג און די שטעדט און די ברעגעס, די כוואַליעס
געפעלען דעם גאָט, ׳ז זענען ליעבליך און ליכטיג.
קיין נעבעל אומשוועבט אונז, און רוקט ער זיך אַן,
אַ שטראַהל און א לופטעל, און די אינזעל איז ריין!
דאָרט צייגט זיך דער גאָט אונז אין הונדערט געשטאַלטען,
אַלס אינגלינג, אַלס ריעז און אַלס גרויסער, אַלס מילדער.
די ערשטע מיר זענען וואָס די געטער געוואַלד
אויפגעבויט האָב׳ן אין ווירדיגער מענשענגעשטאַלט.

פּראָטעאוס.

לאָז זיי נאָר זינגען און זיך באַריהמען!
פאַר ד׳ הייל׳גע זונען-לעבענסשטראַהלען,
איז טויטע שעפּפונג בלויז א שפּאַס.
זיי שאַפען, שמעלצען, אונערמיעדליך;
און האָבען זיי ׳ס אין מעש געגאָסען
דאַן דענקען זיי עס איז עטוואָס.
וואָס ווערט צולעצט פון דיעזע שטאָלצע?
גרויס זענ׳ן געשטאַנ׳ן די געטערבילדער —
א י י ן ערדענשטויס האָט זיי צעשטערט;
צעשמאָלצען זענ׳ן זיי לאַנג שוין וויעדער.
די ערדען-אַרבייט, וואָס זי איז,
איז דאָך נישט מעהר ווי פּלאָגעניש;
פאַר׳ן לעבען איז די כוואַליע בעסער.

דיך טראָגט אין די עביגע ים'ען
פּראָטעאוס-דעלפין.

(ער פערוואנדעלט זיך.)

'ס איז פאַרטיג שוין!
יעצט זאָל עס דיר צום שעהנסטען גליקען;
איך נעהם אַרויף דיך אויף מיין רוקען,
און פאַרבינד דיך מיט דעם ים.

ט ה א ל ע ס.

גיעב נאָך דאָס ווערטהע פאַרלאַנגען,
די שעפּפונג פון אָנהויב אָנצופאַנגען!
צו שנעלער טהאָט מאַך דיך בּאַרייט.
רעגסט דיך דאָרט לויט עביגע געזעצע,
דורך טויזענד, פיעלע טויזענד פאָרמען,
אונביז צום מ ע נ ש האָסט דו נאָך צייט.

ה אָ מ ו נ ק ו ל ו ס.

(באשטייגט דעם פראָטעוס-דעלפין.)

פּ ר אָ ט ע ו ס.

קום גייסטיג מיט אין פייכטער ווייטקייט!
דאָרט לעבסט דו גלייך אין לענג און ברייטקייט,
באוועגסט דיך לויט דיין אייג'נעם ווילען;
נאָר שטרעב נישט בלויז צו העכערע ראַנגען:
וויל ביזט דו נאָר א מענש געוואָרן,
דאַן ענדיגט אַלעס זיך פאַר דיר.

ט ה א ל ע ס.

ווי עס זיך טרעפט; 'ס איז אויך גאַנץ פיין,
אין זיין צייט אַן אמת גרויסער מענש צו זיין.

פּראָטעוס.

(צו טהאַלעס.)

צום ביישפּיעל איינער ׳זוי ווי דו!
דאָס האַלט אַ לאַנגע צייט נאָך אָן;
ווייל צווישען בלייבע גייסטער-מחנות
זעה איך דיך שוין זייט פיעלע הונדערט יאָהר.

סירענען.

(אויף די פעלזען.)

עס שוועבען וואָלקענדלעך אַרום
דער לבנה אין אַ קרייז;
׳ס זענען טויבען, פול מיט ליעבע,
פליגעלעך ווי ליכט ׳זוי ווייס.
פּאַפאָס האָט געשיקט אהער זיי,
גאָר דעם שעהנסטען פויגעל-כאָר;
אונזער פעסט איז יעצט באַקרוינט שוין
מיט ענטציקונג פול און קלאָהר!

נערעאוס.

(צוקומענדיג צו טהאַלעס.)

גערופען וואָלט אַ נעכטליכער וואַנדערער
דעם לבנה-קרייז אַ לופטערשיינונג;
דאָך מיר גייסטער זענען פון אַן אַנדער,
און די איינציג ריכטיגע, מיינונג:
׳ס זענען טויבען וואָס באַגלייטען
מיין טאָכטער אויף דעם פערל-צוג,
אין וואונדערבאַרער קונסט פון פליהן,
געלערנט נאָך פון אַלטע צייטען.

טהאלעס.

אויך איך האַלט פאַר דאָס בעסטע,
וואָס דעם שטאָלצען מאַן געפעלט,
ווען אין שטילען ווארימען נעסט,
א הייליג לעבען דאָרט זיך האַלט.

פסילען און מארסין. (177)

(אויף ים־אָקסען, ים־קעלבער און ים־באָראַנעס.)

אין ציפּרוס׳ס גראָבע טיעפע הייהלען,
פון ים־גאָט נישט פאַרשאָטען נאָך,
פון סעאיסמאס נישט צושמעטערט.
וואו עביגע צעפירען וועהען,
ווי אין אַלטע צייטען,
אין שטילען פאַרגעניגען,
היטען מיר ציפּרוס׳ס וואָגען,
און פיהרען ביים רוישען פון די נעכט,
דורך ליעבליכען אינדען־געפלעכט,
און זיכטבאַר דעם נייעם געשלעכט,
די ליעבליכסטע טאָכטער אַהער.
מיר שרעקען זיך פאַר קיינעם נישט,
נישט פאַר׳ן אָדלער, אָדער באַפליגעלטען לייב.
נישט פאַר׳ן צלם, נישט לבנה,
וואָס אויבען וואוינט און טהראָנט,
וואָס וועקסלענדיג זיך יאָגט און רעגט,
זיך פאַרטרייבט און הרג׳עט,
פאַרניכטענדיג פעלדער און שטעדט.
מיר, יאָגענדיג,
ברענגען די ליעבליכסטע הערש׳רין אַהער.

סירענען.

לייכט באוועגט און נישט געאיילט זיך,
ביי דעם וואגען שוועבט אין קרייז,
און אין ליניען, אויף די כוואליעס,
שלאנגענארטיג, רייהענווייז,
נעהנט אייך, מוטהיגע נערײדען,
דרייסטע פרויען ליעבליך ווילד,
ברענגט אונז, צערטליכע דארידען,
גאלאטעען, דאס מוטער-בילד:
ערנסט און עהנליך צו די געטער,
ווערטהע איז זי אונשטערבליכקייט,
דאך, ווי שעהנע מענשענפרויען,
פול איז זי מיט ליעבליכקייט.

דארידען.

(איז כאר נערעאוס'ען פארביישוועבענדיג, אלע אויף דעלפינען.)

לייה אונז, לונא, ליכט און שאטען,
אין קלאהרקייט אונזער וועג באזעץ,
ווייל מיר אונז'רע שעהנע מענער,
אונזער טאטען ווייזען יעצט.

(צו נערעאוס.)

אינגלעך זענען עס, וואס געדעטעט
האבען מיר פון שוידער-בראנד,
אויסגעבעט אויף שטרוי און מאך זיי,
אויסגעוואר'מט צום לעבענס-שטאנד.
וואס זיי יעצט מיט הייסע קוסען
אונז פאר דער גוטסקייט דאנקען מוזען
ווייז דיין גנאד די שעהנינקע.

נ ע ר ע א ו ם.

הויך מוז מען דאָס דאָפּעלטע געווינס שעצען:
באַרמהערציג זיין, און פאַרגעניגען האָבען.

ד אָ ר י ד ע ן.

לויבסט דו, פאָטער, אונזער וואַלטען,
דאָן שענק אונז די געוואונ'נע לוסט,
לאָז אונז זיי אונשטערבליך האַלטען,
ביי אונזער עב'גער יוגענד-ברוסט.

נ ע ר ע א ו ם.

פרעהט אייך מיט אייער שעהנעם פאַנג,
דעם אינגלינג בילדט אייך אוים צום מאַן;
דאָך איך קען אייך דאָס נישט געבען.
וואָס צעאום בלויז נאָר געבען קען.
די כוואַליע וואָס אייך וויגט און שאָקעלט,
האַלט אויך ניט פון קיין ליעבעם-באַנד,
און פאַרשווינד'ט די נייגונג שפּעטער,
לאָזט זיי אָב דערנאָך אויף לאַנד.

ד אָ ר י ד ע ן.

איהר, שעהנע אינגלער, זענט אונז ווערטה;
דאָך מוזען מיר זיך טרויריג שיידען:
עב'גע טרייהייט האָב'ן מיר באַגעהרט,
די געטער ווילען עס נישט ליידען.

ד י א י נ ג ל י נ ג ע.

ווען איהר אונז מעהר נישט טרייסטען טהוט,
די לייד וועט נישט זיין גרעסער;

מיר האָבען ׳ס נישט געהאַט ׳זוי גוט,
און ווילען ׳ס אויך נישט בעסער.

(ג א ל א ט ע א דערנעהנט זיך אויף דעם פערל־וואַגען.) (178)

נ ע ר ע א ו ס.

דו ביזט עס, מיין ליעבסטע!

ג אַ ל אַ ט ע אַ.

אַ, פאַטער, דאָס גליק!
דעלפינען בלייבט נאָך! מיך בינדט דער אַנבליק!

נ ע ר ע א ו ס.

פאַריבער שוין, זיי שוועבען אוועק
אין שוואונג פון באַוועגליכען קרייז!
וואָס קימערט זיי דאָס אינערליכע, הארציגע געפיהל!
אַך, וואָלטען זיי מיך מיטגענומען!
דאָך, איין איינציגער בליק דערפרעהט
דאָס בענקען פון א גאַנצען יאָהר.

ט ה א ל ע ס.

לעבען זאָל עס! ווידער אַמאָל!
ווי פרעה איך יעצט מיך ווידער
פון שעהנעם, אמת׳ן דורכגעדרונגען!
פון וואַסער איז אַלץ ארויסגעשפרונגען!
אַלץ וועדט דורך׳ן וואַסער אויפגעהאַלטען!
אָוקיאַנוס, גיעב אונז דיין עביג וואַלטען!
ווען דו זאָלסט קיין וואָלקען שיקען,
און קיין רייכע קוואַלען שאַפען,
נישט הין און הער צו פלוסען בייגען,
די שטראָמען נישט געענדיגט,

וואָס וואָלטען געוועןְ בערג און עבענעס און וועלט?
דו ביזט ׳ס וואָס דאָס פרישסטע לעבען דערהאַלט.

וויעדערקול.

(כאָר פון אַלע קרייזען.)

דאָס פרישסטע לעבען קוועלט נאָר פון דיר.

נערעאוס.

זיי דרעהען זיך ווי אינדען פון דער ווייט,
געזיכט שוין צו געזיכט נישט מעהר;
און אין לאַנגע קעטען־קרייזען,
זיך ווי יום־טוב׳דיג צו ווייזען,
ערשיינען מחנות אָהן א צאָהל.
אָבער גאַלאַטעאַ׳ס פערל־טהרוין
זעה איך נאָך, און זעה איהם גוט.
ער גלאַנצט ווי א שטערן
דורך דער מאַסע.
ליעבע שיינט דורך דעם געדרענג!
ווי ווייט עס איז
שימרירט עס ליכטיג, קלאָר,
אימער נאָהנט און וואָהר.

האָמונקולוס.

אין דעם שעהנעם פייכטען,
וואָס ׳ך זאָל נישט באַלייכטען,
ווערט אַלץ רייצענד שעהנער.

פראָטעוס.

אין דעם לעבענס־פייכטען,

גלאַנצט ערשט שטאַרק דיין לייכטען
אין וואונדערבאַרע טענער.

נ ע ר ע א ו ם.

וואָס'אַר נײַ געהיימנים אין מיטען פון די מחנות
וויל פאַר אונז'רע אויגען זיך אַנטפּלעקען?
וואָס פלאַמט ארום ביי גאַלאַטעאַ'ם פּערל-וואָגען? (179)
באַלד לייכט עס מעכטיג, באַלד ליעבליך, באַלד זים,
ווי 'ס וואָלט געוועזן געריהרט פון ליעבס-פולסען.

ט ה אַ ל ע ס.

האָמונקולוס איז עס, פון פּראָטעאוס'ן פאַרפיהרט...
דאָס זענען די צייכענס פון הערשערישען בענקען.
מיר דאַכט איך הער דאָס קרעכצען פון אַנגסטליכען קלינגען;
ער וועט זיך צעשמעטערן ביים גלאַנציגען טהרוין;
יעצט פלאַמט עס, יעצט בליצט עס, שוין שווימט עס אַרום.

ס י ר ע נ ע ן.

וואָס פאַר א פייערדיג וואונדער פאַרשיינט אונז די אינדען,
וואָס איינע די אַנדערע פונקלענדיג צעשמעטערט?
עס שוואַנקט, און עס לייכט און עס שיינט אונז אריין,
עס גליהען די קערפּערס אויף נעכטליכען וועג,
און אַלץ אַרום אונז איז געטונקען אין פייער;
דאַן הערשען זאָל עראָס, וואָס האָט אַלץ אָנגעפאַנגען! (180)
א לויב די כוואַליעס! לויב דעם ים,
וואָס הילט איהם ארום א הייליגער פלאַם!
לויב דעם וואַסער! לויב דעם פייער!
לויב דעם זעלטענעם אַבענטייער!

אלע אינאיינעם.

לויב צו אַלע לופטען מילדע!
לויב צו אַלע העהלען ווילדע!
א גרויסער כבוד אייך, איהר
עלעמענטען אַלע פיער!

(ענדע פון צווייטען אקט.)

דריטער אקט. (181)

I

פאַר דעם פּאַלאַסט פון מענעלאַס אין ספּאַרטא.

(העלענא טרעט אויף מיט דעם כאָר געפאַנגענע טראָיאַנערינעז.
פּאַנטהאַליס, כאָרפיהרערין.)

העלענא.

באַוואונדערט פיעל און פיעל געשאָלטען קום, העלענאַ,
איך פון ברעג יעצט, וואו מיר ערשט געלאַנדעט האָבען,
נאָך באַטרונקען פון די רוישענדיגע כוואַליעס,
וואַקלענדיגע, וואָס פון פירגישען געברעג אַהער,
אויף שרעקליך הויכע רוקענס — דורך פּאָסעידאָנ'ס גנאָד
און אייראָס'ס קראַפט צום פאָטערלאַנדס-ברעג געבראַכט
האָט אונז.
דאָרטען אונטען פרעהט זיך יעצט דער קעניג מענעלאַס
מיט זיינע קריגער העלדישסטע, פון דעם צוריק-קעהר.
דו אָבער ווינש ווילקאָמען מיר, אָ, שטאָלצעס הויז,
וואָס מיין פאָטער, טינדאַרעאָס, אונטען באַרג אַראָב
פון פּאַלאַס'ס בערגעל, קומענדיג אהיים, זיך אויפגעבויט האָט
און, ווען איך דאָ מיט קליטעמנעסטראַ, שוועסטערליך,
מיט קאַסטאָר און מיט פּאָלוקס שפּיעלענדיג, געוואַקסען האָב,
שעהנער אויסגעפּוצט געווען איז פון אַלע הייזער ספּאַרטאָ'ס.
געגריסט זייט מיר, איהר פליגעל פון דעם אייזען-טהויר!

אַמאָל, דורך אייער גאַסטפריינדליכער עפענונג,
׳ז געשעהן, אז מיר, די אויסערוועהלטע, מענעלאַס
אלם חתן האָט געלייכט אַנטקעגען, מעכטיג, שטאָלץ.
עפענט מיר זיי ווידער אויף, אום איך זאָל אַ געבאָט
פון קעניג טריי ערפילען, ווי עס פאר אַ פרוי פאַסט.
לאָזט מיך אריין! און אַלץ זאָל בלייבען הינטער מיר,
וואָס האָט געשטורעמט ארום מיר, געהיימניספּול.
ווייל זייט איך האָב דאָס פלאַץ דאָ זארגענפריי פארלאָזט,
באַזוכענדיג ציטערענ׳ס טעמפּעל, לויט הייליגער פליכט,
און מיך אַ פירגישער רויבער דאָרט געכאַפּט האָט,
איז פיעל געשעהן, וואָס די מענשען אומעדום
׳זוי גערן דערצעהלען, אָבער ד ע ר נישט גערן הערט
פון וועמען די געשיכטע שטאַמט, און איז געוואָר׳ן אַ פאַבעל.

כ אָ ר. (182)

פאַראַכטע נישט, אָ, הערליכע פרוי,
פון העכסטען גוט דאָס עהרענבאַזיץ!
ווייל דאָס העכסטע גליק איז דיר אליין באַשערט:
דעם רוהם פון שעהנקייט, וואָס איבער אַלץ זיך הייבט
עס קלינגט דעם העלד פאָרוים זיין נאָמען,
דערפאַר מאַרשירט ער שטאָלץ;
דאָך בייגט גלייך דער איינגע׳עקשנ׳טסטער מאַן
פאַר דער אַלץ-באַזיעגענדער שעהנקייט זיין ווילען.

ה ע ל ע נ אַ.

גענוג! איך האָב מיך מיט מיין מאַן אהער געשיפט,
און יעצט פון איהם אויך צו זיין שטאָדט פאָראויסגעשיקט;
דאָך, וואָס עס דענקט מיין מאַן צו טהון, דאָס וויים איך נישט
קום איך אַלס זיין פרוי? קום איך אלס אַ קעניגין?
קום אַלס קרבן איך פאַר דעם ביטערן שמערץ פון פירסט
און פאַר דעם לאַנג-געדולד׳טען אונגליק פון די גריעכען?

אַ באַזיעגטע בין איך; אויב געפאַנגען, ווייס איך נישט!
דעם רוהם און שיקזאַל, האָב'ן באַשטימט די אונשטערבליכע
צווײדײטיג מיר, דער שעהנקייט'ס זעהר צווייפעלהאַפטע
באַגלייטער, וועלכע אפילו אויף דער שוועל דאָ
מיט פינסטער-שרעקענדיגע בליקען ביי מיין זייט מיר שטעהן.
ווייל שוין אויף דעם שיף דעם פוסטען האָט מיין מאַן מיך
זעלטען אָנגעקוקט, און אויך קיין טרייסטוואָרט נישט געזאָגט.
מיט פינסטערע געדאַנקען 'ז ער געזעסען קעגען מיר
אָבער, ווען נאָר אין איראָטאַ'ס טיעפע בוכטען (183)
אריינגעפאָהר'ן, די פאָרדערשנאָבעלס פון די שיפען האָבען
קוים דאָס לאַנד באַגריסט, האָט גערעדט ער ווי פון גאָט
באַוועגט:

„דאָ שטייגען מיינע קריעגער נאָך די רייהען אויס;
איך מושטיר זיי, אויסגעשטעלטע ביי דעם ברעג פון ים,
דו אָבער ווייטער ציה, ווייטער אויף דעם הייליגען
פרוכט-געבענשטען ברעג איראָטאַס, אַלץ ארויף,
פיהרענדיג די פערד אויף די ברייטע פייכטע לאָנקעס,
ביז דו צו דער שעהנער עבענע אָנקומען וועסט,
וואו לאַקעדעמאָן, אַמאָל אַ ווייט און פרוכטבאַר פעלד, (184)
פון ערנסטע בערג אַרומגערינגעלט, 'ז אויפגעבויט.
דאַן שטייגט ארויף דעם הויכגעטורמטען פירסטענהויז,
און מושטיער די מיידלעך מיר, וואָס 'ך האָב צוריק
געלאָזט, ווי אויך די אַלטע קלוגע הויז פאַרוואַלטערין.
לאָז זי ווייזען דיר די אוצרות אָנגעזאַמעלטע,
ווי דיין פאָטער האָט געלאָזט, און וואָס איך אליין
אין קריעג און פריעדען האָב געזאַמעלט און באַהאַלטען.
אַלץ וועסט דו אין אָרדענונג געפינען שטעהן: ווייל
דאָס איז דעם פירסטענס פאָררעכט, אז ער זאָל אַלץ געטריי
אין זיין הויז, קומענדיג צוריק, געפינען; אַלץ
מוז אויף זיין פלאַץ זיין, ווי 'ר האָט עס דאָרט געלאָזען:
ווייל קיין קראַפט האָט נישט דער קנעכט עטוואָס צו ענדערן."

כאָר.

דערקוויק דאַן ביי דעם הערליכען שאַץ,
דעם עביג פאַרמעהרטען, אויגען און ברוסט!
ווייל די קעטען־ציהרונג, און דער שמוק פון קרוינען,
דאָרטען רוהען שטאָלץ, און חלום׳ען;
דאָך געה אריין און פאָדער אויף זיי
און זיי ענטפּערן דיר גלייך.
מיך פרעהט צו זעהען שעהנקייט אין דעם קאַמפף
געגען גאָלד און פערל און עדעלשטיינער.

העלענאַ.

דאַן וויטער האָט געפאָלגט פון האַר דאָס הערשער־וואָרט:
„ווען דו האָסט שוין אַלץ לויט אָרדנונג דורכגעזעהען,
דאַן נעהם א דרייפוס, וואָס פאַר נעטהיג ועסט געפינען,
און מאַנכערליי געשיער, וואָס דער קרבן־ברענגער
ביי דער האַנד געברויכט, ערפילענדיג א הייליגען געברויך,
די קעסלען, אויך די שאָלען, ווי אויך מזבח־טעלער;
דאָס ריינסטע וואַסער פון דעם הייליגען קוואַל זאָל
אין הויכע קרוגען זיין; וויטער, אויך דאָס טורק׳נע האָלץ,
ווענען ׳ס כאַפּט די פלאַם אַרום שנעל, האַלט אויך אָנגעגרייט;
א גוט געשליפען מעסער פעהלען זאָל אויך נישט.
פאַר דאָס איבריגע זאָלסט דו אליין שוין זאָרגען.“
׳זוי גערעדט האָט ער, צווינגענדיג מיין שיידען; אָבער
נישט קיין לעבעדיגען אָטהעם האָט דער באַפוילער מיר
געהייסען ברענגען, וואָס ער פאַר די געטער קוילען וויל.
פאַרדעכטיג איז עס; דאָך איך זאָרג מיך וויטער נישט,
און אַלץ זאָל בלייבען ווי די הויכע געטער ווילען,
וואָס דאָס ערפילען וואָס זיי דענקען עס איז רעכט;
צו ׳ס איז גוט פון מענשען אָדער עטוואָס שלעכטס
גערעכענט, מיר שטערבליכע מוזען עס פאַרטראָגען.
מאַנכעס מאָל שוין האָט די שווערע האַק פון אָפּפער ברענגער

אויף דעם צו ד׳ר ערד געבייגטען האלז פון טיער געהויבען זיך,
און נישט געקאָנט די טהאט ערפילען, ווייל איהם האָט געשטערט
דאָס נעהנטערן זיך פון שונא, אָדער הילף פון גאָט.

כ אָ ר.

וואָס געשעהן ווערט, דו קענסט נישט וויסען
קעניגין, ווייטער געה מיט
פעסטען מוט.
גוטס און שלעכטס קומט
דעם מענשען אונערוואָרטעט;
פאָרויסגעזאָגט אפילו גלויב׳ן מיר נישט.
האָט געברענט דאָך טראָיא, און מיר האָב׳ן געזעהן
טויט פאר ד׳ אויגען, שענדליכען טויט;
און זענען מיר נישט דאָ,
באַגלייטענדיג, דיך מיט פרייד צו דיענען,
זעהענדיג דעם הימעל׳ס בלענדענדע זון
און דאָס שעהנסטע פון דער ערד,
די ליעבסטע, דיך, מיר גליקליכע?

ה ע ל ע נ אָ.

זאָל זיין ווי ׳ס וויל! וואָס מיר ׳ז באַשערט! דאָך פאַסט מיר נישט פאַרזאַמט, ארויפצושטייגען אין דעם קעניג׳ס הויז,
וואָס לאַנג געפעהלט מיר האָט, פיעל געבענקט, כמעט פאַר־לוירען,
ווידער אמאָל פאַר ד׳ אויגען שטעהט, איך ווייס נישט ווי אזוי.
עס טראָגען מיך נישט אזוי מוטהיג די פיס ארויף
די הויכע טרעפּ, אויף וועלכע איך אלס קינד געשפּרונגען האָב.

כאָר.

וואַרפט אוועק, שוועסטער, איהר
טרויערי׳ג געפאַנגענע,
די שמערצען אין דער ווייטקייט;
טהיילט דער האַרין׳ס גליק,
אַ, טהיילט העלענאַ׳ס גליק,
וועלכע צום פאַטערהויז, אמת,
מיט שפּעט צוריק-קעהרענדע,
אָבער מיט פיעל פעסטערע
טריט, פרעהליך דערנעהנט זיך!
לויבט אַלע די הייליגע,
גליקליך צוריקברענגענדע
און אַהיימברענגענדע געטער!
עס שוועבט דער באַפרייטער
דאָך ווי אויף פליגעל
איבער דאָס שאַרפסטע, ווען אומזיסט
דער געפאַנגענער, פול בענקען,
איבער דעם תפיסה-צוים,
הענגט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.
אָבער אַ גאָט האָט געכאַפּט זי,
די פאַרשיקטע;
און פון איליאָס חורבות
געבראַכט צוריק אַהער זי
אין דעם אַלטען, דעם ניי פאַרציהרטען
פאַטערהויז,
נאָך אונאויסשפּרעכליכע
פריידען און ליידען,
פון פריהעסטער יוגענדצייט
אויפגעפרישט צו געדענקען.

פאַנטהאַלים.

(אַלס כאָרפיהרעריו).

פאַרלאָזט דעם שטראָם יעצט פון דעם פריידענספולען געזאַנג
און װענדט צו די פליגעל פון דער טהיר אייגע
װאָס זעה איך, שװעסטע ײגטען האַלז פון טיער געהױבען זיך,
און נישט געקאָנט די טהאַט ערפילען, װײל איהם האָט
געשטערט
דאָס נעהנטערן זיך פון שונא, אָדער הילף פון גאָט.

כאָר.

װאָס געשעהן װעט, דו קענסט נישט װיסען
קעניגין, װײטער געה מיט
פעסטען מוט.
גוטס און שלעכטס קומט
דעם מענשען אונערװאַרטעט;
פאַרױסגעזאָגט אפילו גלױב'ן מיר נישט.
האָט געברענט דאָך טראָיאַ, און מיר האָב'ן געזעהן
טױט פאַר ד' אױגען, שענדליכען טױט;
און זענען מיר נישט דאָ,
באַגלײטענדיג, דיך מיט פרײד צו דיענען,
זעהענדיג דעם הימעל'ס בלענדענדע זון
און דאָס שעהנסטע פון דער ערד,
די ליעבסטע, דיך, מיר גליקליכע?

העלענאַ.

זאָל זײן װי 'ס װיל! װאָס מיר 'ז באַשערט! דאָך פּאַסט מיר
נישט פאַרזאַמט, אַרױפצושטײגען אין דעם קעניג'ס הױז,
װאָס לאַנג געפעהלט מיר האָט, פיעל געבענקט, כמעט פאַר־
לױרען,
װיעדער אַמאָל פאַר ד' אױגען שטעהט, איך װײס נישט װי
אַזױ.
עס טראָגען מיך נישט אַזױ מוטהיג די פיס אַרױף
די הױכע טרעפּ, אױף װעלכע איך אַלס קינד געשפּרונגען האָב.

כאָרפיהרערין.

עדלע פרוי, אנטדעק נאָר דיינע דינערינס,
וואָס דיר עהרווירדיג ביישטעהן, וואָס געשעהן איז.

העלענאַ.

וואָס איך האָב געזעהן, זאָלט איהר אַליין אויך זעהן,
אויב עס האָט די אַלטע נאַכט נישט גלייך איהר בילד
צוריקגעשלונגען אין איהר טיעפען וואונדער־שויס.
דאָך, אום איהר זאָלט עס וויסען, דערצעהל איך ׳ס אייך
אין ווערטער:
ווען איך פון קעניג־הויז דעם אינערליכען הויף
באַטראַכט האָב, געדענקענדיג מיין נעכסטע פליכט,
האָב געשטוינט איך פון דער שטילער שווייגזאַמקייט פון
גאַנג.
קיין קלאַנג פון פלייסיגער אַרבייט האָט באַגעגענט
מיין אויר, נישט שנעלבאַוועגטע אייליגקייט מיין בליק,
און קיין דיענסט האָט מיך באַגעגענט, קיין הויזפאַרוואַלטערין,
וואָס געוועהנליך יעדען פרעמדען פריינדליך טהוט באַגריסען.
ווען איך האָב אָבער מיך דערנעהנט צום פייער־טאָק,
האָב איך דערזעהען, ביי אַביסעל אָבגעקיהלטען אַש,
זיצענדיג אויף ד׳ר ערד אַן איינגעהילטע גרויסע פרוי,
נישט שלאָפענדיג האָט אויסגעזעהן זי, ווי א פאַרטראַכטע.
מיט הערשער׳שען באַפעהל האָב איך גערופען צו דער
אַרבייט זי,
מיינענדיג ׳ס איז ד׳ הויזפאַרוואַלטערין וואָס ׳ס האָט פיליכט
מיין מאַן מיט פאָרזיכט מיר צוריקגעלאָזט, און אָנגעשטעלט;
דאָך עס זיצט זיך איינגעהילט די אונבאַוועגליכע;
נאָר ענדליך ריהרט זי, אויף מיין שרייען, די רעכטע האַנד,
ווי זי וואָלט מיר פון פייער־טאָק אין זאַל געהייסען געהן.
צאָרנענדיג ווענד איך מיך אָב פון איהר און לויף דאַן גלייך
צו די טרעפ, אויף וועלכ׳ עס הויבט זיך אויף טהאַלאַמאָס (186)

שעהן פאַרציהרט, און נאָהנט דערביי דאָס אוצר־צימער;
דאָך דאָס וואונדער רייסט זיך שנעל פון באָדען אויף,
געביטעריש מיר דעם וועג פאַרשטעלענדיג, צייגט עס זיך,
אין ווילדער גרויסקייט, פוסטע בלוטיג־טריעבע אויגען,
אַ שרעקליך בילד, וואָס דאָס אויג און גייסט פאַרווירט.
דאָך איך רעד בלויז אין דער לופט; ווייל דאָס וואָרט באַמיהט
אומזיסט זיך נאָר שעפּעריש געשטאַלטען אויפצובוי'ן.
אָט זעהט זי אַליין! זי וואַגט צו ווייזען זיך ביים ליכט!
דאָ זענ'ן מיר הערשער ביז דער האַר און קעניג קומט.
די מיאוסע נאַכטגעבורטען ברענגט דער שעהנקייטס פריינד
פעבוס און פינסט'רע העהלען, אָדער בינדט זיי פעסט.

(פ אַ ר ק י אַ ס, אויף דער שוועל צווישען די טהיר־סלופּעס, טרעט אויף).

כ אָ ר. (187)

'ך האָב שוין פיעל דערלעבט, אָבוואָל די לאָקען
יוגענדליך זיך פלעכטען אַרום די שלייפען מיר.
שרעקליכעס האָב איך שוין פיעל געזעהען,
קריעגערישען יאָמער, איליאָס'ס נאַכט,
ווען 'ס איז געפאַל'ן.

דורך דעם פאַרוואָלקענטען שטויב־פולען ליאַרם
פון דרענגענדע קריגער, האָב איך געהערט די געטער
פירכטערליך רופען, אויך די שרעקליכע
אייזערנע שטימע רוישען דורך'ן פעלד
צו דער שטאָדט צו.

אַך, זיי זענ'ן געשטאַנ'ן נאָך איליאָס'ס
מויערן, אָבער די פלאַמענגלוטה
'ז געפלויגען פון שכן צו שכן שנעל
פאַרשפרייטענדיג זיך פון דאָ און דאָרט,

מיט דעם וועה'ן פון אייגענעם שטורם,
איבער דער נעכטליכער שטאָדט.

לויפען האָב געזעהן איך דורך רויך און גלוטח
און צינגעלדיגע פלאַמען
גרויזאַם צאָרנדיגע געטער,
שרעקליכע וואונדערגעשטאַלטען,
ריעזענגרוים דורכ'ן פינסטערן
פייערבאַלויכטענעם נעבעל.

האָב איך 'ם געזעהן, אָדער איז דאָס
פון די אנגסטפולע גייסטער בלויז
שרעק געווען? דאָס זאָגען קען איך
קיינמאָל נישט: דאָך אַז איך ד אָ ס
גרויזאַמע מיט די אויגען זעה,
דאָס ווייס איך גאַנץ געוויס;
אָנריהרען וואָלט איך עס געקענט,
וואָלט מיך פון דעם געפערליכען
נישט געהאַלט'ן צוריק די שרעק.

וועלכע פון פאָרקיאַס
טעכטער, זאָג, ביזט דו?
ווייל איך פאַרגלייך דיך בלויז
צו דעם געשלעכט נאָר.

ביזט אפשר דו א גרוי־געבויר'נע
פון איין אויג און פון איין צאָהן
וואָס בייט זיך אום, —
פון די גראַיען געקומען? (188)

וואַגסט דו פאַרזעהעניש,
נעבען דער שעהנקייט

דיך דעם קענער-בליק
פעבום צו ווייזען?

דאָך, קום נאָר, טרעט אַרויס,
ווייל דאָס העסליכע זעהט ער נישט,
ווי זיין היילִיג אויג האָט נאָך
דעם שאָטען נישט געזעהן.

דאָך, אונז שטערבליכע צווינגט, אַך
ליידער! דער טרוי'ריגער שיקזאַל,
צו דעם אונאויסשפּרעכליכען אויגען-שמערץ
וואָס די פאַרשאָלטענע, ד' עביג-אומגליקליכע
און שעהנקייט ליעבענדע, רעגט אויף.

אָ, הער דאָן, ווען דו פרעך זיך
אונז אַנטקעגענשטעלסט, הער דאָן פלוך,
הער די שרעק פון אַלע קללות,
פון די שעלטענדע מיילער פון די גליקליכע,
וואָס געשאַפען זען'ען פון געטער.

פ אַ ר ק י אַ ס. (189)

אַלט איז דאָס וואָרט, דאָך שטאָלץ און אמת בלייבט דער זין,
אַז בושה, שעהנקייט נישט אינאיינעם, האַנד אין האַנד,
געהען אויף דעם זעלבען גרינעם שטעג פון דער ערד.
טיעף איינגעוואָרצעלט וואוינט אין ביידע אַלטער האַס,
אַז, וואו זיי זאָלען זיך אויף אירגענד וועלכען וועג
באַגעגענען, יעדע קעהרט דער געגנערין דעם רוקען אום.
דאַן איילט זיך יעדע העפטיג וויטער אויף איהר וועג,
בושה באטריבט, די שעהנקייט אָבער פרעך און שטאָלץ,
ביז ענדליך הילט אַרום זי אָרקוס'ם פינסט'רע נאַכט,
אויב די עלטער האָט צופאָר זי נישט געצווימט שוין.

איך געפין אייך יעצט, איהר פרעכע, פון דער פרעמד נאך,
מיט חוצפה איבערפלאסען, ווי די קראניכען
מיט קלינגענדיג הויך-הייזעריג קול, איבער אונזער קאפ,
אין לאנגע וואלקען, קרעכצענדיג, זיי'ר קול אראב
שיקען אום דער שטילער וואנדרער זאל גלייך ארויף
ווענדען זיין בליק; דאך זיי ציהען ווייטער זייער וועג,
ער געהט זיך זיינעם, אזוי וועט עס אויך מיט אונז געשעהן.

ווער זענט איהר דען, וואס איהר אין שטאלצען קעניג-שלאס,
מענאדיש ווילד, צו ווי שכורים, ליארעמט, שרייט?
ווער זענט איהר דען, וואס איהר דער הויז-פארוואלטערין
אנטקעגען בילט, ווי די הינד צו דער לבנה?
מיינט איהר, מיר 'ז פארבארגען, וואס פאר א געשלעכט
איהר זענט?
דורך שלאכט געוואוג'נע, שלאכט-ערצויג'נע יונגע חיה,
מאנ-לוסטיגע דו, ווי פארפיהרט, אזא פארפיהרענדע,
אבשוואכ'נדיג ביידע, דעם קריעגערס און דעם בירגערס
קראפט!
אייך זעהענדיג, זעהט איהר ווי א היישריק-מחנה אוים,
וואס וואלט ארא‍בגעפאל'ן, באדעקענדיג די גרינע פעלדער.
פארצעהרערינס פון פרעמדען פלייס! נאשענדיגע
פארניכטערינס פון אויפגעבויטע גיטער איהר!
באזיעגטע, מארק פארקויפטע, אויסגעבויט'נע סחורה דו!

העלענא.

ווער די דיענערנס שעלט אין דער געגענווארט פון דער פרוי,
דער באריהרט אן פרעך דער געביטערינס הויזרעכט;
ווייל זי אליין דאס רעכט האט, דאס לויבענסווערטהע
צו ריהמען, ווי אויך וואס שולדיג איז, צו שטראפען.
אויך בין איך צופריעדען מיט דעם דיענסט וואס ז' האבען מיר
געגעבען, ווען די שטאלצע קראפט פון איליאס

'ז געוועז באלאגערט און געפאלען; נישט וועניגער,
ווען מיר די קומערפולע נויט פון בלאנזשענדיגער רייזע
האב'ן געליטען, ווען יעדער דענקט פון זיך אליין נאר.
איך ערווארט אויך דא דאס זעלבע פון די לוסטיגע;
נישט וואס דער קנעכט איז פרעגט דער הער, נאר ווי ער
דיענט.
דערפאר יעצט שוויג און שטשירע נישט מיט דיינע צייהן
צו זיי.
האסט דו דאס קעניג-הויז גוט אבגעהיט ביז יעצט,
אנשטאט די הויז-פרוי, לויבענסווערטה ביזט דו דערפאר;
דאך, יעצט קומט זי אליין, און ציה דיך גלייך צוריק,
כדי קיין שטראף זאל קומען, אנשטאט פארדיענטער לוין.

פארקיאס.

די דיענערשאפט צו שרעקען בלייבט געווים א רעכט
פאר דעם גאט-באגליקטען הערשער'ס שטאלצע פרוי, וואס
האט דורך קלוגען פיהרען לאנגע יאהרען זיך פארדיענט.
און ווי, דו, אנערקענטע, יעצט דעם אלטען פלאץ
פון דער קעניגין און הויז-פרוי וויעד'ר אמאל באטרעטסט,
'זוי נעם די לאנג שוין שוואכע לייצעס, הערש יעצט וויעדער,
נעם און באזיץ דעם אוצר און אונז נאך אויך דערצו.
אבער קודם מיך באשיץ, מיך די עלטערע,
פאר דעם געזעמעל, וואס נעבען דיר, א שעהנקייטס-שוואן,
זען'ן בלויז שלעכט באפליגעלטע קוואקענדיגע גענז.

כארפיהרערין.

ווי מיאוס נעבען שעהנקייט צייגט זיך העסליכקייט!

פארקיאס.

ווי נאריש נעבען קלוגשאפט צייגט זיך נארישקייט!

(פון דאנען אז ענטפערן די כאָרעטידען איינציגווייז ארוים־
טרעטענדיג פון כאָר).

כ אָ ר ע ט י ד ע.

פון פאָטער ע ר ע ב ו ם דערצעהל, דערצעהל פון מאמע
נאכט! (190)

פ אָ ר ק י אַ ס.

דו דערצעהל פון סצילא, לייבליך דיין געשוועסטערקינד. (191)

כ אָ ר ע ט י ד ע 2.

פון דיין שטאַמבוים קומען העסליכקייטען ארוים.

פ אָ ר ק י אַ ס.

געה צו אָרקוס, דאָרט זוך אויף דיר דיין פאַרוואַנדשאַפט!

כ אָ ר ע ט י ד ע 3.

די וואָס דאָרטען וואוינען, זענ'ן צו יונג פאַר דיר.

פ אָ ר ק י אַ ס.

טירעזיאַס, דעם אַלטען, מאַך תאוה'דיגע שטיק! (192)

כ אָ ר ע ט י ד ע 4.

אָריאָנס אַם געוועזען איז דיין אור־אור־אייניקעל. (193)

פ אָ ר ק י אַ ס.

האַרפיען, דאַכט מיר, האָבען דיך ערנעהרט אין קויט. (194)

כ אָ ר ע ט י ד ע .5

מיט וואָס ערנעהרסט דו אַזאַ גוטע מאָגערקייט?

פ אָ ר ק י אַ ס.

נישט מיט בלוט, נאָך וועלכען דו ביזט אזוי גיעריג.

כ אָ ר ע ט י ד ע .6

דו ביזט פאַר מתים גיעריג, מיאוס'ער מת אליין!

פ אָ ר ק י אַ ס.

עס גלנאַצען דיר וואַמפיר-צייהן אין דיין פרעכען מויל.

כ אָ ר פ י ה ר ע ר י ן.

און דיינם פאַרשטאָפ איך, ווען איך זאָג נאָר, ווער דו ביזט.

פ אָ ר ק י אַ ס.

זאָג צוערשט ווער דו ביזט! דאָס רעט'ניש לעזט זיך אויף.

ה ע ל ע נ אַ.

נישט צאָרנענדיג, נאָר טרוי'רענד קום איך צווישען אייך
פאַרביטענדיג אַזאַ מין ווערטער שטורעם!
ווייל שעדליכערס איז נישט פאַראַן פאַר הערשער-האַרן,
ווי צווישען טרייע דינער א באַהאַלט'נער האַס.
דער ווידערקלאַנג פון זיין באַפעהל קעהרט דאַן נישט מעהר
צוריק אַלס גוטע גוט געמיינטע פאָלבראַכטע טהאַט.
ניין, געג'ן זיין ווילען ברויזט און שטורעמט אַרום איהם,
דעם צעמישטען, קללות פיעל, נישט וויסענדיג וואָרום.
נישט דאָס אליין. איהר האָט אין זיטענלויזען צאָרן
אומגליקליכע שרעק-געשטאַלטען מיר אהער געבראַכט,

וואָס דרענגען זיך צו מיר, אַז איך אַליין צו אָרקוס
פיהל געבויגען מיך, טראָץ די פאָטערלאנד'שע פעלדער.
איז'ס ערינערונג? האָט וואַהנזין מיך ארומגעכאַפּט?
בין איך דאָס אַלץ געווען? בין איך 'ס? וועל איך עביג זיין
דאָס טרוים- און שרעק-בילד פון יענע שטעדט-פאַרוויסטענדע?
די מיידלעך שוידערן, אבער דו פון אונז די עלטסטע,
דו שטעהסט רוהיג; רעד א פאַרשטענדליך וואָרט צו מיר.

פ אָ ר ק י אַ ס.

ווער לאַנגע יאָהר פון פיעלען גליק נאָר בלויז געדענקט,
דעם שיינט א טרוים צולעצט די העכסטע געטער-גונסט.
דו אָבער, פיעל געשעצט, אויסער מאָס און ציעל,
האָסט אין דיין לעבען בלויז ליעבעסלוסטיגע געזעהן,
שנעל האָסט דו אויפגעפלאַמט צו געוואַגטער געפאַהר.
שוין טהעזעאוס האָט דיך יונג געכאַפּט, אויפגערעגט, פול לוסט,
ווי הערעקלעס שטאַרק, אַ זעלטען שעהן געבויטער מאַן.

ה ע ל ע נ אַ.

ער האָט פאַרפיהרט מיך, א יונג צעהן-יעהריג שעפעלע,
און פאַרשפאַרט מיך אין אַפידנוס'ס פעסטונג אין אַטטיקאַ.
(195)

פ אָ ר ק י אַ ס.

דורך קאַסטאָר דאַן און פאָלוקס אָבער באַלד באַפרייט,
האָבען אַלע העלדען שוין פאַרלאַנגט אַלס כלה דיך.

ה ע ל ע נ אַ.

דאָך פאָרגעצויג'ן פאַר אַלע, ווי איך גערן געשטעה,
האָב פאַטראָקלוס איך, דאָס עבענבילד פון פעלידען. (196)

פּאַרקיאַס.

דאָך פאַטער־ווילען האָט דיך פאַר׳כנס׳ט צו מענעלאַס,
דעם שטאָלצען ים־דורכשניידער, ערהאַלטער פון זיין הויז.

העלענאַ.

ער האָט די טאָכטער און דאָס לאַנד געגעבען איהם,
פון דעם צוזאַמענלעבען אַרוים איז הערמיאָנע. (197)

פּאַרקיאַס.

דאָך ווען ער איז געגאַנגען קרעטאַ שטאָלץ פאַרלאַנגען,
איז דיר, די איינזאַמע, ערשיענען אַ שעהנער גאַסט.

העלענאַ.

צו וואָס דערמאָנסט דו יענע האַלב־אלמנה צייט,
און די שוידערהאַפטע צרות וואָס איך האָב געהאַט?

פּאַרקיאַס.

און יענע רייז׳ האָט מיר, פריי־געבויר׳נע קרעטערין,
געפאַנגענשאַפט געבראַכט, אַ לאַנגע שקלאַפעריי.

העלענאַ.

אַלס הויז־פאַרוואַלטערין האָט ער באַשטעלט דיך גלייך,
פּרויענדיג דיר פיעל, שלאָס און שטאָלץ געוואונ׳נעם שאַץ.

פּאַרקיאַס.

וואָס ד׳ האָסט פאַרלאָזען, אין איליאָס געטורמטער שטאָדט
אין אונענדליכע ליעבעספריידען צו פאַרברענגען.

העלענא.

דערמאָן מיר נישט די פריידען! ווייל שוידערהאַפטע לייד
אונענדליך האָט צוגאָסען זיך איבער מיין קאָפּ און ברוסט

פאָרקיאַס.

דאָך מען זאָגט, דו ביזט ערשינ׳ן אין דאָפּעלטער געשטאַלט,
אין איליאָס געזעהן און אין עגיפּטען אויך.

העלענא.

צעמיש נישט די, אזוי שוין אויך. פאַרווירטע חושים,
נאָך יעצט אפילו וויים איך נישט וועלכע פון די צוויי איך בין.

פאָרקיאַס.

דאָן זאָגט מען אויך: פון פוסטען שאָטענרייך ארויף
האָט שטורעמדיג אכילעס זיך געיאָגט נאָך דיר,
ליעבענדיג דיך פריהער געגען דעם באַשלוס פון שיקזאַל.

העלענא.

איך האָב אַלס גייסט צו איהם, דעם גייסט, פאַרבונדען מיך:
׳ס איז געוועזן אַ חלום, אזוי זאָגען דאָך די ווערטער.
איך פאַרשווינד און ווער פאַר מיר אַליין אַ גייסט.
(זינקט דעם האַלב־כאָר אין די אָרעמס).

כאָר.

שווייג שוין! שווייג שוין!
פאַלש־זעהענדע, פאַלש־רעדענדיגע דו!
פון אַזאַ שרעקליך איינצאָהניגען
מויל, וואָס הויכט אַרויס
פון אַזאַ שרעקליך גרוילענהאַפטען גרונד!

ווייל די שלעכטע וואוילטהעטיג ערשיינענדיג,
וואָלף־צאָרן אונטער שאָף־וואָליגע האָר,
איז מיר מעהר שרעקליכער, ווי דעם דריי־
קעפיגען הונדס געבים. (199)
אנגסטפּול הער׳נדיג שטעה׳ן מיר דאָ:
ווען? ווי׳ אַזוי? וואו קראַכט ווייד׳ר אַרוים
אַזאַ בייזקייט
פון דער טיעף באַהאַלט׳נער חיה?

און יעצט אנשטאָט מיט פריינדליך טרייסט־געפילטע,
לעטהע־זאַנפטע, ליעבע, מילדע ווערטער,
רעגנסט דו אויף גאָר די פאַרגאַנגענהייט,
שלעכטס פיעל מעהר ווי גוטס,
און פאַרטונקעלסט דאַן צוגלייך
מיט דעם גלאַנץ פון דער געגענוואַרט
אויך פון דער צוקונפט
דאָס מילד אויפגעה׳נדע האָפנונגס ליכט.

שווייג שוין! שווייג שוין!
כדי דער קעניגינ׳ס נשמה,
וואָס זי שוין פאַרלאָזען וויל,
נאָך האַלטען זאָל, פעסט האַלטען
די געשטאַלט פון די געשטאַלטען,
וואָס די זון האָט ווען אמאָל באַשיינט.

(העלענא האָט זיך ערהאַלט און שטעהט ווידער אין
דער מיט).

פאָרקיאָס.

טרעט אַרוים פון טונקלע וואָלקען שטאָלצע זון פון
היינט׳גען טאָג,

וואָס, פֿאַרשלייערט, אָן ענטציקטע, בלענדענדיג אין גלאַנץ
שוין הערשט.
ווי די וועלט פאר דיר זיך אויסשפרייט, זעהסט ד׳ אַליין
מיט ליעבען בליק.
זיעדלען זיי מיך אַלס א מיאוס׳קייט, דאָך דאָס שעהנע קען
איך גוט.

העלענא.

טרעט איך שוואַנקענד אויס דער פוסטקייט, וואָס האָט
מיך אַרומגענומען,
וואָלט געוואָלט איך רוהען ווידער, אזוי מיעד איז מיין
געביין:
דאָך עס פּאַסט פאַר קעניגינען, ווי עס אַלע מענשען פּאַסט,
זיך צו פּאַסען, אויף צו מונטערן, ווען זיי שרעקליכס
איבעראַשט.

פֿאָרקיאַס.

שטעהסט דו ווידער אין דיין גרויסקייט, אין דיין
שעהנקייט פאַר אונז דאָ,
זאָגט דיין בליק אז דו באַפעהלסט אונז: וואָס באַפעהלסט
דו? זאָג אַרויס!

העלענא.

וואָס איהר האָט פאַרזאַמט אין קריעגען, אויסצוגלייכען
זייט באַרייט!
איילט א קרבן צו באַשטעלען, ווי דער קעניג מיר באַפעלט!

פֿאָרקיאַס.

אַלעס איז אין הויז באַרייט שוין, שאַל און דרייפוס,
שאַרפע האַק,
צו באַשפריצען, צו באַרייכערן; דאָך דעם קרבן צייג אונז אָן.

ה ע ל ע נ אַ.

אַנגעצייגט האָט נישט דער קעניג.

פּ אָ ר ק י אַ ס.

נישט געזאָגט? אָ וועה! אָ וועה!

ה ע ל ע נ אַ.

וואָס פאר יאָמער ׳ז דיך באַפאַלען?

פּ אָ ר ק י אַ ס.

פאַלען וועסט דו דורך דער האַק.

ה ע ל ע נ אַ.

שרעקליך! דאָך פאַראויסגעפיהלט! איך אָרימע!

כ אָ ר.

אך! און אונז? וואָס וועט געשעהן?

פּ אָ ר ק י אַ ס.

זי שטאַרבט אַן עדלעם טויט!
דאַך, אויף ד׳הויכע באַלקענס דאָרטען, וואָס האַלט אויף
דעם שפּיץ פון דאַך,
ווי אין פויגעלפאַנג די דראָסעלס וועט איהר צאַפּלען
אין דער רייה. (201)

(ה ע ל ע נ א און כ א ר שטעהען ערשטוינט און דער־
שראָקען אין באַדייטענדע, גוט אראַנזשירטע גרופּען).

פארקיאס.

געשפענסטער! — ווי פארשטארצטע בילדער שטעהט
איהר דא,
דערשראק'ן, פון טאג צו שיידען, וואס נישט אייך געהערט.
די מענשען, וואס געשפענסטער זענען גלייך ווי איהר,
זאגען אויך נישט אב זיך פון לוסטיגען זונענשיין;
דאך בעט נישט אדער רעטעט זיי נישט קיינער פון באשלוס;
אלע ווייסען עס, דאך וועניגע געפעלט עס נאר.
גענוג! איהר זענט פארלוירען! אלזא שנעל צום ווערק!

(פאטשט מיט די הענד; עס ערשיינען אויף דער טהיר
איינגעהיהלטע צווערג־געשטאלטען, וועלכע פיהרען גלייך
אויס די אויסגעשפראכענע באפעהלען).

אהער, דו פינסטער, קוגעלרונדעס מיסגעבורט!
קייקעלט אייך אהער! קענט מאכען שאדען פיעל איהר ווילט.
דעם טראג־אלטאר, דעם גאלד־געהארנטען, שטעלט אויף דא;
די האק זאל בלאנקענד ליגען אויף דער זילבער ריים;
פילט אן די וואסער־קרוגען, אבצוואשען איז פאראן
דאס שווארצע בלוט, די שווידערהאפטע פלעקען.
שפרייט אוים דעם טהייערן טעפיך דארטען אויף דעם שטויב,
כדי דער קרבן קעניגליך זאל קניען,
און איינגעוויקעלט, אבוואהל אהן א קאפ, זאל גלייך
אנשטענדיג ווירדיג זיין זי אויך פארציערט.

כארפיהרערין.

ביי דער זייט דא, שטעהט שטארק פארטיעפט די קעניגין,
די מיידלעך וועלקען ווי שפעט־געשניטען לאנקע גראז;
מיר אבער שיינט, מיר דער עלטסטער, לויט הייליגער פליכט,
מיט דיר א ווארט צו ריידען, די אור־אורעלטסטע.
דו ביזט ערפאהרען, קלוג, שיינסט מיט אונז גוט צו מיינען,

אָבוואָל ס'האָט דיך פאַרקענט דאָס נאַרישע געזעמעל.
דערפאַר זאָג, וואָס ווייסט דו עטוואָס מעגליך פון רעטונג נאָך!

פ אָ ר ק י א ס.

'ם איז לייכט געזאָגט: פון דער קעניגין הענגט אליין עס אָב,
זיך אַליין צו רעטען, און אייך אינאיינעם אויך מיט איהר.
ענטשלאָסענקייט איז נעטהיג און די קרעפטיגסטע.

כ אָ ר.

עהרווירדיגסטע פון די פארצען, קלוגסטע סיבילע דו,
האַלט אָפען נאָך די גאָלד'נע שער, דאַן ערקלעהר אונז טאָג
און הילף!
ווייל מיר פיהלען שוין אין שוועבען, הוידען, וויגען
אונערטרעגליך
אונז'רע גליעדער, וואָס וואָלטען ערשט געוואָלט אין טאַנץ
זיך פרעהן,
רוהענדיג אויף דעם געליעבטענס ברוסט.

ה ע ל ע נ א.

לאָזען זיי זיך שרעקען! שמערץ נאָר פיהל איך נישט קיין
שרעק,
דאָך, קענסטו דו רעטען, דאנקבאר זאָל זיין זי אנערקענט.
דעם קלוגען, וויטזעהענדעם צייגט ווירקליך זיך זעהר אָפט
אונמעגליכעס נאָך אלס מעגליך. רעד און זאָג עס אונז! —

כ אָ ר.

רעד און זאָג, זאָג אונז שנעל נאָר: ווי פון דעם שרעק
אנטלויפען מיר,
פון די תליות, וואָס פול שרעקען, ווי די שלעכטסטע
האַלזבענדער,

זיך אַרום אונז׳רע העלזער ציהען? מיר פיהלען שוין,
מיר אַרימע,
דאָס דערוואַרגען, דאָס דערשטיקען, ווען דו רהעא,
פון אַלע געטער
הויכע מאַמע, דיך נישט דערבאַרמסט.

פ אַ ר ק י אַ ס.

האָט איהר געדולד, דעם לאַנגען גאַנג פון פאַרטראַג
שטיל אויסצוהערען? מעהרערע געשיכטען זענען עס.

כ אָ ר.

געדולד גענוג! צוהערענדיג לעבען מיר דערווייל.

פ אַ ר ק י אַ ס.

דעם, ווער אין דער היים בלייבט דעם עדלעם שאַץ צו היטען,
און די ווענט פון די הויכע מויערן-וואוינונג אויספלאַסטערן קען,
ווי אויך דעם דאַך צו זיכערן פאַר דעם דראַנג פון רעגען,
דעם ווערט עס וואויל געהן ווי לאַנג ער וועט נאָר לעבען:
ווער אָבער איבער דעם הייליגען שטיין פון זיין שוועל
מיט לייכטע טריט אריבערגעהט, מיט געדאַנקען שלעכטע,
דער געפינט, קומענדיג צוריק נאָך דעם אַלטען פּלאַץ,
דאָך אומגעענדערט אַלעס, אויב נישט גאָר צעשטערט.

ה ע ל ע נ אַ.

צו וואָס אזעלכע גוט באַקענטע זאָגען דאָ?
דו ווילסט דערצעהלען: זאָג נישט קיין פאַרדריסליכעס!

פ אַ ר ק י אַ ס.

געשיכטליך איז עס, אויף קיינפאַל נישט קיין פאָרוואורף.

יס-רויבעריש האָט גערודערט מענעלאָס פון בוכט צו בוכט;
ברעג און אינזעל, פיינדליך האָט ער אַלץ באזועצט,
קעהרענדיג מיט רויב צוריק, ווי 'ס אינוויינינ דאָרט געפינט
זיך.
ביי איליאָנס פאַרבראַכט האָט ער צעהן לאַנגע יאָהר;
צו פאָהר'ן אַהיים, ווייס איך נישט, וויפיעל עס איז געוועןְ.
יעצט ווי שטעהט עס דאָ, ביים פּלאַץ ביי טהינדארעאָס'ס
ערהאב'נעס הויז? וואָס הערט זיך מיט די לענדער דאָרט?

העלענא.

איז דען דאָס שעלטען דיר שוין אַזוי איינגעפליישט,
אַז אָהן זידלען קענסט דו נישט די ליפּען ריהרען?

פאָרקיאָס.

'זוי פיעל יאָהרען פארלאָזען איז געשטאַנ'ן דאָס טהאָל-
געבערג,
וואָס ווינטער ספּארטא נאָרדצו שטייגט דאָרט אין דער הויך,
ביי דער זייט טאַיגעטאָ'ס, וואו אלס לוסט'גער שטראָם (202)
אייראָטאַ יאָגט אַרונטער, און דאַן, דורך אונזער טהאָל
דורכפליעסענדיג גאַנץ ברייט, איירע שוואַנען נעהרט.
דאָרט אונטען שטיל אין באַרגטהאָל, האָט א שטאַלץ
געשלעכט,
באזועצט זיך, שטאַרק געיאָגט פון טיעפער, פינסטערער נאַכט,
און א שטאַרקע פעסטונג אויפגעבויט זיך האָט,
פון וואַנ'ן זיי לאַנד און מענשען פּלינדערן ווי זיי וויל'ן.

העלענא.

דאָס האָבען זיי פאָלענדעט? אונמעגליך שיינט עס מיר.

פאָרקיאָס.

זיי האָבען צייט געהאט; שוין צוואַנציג יאָהר פאַראַן.

העלענא.

איז הויפטמאַן איינער? און רויבער זענ'ן פאַראַן א סך?

פאָרקיאַס.

נישט רויבער זענ'ן עס, דאָך איינער איז דער הויפטמאַן. (203)
'ך באַשולדיג איהם נישט, כאָטש 'ר איז אויך מיך באַפאַלען.
געקאָנט האָט אַלץ ער נעהמען, דאָך 'ר האָט זיך באַגנוגט
מיט אייניגע פריי־מתנות, ווי ער רופט עס, נישט שטייער.

העלענא.

ווי זעהט ער אויס?

פאָריקאַס.

גאָר נישט שלעכט! מיר געפעלט ער שוין!
ער איז א לוסטיגער און שטאָלצער, גוט געבויטער
און פאַרשטענדליכער מאַן, ווי ווייניג צווישען גריעכען.
מען רופט דאָס פאָלק באַרבאַרען, דאָך מיר דאַכט אַז
גרויזאַם איז נישט קיינער דאָרט, ווי ביי איליאָס
האָט זיך מאַנכער העלד מענשענפרעסעריש געוויזען.
געעהרט האָב איך זיין גרויסקייט, 'ך האָב מיך איהם
פאַרטרויט
און זיין פעסטונג! זעהען זאָלט איהר זי אַליין נאָר!
דאָס איז עטוואָס אַנדערש, ווי די גראָבע מויער־ווערק
וואָס איי'רע עלטערן האָבען, מיר נישט דיר נישט,
אויפגעשטעלט.
ציקלאָפיש ווי ציקלאָפען, גראָבען, רויהען שטיין (204)
געלעגט אויף גראָבע שטיינער; דאָרטען אָבער, דאָרט
איז אַלץ נאָך בליי־ און וואַג־מאָס, לויט דעם בוי־געזעץ.
זעהט פון דרויסען זי! זי שטרעבט אַרויף צום הימעל,
און שטאַרק און גלאַט געבויט, און שפּיגעלגלאַט ווי שטאָהל.

צו קלעטערן דאָרט — דער געדאַנק אליין שוין גליטשט זיך,
און אינעוועניג גרויסע ברייטע הויפען, אַרום
מיט אלערליי געביידעס, צו פאַרשיעד'נע צוועקען.
דאָרט זעהט איהר זיילען, זיילעכלעך, גרויסע, קליינע בויגענס,
אַלטאַנען, גאַלעריען, אַריין, אַרויס צו קוקען,
און וואָפען.

כ אָ ר.

וואָס הייסט וואָפען?

פ אַ ר ק י אַ ס.

איאַקס האָט געטראָגען
אויף זיין שילד געדרעהטע שלאַנגען, וו' איהר האָט אַליין
געזעהן;
די זיבען דאָרט פאַר טעבע'ן האָב'ן געטראָגען בילדער
איעדער אויף זיין שילד, רייך, באַדייטונגספול:
לבנה און פיעל שטערן אויף דעם נעכטליכען הימעל,
אויך געטין, העלד און לייטער, שווערדען, פאַקלען אויך,
און נאָך וואָס קוועהלט און שרעקט א גוטע פרייע שטאָדט.
אַזעלכע צייכענס טראָגט אויך אונזער העלדען-מחנה
פון זיי'רע אור-עלטערן נאָך, אין פאַרבענגלאַנץ.
דאָרט זעהט איהר לייבען, אָדלערס, ווי אויך קלויען, שנאָבעל,
בופעל-אָקס-הערנער, פליגעל, רויזען, פאַווע-עק,
אויך שטרייפען גאָלד'נע שוואַרצע, זילבערנע, בלוי און רויט,
אַזעלכע הענגען אין די זאַלען אויך אין רייהען,
אין גאַלעריען, אונענדליך גרויסע, ווי די וועלט גרויס;
דאָרט קענט איהר טאַנצען!

כ אָ ר.

זאָג, זענען טענצער אויך פאַראַן?

פאָרקיאַס.

די בעסטע! גאָלד-געלאָקטע, פרישע יונגע חברה;
מיט יוגענד שמעקען זיי! פּאַריז האָט נאָר געשמעקט אַזוי.
ווען 'ר האָט דערנעהנט זיך צו דער קעניגין.

העלענאַ.

דו פאלסט
אַרוים גאַנץ פון דער ראָלע; זאָג מיר נאָר דאָס לעצטע וואָרט!

פאָרקיאַס.

זאָג דו דאָס לעצטע: זאָג הויך און ערנסט יאָ!
גלייך נעם איך דיך אַרום מיט יענער פעסטונג!

כאָר.

אָ, זאָג
דאָס איינע קורצע וואָרט און רעטע זיך און אונז!

העלענאַ.

ווי? זאָל איך מיך שרעקען, אז קעניג מענעלאַס
'זוי גרויזאַם וואָלט געזינדיגט, מיך צו שעדיגען?

פאָרקיאַס.

האָסט דו שוין פאַרגעסען, ווי ער האָט דיין דייפאָבוס (206)
דער ברודער פון טויט געפאַלענעם פּאַריז,
געמערדערט, וועלכער עקשנות'דיג, אלמנה דיך,
האָט אויסגעקעמפּפט? נאָז און אויערן אָבגעשניטען,
און מעהרער נאָך צעשניטען; שרעקליך איז געוועזן צו זעהן!

העלענאַ.

יענעם האָט ער דאָס געטהאָן פון מיינעטוועגען.

פ אָ ר ק י אַ ס.

פאַר יענעמסוועגען וועט ער דיר דאָס זעלבע טהון.
אונצוטהיילבאר איז די שעהנקייט; ווער ׳ס האָט זי גאַנץ
געהאַט, (207)
צעשטערט זי ליעבערשט, איידער האָבען בלויז א טהייל.

(טראָמפּעטען אין דער ווייטקייט. דער כאָר ציטערט אויף).

ווי שאַרף דאָס שאַלען פון טראָמפּעטען אויר און איינגעווייד
צערייסענדיג פאסט, אַזוי רייסט זיך אייפערזוכט
שטאַרק אין האַרץ פון מאַן, וועלכער קיינמאָל נישט פאַרגעסט,
וואָס ׳ר האָט באַזעסען און פאַרלוירען, און נישט מעהר
באַזיצט.

כ אָ ר.

הערסט נישט די טראָמפּעטען שאלען? זעהסט דאָס
בליצען פון די וואַפען נישט?

פ אָ ר ק י אַ ס.

זיי ווילקאָמען, האַר און קעניג! גערן גיעב איך רעכענשאַפט.

כ אָ ר.

און מיר?

פ אָ ר ק י אַ ס.

איהר ווייסט עס גוט, זעהט א י ה ר טויט פאר איי׳רע אויגען,
אינווייניג דאָרטען איי׳רען; ניין, נישט העלפען קען מען אייך.

(פויזע).

ה ע ל ע נ אַ.

׳ך האָב אויסגעטראַכט שוין, וואָס איך דאַרף צום
ערשטען טהון.

אַ בייזער טייפעל ביזט דו, דאָס דערפיהל איך גוט,
און שרעק מיך, אַז גוטס פאַרבייטסט דו מיט דעם שלעכטען,
צו דער פעסטונג וועל איך אָבער מיט דיר געהן צוערשט;
דאָס אַנד׳רע וויים איך: וואָס די קעניגין דערבייַ
אין טיעפסטען הארצען געהיימניספול באהאַלטען דאַרף,
פאַר יעדען בלייבט א סוד. אַלטע געה פאָרויס!

כ אָ ר.

אָ, ווי גערן געהן מיר אַהין,
מיט איילענדעם שריט;
הינטער אונז טויט,
און פאַר אונז ווידער
טהורעמס דאָרט שטאָלצע,
אַן אונבאַזיעגבאַרע מויער:
שיצען זאָל זי אַזוי גוט
ווי די פעסטונג איליאָס,
וועלכע ענדליך נאָר
׳ז געפאַלען דורך שענדליכען באטרוג.

(נעבעלס פארשפרייטען זיך, היהלען איין דעם הינטערגרונד,
אויך פאָדערגרונד, ווי מען וויל).

דאָך ווי אַזוי?
שוועסטער קוקט אייך אום!
איז׳ס נישט געווען א פרעהליכער טאָג?
שטרייפען נעבעל שוועבען אַרוים
פון איירָאָטאָס הייליגען שטראָם;
פארשוואונדען איז דער ליעבליכער
רעהר-באקראנצטער ברעג פון די אויגען;
אויך די פריי-ציערליך שטאָלצע,
זאנפט אומשוועבענדע שוואַנען

אין ליעבליכער שווים-לופט,
זעה איך, אַך, נישט מעהר!

דאָך, אָבער דאָך,
קלינגען הער איך זיי
אין ווייטען הייזעריגען טאָן!
אָנקומענדעם טויט, זאָגען זיי;
אַך, ער זאָל אונז נאָר נישט,
אָנשטאָט געבענשטע, ליעבע רעטונג,
ברענגען אונטערגאַנג צולעצט,
אונז די שוואַן-עהנליכע, לאַנג-
שעהן-ווייסהאַלזיגע, און אַך!
אונזער שוואַן-ערצויגענער.
וועה אונז, וועה, וועה!
אַלץ בעדעקט זיך שוין
אַרום מיט נעבעל.
איינע די צווייטע זעהן מיר נישט!
וואָס געשעהט? געהען מיר?
שוועבען מיר גאָר
מיט קליינע שריט אויף דער ערד?
זעהסט גאָרנישט? שוועבט אפשר נישט
הערמעס פאָרויס? גלאָנצט נישט דער
גאָלד'נער שטעקען (208)
באַפעהלענדיג אונז ווידער געהן צוריק
צו די טרויריגע, גרוי-טאָגיגע,
פול מיט אונזיכטבארע בילדער,
וואָס איבערפיל'ן דעם עביג לעערען האדעס?

יאָ, אויף איינמאָל ווערט פינסטער, און אָהן גלאַנץ
פאַרשווינדט דער נעבעל,
טונקעל-גרויליך, מויער-ברוינליך. מויערן ווייזען זיך די
בליקען,

פרייע בליקען, פעסט אנטקעגען. איז'ם א הויף? א
טיעפער גראָבען?
שוידערהאַפט אין יעדען פאַל! מיר זענען שוועסטער אך!
געפאַנגען,
געפאַנגען ווי נאָך קיינמאָל נישט.

II

(אינערליכער פעסטונג־הויף, ארומגערינגעלט מיט פאַנטאַס־
טישע געביידעס פון מיטעלאַלטער. (209)

כ אָ ר פ י ה ר ע ר י ן.

איבעראיילט און נאַריש, עכט אמת ווייב־געשטאַלט!
פון אויגענבליק אָבהענגיג, שפּיעל פון יעדער לופט,
פון גליק און אונגליק! קיינס פון דיביידע ווייסט איהר נישט
מיט גלייכגעוויכט צו האַלטען. איינע שטענדיג
ווידערשפּרעכט
דער אַנד'רער צאָרנדיג, און פאַרדרעהט די אַנד'רע איהר;
אין פרייד און לייד נאָר לאַכט איהר מיט דעם זעלבען טאָן.
יעצט שווייגט! און וואַרט הערענדיג, וואָס די הערשערין,
הויך־זיניג, וועט באַשליעסען דאָ פאַר זיך און אונז.

ה ע ל ע נ אַ.

וואו ביזט דו פּיטהאָניססאַ? צו ווי אַזוי דו הייסט;
טרעט אַרויס פון די געוועלבען פון דער פינסט'רער פעסטונג!
ביזט דו געגאַנגען, דעם וואונדערבאַרען העלדען־האַר
מיך אָנצומעלדען, מיר גוט'ן עמפּפאַנג צו געבען,
דאַן נעם מיין דאַנק, און פיהר מיך שנעל אַריין צו איהם!
דעם שלום פון בלאָנדזשען וויל איך, רוהען וויל איך נאָר.

כ אָ ר פ י ה ר ע ר י ן.

אומזיסט נאָר בליקסט דו, קעניגין, אַרום דיר דאָ;

פאַרשוואונדען ׳ז דאָס אבשיילי‌ך בילד, פיליכט געבליבען
דאָרט אין נעבעל, אוים וועמענס שוים מיר זען׳ן אַהער,
איך וויים נישט ווי אַזוי, געקומען שנעל מיט וואונדערשריט.
אָדער, אפשר בלאָנדזשעט זי אַרום אין לאַבירינטה
פון וואונדערבאַרער, פון פיעלע א י י ן געוואָר׳נער פעסטונג,
בעטענדיג דעם האַר אַ פירסטליכע באַגריסונג.
דאָך זעה, דאָרט אויבען רעגט אַ מאַסע דיענער זיך
אין די גאַלערעיען, ביי פענסטער און ביי טהירען שנעל
אַהין אַהער באַוועגענדיג, ווי פאַרטיג צום עמפּפאַנג;
פאַרנעהם ווילקאָמ׳נער גאַסט-עמפּפאַנג באדייטעט דאָס.

כ אָ ר.

עס וואַקסט אין מיר דאָס האַרץ! אָ, זעהט נאָר דאָרטען
ווי ווירדיג אראָב מיט איינגעהאַלט׳נעם שריט
די יונגע מחנה אנשטענדיג זיך באוועגט
אין רעגעלמעס׳גען צוג. ווי? אויף וועמענס באפעהל
ערשיינען אין דער רייה און אָראַנזשירט, אַזוי פריה,
די ליעבליכסטע יונגען פון הערליכען פאָלק?
וואָס זאָל איך מעהר באוואונדערן? דעם ציערליכען גאַנג,
אָדער די לאָקיגע האַר ארום דעם בלענדענדעם שטערן,
אָדער די פּאָר בעקלעך, ווי די פערשקעס רויט,
און אויך אַזוי די וואָליג-ווייכע האַר?
גערן וואָלט איך איינגעביסען, דאָך איך שרעק מיך;
ווייל אין אַן עהנליכען פאַל, האָט דאָס מויל זיך
געפילט — מיאוס צו זאָגען! — מיט אַש.

אָבער די שעהנסטע,
זיי קומען אהער;
וואָס טראָגען זיי נאָר?
טרעפּ צו אַ טהרוין,
טעפּיך און זיץ,

פאַרהאַנג און געצעלט־
אַרטיגען שמוק;
אויבען אַרום שוועבט ער
וואָלקענקרענץ בילדענדיג,
׳רום אונזער קעניגס קאָפּ,
ווייל שוין האָט זי באַשטיגען,
איינגעלאַדען, דעם הערליכען שטוהל.
טרעט יעצט צו נעהנטער
א טרעפּ נאָך א טרעפּ,
שטעלט ערנסט אייך אוים.
ווירדיג, אָ ווירדיג, דריימאָל ווירדיג,
געבענשט זאָל זיין אזא מין עמפּפאַנג!

(אלץ וואָס דער כאָר האָט אויסגערעדט געשעהט איינס נאָך דעם אנדערן).

(פ א ו ס ט, נאָכדעם ווי די איינגלעדן און ריטער זענען אין א לאַנגען צוג אַראָבגעגאַנגען, ערשיינט ער אויבען אויף די טרעפּ, אין ריטערליכע הויף־קליידער פון מיטעל־אַלטער, און קומט לאַנגזאַם ווירדיג אַרונטער).

כ אָ ר פ י ה ר ע ר י ן.

(איהם אויפמערקזאַם באַטראַכטענדיג).

ווען דעם דאָ די געטער, ווי זיי עפטערס טהון,
פאַר וועניג צייט בלויז, וואונדערבאַר ווירדיגע געשטאַלט,
ערהאַבען אויסזעהן, ליעבענסווירדיגע אַנוועזענהייט
פאַרבייגע׳נדיג לייהען, דאַן וועט איהם יעדעס מאָל,
וואָס ער אונטערנעמט, געלינגען, זיי׳ס אין מענערשלאַכט,
ווי אויך אין קליינע שלאַכטען מיט די שעהנסטע פרויען.
ער איז ווירקליך פיעלע אנד׳רע פאַרצוציהען,
וואָס איך, אלס הויך־געשעצטע, האָב אליין געזעהן.

מיט לאַנגזאַם, ערנסטען, ערפורכטספּול געהאַלט'נעם שריט
זעה איך קומען דעם פירסט; קוק דיך אום, אָ, קעניגין.

פּאָוסט.

(צוקומענדיג מיט א געשלאָסענעם אין קעטען ביי דער זייט).

אנשטאָט א פייערליכען גרוס, ווי עס זיך פּאַסט,
אנשטאָט אַן ערפורכטספול ווילקאָמען, ברענג
איך דיר דעם קנעכט געשלאָסען פעסט אין קעטען,
וועלכער, דורך זיין שולד, האָט גערויבט מיין פליכט. (209)
קניע אנידער יעצט פאר דער שטאָלצער פרוי,
איהר רעכנונג אָבצוגעבען פון דיין שולד!
דאָס איז, ערהאַב'נע הערשערין, דער מאַן,
מיט שאַרפען אויגענבליץ פון הויכען טורם
אַרומצוזעהן באַשטעלט, דעם הימעלזוים
און ערדענווייטקייט אויסצופאָרשען שאַרף,
צו נישט דאָ און דאָרט עטוואס געשעהט
אין דעם טהאָל פון באַרג-קרייז פון דער פעסטונג;
עטוואָס ריהרט זיך, די סטאַדע פון בהמות,
א מחנה קריעגער גאָר; מיר שיצען יענע,
באַגעג'נען דיעזע. היינט, וועלכע נאַכלעסיגקייט!
דו קומסט אהער, ער מעלדעט נישט; פאַרפעהלט
איז עהרענפולסטער, שולדיגסטער עמפּפאַנג
פון אזאַ הויכען גאַסט. פאַרשווערענדיג פאַרלויער'ן
דאָס לעבען האָט ער, געלעגען וואָלט ער שוין אין בלוט
פון פאַרדיענטען טויט; דאָך נאָר דו אליין
באַשטראָפסט, באַגנאַדיגסט, ווי עס דיר געפעלט.

העלענאַ.

ווען דער הויכער כבוד, וואָס דו טהיילסט מיר צו
אַלס ריכטערין, אלס הערשערין, וואָלט געווען

א פרופונג נאָר, וואָס איך בין זיך משער,
דאָך נוץ איך אוים דעם ריכטערס ערשטע פליכט,
באשולדיגטע צו הערען: קענסט רעדען!

לינצעאוס דער טורמוועכטער.

לאָז מיך קניען, לאָז מיך זעהען,
לאָז מיך שטארבען, לאָז מיך לעבען,
ווייל דער פרוי, דער גאָטגעבענשטער,
האָב איך מיך איבערגעגעבען.

ווארט׳נדיג אויף דעם זונען-אויפגאנג
וואָס אין מזרח איז דער לויף,
פלוצים געהט די זון אויף איינמאָל
וואונדערבאר אין דרום אויף.

׳ך האָב מיין בליק געווענדט אהינצו,
נישט אין גרונדען, הויכקייט שעהן,
אָדער ערד- און הימעל וויטקייט —
זי, די איינציגע צו זעהן.

אויגען-שטראהל איז מיר געגעבען,
ווי דעם לוקס אויף העכסטען בוים;
דאָך אומזיסט האָב איך געפלאגט מיך,
׳ך האָב געקוקט ווי אין א טרוים.

׳ך האָב געוואוסט דען וואו ׳ך געפין זיך?
אין טורעם צו אין פירסטענהויז?
נעבעלם ציהען, נעבעלם שווינדען
און די געטין טרעט ארויס!

אויג און ברוסט צו איהר געווענדעט,
איינגעזויג׳ן האָב איך דעם גלאנץ;

ווי זי האָט געבלענדט, די שעהנקייט,
האָט פארבלענדעט זי מיך גאַנץ.

׳ך האָב פאַרגעסען דעם וועכטער׳ם פליכטען,
אויך דעם, מיר פארט רויטען, האָרן;
נאָר יעצט, שרעק מיך צו פאַרניכטען!
שעהנקייט מילדערט יעדען צאָרן.

העלענאַ.

דעם איבעל, וואָס איך האָב געבראַכט דאַרף איך נישט
באשטראָפען. וועה מיר! וועלכער שטרענגער שיקזאל
פאַרפאָלגט מיך, איבעראַל די מענער-הערצער
אַזוי צו פאַרפיהרען, אז זיי אָדער זיך,
אָדער עטוואָס ווירדיגעס פאַרגעסען. רויב׳נדיג יעצט,
פאַרפיהרענדיג, קעמפפענד, הין און הער יאָגענדיג,
האַלב-געטער, העלדען, געטער, אויך טייוואָלים,
זיי האָבען מיך געפיהרט אויף פאַלשע וועגען.
די וועלט האָב איך פאַרווירט נאָך דאָפּעלט מעהר;
יעצט דרייפאַך, פיערפאַך ברענג איך נויט אויף נויט.
דערווייטער יעצט דעם גוטען, לאָז איהם פריי!
דעם גאָט-פאַרפיהרטען טרעפען זאָל קיין שמאַך.

פאוסט.

ערשטוינט, א קעניגין, זעה איך צוגלייך
די זיכער-טרעפענדע, און דעם געטראָפענעם;
איך זעה דעם בויגען — וועלכער האָט די פייל געשיקט,
פאַרוואונדעט יענעם. פיילען פליהען נאָך פיילען
טרעפענדיג מיך. מיר דאַכט, אז איבעראל און קווער
באפעדערט פליהען זיי אין פעסטונג אום.
וואָס בין איך יעצט? אויף איינמאָל מאַכסט דו מיר
רעבעליש די געטרייסטע, מיינע מויערן

אונזיכער. איך שרעק מיך שוין, מיין חיל
כאָלגט די זיעגענדע אונבאַזיעגטע פרוי.
וואָס בלייבט מיר צו טהון, ווי מיך אַליין און אַלץ,
וואָס 'ך האָב גערעכענט מיינס, צו איבערגעבען דיר?
לאָז מיך צו דיינע פיס, געטריי און פריי,
דיך האַרין, אַנערקענען, וואָס נאַר־גלייך
אויפטרעטענדיג געוואונען האָט באַזיץ און טהרוין.

ליבצעאום.

(מיט א קאַסטען, און מענער, וואָס טראָגען איהם נאָך אנדערע).

דו זעהסט מיך, קעניגין, צוריק!
דער רייכער בעטעלט בלויז אַ בליק,
ער קוקט דיך אָן, און פיהלט צוגלייך
זיך בעטלער־אָרם און פירסטען־רייך.

וואָס בין געוועזן איך? און וואָס יעצט?
וואָס איז צו וועלען? וואָס געשעצט?
וואָס העלפט פון אויג דער שאַרפסטער בליץ?
ער יאָגט צוריק גלייך פון דיין זיץ.

פון מזרח זענען מיר געקומ'ן; (211)
דער מערב איז גלייך אומגעקומ'ן.
אַ שטאַרקע ברייטע פעלקער־ברוסט, —
ד'ר ערשטער פון לעצטען נישט געוואוסט.

איינער פאַלט, אַ צווייטער נעמט שטאַנד,
דעם דריטענס שווערט איז גלייך אין האַנד;
איעדער הונדערטפאַך געשטאַרקט,
ערמאָרדעט טויזענד אונבאַמערקט.

מיר האָב'ן געיאָגט, געשטורעמט פאָרט,
געוואָרען הערשער 'ן יעדען אָרט;

וואו 'ך האָב מיך היינט אַלס האַר געגלויבט,
האָט מאָרג'ן אַן אַנדערער גערויבט.

מיר האָב'ן באַקוקט גאַנץ גיך, גענוי;
דער האָט געכאַפּט די שעהנסטע פרוי:
און דער דעם אָקס מיט שטאַרקען שריט,
גענומ'ן די פערד אויך האָט מען מיט,

איך האָב געליעבט נאָר צו דערגעהן
צום זעלטעסטען, וואָס מ'האָט געזעהן;
וואָס אַן אַנד'רער האָט געגלויבט, דאָס
געווען 'ז פאַר מיר פאַרשימעלט גראָז.

נאָך אוצרות האָט געשטרעבט מיין גליק,
געזוכט, פאַרפאָלגט מיט יעדען בליק,
דער קאַסטען גאָלד געפילט מיט מאָס,
פאַר מיר געווען איז ווי פון גלאָז.

און הויפענס גאָלד געווען איז מיין,
ווי אויך דער שענסטער עדעלשטיין;
נאָר דער סמאַראַגד אליין פאַרדיענט,
אַז אויף דיין ברוסט ער פינקעלט, גרינט.

לאָז וויעגען צווישען אוי'ר און מויל
פון ים די פערל, געבראַכט מיט גרויל;
אַ רובין דאַרטען נישט דערגרייכט,
די באַקען־רויטקייט איהם פאַרבלייכט.

און יעצט דעם גרעסטען, רייכסטען שאַץ,
לעג איך אַרום דאָ ביי דיין פּלאַץ;
צו דיינע פיס האָב'ן מיר געבראַכט,
געווינס פון מאַנכער בלוט'גער שלאַכט.

און וויפיעל קאַסטענס 'ך שלעפּ אהער,
נאָך אייזענקאַסטענס האָב איך מעהר;
בלויז אַלם אַ דיענער קוק מיך אָן,
און אוצרות גאַנצע ברענג איך אָן.

ווייל קוים באשטייגסט דו נאָר דעם טהרוין,
דאַן נייגען שוין, דאַן בייגען שוין
פאַרשטאַנד און רייכטהום און געוואַלט
זיך פאַר דער איינציגער געשטאַלט.

דאָס אַלץ גערעכענט האָב איך מיינס,
יעצט פריי געלאָזט, איז עס שוין דיינס;
געלויבט האָב איך דאָס און פאַרעהרט,
יעצט זעה איך, אַז ס'איז גאַרנישט ווערטה.

פאַרשוואונדען איז וואָס 'ך האָב געהאַט,
ווי אַ פאַרדאַרט, פאַרטרוקענט בלאַט.
אַ, גיב נאָר מיט איין פרייל'כען בליק
דעם גאַנצען ווערטה איהם גלייך צוריק.

פ אַ ו ס ט.

טראָג שנעל אַוועק די שטאָלץ געוואונ'נע לאַסט,
כאָטש נישט געטאַדעלט, אָבער נישט באַלוינט.
שוין איז אַלץ איהר אייגענס, וואָס אין פעסטונג
ליגט באַהאַלטען; און איהר אַנצובאָטען
איז נישט נעטהיג. געה און זאַמעל אוצרות
גוט אין אָרדנונג! פון דער נישט געזעה'נער פּראַכט
דאָס ערהאַב'נע בילד שטעל אויף! לאָז די באַלקענס
ווי לויט'רע הימעלס בלאַנקען, און גן־עדן'ס
פון לעבלויזען לעבען שטעל גלייך אויף!

איילענדיג, פאַר איהרע טריט, זאָל'ן באבלומטע
קאָוויאָרען פרעכטיג שפּרייטען זיך, איהר שריט
באַגעגענען זאנפטער באָדען זאָל; פאַר איהר בליק,
געטליך נאָר נישט בלענדענדער, העכסטער גלאַנץ!

ל י נ צ ע א ו ס.

שוואַך איז וואָס דער האַר באפעהלט,
'ס טהוט'ס דער דיענער נישט געקוועהלט:
הערשט דאָך איבער גוט און בלוט
דאָ דער שעהנקייטס זאנפטער מוטה.

אַלע קעמפּפער זענ'ן געצעהמט,
אַלע שווערדען זענ'ן געלעהמט,
פאַר דער הערליכער געשטאַלט
איז די זון אַליין אויך קאַלט,

פאַר'ן געזיכט פול רייכער לוסט,
אַלץ איז לעער און אַלץ איז פּוסט.

ה ע ל ע נ א.

(צו פאוסט).

איך ווינש מיט דיר צו רעדען, דאָך אַרויף
קום ביי מיין זייט! ווייל דער לעדיגער פּלאַץ
רופט זיין האַר, און זיכערט אויך מיר מיינעם.

פ א ו ס ט.

קניענדיג לאָז קודם די מתנה דיר
געפעלען הויכע פרוי! די האַנד, וואָס מיך
אַרויפהויבט צו דיין זייט, לאָז מיך קושען.
באַשטעטיג מיך אַלס מיטהערשער פון דיין

גרענעץ-אונבאוואוסטען רייך, און געווין דיר
פארעהרער, דיענער, וועכטער, אלץ אינאיינעם.

העלענא.

מעהרערע וואונדער זעה איך, הער איך דא ;
איך בין ערשטוינט, פיעל פרעגען וואלט געוואלט איך,
דאך איך ווינש צו וויסען, ווארום די רעדע
פון דעם מאן מיר פרעמד געקלונגען האט, פרעמד און פריינדליך ;
איין טאן שיינט דעם אנדערן זיך צו באקוועמען,
און האט א ווארט געקלונגען זים דעם אויער,
אן אנדערס קומט, דאס ערשט זאנפט צו לאשצען. (212)

פאוסט.

געפעלט דיר שוין די רעדענסארט פון אונז'רע פעלקער,
א, דאן וועט דיך אויך ענטציקען דער געזאנג,
ער באפריעדיגט אויר און זין אין טיעפסטען גרונד.
דאך אום זיכערער צו זיין, איבען מיר גלייך ;
דאס וועקסעל-רעדען, ציהט עס, רופט'ס ארויס.

העלענא.

א, זאג, ווי זאל איך רעדען אזוי שעהן ?

פאוסט.

עס איז גאנץ לייכט, עס מוז פון הארצען געהן ;
און ווען דאס הארץ פון בענקשאפט איבערפליעסט,
מען קוקט ארום און פרעגט —

העלענא.

ווער מיטגעניעסט.

פ א ו ס ט.

עס קוקט דער גייסט נישט פאָרוועָרטס, נישט צוריק,
די געגענוואַרט אליין —

ה ע ל ע נ אַ.

איז אונזער גליק.

פ אַ ו ס ט.

שאַץ איז זי, הויכגעווינס און שטאָלצער שטאַנד;
באַשטעטיגונג, ווער גיט זי?

ה ע ל ע נ אַ.

דאַ, מיין האַנד.

כ אָ ר.

ווער וואָלט געדאַכט אַז אונזער פירסטין (213)
וואָלט געצייגט דעם האַר פון פעסטונג
אַזאַ פריינדשאַפט ליעבליכע?
ווייל געשטעהט, אַלע זענען מיר
דאָך געפאַנגענע, ווי שוין אָפטמאָל
זייט דעם שענדליכען אונטערגאַנג
איליאָ'ס, און דעם שרעקליך
לאַבירינטהישען וועהמוטס-וועג,
פרוי'ן, געוואוינט צו מענערליעבע,
וועהלערינס נישט זענען זיי,
דאָך, גוטע קענערינס;
און גאָלדגעלאָקטע פאַסטוכער,
אָדער שוואַרצהאָריגע פאונס גאָר,
ווי עס איז די געלעגענהייט זיך מאַכט,
איבער די רונדע פולע גלידער

באַזיצען זיי אַ גלייכען רעכט.
נאָהנט און נעהנטער זיצען זיי שוין,
איינס אין צווייטען אָנגעשפּאַרט,
אַקסעל צו אַקסעל, קניע צו קניע;
האַנט אין האַנט וויעגען זיי זיך
איבער דעם טהרוינס
אויפגעבעטער הערליכקייט.
דאָ נישט באַהאַלט די מאַיעסטעט
געהיימע פריידען,
פאַר די אויגען פון דעם פאָלק
זענען שטאָלץ און אָפענהארציג זיי.

העלענא.

'ך פיהל מיך אַזוי ווייט, דאָך נאָהנט געפין זיך;
און זאָג אַליין מיר גערן: „דאָ! דאָ בין איך!"

פאוסט.

איך אָטהעם קוים, מיר ציטערט, שטאַרבט דאָס וואָרט;
עס איז אַ טרוים, פאַרשוואונדען 'ז טאָג און אָרט.

העלענא.

'ך בין אָבגעלעבט, מיר שיינט דאָך אַזוי ניי,
אין דיר פאַרוועבט, דעם אונבעקאַנטען טריי.

פאוסט.

נישט גריבעל דיך אין שיקזאלס לעבען גליק!
דאָס זיין איז פליכט, ווען אויך אין אויגענבליק.

פאָרקיאַס.

(אריינקומענדיג פול צארן).

בוכשטאַבירט און ליעבעס פיעבלען, (214)

נאַריש גריבעלט בלויז און ליעבלען,
שפּיעלט און ליעבט אייך נאָר אין גריבלען!
דאָך פאַר דעם איז נישט די צייט.
הערט איהר נישט דעם דונער קנאַלען?
הערט נאָר די טראָמפּעטען שאַלען!
די פאַרניכטונג איז נישט ווייט.
מענעלאַס מיט פאָלק און בויגען,
קומט אַהערצו ווי געפלויגען,
מאַכט צום קאַמפף אייך יעצט באַרייט!
'רום געכאַפּט פון פיעלע זיעגער,
ווי דייפאָבוס, שטאָלצער קריעגער,
צאָהלסט דו פאַר דער פרויען-פרייד.
הענגט צוערשט די לייכטע סחורה,
אויף פאַר א י ה ר, פול שרעק און מורא,
איז די האַק שוין אָנגעגרייט.

פ א ו ס ט.

אַ, פרעכע שטערונג! אָבשטויסענדיג דרינגט זי אַריין;
אויך אין געפאַהר נישט לייד איך נאַרישע געוואַלדטהאַט.
אונגליק-נייעס דעם שעהנסטען שליח העסליך מאַכט;
און דו, העסליכסטע, נאָר שלעכטע באָטשאַפט ברענגסט דו גערן.
דאָך דאָס מאָל זאָל דיר נישט געראָטען: מיט הויך בלויז מאַך דו ציטערן די לופט. דאָ איז נישט פאַראַן געפאַהר, און געפאַהר אליין זאָל זיין דאָ פוסטע שרעק.

(סיגנאַלען, עקספּלאָזיאָנען פון די טורעמס, טראָמפּעטען און קאַרנעטען, שלאַכט-מוזיק. א געוואַלטיגע סאָל-דאַטען-מחנה מאַרשירט דורך. (215)

נייז! גלייך זאָלסט דו פאַרזאַמעלט זעהען,
א העלדען שטאַרק געבונד'נעם קרייז:

נאָר דער פאַרדיענט די גונסט פון פרויען,
ווער קרעפטיגט זי באַשיצט, מיט פליים.

(צו די פיהרערס פון די סאָלדאַטען, וועלכע טהיילען זיך
אָב פון די זיילען און קומען נעהנטער).

מיט איינגעהאַלט'נעם שטילען כעס,
וואָס אייך דעם זיעג געווים פאַרשאַפט,
איהר מערב'ס יוגענדליכע בליטהען,
דעם מזרח'ס בלומענרייכע קראַפט.

אין שטאָהל געהילט, פון שטראָהל באלויכטען —
וואָס האָב'ן געבראַכט נאָר בראָך אויף בראָך —
זיי טרעטען אויף, די ערד זיך טרייסעלט,
זיי געה'ן אַוועק, עס דונערט נאָך.

ביי פילאָס האָבען מיר געלאַנדעט,
דער אַלטער נעסטאָר 'ז נישטאָ מעהר!
און אַלע קליינע קעניג באַנדעס,
צעשמעטערט אונזער פרייעס העער.

טרייבט נישט פאַרזאַמט פון אונז'רע מויערן
יעצט מענעלאַס צום ים צוריק!
דאָרט בלאָנדזשען מעג ער, רויבען, פלינדערן;
ער האָט געמיינט עס איז זיין גליק.

הערצאָגען זאָל איך אייך באַגריסען,
מיר ספּאַרטאַ'ס קעניגין באַפעהלט;
יעצט טהאָל און באַרג לעגט צו די פיס איהר:
דעם לאַנד'ס געווינס פאַר אייך זיך צעהלט.

פאַרטהיידיג דו מיט וואַל און קראַפט!
גערמאַנער, אַ, קאָרינטהוס בוכטען (216)

אכאיא דאן מיט הונדערט שלוכטען,
לאז גאטה איך פאר דיין פיהרערשאפט.

קיין עלים ציה'ן די פראנקען-מחנות,
מעססענע איז דעם זאקסענ'ס לאנד,
דער נארמאן רייניגט אוים די ים'ען,
און ארגאלים בויט אויף זיין האנד.

דאן וועט איעדער רוהיג וואוינען,
און דרויסען צייגען קראפט און בליץ;
דאך איבער אייך זאל ספארטא טהרוינען,
דער הארין'ס פאטערליכער זיץ.

גניעסען זעהט זי יעדעם איינעם
פון לאנד, וואס קיין געזעץ נישט ברעכט;
ביי איהרע פים זוכט איהר פול גלויבען
באשטעטיגונג און ליכט און רעכט.

(פאוסט שטייגט אראב, די פירסטען בילדען א קרייז ארום איהם, די באפעהלען און ערקלעהרונגען בעסער צו הערען).

כ א ר.

ווער די שענסטע פאר זיך באגעהרט,
זאל ער, פאר אלע זאכען,
קלוג זיך באווארענען מיט וואפען!
זיך שמייכלענדיג, האט ער געוואונען
פון דער ערד דאס העכסטע;
אבער רוהיג באזיצט ער עס נישט:
קריכערס נארען זי פון איהם אוועק,
רויבערס רייסען זי פון איהם אוועק;
דאס צו הינדערן זאל זיין ער באריים.

אונזער פירסט לויב איך דערפאר,
שעץ איהם העכער פון אנדערע,
ווי ׳ר האט מוטה און חכמה פארבונדען,
אז די שטארקע געהארכזאם שטעה׳ן,
זיין יעדען וואונק ערווארטענדיג.
זיין באפעהל פיהרען זיי אויס געטריי,
יעדער פאר זיין אייגענעם צוועק,
אויך פאר הערשער-דאנק אלס לוין,
פארביידע דעם העכסטען רוהם אלס געווינס,

ווייל ווער רייסט זי אוועק יעצט
פון קרעפטיגען באזיעגער?
איהם געהערט זי, איהם זיי זי באוויליגט,
דאפעלט פון אונז באוויליגט, ווען׳ן ער
פארזיכערט אינוועניג מיט א פעסטער מויער,
פון דרויסען מיט א מעכטיגער חיל-קראפט.

פ א ו ס ט.

ד׳ מתנות וואס איז זיי געגעבען —
איעדען איינ׳ם א רייכעם לאנד —
זענ׳ן גרוים און פראכטפול; זאל׳ן זיי ציהען!
אין מיטען האלטען מיר דעם שטאנד.

און זיי באשיצען פול מיט שטאלצקייט,
ארום מיט אינדען איינגעשנירט,
האלב-אינזעל דיך, מיט לייכטע בערגלעך-קעטען
אייראפא׳ם לעצטער בארג-קעט צוגעפיהרט.

דאס לאנד, א זון פאר אלע לענדער, (217)
פאר יעדען שטאם זאל זיין באגליקט,
יעצט פאר מיין קעניגין געוואונען,
וואס האט צו איהר ארויפגעבליקט.

וועןֿ מיט איירּאטאס רעהר-געפליסטער,
זי איז פול גלאנץ פון פערל אַרוים,
פאַר ד׳ר הויכער מאַמען און די ברידער,
דאַס ליכט געוועזען איז צו גרוים.

דאַס לאַנד וואַס איז צו דיר געווענדעט,
די שעהנסטע בליטהען שענקט דיר נאַר;
דעם ערד-קרייז וואַס צו דיר געהערט בלויז
דיין פאַטערלאַנד, אַ, ציה עס פאַר!

און דולדען אויך די בערג אויף זייער רוקען,
אויף די קעפּ, פון דער זון דעם קאַלטען פייל,
דאָך לאָזט דער פעלז באַגרינט זיך ליעבליך זעהען,
און דאָרט די ציעג זיך נאַשט איהר לייכטען טהייל.

עס שפּרינגט דער קוואַל, פאַראייניגט פליעסען שטראָמען,
שוין זענען שלוכטען, טהאָלען, לאַנקעס גריהן;
אויף פיעלע בערגלעך, אונטערבראָכ׳נע פלאַכקייט,
זעהסט דו ווייס-וואָל׳נע סטאַדעס לעמער ציהן.

צעטהיילט, פאַרזיכטיג, אַבגעמאָסטען שפּאַנען
דאָרטען שאָף און רינדער צו דעם הויכען ראַנד,
דאָך שוין פאַראַן איז פאַר אַיעדען איינעם,
וואו הייהלען וועלבען זיך אין פעלזענוואַנד.

פאַן שיצט זיי דאָרט, און לעבענס-נימפען וואוינען
און די קוסטעס פון פייכט דערפרישטען רוים,
און בענקשאַפט פול, צו העכערע רעגיאָנען,
דערהויבען זיך די צווייגען בוים אויף בוים.

אַלטע וועלדער! די דעמבע שטעהט דאָרט מעכטיג,
און, איינגע׳עקשנ׳ט, צווייג אויף צווייג זיך וועבט;

דער אַ האַרן מילד, געפילט מיט זיסע זאַפטען,
שטייגט ריין אַרויף, מיט זיסען דופט באַלעבט.

און מיטערליך אין שטילע שאָטען־זייטען,
פליסט וואר׳מע מילך, באַרייט פאַר קינד און לאַם;
אויבסט איז נישט ווייט, די צייט׳גע שפייז פון לאַנקעס,
און האָניג טריעפט פון אויסגעהוילטען שטאַם.

דאַ די באַקוועמליכקייט איז ערבליך,
צופריעדענקייט איז אָהן אַ גרונד,
איעדער איז אויף זיין פּלאַץ אונשטערבליך,
צופריעדען, גליקליך און געזונד.

אַזוי ענטוויקעלט זיך אין טעג אין ריינע
דאַס קינד, צו פאָטער־קראַפט וואקסט אויס.
מיר וואונדערן זיך; און אימער בלייבט די פראגע:
ווי געטער? ווי מענשען זעהן זיי אויס?

אַפּאָלאָ אויסגעזעהן האָט ווי אַ פאַסטוך,
און אַלע האָב׳ן ווי ער אויסגעזעהן;
ווייל וואו נאַטור אין ריינע קרייזען הערשט נאַר,
דאָרט גרייפ׳ן זיך אַלע וועלטען שעהן. (218)

(נעבען איהר זיצענדיג).

אַזוי איז מיר, אַזוי איז דיר געלונגען;
פאַרגאַנגענהייט זאָל זיין פאַר אונז פאַרשטעלט!
אַ, פיהל דיך פון אַ העכסטען גאָט געבוירען!
ווייל דו באַלאַנגסט נאָך צו דער ערשטער וועלט.

דיך זאָל קיין פעסטונג נישט אומרינגלען!
נאָך שטעהט אין עביגער יוגענדקראַפט,

פאַר אונז, צום ליעבעספולען בלייבען,
אַרקאַדיען אין ספאַרטאַס נאַכבאַרשאַפט.

געבראַכט אויף היילגער ערד צו וואוינען,
ביזט דו געקומען אין טהיירען אויגענבליק!
אין ביידלעך בייטען זיך די טהרוינען,
אַרקאַדיש פריי זאָל זיין דאָס גליק!

III

(די סצענע איז אין גאנצען פארוואנדעלט. אין א רייהע פעלזענ־העהלען זענען אנגעשפארט געשלאסענע בלומען־ביידלעך. א שאַטיגער וואלד ציהט זיך ביז צו די פעלזענשפיצען. פ א ו ס ט און ה ע ל ע נ א ווערן נישט געזעהן. דער כ א ר ליגט שלאפענדיג אין מעהרערע זייטען).

פ אַ ר ק י אַ ס.

ווי לאַנג די מיידלעך שלאָפען שוין, דאָס ווייס איך נישט;
צו האָבען זיי גע'חלומ'ט, וואָס איך העל און קלאָר
געזעהען האָב, דאָס איז מיר אויך גאנץ אונבעקאַנט.
דערפאַר וועק איך זיי. ערשטוינען זאָל דאָס יונגע פאָלק;
איהר אויך, בערדיגע, וואָס איהר דאָרט אונטען זיצט
און וואַרט, (219)
זאָלט זעהן ד' אויפלעזונג פון גלויבענסווערטהע וואונדער.
שטעהט אויף! שטעהט אויף! און טרייסעלט איי'רע לאָקען אָב!
פון ד' אויגען זאָל אַרויס דער שלאָף, און הערט מיך אוים!

כ אַ ר.

אַ, רעד, דערצעהל, דערצעהל אונז נאָר די וואונדער וואָס
עס זענ'ן געשעהן!
הערען וואָלטען מיר אָם ליעבסטען, וואָס מיר קענען
גאָר נישט גלויבען;
ווייל עס לאַנגוויילינט אונז שוין זעהר די פעלזען אַנצוקוקען.

פ אָ ר ק י אַ ס.

קוים די אויגען אויסגעריבען, קינדער, לאַנגווייליגט איהר
איך שוין?
דאַן פאַרנעמט: אין די העהלען פון די פעלזען,
אין די ביידלעך שוין, באשירמונג איז געגעבען, ווי אַן
אידילישען ליעבעספּאָר,
צו אונזער האַר און אונזער פרוי.

כ אָ ר.

דאָרט אינוועניג?

פ אָ ר ק י אַ ס.

אָבגעזונדערט
פון דער וועלט, נאָר מיך אַליין רופען זיי צו שטילע דיענסטען,
מיט כבוד בין איך ביי דער זייט געשטאַנען, ווי עס פּאַר
פאַרטרויטע פּאַסט,
געקוקט האָב איך גאָר ערגעץ אַנדערש, געווענדעט מיך
אַהין, אַהער,
געזוכט וואורצלען, מאָך און קאָרע, קענענדיג גאַנץ גוט
זיי'ר ווירקונג:
און זיי זענ'ען געבליב'ן אַליין.

כ אָ ר.

דו רעדסט דאָך, ווי דאָרט אינעווענינ, וואָלט פלאַץ געווען,
אַ גאַנצע וועלט,
וועלדער, פעלדער, טייכען, ים'ען; וואָס פאַר מעשות
שפינסט דו אונז!

פ אָ ר ק י אַ ס.

גאַנץ געוויס, איהר אונערפאַר'נע! דאָס זענ'ן נישט
אויסגעפאָרשטע גרונדען:

זאַל און זאַלען, הויף און הייפען, אויסגעפונען האָב איך דאָרט.
דאָך, אויף איינמאָל אַ געלעכטער קלינגט אָפּ אין די לעערע זאַלען;
׳ך קוק מיך אום, עס שפרינגט אַ אינגעל פון דעם פרויען־שוים צום מאַן,
פון דעם פאָטער צו דער מוטער; און דאָס קושען און דאָס צערטלען,
נאַרישע ליעבעס־שפיעלערייען, שפּאַס־געשריי און לוסטיג קוויטשען,
זיי פאַרטויבען פשוט מיך.
אַ גייסט אַ נאַקעטער אָהן פליגעל, ווי אַ פאַן נאָר גאַנץ אָהן חיה,
שפרינגט ער אויף דעם פעסטען באָדען, דאָך דער באָדען וואַרפט צוריק איהם,
שנעלט אין לופט׳גער הויכקייט איהם, און אין צווייטען, דריטען שפרונג שוין,
ריהרט ער גאָר די באַלקענס אָן.
ענגסטליך בעט די מאַמע: „שפרינג מיין קינד וויפיעל דיר גלוסט זיך, ווילט זיך,
אָבער היט דיך נישט צו פליהען! פריי צו פליהען איז דיר פאַרבאָטען.“
און איהם וואָרנט דער טרייער פאָטער: „אין דער ערד דאָ ליגט די שפרינג־קראַפט,
וואָס אַרויף דיך טרייבט; די ערד באַריהר נאָר מיט די שפּיץ־פים־פינגער,
ווי דער ערדען־זוהן אַנטעאוס ביזט דו ווידער גלייך געשטאַרקט“.
אַזוי שפרינגט ער אויף דער פעלזענמאַסע, פון איין ברעג צו דעם אַנדערן, און אַרום, ווי אַן אָנגעקלאַפּטע קוגעל שפרינגט.
דאָך, אויף איינמאָל ׳ז ער פאַרשוואונדען אין אַ טיעפען שפּאַלט פון פעלזען,

פאר אונז שוין כמעט פארלוירען. ד׳ מאמע יאמערט,
דער פאטער טרייסט.
אקסעלציה׳נדיג שטעה פול אנגסט איך. אבער פלוצים
אן ערשיינונג!
זענען אוצרות דארט באגראבען? בלומענאויסגעשטיקטע
קליידער
האט ער ווירדיג אנגעטהאן.
קוטאסען הענגען פון די הענד איהם, אויף זיין ברוסט
איהם פלאטערן בענדער,
אין דער האנד די גאלד׳נע לירע, ווי א קליינער, ליעבער
פעבוס,
קומט ער פרעהליך צו דעם ברעג צו, צו דער הויכקייט, און
מיר שטוינען,
און די עלטערן פול ענטציקונג ווארפען זיך אויף זיי׳רע
הערצער,
ווייל וואס ׳ס לייכט דארט אויף דעם קאפ איהם, וואס דארט
גלאנצט איז שווער צו זאגען,
איז עם גאלד־שמוק? איז א פלאם עם פון אונגעהייערער
גייסטערקראפט?
אזוי דרעהט ער שטאלץ ארום זיך, אלס א אינגעל צייגענדיג
שוין
דעם שפעטערן מייסטער פון דעם שעהנעם, וועמען די
עביגע מעלאדיען
דורך די גליעדער זיך באוועגען; און איהר אלע וועט
איהם הערען,
און איהר אלע וועט איהם זעהן מיט זעלטענער באוואונדערונג.

כ א ר.

רופסט דו א וואונדער דאס,
טאכטער פון קרעטא?
דיכטעריש באלעהרענד ווארט

האסט דו קיינמאל נישט געהערט ?
קיינמאל נישט געהערט איאניענס,
נישט פארנומען אויך פון הענלאס
אלטערטימליכע לעגענדען —
א געטליך־העלדענהאפטער שאץ ?

אלצדינג, וואס עס נאר געשעהט,
היינטיגע צייטען,
קלינגט ווי א טרויעריגער עכא
פון די שעהנע אלטע צייטען ;
דיין ערצעהלונג נישט פארגלייכט זיך
דעם, פול ליעבליכען ליגען,
מעהר גלויבענסווערטה אלס אמת,
שעהנעם ליעד, פון זוהן פון מאיא.

אט דעם צארטען און דאך קרעפטיג,
קוים געבוירענעם זויגלינג,
וויקעלט אין רייגסטע ווינדלעך איהר,
אין וויקעלשנורען טהייערע,
ווי די פלאפעלדיגע ווערטערינס,
נאריש טהוען אלע מאל.

קרעפטיג און ליעבליך אבער ציהט
שוין דער גנב די בעגזאמע,
דאך ווייכע צארטע גלידער,
כיטרע ארויס, די פורפורנע
ענגע, דריקענדע שולאכטם
איבערלאזענדיג אויף זיין פלאץ,
ווי דער פארטיגער שמעטערלינג
וואס פון הארטען ווערעמיל ארויס
מיט פליגעל צעשפרייטע לוסטיג שפרינגט,

דעם זון-באלויכט׳נעם עטהער שטאַלץ
און פול מיט מוטה דורכפלאַטערט.

אַזוי אויך ער, דער לוסטיגער, (222)
וואָס פון גנבים, ליגנערס,
און אויך זוכערס פון פאַרדיענסט
איז דער עביג גוטער טייפעל.
דאָס באַוויזען האָט ער גלייך
דורך קלוג׳ און כיטרע קונסט-שטיק.

שנעל פון האַר פון ים גע׳גנב׳עט
דעם סצעפּטער, און פון אַרעס
כיטרע דאָס שווערד פון שייד,
בויגען און פייל פון פעבוס אויך,
און פון העפעסטאָס׳ן די צוואַנגען;
אויך צעאוס׳ס, דעם פאָטער׳ע בליץ וואָלט ער
גענומען, ווען דאָס פייער שרעקט איהם נישט;
אויך עראָס׳ן האָט ער באַזיעגט
אין פיסלעך-אונטערשטעלטען שפּיעל,
גערויבט ביי ציפּרים, ווען ז׳ האָט איהם
גענלעט, פון איהר ברוסט דעם גאַרטעל.

(א רייצענדע, ריינמעלאָדישע לירע-מוזיק קלינגט פון דער העהל ארויס. אַלע הערען זיך צו, און שיינען באַלד אינערליך גערוהרט צו זיין. פון דאַנען ביז צו דער אַנגעצייכענטער פויזע, דורכאויס מוזיק-באַגלייטונג).

פאָרקיאַס.

הערט די ליעבע, שעהנע קלאַנגען,
מאַכט אייך שנעל פון מעשות פריי!
אייער אַלטע געטער-מחנה
לאָזט שוין אָב; עס איז פאַרביי.

קיינער וויל אייך מעהר פאַרשטעהען,
אייער וועלט איז פאַר אונז שמאָל:
ווייל עס מוז פון האַרצען קומען,
וואָס אויפ'ן האַרצען ווירקען זאָל.
(זי ציהט זיך צוריק צו די פעלזען).

כ אָ ר.

האַט, אָ, פירכטערליכע בריאה
דיך דער זיסער טאָן דערגרייכט,
פיהלען מיר, געזונד שוין ווידער,
און צו טרערן־לוסט דערווייכט.

זאָל דער זונענגלאַנץ פאַרשווינדען,
ווען אין דער נשמה טאָגט,
מיר אין אונזער האַרץ געפינען
וואָס די גאַנצע וועלט פאַרזאָגט.

(העלענא, פאוסט, אייפאָריאָן אין די אויבען באַשריבענע קליידער).

אייפאָריאָן. (223)

הערט איהר קינדער־ליעדער זינגען,
קומט דער שפּאַס גאַנץ וואונדערליך;
זעהט איהר מיך אין טאַקטען שפּרינגען,
טאַנצט דאָס האַרץ אייך מוטערליך.

העלענאַ.

ליעבע, מענשליך צו באַגליקען,
פּאָרט צונויף זי עדלע צוויי;

אָבער געטליך צו ענטציקען,
שאַפט אַ ליעבליך דריי זי זיי.

פ אַ ו ס ט.

אַלעס איז דאָן שוין געפונען:
איך בין דיין און דו ביזט מיין,
אַזוי שטעהען מיר פאַרבונ'ען,
אַנדערש דאַרף עס דאָך נישט זיין!

כ אָ ר.

פאַרגעניגען פיעלע יאָהרען
זאָל זיך פון דעם אינגעלם שיין
זאַמלען אויף דעם ליעבען פּאָרעל:
גליקליך זאָלען אַלע זיין!

א י י פ אָ ר י אָ ן.

יעצט לאָזט מיך טאַנצען,
יעצט לאָזט מיך שפּרינגען!
צו אַלע לופטען
אַרויפצודרינגען
איז מיין פאַרלאַנג יעצט,
ער כאַפּט מיך אָן.

פ אַ ו ס ט.

נאָר לאַנגזאַם! לאַנגזאַם!
יאָג נישט, ווּעסט פאַלען;
פאַל נישט, אַן אונגליק
זאָל דיך באַפאַלען,
און אונז פאַרניכטען,
דעם טהייערען זוהן.

אייפאָריאָן.

איך וויל נישט לענגער
אויף דער ערד בלייבען;
לאָזט מיינע הענד אָב,
'ן לופט לאָזט מיך טרייבען,
לאָזט מיר מיין קלייד אָב!

העלענאַ.

באדענק! באדענק זיך!
צו וועמ'ן דו געהערסט!
ווי אונז געקרענקט וואָלט,
אָ, ווען דו צעשטערסט
דאָס גליק געוואונענע
מיינס, דיינס און זיינס.

כאָר.

באַלד ברעכט, מיך שרעקט שוין,
דער ליעבער פאַרבאַנד.

העלענאַ און פאַוסט.

האַלט איין! אָ, האַלט איין!
די עלטערן צוליעב,
דעם צודרינגליכען
און שרעקליכען טריעב!
לענדליך אין שטילקייט,
ציער שעהן דעם פלאַן דיין!

אייפאָריאָן.

בלויז אייך צוליעב נאָר
האַלט איך מיך איין.

(דרעהענדיג זיך דורך דעם כאָר, שלעפּענדיג איהם צום טאַנץ).

לייכט שוועבט אייך ארום אין
געשלעכט פול מיט מוט:
זאָגט, איז די מעלאָדיע,
איז די באַוועגונג גוט?

ה ע ל ע נ אַ.

יאָ, דאָס איז גוט געטהאָן;
די שעהנע פיהר, און
האַלט זיי אין דרעה'ן!

פ אַ ו ס ט.

וואָלט'ס שוין געווען פאַרביי!
מיך קען די דרעהעריי
גאָר נישט דערפרעה'ן.

א י י פ אָ ר י אָ ן און כ אָ ר.

(טאַנצען און באַוועגען זיך אין צענויפגעפלאָכטענע רייהען.)

ווען דו דיינע אָרעמס
ליעבליך באַוועגסט,
אין גלאַנץ דיינע לאָקען
שאָקעלסט, אויפרעגסט;
ווען זיך דיין פוס גאַנץ לייכט
איבער דער ערד באַוועגט,
דאָ און דאָרט, אַהער, אַהין,
לייכטע גלידער לוסטיג ציהן;
האָסט דו דיין ציעל דערגרייכט.
ליעב טהייער קינד!
אַל' אונז'רע הערצער זענ'ן
אַל' דיר גענייגט.

(פויזע).

א י י פ אָ ר י אָ ן.

איהר זענט אַזוי פיעל
לייכטפיסיגע רעהען;
יעצט צום נייעם שפיעל,
פריש לאָמיר זיך דרעהען!
איך בין דער יעגער,
'ך כאַפּ אייך מיט געוואלד.

כ אָ ר.

ווילסט דו אונז פאַנגען,
נו, שנעל מיט די הענד;
וויל מיר פארלאַנגען,
דאָך בלויז צו דער ענד
דיך צו אומאַרמען,
שעהנע געשטאַלט!

א י י פ אָ ר י אָ ן.

נאָר דורך די וועלדער!
שטיינער און פעלדער!
דאָס לייכט געלונגענע
געפעלט נישט מיר,
נאָר דאָס געצוואונגענע
געפעלט בלויז מיר.

ה ע ל ע נ אַ און פ אַ ו ס ט.

ווי קאַפּריזנע, ווי צעלאָזען!
בארוהיגונג איז נישט צו האָפען;
איינפאַך ווי טראָמפּעטען-בלאָזען,
איבער טהאָל און וועלדער קלינגען
וואָס פאר יאָגען און געשריי!

כ א ר.

(איינציגווייז שנעל ארײנקומענדיג).
אונז איז ער פארבייגעלאפען;
מיט פאראכטונג אין זיין זינגען,
שלעפט ער פון דעם גאנצען הויפען
יעצט די ווילדעסטע אהער.

א י י פ א ר י א ן.

(א יונג מיידעל ארײנטראגענדיג).
׳ך שלעפ אהער די ווילדע קליינע
צום געצוואונגענעם געניעסען;
צום פארגעניגען, פאר מיין לוסט,
דריק איך ד׳ וויעדערשטעה׳נדיגע ברוסט,
קוש דאס מויל פול געגנערשאפט,
וויז מיין ווילען און מיין קראפט.

מ י י ד ע ל.

לאז מיך אב! ווייל דאס פארלאנגט אויך
זעהר פיעל גייסט און מוטה און קראפט;
פון דיין גלייכען ׳ז אונזער ווילען
גארנישט אזוי לייכט פארשקלאפט.
מיינסט דו, אז איך בין אין צוואנג יעצט?
פארטרויעסט דו דיין ארעם פיעל!
האלט נאר שטארק, און איך פארברען
דיך, דו נאר דו, פאר מיין שפיעל.

(זי פלאמט אויף און פליהט אין דער לופט).

יאג מיר נאך אין לייכטע לופטען,
יאג מיר נאך אין טיעפע גרופטען,
האלט נאך דיין פארשוואונד׳נעם ציעל!

א י י פ אָ ר י אָ ן.

(אבטרייסלענדיג די לעצטע פלאמען).

אָ, פעלזענענגשאפט פיין,
צווישען וויסטען וואלד־יאָך!
ווארום זאָל מיר ענג זיין?
'ך בין דאָך פריש און יונג נאָך.
ווינטען, זיי זויזען דאָך,
אינדען, זיי ברויזען דאָך,
פון ווייטענס הער איך זיי,
'ך פליה יעצט צו זיי.

(ער שפרינגט אלץ העכער, פעלזארויף).

חעלענאַ, פאוסט און כאָר.

ווילסט דיך צו די געמזען גלייכען?
'ם וועט אן אונגליק נאָך געשעהן.

א י י פ אָ ר י אָ ן.

אימער העכער וויל איך שטייגען,
אימער ווייטער מוז איך זעהן.
יעצט וויים איך וואו איך בין!
אין מיטען אינזעל, אין
מיטען פון פעלאָפּס לאַנד,
דער ערד און ים פארוואַנדט. (225)

כ אָ ר.

ווילסט דו אין בערג און וואלד
פריעדליך פארווייל‏ען,
זוכען מיר אוים דיר באלד
טרויבען אין צייל‏ען,

טרויבען פון בערגעל-ראַנד,
פייגען און עפּעל-גאָלד
אך, בלייב אין שעהנעם לאַנד,
מיר האָבען דיך האָלד!

אייפאָריאָן.

איהר טרוימט גאָר פון שלום?
טרוימט, ווייט איז דער חלום!
דאָס איינצ׳גע וואָרט איז קריעג!
און קומען מוז דער זיעג!

כאָר.

ווער אין פריעדען
ווינשט זיך דעם קריעג צוריק,
דער איז געשיעדען
פון האָפנונגס-גליק.

אייפאָריאָן.

ווער ׳ס האָט דאָס לאַנד געשאַפט,
מיט געפאַר און מיט קראַפט,
מיט אונבאגרענעצטען מוט,
געגעבען האָט דאָס בלוט
מיט אונאויסלעשליכען
הייליגען זין,
נאָר ד ע ם, קעמפּפענדיג,
ברענגט עס געווינ׳!

כאָר.

קוקט אַרויף! ווי הויך געשטיגען!
און ער שיינט אונז דאָך נישט קליין,

און דער פאַנצער, ווי צום זיעגען —
ווי פון מענש און שטאָהל ׳ז דער שיין.

אייפּאָריאָן.

נישט קיין טהורעמס, נישט קיין מויער, —
יעדער איז זיך זעלבסט באוואוסט!
שטאַרקע פעסטונג, פאַר אויסדויער,
איז דעם מאַן׳ס אייזערנע ברוסט.

ווילט איהר נישט ערשאָבערט וואוינען?
שנעל באַוואַפענט אייך צום פעלד,
פרויען ווערען אַמאַזאָנען
און אַיעדעס קינד א העלד.

כאָר.

הייליגע פּאָעזי,
הימעל-הויך שטייגט יעצט זי!
גלאַנצען זאָל דער שעהנסטער שטערן,
ווייט און פיעל ווייטער נאָך!
און זי דערגרייכט אונז דאָך
שטענדיג, מען הערט זי דאָך
און פארנעמט זי גערן.

אייפּאָריאָן.

ניין, נישט קיין קינד בין איך געקומען,
מיט וואפען קומט דער אינגלינג אָן!
געפּאסט מיט שטאַרקייט, פריי פאַרנומען
האָט גייסטיג אַלץ ער שוין געטהאָן.
יעצט פאָרט!
וויל דאָרט

יעצט עפענט זיך צו רוהם דער וועג. (226)

העלענא און פאוסט.

קוים אין לעבען נאָר געקומען,
לוסט׳גען טאָג דערזועהען קוים,
יאָגסט דו שוין פון שווינדעל-טרעפּ זיך
אין א מורא׳דיגען רוים.
זענען מיר
גאָרנישט דיר?
איז דער ליעבער בונד א טרוים?

איפאָריאָן.

און הערט איהר דונערן אויף דעם ים דאָרט?
דעם וויעדערקלאנג פון טהאָל צו טהאָל?
אין שטויב און כוואַליעם מחנות קריעגער
און אין געדרענג פון שמערצ׳ן אָהן צאָהל?
און דער טויט
מוז דאָך לויט
געזעץ זיין, איינם פאַר אַלע מאָל!

העלענא פאוסט און כאָר.

וואָס פאַר שרעקען! וואָס פאַר אונגליק!
איז געזעץ פאַר דיר דער טויט?

איפאָריאָן.

זאָל פון ווייטענס זיין מיין אָנבליק?
ניין, איך טהייל מיט זאָרג און נויט.

די פאָריגע.

געוואַגטקייט און געפאהר!
צום טויט אויסגעזעצט!

א י י פ אָ ר י אָ ן.

דאָך! — א פּאָר פליגעל דערפאר
ענטוויקעלט זיך יעצט!
אַהין! איך מוז! איך מוז!
לאָזט מיך יעצט פליהן.

(ער וואַרפט זיך אין דער לופט, די קליידער טראָגען איהם אַן אויגענבליק, זיין קאָפּ שטראַהלט, א ליכט־שטרייף ציהט נאָך).

כ אָ ר.

איקאַרוס! איקאַרוס! (227)
וועהטאָגען ציהן!

(א שעהנער אינגלינג פאַלט צו די עלטערן'ס פיס, מען גלויבט צו דערקענען אין דעם טויטען א באַקאַנטע געשטאַלט; דאָך דאָס קערפּערליכע פארשווינדט גלייך, די אורעאָלע שטייגט ווי א קאָמעט צום הימעל ארויף. דאָס קלייד, מאַנטעל און לירע בלייבען ליגען).

ה ע ל ע נ אָ און פ אָ ו ס ט.

דעם פריידען פאָלגען גלייך
שרעקליכע וועה'ן.

א י י פ אָ ר י אָ נ ס

(שטימע פון דער טיעפעניש).

לאָז מיך אין פינסטערן רייך,
מאַמע, נישט אַליין!

(פּויזע).

כאָר.

(טרויער־געזאַנג). (228)

נישט אַליין! — וואו דו נישט זיין זאָלסט,
ווייל מיר קענען גוט אונזביידען;
אויך ווען דו פון ליכט באַהאַלסט זיך,
ועט קיין האַרץ זיך פון דיר שיידען.
דיך באַקלאָגען קענען מיר נישט,
מיר באַזינגען דיך נאָר בלויז,
ווייל דיר, אין קלאָר־ און טריעבע טעג,
ליעד און מוט געווען איז שעהן און גרויס.

אַך! צום ערדענגליק געבוירען;
עלטערן שטאָלצע, גרויסע קראַפט,
ליידער! ביזט דו יונג פאַרלוירען
יוגענדבלום, גערויבט ׳ז דיין זאַפט.
אַ שאַרפען בליק, די וועלט צו זעהען,
געפיהלט איעדענם האַרצפאַרלאַנג;
ד׳ ליעבע פון די בעסטע פרויען,
און אַן אייגענעם געזאַנג.

דאָך דו האָסט צו ווילד געאָיגט זיך
אין דער ווילענלויזער נעץ;
אַזוי האָסט מיט געוואַלט צעטהיילט דו,
דיך און מנהג, מיט געזעץ.
דאָך צולעצט דאָס העכסטע דענקען
דורכגעדרונגען האָט דיין מוט,
האָסט געוואָלט דאָס העכסטע גרייכען,
דאָך געגאַנגען ׳ז דיר נישט גוט.

ווען׳ן געלינגט עס, — טרויר׳גע פראַגע,
וואָס קיין ענטפער אויף דעם קומט;

וועז אין ד׳ אונגליקליכסטע צייטען,
בלוטענדיג דאָס פאָלק פאַרשטומט.
דאָך, דערפרישט מיט נייע ליעדער,
בויגט דעם קאָפּ שוין נישט מעהר אָן,
ווייל די ערד ערציהט זיי ווידער
ווי ז׳ האָט אלע מאָל געטהאָן.

(פאָלשטענדיגע פויזע. די מוזיק הערט אויף).

העלענאַ.

(צו פאוסט).

אַ וואָרט אַן אַלטס איז ליידער אמת אויך פון מיר:
גליק און שעהנקייט דויערהאַפט זיך נישט פאַרייניגט.
צעריסען איז דעם לעבענס און דער ליעבעס באַנד;
באקלאָג׳נדיג ביידע, שמערצליך זאָג איך: בלייב געזונד!
און וואַרף זיך נאָך אַ מאָל אין דיינע אָרעמס יעצט:
פערזעפאָניא, נעם דאָס איינגעל אויף און מיך.

(זי אומארמט פאוסט, דאָס קערפערליכע פאַרשווינדט, דאָס
קלייד און שלייער בלייבען איהם אין די אָרעמס).

פאָרקיאָס.

האַלט נאָר פעסט, וואָס דיר פון אַלץ געבליבען איז!
לאָז דאָס קלייד נישט אָב! ווייל ים צופּען שוין
טייוואָלים ביי די ברעגעס, און וואָלטען ׳ם גערן
שלעפּען אין שאול תחתיה. האַלט פעסט!
די געטין, וואָס דו האָסט פאַרלוירען, ׳ז מעהר נישט דאָ,
׳ס איז אָבער געטליך. באַנוץ זיך מיט דער הויכער
אונשעצבאַרער גונסט און דערהייב זיך גלייך!
עס טראָגט אַוועק דיך איבער דעם געמיינעם
צו עטהער ריין, ווי לאַנג ד׳ אויסהאַלטען קענסט.
מיר זעהן זיך ווידער, וויט, גאַנץ וויט פון דאַנ׳ן.

(העלענא'ס קליידער לייזען זיך אויף אין וואָלקען, רינגלען ארום
פֿאוסט, הייבען איהם אויף אין דער הויך און
ציהען מיט איהם פֿאַרביי). (229)

פ אָ ר ק י א ס.

(נעמט אייפֿאָריאָן'ס קלייד, מאנטעל און לירע פֿון דער ערד, הייבט
זיי אויף אין דער הויך, געהט צו דער פֿאָדער־ביהנע און רעדט).

דאָך וואָס געפֿונ'ן! גליקליכע שטונדען! —
די פֿלאם, 'ס איז אמת, איז פֿאַרשוואונדען,
דאָך טהוט מיר פֿאַר דער וועלט נישט לייד.
עס בלייבט גענוג, פֿאָעטען איינצואווייהען,
צו שאַפֿען קנאה, שנאה, לייד,
און קען איך קיין טאַלענט נישט לייהען,
באָרג איך זיי ווענינגסטענס דאָס קלייד.

(זעצט זיך אנידער נעבען א זייל פֿון דער פֿאָרדער־ביהנע).

פ אַ נ ט ה א ל י ס.

יעצט איילט זיך, מיידלעך! פֿון דעם צויבער זענ'ן מיר פֿריי,
פֿון דעם אַלט־טהעסאַלישען ווּסטען שכל־צוואַנג,
פֿון דעם געררויש פֿון פֿיעלע ווילדע טענער,
פֿאַרווירענדיג דעם אויר, ערגער נאָך דעם ריינעם זין.
אראָב צו האדעס! געאיילט האָט זיך די קעניגין
מיט'ן ערשטען שריט אַרונטער! איהר שריט זאָל זיין
געפֿאַסט דעם גאַנג פֿון די געטרייע דינערינס!
מיר געפֿינען זיי ביים טהרוין פֿון אונדערפֿאָרשליכען.

כ אָ ר.

געוויס, קעניגינס געפֿינען אומעדום זיך גערן;
אויך אין האדעס שטעהן זיי אויבען אָן,

שטאָלץ געזעלט צו זייער גלייכען,
מיט פערזעפאָנען ענג פארבונדען;
אָבער מיר, אין הינטערגרונד
פון טיעפע אספאָדעלען-פעלדער,
מיט לאַנגע פאַפעלבוימער,
צו אונפרוכטבאַרע ווערבעם צוגעפאסט,
וואָס פאר א צייטפארטרייב האָבען מיר?
ווי פלעדערמייז צו פיפטשען,
שעפטשענדיג נישט פריילעך, גייסטערהאפט!

כאָרפיהרערין.

ווער קיין נאָמען האָט ערוואָרבען, און קיין עדלעס וויל,
געהערט די עלעמענטען בלויז; דאַן געהט אַוועק!
מיין פאַרלאַנג איז מיט דער קעניגין צו זיין;
נישט נאָר פארדיענסט, נאָר טרייהייט האַלט אויף דעם מענש. (230)

(אב.)

אַלע.

צוריקגעגעבען זענען מיר דעם ליכט פון טאָג;
אָבוואָהל מענשען נישט מעהר,
דאָס פיהלען, דאָס וויסען מיר.
אָבער צו האַדעס קעהרען מיר נישט צוריק.
די עביג-לעבעדיגע נאַטור (231)
האָט אויף אונז גייסטער
און מיר אויף איהר אַן אונצווייפעלהאפט רעכט.

אַ טהייל פון כאָר.

אין די טויזענד שעפטשענדיג-צוויטשערנדיגע צווייגען
רוישענד

ליעב באַוועגענדיג, לאַק'ן מיר לאנגזאם פון די וואורצלען
דעם לעבענס קוואַלען
צו די צווייגען; באַלד מיט בלעטער, באַלד מיט בליטהען
רייצענדע
ציערען מיר די פלאַטערנדע האָר פריי צו לופטיגען געוויקס.
פאַלט די פרוכט, פאַרזאַמלען גלייך זיך לוסטיג פאָלק און
סטאַדעס,
אום צו כאַפּען און צו נאַשען, קומען שנעל שטופּענדיג זיך
מונטער
און, ווי פאַר די ערשטע געטער, אַלע בוקען אַרום אונז זיך.

אַן אַנדער טהייל.

ביי די פעלזענוואַנד, וואָס לייכטען אין דעם גלאַטען שפּיגעל,
שווענבען מיר, אויף זאַנפטע כוואַליעס אונז באַוועגענדיג,
שמייכלענדיג;
הערען, האָרכען קלאַנגען, פייגעל-זינגען, רעהרען-שפּיעלען,
און צו פּאַן'ס פורכטבאַרע שטימע, גלייך אַן ענטפער איז
בּאַרייט,
מורמעלט, ענטפערן מיר מורמלענדיג, דונערט, רוישען
אונז'רע דונערן
שרעקליך, שוידערהאַפט פאַרדאָפּעלט, דרייפאַך, צעהנפאַך,
אונטען נאָך.

אַ דריטער טהייל.

שוועסטער! מיר מיט געזעצטען שכל, יאָגען מיט די
טייכלעך ווייטער,
ווייל עס רייצען יענע ווייטע רייך-פאַרפּוצטע קעטען-בערג.
נאָר אַרונטער, אימער טיעפער, באַוואַסערן מיר אין רונדע
כוואַליעס,
ערשט די לאָנקע, דאַן די פּאַשע, אויך דעם גאָרטען ביי
דעם הויז;

דאָרט באַציערען עם די שפּיצען פון ציפּרעסען אויף דער
לאַנדשאַפט,
ביי גרינע בערג און אינדען-שפּיגעל, וואָס הייבען אין דער
לופטען זיך.

א פיערטער טהייל.

געהט איהר אנד'רע, וואו איהר ווילט נאָר ; מיר אומרינגלען
און באַפּליסטערן
דעם איבעראל באַפלאַנצטען באַרג, וואו דער וויינשטאָק
עביג גרינט,
דאָרט זעהט מען אלע מאָל די ליידענשאַפט פון
וויינטרויבען-קלייבער,
און דעם ליעבעספולען פליים זעהט מען צווייפעלהאפט
געלינגען.
באַלד מיט העקעל און מיט רידעל, מיט באַשניידען,
זאַמלען, בינדען,
צו די געטער טהוט ער תפילה, איבערהויפּט צום זונען-גאָט.
דער שוועכלינג באקום קימערט וועניג פאר דעם טרייעם
דיענער זיך.
רוהט אין לויבעס און אין העהלען, שפּיעלט זיך מיט דעם
אינגסטען פאָן,
וואָס ער דאַרף האָבען צו זיינע האַלב פאַר'שכור'טע חלומות,
בלייבט איהם איבער אין די בעקענס, אין די קרוגען און
געפעסען,
רעכטס און לינקס אין די קעלערן, באַהאַלטען פאַר דער
עביגקייט
האָבען אָבער אַלע געטער, העליאָס פאַר אַלע פריהער,
דורך לופט און פייכקייט, היץ און ווארמקייט, מיט זאַפט
געפילט די יאַגדעס,
וואו 'ס האָט דער וויינטרויב-זאַמלער געווירקט אין
שטילקייט, ווערט פריילעך מיט אַמאָל,
און עס רוישט אין די אַלעע, יאַגענדיג צו יעדען וויינשטאָק ;

׳ם קרעכצען קערב, און עמערם קלאַפּערן, קאָרעטעם אויך
ברומען צו,
אַלעם צו די גרויסע פעסער, צו דעם פרעסער׳ם קרעפטיגען
טאַנץ:
אזוי ווערט די הייליגע פילקייט פון ריינגעבויר׳נע
זאַפטיגע יאַגדעם
גראָב צעטראָטען! שוימענדיג און שפריצענדיג, מישט זיך
עם צעקוועטשט.
און עם קלינגט אין אויר דאָם צימבלען, און פון מעש׳נע
בעקען טענער;
ווייל עם האָט זיך דיאָניסאָם פון מיסטעריען אַנטפּלעקט.
ער קומט מיט ציגען-פוס סאַטירען, טאַנצענדיגע סאַטיריכעס,
און שטאַלץ אין מיטען געהט סילענוס, די לאַנג-אוירדיגע חיה.
נישט געשוינט! געשפּאַלט׳נע קלויען טרעטען זיטען מיט
די פיס,
אַלע חושים טומלען שרעקליך, העסליך ווערט פאַרטויבט
דאָס אויר.
נאָך דער שאָל שכורים טאַפּען, איבערפילט איז קאָפּ און בויך;
איינער וויל איינשטילען א צווייטען, מאכט ער אָן נאָך
מעהרער טומעל;
יוויל דעם נייעם וויין צו האַלטען, לעערט מען אוים דאָס
אַלטע פאַס.

(דער פאָרהאַנג פאַלט. פ א ר ק י א ס, אין דער פּאָדערביהנע,
הייבט זיך ריעזענהאַפטיג אויף, געהט אַרונטער פון דער ביהנע־הויכקייט, נעמט אַרונטער די מאַסקע און דעם שלייער, און ווייזט זיך אַלס מעפיסטאָפעלעס, אויף וויפיעל עס איז נעטהיג דאָס שטיק צו קאָמענטירען אַלס עפּילאָג.) (232)

(ענדע פון דריטען אקט).

פערטער אקט.

I

הויכע בערג.

שטארקע שפיציגע בערג־שפיצען. א וואלקען דערנעהנט זיך, לעהנט זיך אן, לאזט זיך אראב אויף אן אויסגעשטרעקטען ברעג. ער צעטהיילט זיך.

פ א ו ס ט.

(ערשיינט).

באטראכטענדיג די טיעפסטע איינזאמקייטען אונטער מיינע פים,
איבערלעגט, באטרעט איך פון די שפיצען בערג דעם ברעג,
פארלאזענדיג מיין וואלקען־וואגען, וואס מיך זאנפט
אין טעג אין קלארע איבער לאנד און ים געטראגען האט.
לאנגזאם שוועבט ער, נישט צעפליסענדיג, פון מיר אוועק.
נאך מזרח שוועבט די מאסע מיט איהר רונדען גאנג.
שטוינענדיג איהם שטרעבט דאס אויג נאך מיט באוואונדערונג.
עס טהיילט זיך שוועבענדיג, כוואליעס גלייך פארענדערליך.
יעצט ווערט עס א געשטאלט! — עס נארט מיך נישט דאס אויג! (233)
אויף זון־באלויכט'נע קישען ליעבליך אויסגעשטרעקט,

כאָטש ריעזענהאפט, א געטער־עהנליך פרוי׳נגעשטאַלט
זעה איך: יונאָנ׳ען עהנליך, לעדאַ׳ן, העלענאַ׳ן,
ווי ׳ס מאַיעסטעטיש־ליעבליך פאַר מיינע אויגען שוועבט.
אַך! שוין צופליעסט עס! פאַרמלויז ברייט און אויפגעטורעמט,
רוהט עס אין מזרח יעצט, צו ווייטע אייזבערג גלייך,
און, בלענד׳נדיג, שפיגעלט אָב דעם גרויסען זין פון
פאַרפלויג׳נע טעג.
דאָך, עס שוועבט אַ צאַרטער, ליכטיגער נעבעל־שטרייף
אַרום מיין ברוסט און שטערן, ערהייטערנד, קיהל און
שמייכעלהאַפט.
יעצט שטייגט עס לייכט, צעגערנדיג העכער אַלץ אַרויף,
שליעסט זיך צוזאמען. — נאַרט מיך אַן ענטציקענד בילד,
אַלס יוגענדליכעס, לאַנג פאַרלוירען העכסטעס גליק?
פון טיעפסטען האַרצען קוועלען יונגע אוצרות אויף;
אַוראָראַ׳ס ליעבע, לייכט באַפליגעלט שיינט עס מיר,
דעם שנעל־געפיהלטען, ערשטען, קוים פאַרשטאַנ׳נעם בליק,
וואָס, פעסט־געהאַלטען, איבערשיינט האָט יעדען שאַץ.
ווי נשמה־שעהנקייט שטייגט אַרויף די שעהנע פאָרם,
צעשמעלצט זיך נישט, דערהייבט זיך אין דער בלויער לופט,
און ציהט דאָס בעסטע פון מיין א י ך מיט זיך אַוועק.

אַ זיבען־מײלענדיגער שטיוועל.

(שפאַנט אַרויף). (234)

אַן אַנדערער

(קומט גלייך נאָך).

מעפיסטאָפעלעס.

(שטייגט אַרויס).

די שטיוועל.

(שפאַנען אײלענדיג ווייטער).

מעפיסטאָפעלעס.

דאָס הייסט ענדליך פאַרטגעשריטען!
דאָך זאָג מיר נאָר, וואָס פאַלט דיר איין?
דו שטייגסט אַראָב גאָר דאָ אין מיטען
פון די שרעקליך אָפ'נע פעלזען?
איך קען זיי גוט, כאָטש נישט דאָ אויף דעם פלאַץ,
ווייל דאָס געוועזען איז דער גרונד פון דעם גיהנם.

פאַוסט.

דיר פעהלט קיינמאָל נישט קיין נאַרישע לעגענדען,
הייבסט שוין ווידער אַן אזעלכע צו פאַרטהיילען?

מעפיסטאָפעלעס.

(ערנכט).

ווען גאָט דער האַר — איך וויים פאַר וואָס אויך — האָט
אונז פון דער לופט אין דער טיעפעניש פאַרשיקט,
דאָרט, וואו 'ן מיטען גליהט, אַרום און אַרום
אַן עביג העליש פייער האָט געברענט;
ביי אַ גרויסען פייער האָב'ן מיר זיך געפונען,
אין אַן ענגער, אונבאַקוועמער לאַגע.
די טייוואָלים האָבען אָנגעהויבען הוסטען
פון אויבען און פון אונטען, זיך צו שטיקען.
דער גיהנם 'ז פול געוועזען מיט שוועפעל, זיירע,
און וויפיעל גאַז! איך זאָג דיר אונגעהייער,
אזוי, אַז באַלד האָט פון דער ערד די פלאַכקייט,
ווי דיק זי איז געוועזען, גלייך געמוזט צעשפּרינגען!
יעצט זעהען מיר, אַז אלץ געוואָרען איז אַנדערש:
וואָס אַ גרונד געוועזען איז, איז א שפּיץ יעצט;
זיי באַגרינדען יעצט דערויף די ריכט'גע לעהרען,
דאָס אונטערשטע צום אויבערשטען פאַרקעהרען.

ווייל מיר זענ'ן אנטלאָפען פון די הייסע קערקערס,
צו דער ענדלויזער הערשאַפט פון דער פרייער לופט;
אַן עפענטליכער סוד, נאָר גוט באַהאַלטען, (235)
וואָס צו די פעלקער ווערט ערשט שפעט אַנטפלעקט.

פ א ו ס ט.

די מאַסע בערג מיר בלייבען עדעל-שטום,
איך פרעג נישט: פון וואַנ'ן? און נישט: וואָרום?
ווען די נאַטור האָט זיך אין זיך אַליין געגרינדעט,
דאַן האָט זי אַליין דעם ערד-קוגעל אָבגערונדעט,
מיט די שפּיץ-בערג און די טיעפע גרונדען זיך געפרעהט,
און פעלז צו פעלז און באַרג צו באַרג געשטעלט,
די בערגלאַך דאַן באַקוועם זיך אויסגעפורעמט,
מיט זאַנפטען גאַנג געלאָזט זיי ענדיגען אין טהאַל,
עס גרינט און וואַקסט, און אום זיך דערמיט צו פרעהען
דאַרף זי קיין משוגע'נע איבערקעהרענישען נישט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאָס רעדט א י ה ר אַזוי! אייך שיינט עס ווי דער טאָג קלאָהר;
דאָך ווייסט אַנדערש דער, וואָס איז דערביי געוועזן.
איך בין געוועזן דערביי, ווען דאָ אונטען, זיצענדיג,
דער אָבגרונד האָט געשטראָמט מיט שוידערהאַפטע פלאַמען,
ווען מאָלאָך'ס האַמער, שמיעדענדיג א פעלז צו אַ פעלז,
בערג-חורבות האָט געוואָרפען אין דער ווייטקייט.
נאָך ליגען פרעמדע שטיינער-מאַסען אויף דער ערד; (236)
ווער קען ערקלעהרען אַזאַ שליידער-קראַפט?
דער פילאָזאָף, ער קען עס גאָרנישט פאַסען;
דאָרט ליגט דער פעלז, מען מוז איהם ליגען לאָזען,
מיט בושה האָב'ן מיר שוין פון דעם געטראַכט. —
דאָס געטריי-געמיינע פאָלק אַליין באַגרייפט

און לאָזט זיך אין באגריף נישט שטערען;
זייער חכמה איז שוין לאַנג געצייטיגט:
אַ וואונדער איז עס, שטן'ס אייג'נע אַרבייט.
מיין וואַנד'רער הינקט אויף זיין גלויבענס-הויכקייט,
צו דער טייפעל-בריק, צום טייפעל-שטיין.

פ אַ ו ס ט.

עס איז ווירקליך ווערט דאָך צו באמערקען,
ווי טייוואָלים די נאַטור באַטראַכטען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

וואָס געהט 'ס מיך אָן? זאָל די נאַטור זיין ווי זי איז!
דער כבוד איז: דער טייפעל איז געוועזן דערביי!
מיר זענען די לייט, עטוואָס גרויסעס צו דערגרייכען;
טומעל, געוואַלט און אונזין! זעה דעם צייכען! —
דאָך, אום ענדליך קלאָהר צו מאַכען וואָס איך רעד,
איז גאָר נישט דיר געפעל'ן אויף אונזער ליעבער ערד?
די אוצרות פון דער וועלט און איהרע הערליכקייטען.
פון דער הויכקייט האָסט דו אַלץ אַרום געזעהן;
דאָך, נישט געזעטיגט, ווי דו ביזט,
זאָג, האָט זיך גאָרנישט דיר געגליסט?

פ אַ ו ס ט.

יאָ! עטוואס גרויס'ס האָט צוגעצויגען מיך.
אַנו טרעף!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאָס קען באַלד געשעהן.
איך וואָלט מיר אַזאַ הויפּטשטאָדט אויסגעזוכט,
וואו שרעקליך 'ס איז דעם בירגער'ס נאַהרונג;
קרום-ענגע געסלעך, שפּיצ'גע טורמלעך,

אויף דעם מאַרק, קרויט, ריבען, ציבעלעס,
פֿלייש-קלעצער, וואו די פֿליגען זשומען,
די גראָבע פֿליישען פֿעט צו מאַכען;
צו יעדער צייט געפֿינסט דו דאָרט
געוויס, געשטאַנק און טהעטיגקייט.
דאַן, גרויסע פּלעצער, ברייטע גאַסען,
וואָס פֿון רייכקייט מאַכען אַן אָנשטעל;
און ענדליך, פֿון קיין טויר פֿאַרצאַמט,
די פֿאָרשטעדט ליגען אויסגעשטרעקט.
איך וואָלט געפֿרעהט מיך מיט די קאָטשעס,
מיט דעם ליאַרעמדיגען רויש, געטומעל,
מיט דעם עב׳גען יאָגען זיך אַהין, אַהער,
ווי א צעשטרייטער הויפֿען מוראַשקעס.
און, צוגעפֿאָהרען, צוגעריטען,
ערשיינען וואָלט איך אין זיי׳ר מיטען,
פֿון הונדערט טויזענדער פֿאַרעהרט.

פֿ אַ ו ס ט.

דאָס קען מען נישט צופֿריעדען שטעלען!
מען פֿרעהט זיך, ווען דאָס פֿאָלק זיך מעהרט,
ווי איהם געפֿעלט, זיך צופֿריעדען נעהרט,
אפֿילו בילדעט, זיך באַלעהרט —
און מען ערציהט זיך נאָר רעבעלען. (237)

מ ע פֿ י ס ט אָ פֿ ע ל ע ס.

דאַן וואָלט איך מיר געבויט פֿול פּראַכט און גלאַנץ,
אין אַ לוסטיגען אָרט, א שלאָס פֿאַר לוסט.
וואַלד, בערגלעך, פֿלאַכקייט, לאָנקעס, פֿעלד,
פֿאַר אַ גאָרטען פּרעכטיג אויסגעשטעלט,
כּאַר גרינע ווענד מיט סאַמעט-בלעטער,
שנור-וועגען, קונסט-געשאַפֿענע שאָטענס.

וואַסער־פֿאַלען, דורך פֿעלז צו פֿעלז געפּאַרט,
און וואַסער־שטראַהלען אַלערליי;
עהרווירדיג שטייגט עס דאָרט אין אַלע זייטען,
עס שפּריצט און פֿליעסט מיט טויזענד קלייניגקייטען.
דאַן וואָלט געלאָזט איך פֿאַר וואונדערשעהנע פּרויען
באַקוועמע שטילע הייזלעך בויען;
דאָרט וואָלט איך פֿאַרבראַכט די גרענעצלויזע צייט,
אין ד׳ר איינזאַמקייט פֿון ליעבליכער געזעלשאַפֿט.
איך זאָג פּרויען; ווייל איין פֿאַר אַלע מאָל,
אין מעהרצאָהל דענק איך פֿון די שעהנע.

פֿ אַ ו ס ט.

שלעכט און מאָדערן, סאַרדאַנאַפּאַל! (238)

מ ע פֿ י ס ט אָ פֿ ע ל ע ס.

קען מען וויסען דען צו וואָס דו האָסט געשטרעבט
עס איז געווען ערהאַבען, שטאָלץ.
דו, וואָס האָסט ביי דער לבנה נאָהנט געשוועבט,
האָט דיין זוכען דיך געטריב׳ן אַהין?

פֿ אַ ו ס ט.

אָ, ניין! דער גרויסער ערד־קרייז דאָ,
גיט אונז פּלאַץ פֿאַר גרויסע טהאַטען נאָך,
ערהאַב׳נעס וואָלט איך ווען שאַפֿען,
איך פֿיהל קרעפֿטיג מיך פֿאַר שטאָלצעס פֿליים.

מ ע פֿ י ס ט אָ פֿ ע ל ע ס.

הייסט דאָס, דו ווילסט רוהם פֿאַרדיענען?
מען זעהט דו קומסט פֿון העלדינען.

פאוסט.

פאַר הערשאַפט וויל איך, איינגענטהום!
די טהאַט איז אַלץ און נישט דער רוהם.

מעפיסטאָפעלעס.

דאָך וועלען זיך געפינען דיכטער
דער נאָכוועלט פון דיין גלאַנץ דערצעהלען,
דורך נאַרישקייט, נאַרישקייט פאַרשפרייטען.

פאוסט.

דאָס אַלצדינג קענסט דו נישט פאַרשטעהן.
וואָס ווייסט דו וואָס דער מענש באַגעהרט?
דיין פיינדליך וועזען, ביטער, שאַרף,
וואָס ווייסט עס וואָס דער מענש בעדאַרף?

מעפיסטאָפעלעס.

נו, זאָל געשעהען נאָך דיין ווילען!
פאַרטרוי דעם פּלאַן מיר פון דיין קאַפּריז.

פאוסט.

צום ווייטען ים געוועזן ׳ז מיין אויג געצויגען; (239)
׳ר האָט אויפגעשוואָלען טהורעמדיג אין זיך אַליין,
דאַן נאָכגעלאָזט און שאָקלענדיג די כוואַליעס,
די פלאַכקייט פון דעם ברייטען ברעג צו שטורמען,
דאָס האָט מיך פאַרדראָסען; ווען פרעכע גראָבקייט
דעם פרייעם גייסט, וואָס אַלע רעכטע שעצט,
דורך ליידענשאַפטליך אויפגערעגטען בלוט,
אין פאַרברעכען פון געפיהל פאַרזעצט.
׳ך האָב געמיינט ס׳א צופאַל, און געשאַרפט מיין בליק:
די כוואַליע איז געשטאַנ׳ן, געצויגען זיך צוריק

האָט דערווייטערט זיך פון שטאָלץ דערגרייכטען ציעל;
עס קומט די שעה, זי ווידערהאָלט דעם שפּיעל.

מעפיסטאָפעלעס.

(צו די צושויער).

דאָ איז פאַר מיר קיין נייעס צו דערוויסען,
דאָס קען איך שוין זייט הונדערט טויזענד יאָהרען.

פאַוסט.

(ליידענשאַפטליך פאָרטזועצענדיג).

עס יאָגט דער ים אַרום אין פיעלע טויזענד ענדעס,
אונפרוכטבאַר זיך, אונפרוכטבאַרקייט פאַרשפּרייט ער;
עס שווילט און וואַקסט און רוישט און אויך פאַרטינקט
די אויבערפלעכע פון דער וויסטער מדבר.
די כוואַליעס הערשען פול מיט ריעזענקרעפטען,
ציהען זיך צוריק און גאָרנישט איז געטהאָן.
וואָס מיך קען טרייבען צו פאַרצווייפלונג, איז די
צוועקלויזע קראַפט, פון די אונבאהערשבאַרע עלעמענטען!
געוואַגט מיין גייסט האָט זיך צו איבערשטייגען;
דאָ וואָלט איך קעמפּפען, דאָס וואָלט איך באַזיעגען.

און עס איז מעגליך! שטור'מדיג ווי זי איז,
ביי יעדען בערגעל קריכט זי בלויז פאַרביי;
און מעג זי הייבען זיך ווי הויך זי וויל,
אַ קליינע הויכקייט קומט איהר שטאָלץ אַנטקעגען,
אַ קליינע טיעפקייט ציהט מעכטיג זי אריין.
דאָ האָב געפּאַסט איך שנעל אין גייסט מיין פּלאַן:
דערגרייך פאַר דיר דאָס אַלערהעכסטע געניעסען,
דעם הערשענדעם ים פון ברעג גאַנץ אויסצושליעסען,
די גרענעץ פון דער בריטער פייכקייט צו פאַרענגען,
און, ווייט צוריק, אין זיך אַליין צו דרענגען.

אָבגעמאַכט ווי צו באַקעמפֿפֿען שריט ביי שריט,
דאָס איז מיין וואונש, וואָג דו מיר צו העלפֿען.

(פֿויקען־געררויש און מלחמה־מוזיק הינטער די צושויער,
פֿון דער ווייטענס, ביי דער רעכטער זייט).

מעפֿיסטאָפֿעלעס.

ווי לייכט דאָס איז! — הערסט די פֿויקען פֿון דער ווייטען?

פֿאָוסט.

שוין ווידער קריעג! דער קלוגער הערט ׳ס נישט גערן.

מעפֿיסטאָפֿעלעס.

קריעג אָדער פֿריעדען — קלוג איז דאָס באַמיהען זיך
פֿון יעדער געלעגענהייט נוצען ציהען פֿאַר זיך.
מען פֿאַסט גוט אויף יעדען גינסטיגען מאָמענט,
ד׳ געלעגענהייט איז דאָ; יעצט, פֿאָוסט, גרייף נאָר צו.

פֿאָוסט.

לאָז מיך מיט אַזעלכע רעטענישען אָב!
נו, קורץ און גוט, וואָס מיינסט דו? ערקלעהר עס מיר!

מעפֿיסטאָפֿעלעס.

אויף מיין וועג אָהער האָב איך ערפֿאַהרען,
אַז דער גוטער קעניג איז פֿול שווערע זאָרגען;
דו קענסט איהם דאָך. ווען מיר האָב׳ן איהם אונטערהאַלטען,
אין די הענד פֿאַלשע אוצרות איהם געגעבען,
ביליג איז געוועזן פֿאַר איהם די גאַנצע וועלט, —
ווייל יונג האָט ער דעם טהרוין באַשטיגען
און נאָך זיין פֿאַרלאַנג געוואָלט באַשליעסען:

עס וואָלט געקענט צוזאַמען געהן,
און ׳ס וואָלט ווינשענסווערטה געווען און שעהן,
רעגיערען און צוגלייך געניעסען.

פ אַ ו ס ט.

אַ גרויסער טעות! ווער באפעהלען וויל,
מוז אין באפעהלען דאָס העכסטע גליק דערפיהלען;
פון הויכען ווילען איז זיין ברוסט געפילט,
און וואָס ער וויל, דאָס דאַרף קיין מענש דערגרינדען;
וואָס ער דעם געטרייסטען פליסטערט אין אויר,
עס איז געשעהן, די גאַנצע וועלט ערשטוינט.
אַזוי וועט שטענדיג ער דער העכסטער זיין,
דער ווירדיגסטער—; געניעסען מאַכט געמיין.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

ער איז נישט אַזוי! ׳ר האָט געניאָסען, און נאָך ווי!
דערווייל ׳ז דאָס לאַנד, פון אונאָרדנונג, צעפאַלען,
וואו קליין און גרויס זיך אַנגעגריפען האָבען,
ברידער זיך פארטריבען און ערמאָרדעט,
פעסטונג געגען פעסטונג, שטאָט געגען שטאָט,
סוחרים געגען אַדעל קעמפפען,
דער בישאָף מיט דעם פסוק און געמיינדע;
איינער אויפ׳ן צווייטען קוקט ווי אויף אַ שונא
אין קירכען מאָרד, הריגה; פאַר די טהוירען,
איז יעדער סוחר, וואַנדערער געווען פאַרלוירען,
און אַלע זענ׳ן געוואָרען העזה׳דיג;
לעבען האָט געמיינט: זיך וועהרען — און ׳ס ׳ז געגאַנגען.

פ אַ ו ס ט.

געגאַנגען, געהונקען, געפאַל׳ן, ווידער אויפגעשטאַנען,
איבערגעקעהרט זיך, געבליבען אין אַ הויפען.

מעפיסטאפעלעס.

אזא צושטאנד האט מען נישט געקאנט פארדענקען.
איעדער האט געקאנט, און געוואלט וואס זיין:
דער קלענסטער האט געגאלט׳ן אלם פולע מאס;
דאך ענדליך איז עס שלעכט געוואר׳ן, פאר די בעסטע,
די טיכט׳גע זענען אויפגעשטאנען פול מיט קראפט
און געזאגט: „האר איז דער, וואס רוה אונז שאפט.
דער קייזער קען נישט, וויל נישט — לאמיר וועהלען
א נייעם קייזער, ניי דאס לאנד באזעעלען,
און דאן א יעדען זיכער שטעלט,
אין א פריש געשאפ׳נער וועלט
פריעדען און גערעכטיגקייט זיך פארען!“

פאוסט.

דאס קלינגט זעהר גלח׳יש.

מעפיסטאפעלעס.

גלחים זענען ׳ס געווען אויך,
געזיכערט האבען זיי דעם אנגעפרעס׳נעם בויך;
מעהר ווי אנדערע זענען זיי געווען באטהייליגט.
דער אויפשטאנד איז געוואקסען, ז׳ האבען איהם געהייליגט,
און אונזער קייזער, וואס מיר האבען אמוזיערט,
ציהט יעצט אהער, מעגליך צו דער לעצטער שלאכט.

פאוסט.

איך באדויער איהם; ער איז געווען זעהר גוט און מילד.

מעפיסטאפעלעס.

קום, לאמיר זעהן! אז מען לעבט איז האפנונג דא.
לאמיר איהם באפרייען פון דעם ענגען טהאל!

איינמאָל גערעטעט איז עס שוין פאַר אלע מאָל.
ווער ווייס נאָך ווי אַזוי דאָס מזל שפּיעלט?
און האָט ער גליק, דאַן האָט ער אונטערטהאַנען.

(זיי שטייגען איבער די מיט־בערג און באַקוקען די איינ־
ארדנונג פון דעם חיל אין טהאָל. פּויקען און
מלחמה־מוזיק קלינגט פון אונטען ארויף).

מעפיסטאָפעלעס.

די שטעלונג, זעה איך, גוט איז זי גענומען;
מיר טרעטען צו, דאַן איז דער זיעג פאָלקאָמען.

פאַוסט.

וואָס קען מען דאַ ערווארטען נאָך?
באַטרוג, צויבער־ווערק! פוסטער שיין!
דערמיט פארדארבט מען זיך דעם טאָג;
דו האָב אין זינען נאָר דאָס נעהמען,
נאָך עטוואָס אנדערש פרעג דערנאָך!

האַלטפעסט.

(באַיאהרענט, שטאַרק באַוואָפענט, אָהן קליידונג).

דערמיט איז אויך נישט פיעל געוואונען!
באַלד ווערט אַן אוצר אויך צערונען,
עס רוישט אין לעבענסשטראָם אַראָב,
כאָטש נעהמען איז גאַנץ גוט, דאָך בעסער ׳ז צו באַהאַלטען;
לאָז דעם גרויען קערל נאָר פאַרוואַלטען,
און קיינער נעמט ביי דיר וואָס צו.

(זיי שטייגען אלע אינאיינעם טיעף ארונטער).

II

אויף די פאָרערבערג. (243)

(פויקען און מלחמה־מוזיק פון אונטען. דעם קייזערס געצעלט ווערט אויפגעשלאָגען).

קייזער. אויבער־גענעראל. קייזער־ ליכער לייב־דיענער.

אויבער־גענעראל.

נאָך שיינט מיר גוט די פּאָזיציאָן צו זיין,
ווייל מיר האָבען אין דעם ריכט'גען טהאָל
צונויפגעבראַכט די גאַנצע קראַפט פון חיל,
איך האָף עס גליקט די אויסוואַהל אונז.

קייזער.

וואָס 'ס וועט געשעהן דאָס מוז זיך ווייזען;
דאָך מיך פאַרדריסט דאָס האַלב צוריקציהן זיך.

אויבער־גענעראל.

קוק נאָר, מיין פירסט, אויף אונזער רעכטער פלאַנקע!
אַזאַ שלאַכט־פּלאַץ ווינשט זיך נאָר דער קריעגס־געדאַנק:
נישט צו הויך די בערגלעך, דאָך נישט לייכט צו שטייגען,
פאַר אונז'רע ווי געוואונשען, פאַר דעם שונא שלעכט;
מיר האַלב־באַהאַלטען אויף אַ כוואַליעס־עהנליך פעלד,
עס וואַגען נישט אהער צו קומען זיי'רע רייטער.

קייזער.

מיר בלייבט נישט מעהר צו טהון דאָ, ווי צו לויבען;
דאָ קען די קראַפט פון אָרם און ברוסט זיך צייגען.

אויבער-גענעראַל.

דאָ, אויף דער ברייטער פלאכקייט, פון דער מיטעל-לאַנקע,
זעהסט דו דעם פאַלאַנקס, פול מיט מוט צו קעמפפען.
די פיקעס בלאַנקען שימערנדיג אין דער לופט,
אין זונענגלאַנץ, דורך מאָרגען-נעבעלדופט.
ווי באַוועגט זיך טונקעל דער מעכטיגער קוואַדראַט!
די טויזענדער ברענען פאר אַ גרויסער טהאַט,
אין דעם קענסט דו דערקענען דער מאַסע'ס קראַפט;
איך געטרוי איהר די קראַפט צו ברעכען פון דעם פיינד.

קייזער.

אַזאַ שעהנעם אָנבליק זעה איך צום ערשטען מאָל:
אַזאַ חיל גילט פאר אַ שטאַרקער דאָפעל-צאָהל.

אויבער-גענעראַל.

פון אונזער לינקער האָב איך נישט וואָס צו מעלדען,
דעם ריעזען פעלז באַזעצען מוטיגע העלדען.
דעם שפיץ-פעלז, וואָס יעצט מיט וואַפען בליצט,
דעם וויכטיגען ענגען דורכגאַנג באַשיצט.
ווי מיר דאַכט, וועט זיך זאַמלען דאָ דעם שונא'ס קראַפט,
נישט פאָראויסגעזעהן פון בלוטיגען צוזאַמענשטוים.

קייזער.

דאָרט קומען זיי, די פאַלשע אונפערוואַנדטע,
וואָס האָבען פעטער, שוועסטערקינד, ברודער מיך גערופען,

און אַלץ זעהר און מעהר ערלויבט זיך האָבען געגען מיר,
דעם טהרוין'ס פֿאַרעהרונג און דעם סצעפּטער'ס קראַפֿט
גערויבט,
דאַן, צוטהיילט זיך דאָס לאַנד באַזעצט מיט חיל,
און יעצט אינאיינעם רעבעלירען געגען מיר.
די מאַסע צווייפֿעלט וואָס פֿאַר וועג צו געהן,
דאַן שטראָמט זי נאָך, וואוהין דער שטראָם זי רייסט.

אויבער-גענעראַל.

אַ טרייער מאַן פֿאַר נײַ'ס ארויסגעשיקט,
קומט שנעל פֿון פֿעלז אראָב; זאָל איהם זיין מיט גליק!

ערשטער שליח.

גליקליך איז זי אונז געלונגען,
כיטרע, מוטיג, אונזער קונסט;
איבעראַל אריינגעדרונגען,
דאָך מיר ברענגען ווייניג גונסט.
פֿיעלע שווערען איבערגעבונג
דיר, דאָך אַ תירוץ איז דאָ פֿאַר
נישט טהעטיג זיין, ענטשולדיגונג;
אינ'רער שטרייט און פֿאָלקס-געפֿאַהר.

קייזער.

פֿון זעלבסט-ערהאַלטונג בלייבט די זעלבסט-זוכט לעהרע,
נישט דאַנקבארקייט, אונטערטהעניגקייט, פֿליכט און עהרע.
באַדענקט איהר נישט, ווען אייער מאָס איז פֿול,
דעם שכן'ס הויז-בראַנד אייך פֿאַרניכטען קען?

אויבער-גענעראַל.

דער צווייטער קומט, לאַנגזאם שטייגט ארונטער ער,
עס ציטערן אַלע גליעדער פֿון דעם מיעדען מאַן.

צווייטער שליח.

מיט פֿאַרגעניג'ן האָב'ן מיר געזעהן,
דער רעבעלענ'ס קרומען לויף,
אָבער פלוצים, אונערוואַרטעט,
טרעט אַ נייער קייזער אויף.
און אויף כּאָרגעשריעבענע פלענער
ציהען אַלע יעצט, ביז גאָר;
נאָך אויפגעראָלטע ל י ג ע ן-פֿעהנער
געהן אַלע, — ווי די שאָף נאָר.

קייזער.

אַ געגען-קייזער קומט מיר צום געווינס,
יעצט פיהל איך ערשט, אז איך דער קייזער בין.
נאָר אַלס סאָלדאַט טהו איך דעם פֿאַנצער אָן;
דאָך פֿאַר א העכערן צוועק איז ער יעצט אָנגעטהאָן.
ביי יעדען פעסט, ווי גלענצענד 'ס איז געווען,
גאָרנישט האָט געמאַנגעלט, מ י ר בלויז די געפֿאַהר.
ווען איהר האָט צום רינג-שפּיעל בלויז געריטען נאָר,
האָט דאָס האַרץ געקלאפּט מיר, 'ך האָב געאָטהעמט
רייט-קאַמפֿף;
און וואָלט איהר מיך פון קריעג נישט אָבגעראַטהען,
געלויכטען וואָלט איך יעצט אין גרויסע העלדענטהאַטען.
זעלבסטשטענדיג, קרעפֿטיג, האָב געפיהלט מיין ברוסט איך,
ווען איך האָב מיך דאָרט אין פייער-רויך געשפּיגעלט; (244)
שרעקליך האָט דאָס עלעמענט זיך געדרענגט אויף מיר;
עס איז געווען בלויז שיין, דאָך גרויס 'ז דער שיין געווען.
פֿון זיעג און רוהם האָב איך פֿאַרווירט געטרוימט;
איך קום יעצט נאָך, וואָס 'ך האָב אַזוי פֿאַרשפּעטיגט.

(די שלוחים ווערן אָבגעשיקט אַרויסצופֿאָדערן דעם געגענקייזער).

פ א ו ס ט, געפאַנצערט, מיט האַלב געשלאָסענעם חעלם. די דריי קרעפטיגע, באַוואפענט און געקליידט ווי אויבען.

פ א ַ ו ס ט.

מיר טרעטען אויף, און האָפען, נישט געטאַדעלט;
אויך נישט אין נויט האָט פאָרזיכט גוט געגאָלטען.
דו וויסט, דאָס באַרג-פאָלק דענקט און שטענדיג פאָרשט,
איז אין נאַטור- און פעלזען-שריפט שטודירט.
די גייסטער, לאַנג פון פלאַכען לאַנד אנטפלויגען,
זענען מעהר ווי אימער ליעב דעם פעלז-געבערג.
זיי ווירקען שטיל דורך לאַבירינטישע שפאַלטען
אין עדלעם גאַז, מעטאַליש רייכע דופטען;
׳ן עביגען צעטהיילען, פּרואווען און פאַרבינדען,
זייער איינציגער טריעב איז, נייעס צו ערפינדען.
מיט לייכטע פינגער פון גייסטיגער געוואלט-קראפט,
בויען אויף זיי דורכזיכטיגע געשטאַלטען;
דאַן אין קריסטאַל און זיין עביגער שטילקייט, (245)
דערביליגען זיי ד׳ געשעהענישען פון דער אויבערוועלט.

ק י י ז ע ר.

געהערט האָב איך דאָס, און איך גלויב עס דיר;
דאָך, זאָג מיר, עדלער מאַן, וואָס דאַרף איך ׳ס דאָ?

פ א ַ ו ס ט.

דער נעקראָמאנט פון נאָרטשיא, דער סאַבינער, (246)
איז דיין געטרייער עהרענהאַפטער דיענער.
וואָס פאַר שרעקליך שיקזאַל האָט געשראָקען איהם!
געברענט די ריטלעך האָבען, געצינגעלט שוין דאָס פייער;
דאָס טרוקענע געהילץ אָרום איהם שוין געלעגט,
מיט פעך און שוועבעל גאַנץ גוט אויסגעמישט,

נישט מענש, נישט גאָט, נישט טייפעל געקענט האָט
רעטען איהם ;

דער קייזער בלויז צעשמעטערט האָט די קעטען.
׳ס איז געוועזן אין רוים. ער פיהלט זיך שולדיג דיר,
מיט זאָרג נאָר קוקט ער שטענדיג אויף דיין וועג.
זייט יענער שעה האָט ער פאַרגעסען גאַנץ אין זיך,
ער פאָרשט די שטערן און די טיעפקייט נאָר פאר דיר.
ער האָט אָנגעזאָגט, ׳זוי שנעל ווי מעגליך,
דיר צו העלפען. גרוים זענען פון די בערג די קרעפטען ;
דאָס ווירקט ריעזען-מעכטיג די נאַטור, גאַנץ פריי,
די דומהייט פון גלחים רופט עס — צויבעריי.

קייזער.

אין פריידען-טעג, ווען מיר די געסט באַגריסען,
וואָס פרעהליך קומען, פרעהליך צו געניסען,
דאַן פרעהט אונז יעדער, ווי ער זיך שטופט און דרענגט,
און מאַן צו מאַן דעם זאַלען-פלאַץ פאַרענגט ;
דאָך העכסט ווילקאָמען מוז דער העלד מיר זיין,
ווען ער אַלם קרעפט׳גער העלפער צו אונז קומט,
אין דער מאָרגען-שטונדע, וואָס באַדענקליך הערשט דאָ,
ווייל איבער איהם דעם שיקזאַל׳ס וואָגשאָל הענגט.
דאָך נעמט, אין דעם הויכען אויגענבליק,
די שטאַרקע האַנד פון דעם וויליגען שווערד צוריק,
גיט כבוד דעם מאָמענט ווען טויזענדער קומען
פאַר אָדער געגען מיר צו קעמפפען !
זעלבסטשטענדיג איז דער מאַן ! ווער טהרוין און קרוין
באַגעהרט, (247)

מוז ער אַליין אַזעלכען כבוד ווערטה זיין.
זאָל דאָס געשפענסט, וואָס איז געג׳ן אונז אויפגעשטאַנען,
זיך קייזער רופט און האַר פון אונז׳רע לענדער,
דעם חיל׳ס הערצאָג, און קאָפּ פון אונז׳רע פרינצען,

מיט מיין אייג'נער פויסט אין טויטען-רייך געשליידערט ווערן!

פ אַ ו ס ט.

ווי עס זאָל נישט זיין, די גרויסע טהאַט צו ענדיגען,
דו טהוסט נישט גוט, דיין קאָפּ אין קאַן צו שטעלן,
איז נישט דער העלד מיט פעדערן און קאָם פּאַרציערט?
ער שיצט דעם קאָפּ, וואָס אונזער מוטה פּאַרשטאַהלט!
אָהן אַ קאָפּ, וואָס וואָלטען דאַן געטהאָן די גלידער?
ווייל שלעפּערט יענער, זינקען אַל' אַנידער;
ווערט ער פּאַרוואונדעט, גלייך פּאַרוואונדעט ווערן אַלע,
און 'ס ערוואַכען אַלע, ווערט ער נאַר געזונד און שטאַרק,
גלייך ווייסט דער אָרם זיין רעכט ווי אויסצונוצען;
ער הייבט דאָס שילד דעם שאַרבען צו באַשיצען.
אויך דאָס שווערט דערוויסט זיך פון זיין פליכט גלייך,
ווערט קרעפטיג אָב, און ווידערהאָלט דעם שטאָך;
דער שטאַרקער פוס נעמט אַנטהייל אין זיין גליק,
אויף דעם נאַקען פון דערשלאָגענעם זיך שטעלט.

ק י י ז ע ר.

דאָס איז מיין צאָרן; אַזוי וואָלט איך באַהאַנדעלט איהם,
אין אַ פוסבענקעל זיין שטאָלצען קאָפּ פּאַרוואַנדלען.

ד י ש ל ו ח י ם.

(קומען צוריק).

וועניג כבוד, ווייניג גלויבען,
האָבען זיי געשענקט אונז צוויי;
אונזער שטאַרקע עדלע מעלדונג,
נאַרישקייט איז, זאָגען זיי:
„אייער קייזער איז פאַרשוואונדען,
ווי אַ קלאַנג אין ענגען טהאָל;

ווען מיר זאָלען איהם דערמאָנען:
ד' מעשה זאָגט — ס'געווען אמאָל."

פ א ו ס ט.

אלץ געשעהן איז בעסער ווי געוואונשען,
פאַר די, וואָס ביי דיין זייט געטריי דיר שטעהן.
דאָרט קומט דער פיינד, מיט אונגעדולד דיין חיל וואָרט;
באפעהל דעם אָנגריף! דער מאָמענט איז גינסטיג.

ק י י ז ע ר.

פון קאָמאַנדירען זאָג איך אָב מיך דאָ.

(צום אויבער־פעלדהאַר).

אין דיינע הענד, פירסט, זאָל יעצט זיין דיין פליכט.

א ו י ב ע ר - ג ע נ ע ר א ל.

דאָן טרעטען זאָל אַרוים דער רעכטער פליגעל!
דעם שונא'ס לינקער, וועלכער שטייגט יעצט דאָרטען,
זאָל, איידער 'ר האָט דעם לעצטען שריט געמאַכט,
וויכען פאַר אונזער טריי־געפּרופטער יוגענדקראַפט.

פ א ו ס ט.

ערלויב־זשע דאָן, אַז אָט דער שטאָלצער העלד
זיך שנעל אין דיינע רייהען שטעלען זאָל,
און, איינגעלעבט אין דיינע רייהען זיך,
זאָל ער מיט זיי, זיין ריעזענקראַפט באַנוצען!

(ער ציינט צו דער רעכטער זייט).

שלעגער.

(טרעט ארויס). (248

ווער דאָס געזיכט מיר צייגט, דער קעהרט׳ס נישט אָב צוריק,
סיידען מיט צעשלאָג׳נע אונטער-און אויבער-באַקען;
ווער מיר דעם רוקען ווייזט, דער ליגט מיט׳ן קאַרק,
האַלז, קאָפּ און נאַקען אויסגעשטרעקט אין גראָז.
און שלאָגען דיינע מענער דאַן
מיט שווערד, דובינע, ווען איך צאָרן,
דאַן פאַלט דער פיינד, מאַן איבער מאַן,
פארטרונקען אין זיין אייגענעם בלוט.

אויבער-גענעראל.

דער פאַלאַנקס פון אונזער מיט זאָל געהען זאַכט,
דעם פיינד זאָל ער באַגעגענען קלוג, מיט פולער מאַכט;
אָביסעל רעכטס דאָרט האָט שוין, שטאַרק פארביטערט,
אונזער ריזען קאַמפפס-קראַפט זייער פלאַן צעשטערט.

פאוסט.

(אויף דעם מיטעלסטען וויזענדיג).

דאַן זאָל אויך דער דאָ פאָלגען דיין באַפעהל!

האַבבאַלד.

דער העלדישקייט פון קייזער-חילות,
זאָל פאָרען זיך דער דורשט נאָך רויב;
איין ציעל זאָל אַלע זיין געשטעלט:
דעם געגנער-קייזער׳ס רייך געצעלט.
נישט לאַנג שטאָלצירט ער מיט זיין זיץ,
פאָרויס דעם פאלאַנקס שטעל איך מיך.

שנעל-רויב.

(פראוויאנט-פארקויפערקע, שמייכלענדיג זיך צו איהם).

כאַטש מיר זענען נישט מאַן און ווייב,
דאָך דער געליעבסטער בלייבט ער מיר,
פאַר אונז איז פאַרטיג אַזאַ הערבסט!
די פרוי איז שרעקליך ווען זי נעמט,
און שוינט נישט קיינעם, ווען זי רויבט;
צום זיעג פאָרויס! און אַלץ איז דאָ ערלויבט.

(ביידע אב).

אויבער-גענעראל.

אויף אונזער לינקער, ווי פאָראויסגעזעהן,
וואַרפט זיך זייער רעכטע, קרעפטיג. ווידערשטעהן
ווערט מאַן פאַר מאַן דעם שווידערהאַפטען אָנהויב,
דעם שמאַלען וועג פון פעלז-וועג צו געווינען.

פאוסט.

(ווינקט צו דער לינקער זייט).

איך בעט אייך, האר, אויך דעם דאָ צו באַמערקען;
עס שאַדט גאָר נישט, ווען שטאַרקע זיך פאַרשטאַרקען.

האלטפעסט

(טרעט ארויס).

נישט זאָרגט אייך פאַר דעם לינקען פליגעל!
וויל וואו איך בין איז שוין דער פלאַץ געוואונען;
אין איהם אַנטפּלעקט דער אַלטער זיך:
קיין בליץ נישט שפּאַלט אויך וואָס איך האַלט.

(אב).

מעפיסטאפעלעס.

(פון אויבען ארונטערקומענדיג).

יעצט זעהט נאר ווי אין הינטערגרונד,
פון יעדען שפיצ׳גען פעלזענגרונד,
באוואפענטע ארוים זיך דרענגען,
די שמאלע שטעזשקעס צו פארענגען,
מיט העלם און פאנצער, שווערדען, שילדען,
א מויער הינטען פאר אונז בילדען,
דעם וואונק נאר וארטען אנצוהויבען.

(שטיל צו די וויסענדיגע).

פון וואנ׳ן דאס קומט, דארפט איהר נישט פרעגען.
געוויס האב איך מיך נישט פארזאמט,
די וואפען־זאלען אויסגעראמט;
זיי זענ׳ן געשטאנ׳ן, געריט׳ן אויף פערד,
גלייך ז׳ וואלטען הערשער פון דער ערד געווען;
געוועזן זענ׳ן זיי ריטער, קעניג, קייזער,
יעצט זענען זיי בלויז לעדיגע שענקען־הייזער;
געשפענסטער האבען זיך דארט אויסגעפוצט,
דאס מיטעל־אלטער לעבהאפט אויפגעשטעלט!
וואס פאר רוח אין דעם שטעקט,
פאר דאס מאל מאכט עס דאך עפעקט.

(הויך).

הערט ווי זיי דארטען פול מיט כעס,
בלעך־קלינגענדיג איינער אויף דעם צווייטען שטויסט!
אויך שטיקער שמאטעס פלאטערן ביי די פאהנען,
וואס אונגעדולדיג האב׳ן אויף פרישע לופט געווארט.
באדענקט, עס שטעהט נאך דא א פאלק אן אלטס באריט,
וואס וויל אויך מישען זיך אין נייעם קאמפף.

(שרעקליכער טראמפעטען־שאל פון אויבען, אין פיינדליכען חיל באמערקליכער צווייפלען).

פאוסט.

דער האריזאנט האט זיך פארטונקעלט, (249)
נאר דא און דארט באדייטענד פונקעלט
א רויטער, פארבאדייטענדער שיין;
שוין בלוטיג גלאנצען די כלי-זין;
דער פעלז, דער וואלד, די לופט אליין,
דער גאנצער הימעל מישט זיך אריין.

מעפיסטאפעלעס.

די רעכטע פלאנקע האלט זיך קרעפטיג;
דאך זעה איך העכער פון זיי אלע
האנס שלעגער, דעם שנעלען, פלינקען ריעז,
אויף זיין שטייגער שטארק פארטהון, באשעפטיגט.

קייזער.

ערשט האב איך איין ארם געזעהן זיך הייבען,
יעצט זעה איך שוין א טויזענד זיך באוועגען;
נאטירליך, דאכט זיך מיר, געשעהט דאס נישט.

פאוסט.

האסט דו נישט געהערט פון נעבעל-שטרייפען,
וואס שוועבען אויף סיציליענס ברעגעס?
דארט פלאטערנדיג אין קלאהרען ליכט,
דערהויבען צו די מיטעל-לופטען,
געשפיגעלט אין ספעציעלע נעבעלס,
ערשיינט א וואונדערליך געשטאלט:
דארט שוועבען שטעדט אהין און אהער,
עס שטייגען גארטענס אראב און ארויף,
ווען בילד נאך בילד די לופטען ברעכט. (250)

ק י י ז ע ר.

דאָך ווי פאַרדעכטיג! אַלע שפּיצען
פון ד' הויכע שפּיזען זעה איך בליצען;
אויף אונזער פלאַנקס'ם בלאַנקע לאַנצעס,
זעה איך קליינע פלעמלעך טאַנצען;
דאָס שיינט מיר שוין צו גייסטערהאַפט.

פ אַ ו ס ט.

זיי מוחל, האר, דאָס זענ'ן די שפּורען,
פון פארשוואונד'נע גייסטיגע נאַטורען,
אַן אָבשיין פון די דיאָסקורען,
צו וועמען שיפערס רופען אין נויט;
זיי זאַמלען דאָ די לעצטע קראַפט.

ק י י ז ע ר.

דאָך זאָג: וועמען זענען מיר פאַרפליכטעט,
וואָס די נאַטור פון אונזער וועגען,
דאָס זעלטענסטע צוזאַמענברענגט?

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

וועמען חוץ דעם מייסטער, יענעם שטאָלצען,
וואָס טראָגט דיין שיקזאַל אין זיין ברוסט?
דורך דעם שטאַרקען דראָהען פון דיין פיינד,
איז שרעקליך טיעף ער אויפגערעגט.
זיין דאַנק וויל דיך געראַטעט זעהען,
אויך ווען ער אליין מוז אונטערגעהן.

ק י י ז ע ר.

ז' האָבען מיט טריאומף, מיט פראַכט אריינגעפיהרט מיך;

׳ך בין וואָס געווען, און האָב ׳ס געוואָלט פּראָבירען;
נישט לאַנג געטראַכט, האָב געפונען איך פאַר ריכטיג,
דער באָרד דער ווייסער קיהלע לופט צו שענקען.
די גלחים האָב איך א לוסט פאַרדאָרבען,
און זייער גייסט מיר זיעכער נישט ערוואָרבען.
יעצט זאָל איך, ווען יאָהרען זענ׳ן פאָריבער,
די ווירקונג פון מיין שפּאַס דערפיהלען?

פ אַ ו ס ט.

פרייהארציגע וואוילטהאַט ברענגט פּראָצענטען פיעל;
זאָל זיך דיין בליק ארויף־צו ווענדען!
מיר דאַכט ער וויל א צייכען שיקען, (251)
גיב אַכטונג יעצט, עס ווייזט זיך גלייך.

ק י י ז ע ר.

אַן אדלער שוועבט אין הימעלס־הויכקייט,
א גרייף פול דראָהונג יאָגט איהם נאָך.

פ אַ ו ס ט.

גיב אַכטונג: גינסטיג שיינט עס מיר,
דער גרייף איז א פאַבעלהאַפטע חיה;
ווי קען ער זיך ׳זוי ווייט פאַרגעסען,
זיך מעסטען מיט א רעכטען אָדלער?

ק י י ז ע ר.

און יעצט, אין ווייטע, ברייטע קרייזען
יאָגען זיי זיך; — און מיט אַמאָל,
יאָגט איינער אויף דעם צווייטען גלייך
די ברוסט און העלזער צו צערייסען.

פ א ו ס ט.

יעצט מערק דיר, ווי דער פוסטער גרייף,

געשווירען, צעפליקט, געפינט נאר שאדען,
און מיט אראפגעלאזטען לייבען־עק,
געהט צום שפיץ־וואלד, ער פארשווינדט.

ק י י ז ע ר.

זאל זיין, ווי ׳ס ווייזט זיך, אזוי געטהאן.
מיט פארוואונדערונג נעם איך עס אן.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

(צו דער רעכטער זייט).

געדרענגט פון ווידערהאלטען אנגריף,
מוזען אונזערע שונאים וויכען,
און מיט צווייפעלהאפטען קעמפפען
דרענגען זיי צו זייער רעכטער,
און פארווירען אויך אין קעמפפען
די הויפטקראפט פון זייער לינקער זייט.
אונזער פאלאנקס׳ם פעסטער פארענט
ציהט זיך רעכטס, און ווי א בליץ שנעל,
יאגט פלינק זי אין דער שוואכער שטעל. —
יעצט, ווי שטורם־באוועגטע כוואליעס,
שפריצען, ברויזען גלייכע קרעפטען
ווילד אין דאפעלטען געפעכט;
מען קען זיך שעהנערס גארנישט דענקען,
און מיר האב׳ן די שלאכט געוואונען.

ק י י ז ע ר.

(אין דער לינקער זייט, צו פ א ו ס ט).

זעה! מיר שיינט עס דארט פארדעכטיג,

אין געפאהר שטעהט אונזער לאגער,
און קיין שטיינער זעה איך פליהן,
באשטיגען זענ'ן די קליינע פעלזען,
דער אויבער-טהייל שטעהט שוין פארלאזען.
יעצט ! — דער פיינד אין ריעזען-מאסען,
אימער נעהנטער צוגעדרונגען,
דער דורכגאנג האט פיליכט געוואונען.
דער שלום-ערפאלג פון אונהייליגען שטרעבען !
אומזיסט זענען אלע איי'רע קינסטע.

(פויזע).

מעפיסטאפעלעס.

אט קומען מיינע ביידע ראבען,
וואס פאר א באטשאפט קענ'ן זיי האבען ?
איך שרעק מיך, אז עס געהט אונז שלעכט.

קייזער.

וואס ווילען די פארשאלט'נע פייגעל ?
זיי ריכטען זיי'רע שווארצע זעגלען
אהער פון הייסער פעלזען-שלאכט.

מעפיסטאפעלעס.

זעצט אייך גאנץ נאהנט צו מיינע אוירען !
ווען מ'ן איהר באשיצט איז נישט פארלוירען,
וויל אייער ראטה איז קלוג, גערעכט.

פאוסט.

(צום קייזער).

האסט דאך געהערט פון 'זעלכע טויבען,
וואס פון די ווייטסטע לענדער קומען

צו זייער נעסט, פאַר שפּייז און בריהען,
דאָ איז אַ וויכטיגער אונטערשיעד:
די טויבען־פּאָסט באַדיענט דעם פריעדען,
די ראַבען־פּאָסט באַפעהלט דעם קריעג.

מעפיסטאָפעלעס.

עס מעלדעט זיך אַ שווערער אומגליק.
זעהט דאָרט, דאָס שטאַרקע דרענגען זיך,
ביי אונזער העלדען־פעלזענוואַנד!
די נאָה'נטע בערג זענ'ן שוין בֶּאַלאַגערט,
און וועלען זיי ביים דורכגאַנג זיעגען,
דאַן זענען מיר 'ן אַ שלעכטען שטאַנד.

קייזער.

איך בין דאָך ענדליך אָבגענאַרט!
איהר האָט מיך אין אַ נעץ געצויגען;
מיך שוידערט זייט איך בין געבונדען.

מעפיסטאָפעלעס.

נאָר מוטה! נאָך איז עס נישט פאַרלוירען:
געדולד קניפּ אויף דעם ערגסטען קניפּ!
געוועהנליך שאַרפער איז דאָס ענד.
'ך האָב מיינע זיכערע שלוחים;
באַפעהלט, וואָס איך באַפעהלען זאָל!

אויבער־גענעראַל

(וועלכער איז דערווייל אַריינגעקומען).

מיט די דאָ האָסט דו דיך פאַראייניגט,
מיך האָט'ס די גאַנצע צייט געפּייניגט;
דאָס קונצשטיק ברענגט קיין פעסטען גליק.

איך ווייס נישט וואָס אין שלאַכט צו טהון;
ז׳ האָבען אַנגעהויבען, זאָל׳ן ענדיגען זיי,
איך גיב מיין שטעקען דיר צוריק.

קייזער.

האַלט איהם נאָך ביז צו בעס׳רע צייטען,
וואָס אונז פילייכט דאָס גליק נאָך ברענגט!
מיך שווידערט פאַר דעם שרעקליכען בחור
מיט זיין מיאוס׳ע ראָבען-פּאָר.

(צו מעפיסטאָפעלעס).

דעם שטעקען קען איך דיר נישט געבען,
דו שיינסט מיר נישט דער רעכטער מאַן;
באַפעהל און זוך אונז צו באַפרייען!
געשעהן זאָל, וואָס עס מוז געשעהן.

(אָב אין געצעלט מיט דעם אויבער-גענעראַל).

מעפיסטאָפעלעס.

זאָל איהם דער טעמפּער שטעק׳ן באַשיצען!
אונז קען ער סיי ווי סיי נישט נוצען,
ווי אַ צלם איז דערויף געווען.

פאַוסט.

וואָס איז צו טהון?
׳ס איז שוין געטהאָן! (252)
יעצט שוואַרצע שוועסטערקינדער איילט אייך
צום גרויסען באַרג-טייך! גריסט מיר די אונדינעס,
און בעט זיי פאַר אַ שיין פון זיי׳רע קוואַלען!
דורך ווייבער-קינסטע, שווער צו קענען,
פאַרשטעהען זיי פון זיין דעם שיין צו טהיילען,
און יעדער שווערט אַז ׳ס איז דאָס זיין.

(פויזע).

פאוסט.

די ראבען האב'ן געמוזט די וואסער-מיידלעך,
ווי מיר שיינט, גאנץ ליעבעסווירדיג שמייכלען;
דארט העבט עס אן צו שטראמען שוין.
אויף מעהר'רע טרוקענע, קאלע, פעלזען
ענטוויקעלט זיך דער פולער פלינקער קוואל;
פארשוואונדען איז שוין זייער זיעג.

מעפיסטאפעלעס.

דאס איז א וואונדערבארער גרוס,
די בעסטע קלעטערער זענ'ן צעמישט.

פאוסט.

שוין רוישט א שטראם אראב אין קרעפטיגע שטראמען,
פון שפאלטען קעהרען זיי פארדאפעלט זיך צוריק;
א שטראם ווארפט יעצט א רונדען שטראהל;
אויף איינמאל לעגט ער זיך אויף פעלזענפלאכקייט
און רוישט און שוימט ארום אין אלע זייטען,
און שטופענווייז ווארפט ער זיך דאן אין טהאל.
וואס העלפט א מוטיג, העלדיש ווידערשטעהען?
די מעכטיגע כוואליע שטראמט, זיי צו פארטרינקען:
עס שוידערט מיך אליין פאר אזא ווילדען אויפרוהר.

מעפיסטאפעלעס.

גארנישט זעה איך פון די וואסער-ליגענס;
נאר מענשענאויגען לאזען זיך באטריגען,
און מיך נאר פרעהט דער וואונדערליכער פאל.
זיי פאל'ן צוריק אין פולע גאנצע הויפענס;
די נארען מיינען אז זיי דערטרינקען זיך,
אין צייט וואס זיי אויף פעסטער ערד בלויז קריכען,

און לעכערליך מיט שווים-באוועגונג לויפען.
יעצט איז פארווירונג איבעראל.

(די ראבען קומען צוריק).

איך וועל אייך ביי דעם הויכען מייסטער לויבען;
און ווילט איהר אייך אליין אלס מייסטערס יעצט פּרובירען,
דאן איילט אייך צו דעם גליהענדעם שמיעד-הויז,
וואו דאס קארליק פאלק, אונערמיעדליך,
פונקען קלאפען פון מעטאל און שטיין.
פארלאנגט, אין צייט וואס איהר זיי שמייכעלט,
א פייער וואס לייכט און בלאנקט און קראכט,
ווי מען דאס אין הויכען זין פארשטעהט.
כאטש שטורעם-בליצען אין דער ווייטער ווייטקייט,
און דאס שנעלע פאל'ן פון הויכע שטערן
קען יעדע זומערנאכט געשעהן;
דאך שטורעם-בליצען אין געדיכטע קוסטען,
און שטערן, וועלכע אויף דעם פייכטען באדען זשיפען,
דאס קען מען אזוי לייכט נישט זעהן.
דערפאר מוזט איהר, נישט אייך פיעל צו קוועלען,
צוערשט זיי בעטען, דאן באפעהלען.

ראבען.

(אב; עס געשעהט ווי פארגעשריבען).

מעפיסטאפעלעס.

ביים פיינד געדיכטע פינסטערניש!
אונזיעכער איז איעדער שריט און טריט!
באטריגערישע פונקען 'ן אלע זייטען,
א שיינען פלוצים, צו פארבלענדען!
דאס אלץ געוועזן וואלט וואונדערשעהן;
יעצט דארף מען נאך א שרעקענס-קלאנג.

פֿאַוסט.

דאָס געװער, דאָס פֿוסטע, פֿון די פֿינסט'רע זאַלען,
פֿיהלען זיך פֿיעל שטאַרקער אין דער פֿרייער לופֿט;
דאָרט אויבען רוישט עס און עס קלאַפּערט לאַנג שוין;
אַ װאונדערבאַרער פֿאַלשער טאָן.

מעפֿיסטאָפֿעלעס.

זעהר ריכטיג! מען קען זיי מעהר נישט צוימען:
שוין קנאַלען ריטערליכע בייטשען,
װי אין דער שעהנער אַלטער צייט.
די אייזערנע באַשיצערס פֿון די הענד און פֿיס,
װי גועלפֿען און װי גיבעלינען,
באַנייען שנעל דעם עביגען קאַמפֿף.
פֿעסט, אין גע'ירש'נטער שנאה,
באַװייזען זיי זיך אונפֿאַרגעבליך;
שוין קלינגט דאָס שטורמען װייט און ברייט.
צולעצט, ביי אַלע טייפֿעל־פֿעסטען,
װירקט דער פּאַרטיי־האָס דאָך צום בעסטען,
ביז צו דער לעצטער גרויזאַמקייט;
װיעדערװיליג קלינגט עס, שרעקליך,
געמישט מיט קװיטשען, שאַרף־טייװאָליש,
מיט שרעק אַראָב אין טיעפֿען טהאָל.

III

(קריעגס געטומעל אין ארקעסטער, איבערגעהענדיג צולעצט אין מיליטעריש פרעהליכע קלאנגען).

דעם געגענקייזערס געצעלט. טהרוין. רייכע אומגעבונג,

האבבאלד. שנעלרויב.

שנעלרויב.

מיר זענען דאך די ערשטע דא!

האבבאלד.

קיין ראב נישט פליהט ’זוי שנעל ווי מיר.

שנעלרויב.

א! וואס פאר אוצרות ’ס ליגען דא!
וואו הייב איך אן? וואו הער איך אויף?

האבבאלד.

דער גאנצער רוים איז דאך געפאקט!
איך ווייס נישט וואס איך נעמען זאל.

שנעלרויב.

דער טעפיך וואלט צוניץ געקומען!
צו שלעכט איז מיין געלעגער אפט.

ה אָ ב ב אַ ל ד.

דאָ הענגט פון שטאָהל א מאָרגענשטערן,
געוואָלט האָב איך אזעלכען גערן.

ש נ ע ל ר ו י ב.

דער רויטער מאַנטעל גאָלד-געזוימט,
אזעלכען האָב איך שוין לאַנג געטרוימט.

ה אָ ב ב אַ ל ד.

(דאָס געוועהר נעהמענדיג).

מיט דעם קען מען אויך אלצדינג טהון.
מען הרג'עט און מען געהט אוועק.
האָסט שוין אזוי פיעל אויסגעפּאַקט,
דאָך גאָרנישט רעכטס אין זאַק געלעגט.
דאָס אָבפּאַל קענסט דו לאָזען דאָ,
נעם איינס פון אָט די קעסטלעך מיט!
עס ליגט פון חיל דאָרט דער לוין,
און אין זיין בויך איז לויטער גאָלד.

ש נ ע ל ר ו י ב.

דאָס האָט א מערדעריש געוויכט!
איך הייב עס נישט, איך טראָג עס נישט.

ה אָ ב ב אַ ל ד.

בייג דיך גיכער! מוזט דיך בייגען!
איך לעג עס אויף דיין שטאַרקען רוקען.

ש נ ע ל ר ו י ב.

אָ, וועה! אָ, וועה! עס איז פאַרביי;

די לאַסט צובראָכט דעם רוקען מיר.
(דאַס קעסטעל פאַלט און פּלאַצט).

האָבבאַלד.

׳ן הויפען ליגט דאָס רויטע גאָלד;
גיכער, אייל דיך, הייב עס אויף!

שנעלרויב.
(בייגט זיך אראָב).

געשווינד און גיך אין׳ שוים אריין!
עס ווערט פאַר אונז גענוג נאָך זיין.

האָבבאַלד.

נו, יעצט גענוג! און אייל דיך, געה!
(זי שטעהט אויף).

אָ, וועה! דאָס פאַרטוך האָט אַ לאָך!
וואוהין דו געהסט און וואו דו שטעהסט,
פאַרשווענד׳ריש אוצרות דו פאַרזעעסט. (253)

טאַראַבאַנטען.
(פון אונזער קייזער).

וואָס טהוט איהר דאָ אין הייליגען פּלאַץ?
וואָס זוכט איהר אין דעם קייזער-שאַץ?

האָבבאַלד.

פאַרקויפט האָבען אונז׳רע גלידער מיר,
און נעהמען אונזער רויב-טהייל יעצט.
אין פיינד-געצעלטען איז ׳ס אַ מנהג,
און מיר, מיר זיינען אויך סאָלדאַטען.

טאראבאנטען.

דאָס פאַסט גאָרנישט אין אונזער קרייז:
סאָלדאַט און גנב אין איין צייט;
און ווער זיך אונזער'ן קייזער נעהנט,
מוז זיין אַן עהרליכער סאָלדאַט.

האַבּבּאָלד.

די עהרליכקייט, מען קען זי שווין,
זי הייסט: באַשטייערונג. (254)
אַלץ איינס זענט איהר, אַלע גלייך:
גיב! דאָס איז בלויז דער גרוס פון אייך.

(צו שנעלרויב).

געה גיך, און שלעפּ מיט, וואָס דו האָסט!
מיר זענ'ן דאָ נישט ווילקאָמענע געסט.

(אב).

ערשטער טראַבאַנט.

זאָג, וואָרום דו האָסט נישט גלייך געגעבען,
דעם פרעכען יונג א זעץ אין פּנים?

צווייטער.

איך ווייס נישט, מיר 'ז פאַרשוואונדען די קראַפט,
ז' האָבען ווי געשפּענסטער אויסגעזעהן.

דריטער.

פאַר ד' אויגען האָט געשווינדעלט מיר
אַ שיין, און 'ך האָב נישט גוט געזעהן.

פ ע ר ט ע ר.

איך קען עס אויך נישט גוט ערקלעהרען:
דעם גאַנצען טאָג געווען איז היים,
מורא'דיג און שטיקענדיג;
געשטאַנ'ן איז דער, געפאַלען יענער;
מען האָט געטאַפּט, געשלאָגען דאַך,
דער פיינד 'ז געפאַל'ן פון יעדען קלאַפּ;
פאַר די אויגען האָט געשוועבט אַ נעבעל,
און דאַן גערוישט, געצישט אין אויר;
ביז צום ענד, יעצט זענען מיר דאָ,
און וויסען נישט ווי 'ס איז געשעהן.

(דער קייזער מיט פיער פירסטען טרעטען אויף. די לייב-דיענער ציהען זיך צוריק).

קייזער. (255)

יעצט מעג זיין איהם, ווי עס איז! מיר האָב'ן די שלאַכט געוואונען,
דעם פיינד'ס פאַרטריבען חיל 'ז אויף דעם פעלד צערונען.
דאָ שטעהט דער לעדיגער טהרוין — פאַררעטערישער שאַץ,
געהיהלט איז אין קאַוויאָרען, פאַרענגט אַרום 'ז דער פּלאַץ.
מיר, פול כבוד, געשיצט פון אייגענע טראַבאַנטען,
פון די פעלקער די געזאַנדטע, דאָ קייזערליך ערוואַרטען;
פון אַלע זייטען קומט יעצט פרעהליכע נייעס אַן:
באַרוהיגט איז דאָס רייך, מיט פרייד צו אונז געניינגט.
האָט אין אונזער שלאַכט זיך עטוואָס קונצשטיק אויך געפלאָכטען,
דאַך האָבען מיר אַליין די שלאַכט פאַר אונז געוואונען.
צופאַל קומט די קעמפּפענדע מאַנכעס מאָל צוניץ:
פון הימעל פאַלט אַ שטיין, פאַר דעם שונא רעגענט בלוט,
פון פעלזענשפאַלטען קלינגען מעכטיגע וואונדערקלאַנגען,

וואָס אונזער ברוסט דערפרעהען, דעם שונא'ס ברוסט
דערשרעקען.
געפאַל'ן איז דער באַזיגטער, צו פולען נייעם שפּאָט;
דער זיעגער אין זיין גלאַנץ, לויבט הויך די גנאַד פון גאָט,
און אַלץ שטימט איין מיט איהם, ער דאַרף נישט מעהר
באַפעהלען:
„גאָט, מיין האַר, דיך לויבען מיר!" מיליאָנען העלזער שרייען.
און דאָך צום העכסטען לויב, ווענד איך מיין פרומען בליק,
צו מיין אייגענער ברוסט צוריק,—וואָס זעלטען ווען געשעהט.
אַ יונגער פרייליכער פירסט מעג זיין טאָג אין לוסט
פאַרברענגען,
די יאָהרען אָבער לערנען איהם דעם ערנסט פון אויגענבליק.
דערפאַר יעצט נישט פאַרזאַמט פאַרבינד איך מיך גאַנץ שנעל
מיט אייך פיער ווירדיגע, מיט הויז און הויף און רייך.

(צום ערשטען).

דיין 'ז געוועזן, אָ, פירסט, דעם חיל'ס ערשטע קלוגע אָרדנונג,
און דאַן, אין הויפּטמאָמענט, די העלדיש שטאַלצע ריכטונג;
און פריעדען ווירקט אויך יעצט, ווי עס די צייט באַגעהרט.
שר החיל זאָלסט דו זיין, דאָס שווערד געהער צו דיר.

שר־החיל.

דאָס געטרייע חיל דיינס, וואָס אין לאנד 'ז געוועזן
באַשעפטיגט,
ווען עס ביי דער גרענעץ דיך און דיין טהרוין
פאַרקרעפטיגט האָט,
דאַן זאָל זיין ערלויבט אונז, ביי יעדען פעסט אין זאַל
פון גרויסען פעטער־שלאָס, דעם מאָהלצייט צ' אַראַנזשירען.
געהאַלטען האָב איך דאָס שווערד פאַר דיר, יעצט האַלט
איך 'ס ביי דיין זייט,
דער העכסטער מאַיעסטעט צו עביגער באַגלייטונג.

ק י י ז ע ר.

(צום צווייטען).

ווער זיך, אלם העלדישער מאַן אויך צערטליך, גוט זיך צייגט,
דו! זיי שר הבית; די שטעלע איז נישט לייכט.
דער עלטסטער ביזט דו יעצט פון גאַנצען הויז-געזינד,
ביי וועמענס אינערליכען שטרייט, ׳ך געפין די דיענער
שלעכט;
דיין ביישפיעל זאָל, מיט כבוד פיעל, פאַר זיי זיין
פעסטגעשטעלט,
ווי מען דעם האַר, דעם הויף און אַלע גוטע געפעלט!

ש ר ה ב י ת.

גנאָד ברענגט אויסצופיהרען דעם הויכען ווילען פון האַר;
דעם בעסטען באַהילפיג זיין, דעם שלעכטען נישט צו שאָדען,
דאַן פריי זיין און נישט ליסטיג, רוהיג אָהן באַטרוג!
ווען דו מיך, האַר, נאָר דורכקוקסט, איז מיר שוין גענוג.
דאַרף זיך די פאַנטאַזי אויף יענעם פעסט פאַרשפרייטען?
ווען דו צום טיש געהסט, דערלאַנג די גאָלד׳נע שיסעל איך,
די רינגען האַלט איך דיר, אום אין דער לוסטיגער צייט
זיך דיין האַנד דערפרישט, ווי מיך דיין בליק דערפרעהט.

ק י י ז ע ר.

כאָטש איך פיהל צו ערנסט יעצט, פון פעסטליכקייט צו
דענקען,
דאָך, זאָל זיין! עס פאָדערט א פרעהליכער אָנהויב זיך.

(צום דריטען).

דיך וועהל איך צום שר האופים! פון יעצט זאָל זיין
דיר יאגד, עופות-הויף, און לאנדשאַפט אונטערטהעניג;

די ליעבלינגם-שפייזען לאָז מיך וועהל'ן אין אַלע צייטען,
ווי זיי דער חודש ברענגט, און קאָכען זיי מיט פאַרזיכט.

שר האופים.

שטרענג פאַסטען זאָל זיין פאַר מיר די אַנגענעמסטע פליכט
ביז, פאַר דיר אַוועקגעשטעלט, דערשמעקט גוט דאָס געריכט.
די דיענערשאַפט פון קיך זאָל זיך מיט מיר פאַראייניגען,
דאָס ווייטע אַהער צו ברענגען, די צייט פון יאָהר
פאַרפיהרען;
דיך רייצט נישט ווייטקייט און פריהצייטיגקייט, וואָס
פאַרציערט דעם טיש;
איינפאַך און קרעפטיג נאָר איז אַלץ, וואָס דו פאַרלאַנגסט.

קייזער.

(צום פיערטען).

וויל אונפאַרמיידליך דאָ בלויז פון פעסט זיך האַנדעלט,
דאַן זיי מיר, יונגער העלד, צום שענקער דו פאַרוואַנדעלט.
שר המשקים, זאָרג דו יעצט, אז אונז'רע קעלערס,
גאַנץ רייך מיט גוטען ווין פאַרזאָרגטע זאָלען זיין!
דו אַליין זיי מעסיג, לאָז דיך נישט דורך לוסטיגקייטען
אָדער דורך וועלכער 'ם איז געלעגענהייט פאַרנאַרען.

שר המשקים.

מיין פירסט, די יוגענד, ווען מען איהר נאָר אנפאַרטרויט,
שטעהט איידער מען אַרום זיך קוקט, שוין אַלס מאַן
דערוואַקסען;
אויך איך נעם יעצט מיין פּלאַץ אין יענעם גרויסען פעסט;
א קייזערליך בופעט פאַרציער איך אויף דאָס בעסטע,
מיט פּראַכט-געפעס, גילדערנע און זילבערנע צוגלייך;
דאָך וועהל איך דיר פאַרויס דעם ליעבליכסטען בעכער:

א קלאָר וועגעדיש גלאָז, אין וועלכען לוסט דאָרט לויערט,
דעם וויינ'ס געשמאַק זיך שטאַרקט, און נישט מעהר
פאר'שכור'ט.
אויף אַזאַ מין וואונדערשאָץ פּאַרטרויט מען זיך צו אָפט;
דאָך דיין מעסיגקייט, אַ, האר, שיצט נאָך מעהר.

קייזער.

וואָס איך האָב אייך צוגעשריבען אין דער ערנסטער שטונדע,
האָט מיט פאַרטרויען איהר, פון אַ זיכער מויל געהערט.
דעם קייזערס וואָרט איז גרוים און זיכערט דאָס געשענק.
דאָך צו דער פאַרשטאַרקונג דאַרף עס אויך די עדלע שריפט,
עס דאַרף די סיגנאַטור. זי ריכטיג פאַרצובערייטען,
זעה איך דעם רעכטען מאַן אין דער רעכטער שטונדע קומען.
(דער ערץ-בישאָף-ערץ-קאַנצלער טרעט אויף).

קייזער.

ווען אַ געביידע זיך דעם שלוס-שטיין אנפאַרטרויט,
דאַן איז 'ס מיט זיכערקייט פאַר עביגער צייט געבויט.
דו זעהסט פיער פירסטען דאָ! מיר האָבען ערשט
באַקלעהרט זיך,
וואָס פאַר זיכערקייט 'ס פאַרלאַנגט דאָס הויז און הויף פון זיי.
יעצט אָבער, וואָס עס אנבאַטרעפט דאָס רייך אין גאַנצען,
זאָל מיט געוויכט און קראַפט פאַרטרויט דעם פינף-צאָהל זיין.
אין לענדער-שאַץ זאָלסט איהר פאַר אַלע אנדערע שיינען;
פול פרייד פאַרגרעסער איך פון באַזיץ די גרענעצען
פון דער ירושה פון די וואָס האָב'ן זיך פון אונז אָבגעטהיילט.
אייך, געטרייע, זאָג צו איך מאַנכע שעהנע לענדער,
צוגלייך דאָס הויכע רעכט, אייך, לויט געלעגענהייטען
דורך איבערפאַל, קויף און בייט, זיי וויטער צו פאַרברייטען;
דאַן זאָל זיין באַשטימט ערלויבט, צו געברויכען
אונגעשטערט,

וואס, לויט גערעכטיגקייט, אייך, לאנדבאזיצער געהערט!
ווען איהר אלס ריכטער וועט דעם לעצטען אורטהייל געבען,
צוריקרופונג זאל פון איי׳רע הויכע עמטער נישט גילטען.
דאן, שטייער, צינזען, אבצאהל, דורכפאר-געלד און צאל,
פון בערג-זאלץ און פון מינצען זאל געהערען אייך.
ווייל אום מיין דאנקבארקייט פאלשטענדיג צו באווייזען,
האב איך אייך נאהענט צו דער מאיעסטעט דערהויבען.

ערץ-בישאף.

א גרויסער דאנק אין נאמען פון אונז, אלע דיר.
דו מאכסט אונז שטארק און פעסט און אויך דיין מאכט
פארשטארקסט

קייזער.

אייך פינף וויל איך נאך העכ׳רען כבוד געבען.
נאך לעב איך פאר מיין רייך און האב נאך לוסט צו לעבען;
דאך די קעט פון מיינע אבות ציהט מיין בליק צוריק
פון שנעלער שטרעבזאמקייט, צו דעם וואס קומען דארף.
איך וועל אויך, אין מיין צייט, מיך פון די טהייערע שיידען;
דאן זאל עס זיין אייער פליכט, דעם נאכפאלגער צו וועהלען.
געקרוינט, דערהויבט איהם אויף דעם הייליגען אלטאר,
און פריעדליך זאל זיך ענדיגען, וואס שטורמדיג איז געווען!

ערץ-קאנצלער.

מיט שטאלץ אין טיפסטען הארצען, דאך פול מיט עניוות
שטעהן פירסטען דיר געבויגען, די ערשטע אויף דער וועלט.
אזוי לאנג דאס טרייע בלוט אין די פולע אדערן שלאגט,
זענען מיר די קערפערס, וואס דיין ווילען לייכט באוועגט.

קייזער.

און צום שלום: וואס מיר האבען ביז יעצט געטהאן זאל זיין

פאר שפעטערע דורות דורך שריפט און אונטערשריפט
באשטעטיגט.
אמת, דעם באזיץ, אלס הארן, האט איהר אין גאנצען פריי,
דאך מיט באדינג, אז אונצעטהיילבאר זאל ער זיין;
און ווי איהר וועט פארמעהרען, וואס איהר האט פון אונז
ערהאלטען,
דער עלצטער זוהן זאל קריגען זיין גלייכען ריכט׳גען טהייל.

ע ר ץ - ק א נ צ ל ע ר.

דעם פערגאמענט פארטרוי איך באלד מיט פארגעניגען,
צום גליק פון רייך און אונז, דאס וויכטיגסטע געזעץ;
מיט שרייבען און פארזיגלען זאל די קאנצליי זיך
באשעפטיגען.

ק י י ז ע ר.

און יעצט לאז איך געהן אייך, כדי פאר׳ן גרויסען טאג,
פארזאמעלט, זאל זיך יעדער איבערלעגען וואס צו טהון.

(די וועלטליכע פירסטען געהען אב).

ד ע ר ג י י ס ט ל י כ ע ר.

(בלייבט און רעדט פאטהעטיש).

דער קאנצלער איז אוועק, דער בישאף איז געבליבען,
פון ערנסטען ווארנונגסגייסט מיך צו דיין אויר געטריבען.
זייי פאטערליך הארץ פול שרעק זיך פאר דיר זארגט.

ק י י ז ע ר.

וואס קען דיך שרעקען אין דער פרייליכער שטונדע? רעד!

ע ר ץ - ב י ש א ף.

מיט וואס פאר ביטערן וועהטאג געפין אין דער שטונדע
דיין הויכגעהייליגטען קאפ מיט אשמדאי פארבונדען!
כאטש, ווי עס ווייזט זיך אויס, געזיכערט אויף דעם טהרוין,
דאך ליידער! גאט דעם האר, דעם פאטער פאפסט צו שפאט,
דערוויסט ער זיך דערפון, שנעל וועט גערעכט ער שטראפען,

מיט אַ הייליגען בליץ דיין רייך, דאָס זינדיגע, פֿאַרניכטען.
ווייל ער האָט נאָך נישט פֿאַרגעסען, ווי דו ׳ן דער העכסטער
ציים,
אין דיין קרוינונגסטאָג, דו האָסט דעם צויבערער
באַפרייט. (256)
פון דיין דיאַדעם, דעם קריסטענטהום צום שאָדען,
געטראָפֿ׳ן האָט דעם פֿאַרשאָלטענעם דער ערשטער
שטראָהל פון גנאָד.
דאָך שלאָג על חטא, און גיב פֿון דעם פֿאַרשוועכטען גליק,
אַן אונבאַדייט׳נע קלייניגקייט דעם הייליגטהום צוריק!
דעם בריימען בערגלעך-פלאַץ, וואו דיין געצעלט ׳ז געשטאַנען,
וואו ׳ס האָבען בייזע רוחות זיך צו דיין שוץ פֿאַרבונדען
און צו דעם ליגנער-פירסט דו האָסט דיך צוגעהערט,
דאָס זאָג אָב, מיט פרומקייט, פאר הייליג גוטע צוועקען;
מיט בערג, געדיכטע וועלדער, אַזוי ווייט ווי זיי זיך ציהען,
מיט טהאָלען וואָס זיך גרין מיט גוטער פֿאַשע ציקען
פישרייכע קלאָרע טייכען, און קוואַלען אָהן א צאָהל,
ווי זיי איילענדיג זיך שלענגלען ביז אַראָב אין טהאָל;
דער בריימער טהאָל אליין, מיט לאָנקעס, גראָז-פלאַץ,
העהלען:
די חרטה צייגט זיך דאָן, און גנאָד וועסט דו געפינען,

קייזער.

דורך מיין שווערער זינד, אָ, שטאַרק בין איך דערשראָקען:
די גרענעץ זאָל געמאכט זיין נאָך דיין אייגענער מאָס.

ערץ-בישאָף.

צוערשט: דער פֿאַרשוועכטער פלאַץ, וואו מען האָט זיך
פֿאַרזינדיגט,
זאָל פאר גאָטעס-דיענסט געווידמעט ווערן גלייך,
לויט דיין באַפעהל.
שנעל שטייגט אַרויף אין גייסט די מויער שטאַרק און ריעזיג,

פון דער מאָרגען-זון דער בליק באלייכטעט שוין דאָס כאָר;
צום קרייץ דערוויטערט זיך די וואַקסענדע געביידע,
די קופּאָל ענדיגט זיך צו דער פרייד פון גלוביגע;
זיי שטראָמען, דרענגען זיך שוין דורך דעם ווירדיגען
פּאָרטאַל,
דער ערשטער גלאָקענקלאַנג קלינגט אָב אין באַרג און טהאָל;
פון הויכע טהורעמס, ווי זיי זיך צום הימעל הייבען, קלינגט
עס,
דער בעל-תשובה קומט אַריין, צו ניי געשאַפ'נעם לעבען.
דער פארהייליגונגס-טאָג — אָ, וואָלט ער שוין געקומען!—
דאַן וועט דיין געגענוואַרט די העכסטע ציהרונג זיין.

ק י י ז ע ר.

אַזאַ ווערק, א גרויס, מיין פרומען זין זאָל צייגען,
צו לויבען גאָט דעם האַר, מיין תשובה זאָל דערהערען.
גענוג! איך פיהל ווי מיין געדאַנק זיך שוין דערהויכט.

ע ר ץ - ב י ש אָ ף.

אַלס קאַנצלער, פאָדער איך צום שלוס פאָרמאַליטעט.

ק י י ז ע ר.

א פאָרמאלער דאָקומענט, דער קירכע צו געבען,
דו לעג עס פאָר, איך וועל מיט פרייד עס אונטערשרייבען.

ע ר ץ - ב י ש אָ ף.

(נעמט אַבשיעד, אַבער ביים אַרויסגאַנג קעהרט ער זיך וויעדער אום)
דאַן ווידמעסט דו אויך גלייך דעם ווערק, ווען 'ס איז פאַרטיג,
פון לאנד די גאנצע איינקונפט: מעשר, צינזען, שטייער,
פאַר עביג. פיעל בעדאַרף מען אום עס ווירדיג
אויפצוהאַלטען,
און שווערע קאָסטען מאַכט די זאָרגליכע פאַרוואלטונג;
און צום שנעלען אויפבוי, אויף אַזאַ מין וויסטען פלאַץ,
וועסט דו, פון דיין רויב-שאַץ, געבען אונז אַביסעל גאָלד.

דערצו בעדארף מען אויך, מען קען עס נישט פארשווייגען,
האלץ פון ווייטע לענדער, קאלך און שיעפער, און נאך זאכען;
דאס ברענגען וועט דאס פאלק, לויט ווי ׳ס ווערט געלערנט,
די קירכע בענשט דאן דעם, וואס שטעהט צו איהרע
דיענסטען.

(אב).

קייזער.

די זינד איז גרויס און שווער, זי דריקט מיך ווי א משא;
דאס פוסטע צויבער־פאלק, ברענגט מיר פיעל גרויסען שאדען.

ערץ־בישאף.

(זיך ווידער צוריקקעהרענדיג, מיט טיעפסטער פארנייגונג).
פארציי, א, האר! מען האט דעם זעהר שענדליכען מאן
דעם ברעג פון רייך געגעבען; דאך ער וועט זיין אין חרם,
אויב דו גיסט נישט, פול חרטה, דער הויך־היילינגער קירכע
אויך דארט דעם מעשר, צינזען, שטייער און מתנות.

קייזער.

(פארדריסליך).

דאס לאנד איז נאך נישט דא, עס ליגט נאך וויט אין ים.

ערץ־בישאף.

ווער ׳ס רעכט האט און געדולד, פאר דעם קומט אויך די צייט.
פאר אונז זאל בלויז דיין ווארט אין זיין קראפט נאר
בלייבען.

(אב).

קייזער.

אזוי וואלט איך געקענט דאס גאנצע לאנד אבשרייבען.

(ענדע פון פערטען אקט).

פינפטער אקט. (257)

I

פרייע געגענד.

וואנדערער.

יא! דאָס זענ'ן די טונקלע לינדען,
אין זיי'ר אַלטער קראַפט און יוגענד,
און געפינען טהו 'ך זיי ווידער,
נאָך מיין לאַנגער וואַנדערונג.
דאָ 'ז דאָס פלאַץ, און דאָ דאָס שטיבעל,
וואָס מיר שוין געגעבען האָט,
ווען מיך די שטורם-באַוועגטע כוואַליע
אויף דעם ברעג געשליידערט האָט.
מיינע ווירטהען וויל איך גריסען,
הילף-בארייט, ליעב אין געשטאַלט,
וועלען זיי מיך היינט באגעג'נען?
דאַן זענ'ן זיי געוועזן שוין אַלט.
אך! ווי פרום זיי זענ'ן געוועזען!
קלאַפּען? רופען? — זייט געגריסט!
אויב איהר היינט נאָך, אלט געליעבטע,
פון גאסטפריינדשאפטס-גליק געניסט.

באוציס.

(א קליינע פרוי, זעהר אַלט).

ליעבער פרעמדער, שטילער! שטילער!

רוהיג! לאַז דעם מאַן מיר רוהן;
לאַנגער שלאָף גאָר גיט דעם אַלטען
קראַפט פאַר שפּעטער וואָס צו טחון.

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר.

זאָג נאָר, מאַמע, ביזט דו ווירקליך
יענע וועמען׳ם קומט מיין דאַנק,
וועלכע, מיט דיין מאַן אינאיינעם,
האָט געראַטעוועט מיך, ווען קראַנק?
ביזט דו באַוצים, וועלכע ליעבליך
אַ פאַרטריקענט מויל דערקוויקט?
(דער מאַן ערשיינט).

דו פילעמאָן, וואָס קרעפטיג האָט
מיין שאַץ פון ים אַרויסגעריקט?
איי׳רע פלאַמען פון דעם פייער,
אייער גלעקעל׳ם זילבער-קלאַנג,
האָט פון אונטערגאַנג פול שרעקען,
מיך געראַטעוועט, נעמט מיין דאַנק.
און יעצט לאָזט אַהין מיך געהען,
זעהן דאָס אונבאַגרענצטע מעער;
לאָזט מיך קניען, לאָזט מיך בעטען!
אָך, עס פּרעסט די ברוסט מיך זעהר!

(ער געהט ווייטער, אויף דעם זאַמד-ברעג).

פ י ל ע מ אָ ן.

אייל דיך יעצט דעם טיש צו דעקען,
וואו דער בוים אין גאָרטען שטעהט.
לאָז איהם לויפען, זיך דערשרעקען!
ווייל ער גלויבט נישט וואָס ער זעהט.

(ער געהט איהם נאָך).

פילעמאָן.

(נעבען דעם וואַנדערער שטעהענדיג).

דאָ וואו ׳ם האָבען אייך געמאַטערט,
פול מיט שוים, די כוואַליעס ווילד,
זעהט אין גאָרטענס איהר פאַרוואַנדעלט,
זעהט איהר אַ גן־עדן־בילד.
אַלט, האָב נישט געקענט איך העלפען,
ווי איך שטענדיג בין באַרייט;
ווען די קראַפט איז מיר פאַרשוואונדען
איז דער שטראָם געוועזן שוין ווייט.
׳ם האָבען קנעכט פון קלוגע הערשער
וואַסער־ווענט געבויערט איין,
׳ם רעכט פון ים פאַרשמעלערט האָבען,
הערשער, אנשטאַט ער, צו זיין.
זעה ווי ׳ם גרינען פעלד און לאָנקע,
פאַשע, גאָרטען, דאָרף און וואלד,
דאָך געניסען קום יעצט עטוואָם,
ווייל די זון פאַרגעהט שוין באַלד.
אין דער ווייטקייט ציהען זעגלען,
זוכען פאַר ביינאַכט אַן אָרט —
׳ם קענען זייער נעסט די פייגעל —
ווייל יעצט איז דער האַפען דאָרט.
אויך דערבליקסט דו אין דער ווייטקייט
ערשט פון ים דעם בלויעם זוים,
רעכטס און לינקס, אין פולער ברייטקייט,
גאַנץ געדיכט באַוואוינטען רוים.

II

אין גערטענדעל.

(אַלע דריי ביים טיש).

באָוציס.

(צו דעם פרעמדען).

ביזט דו שטום? און אויך קיין ביסען
נעמסט דו נישט אין מויל אַריין!

פילעמאָן.

ער וואָלט געוואָלט דאָס וואונדער וויסען:
נו, דערצעהל איהם ליעבע מיין.

באָוציס.

יאָ, אַ נס איז עס געוועזען!
'ס שרעקט מיך נאָך ווי 'ס איז געשעהן;
ווייל עס איז די גאַנצע זאַך דאָ,
עפּעס ריכטיג נישט געשעהן.

פילעמאָן.

קען דער קייזער אַזוי זינדיגען,
און גאָר געבען איהם דעם ברעג?
האָט'ם נישט אָנגעזאָגט אַ העראָלד
פּייפענדיג דאָ פול מיט שרעק?
און נישט ווייט פון אונזער זאַמד-ברעג,
איז די אַרבייט גלייך געשעהן,

ערשט געצעלטען! — און גאָר פּלוצים
האָט מען אַ פּאַלאַץ געזעהן.

ב אַ ו צ י ס.

אומזיסט האָט מען בייטאָג געאַרבייט
מיט דער האַק און שטאַרקער האַנד:
וואו פלעמלעך האָב'ן ביינאַכט געפלאַקערט,
'ז מאָרגען געשטאַנ'ן אַ וואַסער-וואַנד.
פון מענשליכע קרבנות האָט מען
ביינאַכט געהערט דעם יאָמער-שאַל;
צום ים געפלאָסען 'ז פייער שטראָמען,
געוועזן איז מאָרגען אַ קאַנאַל.
זינדיג איז ער, און איהם גלוסט זיך
אונזער הויז, — וואָס פאר אַ פּיין!
זייט ער נאָר אלס שכן הערשט דאַ,
אונטערטהעניג מוז מען זיין.

פ י ל ע מ אָ ן.

ער האָט אונז דאָך אָנגעבאָטען
אַ שעהן גוט אין נייעם לאַנד!

ב אַ ו צ י ס.

נישט געטרוי דעם וואַסער-באָדען,
אין דער הויכקייט האַלט דיין שטאַנד!

פ י ל ע מ אָ ן.

לאָמיר אין דער קירכע געהען,
ווייל די זון פאַרגעהט יעצט שוין,
לאָמיר קלינגען, קניען, בעטען,
און דעם אַלטען גאָט פאַרטרוי'ן.

III

פּאַלאַץ.

טיעפער פאַרציערטער גאַרטען, גרויסער גלייך געשניטענער קאַנאַל.

פאוסט.

(אין העכסטען אַלטער שפּאַצירט נאַכדענקליך).

לינצעוס דער טורמוועכטער.

(דורך דעם שפּראַך־רעהר). (258)

עס זינקט די זון, די לעצטע שיפען
פריילעך קומען ׳ן האַפען אריין:
אַ גרויסע שיף הייבט אָן צו שווימען
אויף דעם קאַנאַל, דאָ באַלד צו זיין.
די קליינע פעהנדלעך וועהען פרעהלעך,
די שטאַרקע מאַסטען שטעהן בּאַרייט;
דער שיפער־מאַן פול ליעבע לויבט דיך,
דיך גריסט דאָס גליק אין שעהנסטער צייט.
(דאָס גלעקעל קלינגט אויף דעם זאמד־ברעג).

פאוסט.

(דערשראָקען).

פאַרשאָלטען קלינגען! שרעקליך, שענדליך,
פאַרוואונד׳טעס, ווי א להכעיס׳דיגער שאָס!
פאר ד׳ אויגען איז מיין רייך אונענדליך,

אין רוקען רייצט מיך דער באָרדראָם!
מיך דערמאָנט דאָס קנאה-קלינגען
מיין גרוים-באַזין, עס איז נישט ריין:
דער לינדען-פּלאַץ, דאָס ברוינע הייזעל
נישט מיין איז, און די קירכע קליין.
וואָלט איך געוואָלט מיך דאָרט ערהאָלען,
פאַר פרעמדע שאָטענס פיהל איך שרעק,
׳ס איז מיר ווי א דאָרן אין די אויגען:
איך וואָלט געוואָלט זיין ווייט אַוועק!

טורמוועכטער.

ווי פרעהלעך זעגעלט דאָרט דאָס שיף
אהער מיט פרישען אָבענדווינד!
געפּאַקט מיט קאַסטענס, זעק אָהן צאָהל,
קומט עס אהער און פליהט געשווינד!

(א פּרעכטיג שיף, רייך און גלענצענד אָנגעלאָדען מיט פּראָדוקטען פון פרעמדע וועלטגעגענדען).

מעפיסטאָפעלעס, די דריי קרעפטיגע חברים.

כאָר.

דאָ לאַנדען מיר,
דאָ זענען מיר.
מזל, ברכה,
האַר צו דיר!

(זיי שטייגען אויס, די סחורה ווערט אויף דער יבשה געבראַכט).

מעפיסטאָפעלעס.

מיר האָב'ן אין אונזער קראַפט געגלויבט:
צופרידען, ווען דער האַר אונז לויבט.

מיט שיפען צוויי בלויז זוכ'ן מיר גליק,
מיט צוואַנציג קעהרען מיר צוריק. (259)
אַז עטוואָס גרויס האָב'ן מיר געטהאָן,
דאָס זעהט מען 'ן אונזער לאדונג אָן.
דער פרייער ים באפרייט דעם גייסט,
דאָ דענקט מען נישט, מען דאַרף זיין דרייסט!
אַ שטאַרקע האַנד, א שנעלען גריף,
מען כאַפּט אַ פיש, מען כאַפּט אַ שיף,
און ווען מען איז דער האַר פון דריי,
דאַן קומט א פערטע צו דערביי;
דאַן געהט עס אויך דער פינפטער שלעכט;
האָט מען די קראַפט, האָט מען דאָס רעכט.
מען פרעגט פאַר'ן וואָס, נישט ווי אַזוי;
אָט דאָס הייסט ווי אַ שיפער רעדען:
קריעג, האַנדעל און פיראטעריי,
דריי־אייניג זענען, נישט צו שיידען.

די דריי קרעפטיגע חברים.

נישט דאַנק און גרוס!
נישט גרוס און דאַנק!
ווי מיר וואָלט'ן געבראַכט
דעם האַר געשטאַנק. —
מיט'ן פנים מאַכט
ער אַלץ צונישט; —
דער קעניג־שאַץ
געפעלט איהם נישט.

מעפיסטאָפעלעס.

נישט ערוואַרטעט
מעהר קיין לוין.

אייער חלק
האָט איהר שוין.

די חברים.

צום צייטפאַרטרייב נאַר: —
נישט פאַרפעהל! —
מיר אַלע פאָדערן
גלייכען טהייל.

מעפיסטאָפעלעס.

ערשט ארדענט אויבען
'ן זאָלען דאָרט
די טהיירע זאַכען
אויף דעם אָרט!
און קומט ער צו
און זעהט 'ס אַזוי,
באַרעכענט ער אַלץ
מעהר גענוי;
ער ווערט געוויס
אויך קאַרג נישט זיין,
און גיט דעם פלאַט
אַ פעסט מיט וויין.
די ליעבע פייגעל קומען מאָרגען, (260)
פאַר זיי וועל גוט אַליין איך זאָרגען.
(די סחורה ווערט אַוועקגעפיהרט).

מעפיסטאָפעלעס.

(צו פאוסט).

מיט ערנסטען שטערן, מיט פינסטערן בליק,
ערהאלטסט דו דיין ערהאַבען גליק.
געקרוינט דיין גרויסע חכמה 'ז זעהר,

דער ברעג 'ז פאַראייניגט מיט דעם מעער;
עס נעמט יעצט אָן, צום וויטען וועג,
דער ים די שיפען פון דעם ברעג;
באַפעהל, פון דאַנ'ן, וואָס דיר געפעלט,
'ס ליגט אין דיין האַנד די גאַנצע וועלט.
פון דאַנען אוים 'ז אַלצדינג געשעהן;
דאָס ערשטע האָלץ-הויז 'ז דאָ געווען;
אַ גריבעל האָט מען איינגעקריצט,
וואו יעצט דער רודער פלייסיג שפריצט.
דיין הויכער וויל'ן, דיינע דינערס פלייס,
האָב'ן ערוואָרב'ן פון ים און ערד דעם פרייז.
פון דאַנען —

פ אַ ו ס ט.

'ן פאַרשאָלט'נעם ד אָ, 'ן פאַלאַסט!
דאָס עבען דריקט מיך ווי א לאַסט.
דיר, פיעל ערפאַהר'נער, מוז איך זאָגען —
דעם שטאָך אין הארצען פיהל נאָר איך —
איך קען עס מעהר שוין נישט פאַרטראָגען!
און עס צו זאָגען, שעהם איך מיך,
די אַלטע אויבען מוזען געהען;
די לינדען וויל איך אַלס מיין זיץ,
די בוימער, וואָס זענ'ן נישט מיין אייגענס,
פאַרדארבען מיר דעם וועלט-באַזיץ.
דאָרט וואָלט איך וויט מיין בליק פאַרטרויען,
פון צווייג צו צווייג מיר פלעצער בויען,
מיין אויג זאָל בעסער קענען זעהן,
וואָס דורך מיין ווילען איז געשעהן,
איבערצוקוקען מיט איין בליק,
פון מענשענס גייסט דאָס מייסטערשטיק,
און קלוג און ריכטיג אויסגעטראַכט,

פאַר פעלקער ברייט אַן אָרט געמאַכט.
אַם ערגסטען זענען מיר געקוועהלט,
ווען רייך, צו פיהלען, וואָס אונז פעהלט.
די לינדען לופט, דעם גלעקעלס קלאַנג,
ווי קבר איז און קירך-געזאַנג.
מיין גאַנצע ריעזיג-שטאַרקע מאַכט,
איז אויף דעם זאַמד צונישט געמאַכט.
דאָס געפיהל פאַרטרייבען ׳ז מיין פאַרלאַנג!
איך הייב אָן צערענען ביים גלעקעלס קלאַנג.

מעפיסטאָפעלעס.

געווים, אַזאַ מין הויפּט-פאַרדרום,
דאָס לעבען דיר פאַרגאַלען מוז.
ווער צווייפעלט, יעדען עדלעם אויר,
קומט מיאוס דאָס קלינגען פאַר, קאַפּויר.
און דאָס פאַרשאָלט׳נע בים-בוים-בוימעל,
באַטריבט דעם קלאָהרען אָבענד-הימעל,
דאָס לעבען בלויז אַ טריבער טרוים.
ווי ׳ם וואָלט געווען צווישען ב י ם און ב ו י ם,
פון ערשטען באָד ביז צום באַגרעב׳ניש;
מישט זיך אין איעדער באגעב׳ניש,

פ א ו ס ט.

דאָס עקשנות און דאָס ווידערשטעהן,
מאַכט ביטער דאָס געווינס, און קליין,
ביז מען, פול טיעפען וועה און פיין,
מיעד ווערן מוז, גערעכט צו זיין.

מעפיסטאָפעלעס.

צו וואָס דיך לאָזען דאָ פאַרפיהרען?
מוזט דו זיי נישט קאָלאָניזירען?

פ א ו ס ט.

דאַן געהט און פיהרט אוועק זיי שנעלער!
דאָס שעהנע גוט קענסט דו דאָך קלאָהר
וואָס 'ך האָב באַשטימט פאַר'ן אַלטען פּאָר.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

מען טראָגט ז' אַוועק, מען זעצט ז' אנידער,
ביז מען זיך אומקוקט, שטעהן זיי ווידער;
און איז אוועק דאָס בייזע בלוט:
א שעהנע היים מאַכט אַלעס גוט.

(ער פּייפט שטארק).

(ד י ד ר י י טרעטען אויף).

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

קומט, ווי דער האַר עס אונז באַפעהלט,
מאָרג'ן קריגט איהר א פעסט ווי אייך געפעלט!

ד י ד ר י י.

דער האַר האָט אונז עמפּפאַנגען שלעכט;
א פרעהלעך פעסט איז אונז שוין רעכט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

(צו די צושויער).

אויך דאָ געשעהט, וואָס 'ז לאַנג געשעהן,
ווען נבואת'ס ווייַנבאַרג 'ז שוין געוועזן. (261)

IV

טיעפע נאַכט.

לינצעום דער טורמוועכטער.

(אויף דעם וואַד־טורם זינגענדיג).

צום זעהען געבוירען,
צום קוקען באַשטעלט,
דעם טורעם געווידמעט,
געפעלט מיר די וועלט.
איך בליק אין דער וויטקייט,
זעה נאָהנט די געשטאַלט
פון לבנה און שטערן,
דעם הירש און דאָס וואַלד.
׳זוי זעה איך אין אַלצדינג
דאָס עביגע שעהן׳,
און ווי מיר געפעלט עס,
געפעל ׳ך מיר אליין.
איהר גליקליכע אויגען,
וואָס איהר האָט געזעהן,
זאָל זיין, ווי עס וויל זיך,
געוועזן איז עס שעהן!

(פויזע).

נישט נאָר בלויז מיך צו ענטציקען,
בין איך דאַ אוועקגעשטעלט;

וואָס פאר אונגעהייערע מורא,
שרעקט מיך פון דער פינסט׳רער וועלט!
פייערפונקען זעה איך שפריצען
דורך דער לינדען פינסט׳רער גרופט;
און אלץ שטאַרקער גליהט עס, ברענט עס,
אויפגעלאָזען פון דער לופט.
אך! דאָס קליינע הייזעל ברענט דאָרט,
וואָס באַדעקט מיט מאָך ׳ז געשטאַנ׳ן;
שנעלע הילף ווערט דאָ געפאָדערט,
און קיין רעטונג איז פאַראַן.
אך! די גוטע אלטע מענשען —
פאר פייער זענ׳ן באַזאָרגט געווען —
און די פלאַמען ווערן פארניכטעט!
אָ, עטוואָס שרעקליכס איז געשעהן!
אין די גרויזאם שרעקענס-פלאַמען,
שטעהט דאָס שוואַרצע מאָך-געשטעל,
וואָלטען זיי זיך כאָטש גערעטעט
פון דער ברענענדיגער העל׳!
בליצען ווי די צונגען שטייגען
צווישען בלעטער, צווישען צווייגען;
דאַרע צווייגען פלאַקערן ברענען,
גליהען שנעל און פאַלען איין.
מוזט איהר אויגען דאָס דערזעהען?
מוז איך ׳זוי וויטזיכטיג זיין?
אויך די קירך ברעכט שוין צוזאַמען
פון די צווייגען גלייך צעקלאַפּט;
מיט פלאַמען, ווי מיט שלאַנגען, זענען
שוין די שפּיצ׳ן אַרומגעכאַפּט.
ביז די וואורצלען גליהען די שטאַמען,
׳ם נעמט פון זיי שוין באַלד אן עק.

(לאַנגע פויזע, געזאַנג).

וואָס ׳ס האָט זיך דעם בליק געוויזען,
׳ז מיט יאָהרהונדערטער אָוועק.

פ אָ ו ס ט.

(אויף דעם באַלקאָן, אנטקעגען די זאמד־ברעגעס).
וואָס פאַר אַ טרויריג זינגען אויבען!
דעם טאָן, דאָס וואָרט צו שפּעט איך הער,
מיין וועכטער יאָמערט; און מיך קרענקט עס
ווייל מ׳קען דערצו נישט העלפען מעהר.
דאָך זאָל׳ן די לינדען ווערן פאַרניכטעט, —
און האַלב פאַרקויהלטע שטאַמען שטעהן,
אַ הויכער פּלאַץ ווערט אויפגעבויעט
אין אונענדליכקייט צו זעהן.
דאָרט זעה איך אויך די נייע וואוינונג,
אַרום דעם אַלטען פּאָר זיך שליסט,
וואָס, דאַנקענדיג וואָס ׳ך האָב געשווינט זיי,
דעם פריעד׳ן פון אַלטע טעג געניסט.

מ ע פ י ס ט. און ד י ד ר י י

(אונטען).

שנעל קומען מיר פול פייער־גלוט;
פאַרצייהט! ׳ס איז נישט געגאַנגען גוט.
געקלאַפּט, געשטורעמט האָבען מיר,
דאָך נישט געעפ׳נט האָט זיך די טהיר;
מיר האָב׳ן געקלאַפּט, געריסען דאָך,
און איינגעפאַלען ׳ז די טהיר פון מאָך.
מיר האָב׳ן געשריגען און באַשווערט,
דאָך האָבען זיי אונז נישט געהערט.
און ווי ׳ס אין אַזאַ פּאַל געשעהט,
נישט מען הערט און נישט מען זעהט;
מיר האָבען אָבער נישט פאַרזאַמט,

דאָס אַלטע פאַר דיר אָבגעראמט.
דאָס פאַר האָט נישט געפיהלט קיין נויט,
פאַר שרעק זענ'ן זיי געפאַלען טויט!
אַ פרעמדער וואָס געווען איז דאָרט,
איז ערמאָרדעט געוואָרן אויפ'ן אָרט;
אין ווילדען קאמפף'ס גאַנץ קורצע צייט,
פון קויהלען וואָס אַרום צעשטרייט,
געפלאַמט האָט שטרוי. יעצט ברענט עס פריי
אַלס שייטערהויפען פון די דריי.

פ א ו ס ט.

זענט איהר צו מיין באַפעהל ג'ווען טויב?
'ך האָב בייטען ג'וואָלט און נישט קיין רויב.
די ווילדע טהאַט און אונפאַרשעהמט,
פאַרשעלט איך! געהט און אייך עס נעמט!

כ אָ ר.

עס קלינגט נאָך שטאַרק דאָס וואָרט וואָס 'ז אַלט:
מיט גוטען פאָלג דער גרויס-געוואַלד!
און ביזט דו שטאָלץ, און שטאַרק האַלסט זיך,
שטעל איין דאָס הויז און הויף און—דיך.
(אב).

פ א ו ס ט.

(אויף דעם באַלקאָן).
די שטערן פאַרבלייכען און פאַרגעהן,
דאָס פייער זינקט און צאנקט שוין קליין;
אַ ווינד צעבלאָזט עס מיט זיין הויך,
און ברענגט אהער מיר נעבעל, רויך,
שנעל אויסגעפיהרט איז דער באַגעהר! —
וואָס שוועבט דאָרט שאָטענהאפט אהער?

V

מיטערנאַכט. (262)

(פיער גרויע ווייבער טרעטען אויף).

ערשטע.

מיין נאָמען איז מאַנגעל.

צווייטע.

מיין נאָמען איז שולד.

דריטע.

מיין נאָמען איז זאָרג.

פערטע.

מיין נאָמען איז נויט.

דריי.

די טהיר איז פאַרשלאָסען מיר קענ׳ן נישט אריין,
דאָ וואוינט גאַר א רייכער, מיר וויל׳ן נישט אריין.

מאַנגעל.

דאָ ווער איך א שאָטען.

ש ו ל ד.

דאָ ווער איך צו נישט.

נ ו י ט.

פון מיר קעהרט מען אָב דאָס פרעהליכע געזיכט.

ז אָ ר ג.

איהר שוועסטער, איהר קענט נישט און דאַרפט נישט אריין,
די זאָרג, זי קריכט דורך דעם שליסעל־לאָך אריין. (263)

(זאָרג פארשווינדט).

מ א נ ג ע ל.

איהר שוועסטער, איהר גרויע, דערווייטערט אייך שנעל!

ש ו ל ד.

ביי דיין זייט גאנץ נאָהענט, פאַרבינד איך מיך דיר.

נ ו י ט.

און נאָהענט צוביידע, באגלייט אייך די נויט.

א ל ע ד ר י י.

עס ציהען די וואָלקען, 'ס פאַרשווינדען די שטערען!
אַט דאָרטען, אַט דאָרטען, פון ווייטען, פון ווייטען,
דאָרט קומט ער, דער ברודער, דאָרט קומט ער דער — — —
— — — טויט.

פ א ו ס ט.

(אין פאלאץ).

פיער זענ'ן געקומען, דריי נאָר געהן,

נישט פארשטאַנען האָב איך וואָס זיי האָבען גערעדט.
עס האָט געקלונגען ׳זוי ווי — נויט,
אַ פינסטער ריימוואָרט ׳זוי ווי — טויט;
עס האָט געקלונגען גייסטערהאַפט, פארשטיקט.
נאָך האָב איך נישט מיין פרייהייט אויסגעקעמפפט.
וואָלט דעם כשוף איך פון מיר געקענט פאַרטרייבען,
און אַלע צויבערווערטער גאַנץ פאַרגעסען,
וואָלט איך, ווי אַ מאַן, נאַטור, פאַר דיר געשטאַנען,
דאַן וואָלט עס ווירקליך ווערט געווען אַ מאַן צו זיין! (264)
׳ך בין ׳ס געווען, איידער ׳ך האָב׳ס אין פינסטערניש געזוכט,
מיט קללות זיך און אויך די גאַנצע וועלט פאַרפלוכט.
יעצט איז די לופט מיט כשוף אַזוי פול,
אַז מען ווייסט נישט ווי דאָס אויסצומיידען.
ווען אונז איין טאָג נאָר פאַרנינפטיג, קלאָר שיינט,
אין טרוימגעשטאַלטען פאַרוויקעלט אונז די נאַכט;
לוסטיג קעהרען מיר פון יונגען פעלד צוריק,
אַ פויגעל קרעכצט; וואָס קרעכצט ער? אונגליק.
אין אַבערגלויבען פון פריה ביז שפעט פאַרוויקעלט —
עס פאַסט זיך צו, עס צייגט זיך, און עס וואָרנט —
און אַזוי דערשראָקען, שטעהען מיר אליין.
די טהיר סקריפעט און קיינער קומט אריין.

(דערשראָקען).

איז אימיצער דאָ?

ז אָ ר ג.

די פראַגע פאָדערט יאָ!

פ אַ ו ס ט.

און דו, ווער ביזט דו דען?

ז אָ ר ג.

איך בין שוין דאָ.

פ א ו ס ט.

דערווייטער דיך!

ז א ר ג.

'ך בין אויפ'ן ריכטיגען ארט.

פ א ו ס ט.

(צוערשט בייז, דאן בארוהיגט, פאר זיך).

גיב אכטונג און נישט זאג קיין צויבערוואָרט.

ז אָ ר ג.

וויל מיך נישט קיין אויר פארנעמען,
מוז דאָס הארץ זיך שרעקען, קלעמען;
אין פארוואנדעלטער געשטאלט,
איב אוים איך שרעקליכע געוואלד.
אויף דעם ים ווי אויף דעם ברעג,
בין אַ חבר איך פול שרעק;
געפונ'ן, כאָטש קיינמאָל נישט געזוכט,
בין איך געשמייכעלט און פארפלוכט.
האָסט דו די זאָרג קיינמאָל געקענט? —

פ א ו ס ט.

איך האָב בלויז דורך דער וועלט געיאָגט;
יעדע לוסט האָב ביי די האָר איך אָנגעכאפט,
וואָס נישט גענוג געווען איז, האָב איך אָבגעלאָזט,
און וואָס 'ס אנטלאָפען, האָב געלאָזט איך געהן.
איך האָב באַגעהרט, און אויסגעפיהרט,
און נאָך אַמאָל געוויינשט; אַזוי מיט מאכט
מיין לעבען דורכגעשטורעמט; ערשט גרויס און מעכטיג,
יעצט אָבער געהט עס קליגער, פאַרזיכטיגער.

דער ערד-קרייז איז מיר גוט גענוג באַקענט,
די אויסזיכט ד אָ ר ט ע ן איז פאַר אונז פאַרשטעלט;
אַ נאַר ווער 'ס הייבט אַהין אויף זיינע אויגען,
זיך זיין גלייכען איבער די וואָלקען פאַרשטעלט!
זאָל ער פעסט שטעהן און אַרום זיך קוקען ד אָ!
די וועלט איז פאַר דעם טיכטיגען נישט שטום.
וואָס דאַרף ער אין דעם עביגקייט זיך יאָגען?
וואָס ער פאַרשטעהט, דאָס נאַר לאָזט זיך גרייפען.
אַזוי זאָל ער דעם גאַנצען ערד-טאָג וואַנדערן;
ווען 'ס פאַרפאָלגען גייסטער, געהן זאָל ער זיין גאַנג;
אין ווייטער געהן געפינט ער לייד און גליק,
כאָטש אונבאַפרידיגט 'ז יעדער אויגענבליק!

ז אָ ר ג.

ווען איך איינעם נאַר באַזיץ שוין,
קומט די וועלט איהם נישט צוניץ שוין:
עב'גער טונקעל שוועבט אַרונטער,
'ס געהט די זון נישט אויף, נישט אונטער:
ביי פאָלקאָמען ריינעם דענקען,
אינוועניג פינסטערנישען דרענגען,
און ער ווייסט נישט ווי צו שעצען
זיין אוצר, ווי זיך 'ן איהם באַזעצען.
פון גליק און אונגליק ווערט אַ מאַטקייט,
ער פאַרהונגערט אין זיין זאַטקייט;
עס מעג זיין לוסט, עס מעג זיין פלאָג,
לעגט ער עס אָב אויפ'ן אַנדערן טאָג,
פון דער צוקונפט שטענדיג טראַכט ער,
און דערפאַר אויך גאָרנישט מאַכט ער.

פ אַ ו ס ט.

הער אויף! אַזוי קומסט דו מיך נישט ביי!

איך וויל אַזאַ נאַרישקייט נישט הערען.
אַוועק! די שלעכטע ליטאַניי,
זי וואָלט געקענט דעם קלוגסטען מאַן פאַרפיהרען.

ז אָ ר ג.

זאָל ער געהען? זאָל ער קומען?
דער ענטשלוס 'ז אַוועקגענומען;
אויפ'ן וועג געבונדען, אין דער מיט
וואנקט ער, טאפט ער, האלבע טריט;
ער פאַרלירט זיך, טיעפער געהט ער,
אַלע זאַכען קרום נאָר זעהט ער,
זיך און אַנדערע צעדריקט ער,
ראַנגלענדיג נאָך לופט דערשטיקט ער,
נישט דערשטיקט, און גאַנץ אָהן לעבען,
נישט פאַרצווייפעלט, נישט אונטערג'געבען.
אַזאַ אונאויפהערליך טרייבען,
שמערצליך געהען, טרויריג בלייבען,
באַלד באַפרייען, באַלד צעדריקען,
האַלבער שלאָף, און שלעכט דערקוויקען,
בינדט איהם שטאַרק אין אַלע זייטען,
איהם צום גהינם פאַרבאַרייטען.

פ אַ ו ס ט.

פאַרשאָלטענע געשפענסטער! 'זוי באַהאַנדעלט איהר
דאָס מענשליכע געשלעכט אַנצעהל'גע מאָהל שוין;
אפילו גלייכגילטיגע טעג פאַרוואנדעלט איהר
אין שרעקליכען ווירוואר, אין א נעץ פון קוואלען.
פון טייוואָלים, ווייס איך, שווערליך ווערט מען לויז,
דאָס גייסטיג-שטאַרקע באנד קען מען נישט צערייסען:
דאָך דיין מאכט, אָ, זאָרג, קריכענדיג גרויס,
איך וועל זי נישט אַנערקענען.

ז אָ ר ג.

דאָן פּיהל זי יעצט, ווי איך געשווינד
מיך מיט א קללה פון דיר ווענד,
די מענשען זענ'ן דאָס גאנצע לעבען בלינד,
יעצט, פאוסט, ווער עס אויך דו צו דער ענד.

(זי הויכט אויף איהם).

פ אֿ ו ס ט.

(בלינד געוואָרן).

די נאַכט שיינט טיעפער טיעף אַריינצודרינגען,
דאָך אינערליך נאָך שיינט א ליכט א העל'ס; (266)
וואָס 'ך האָב געדאַכט, אייל איך מיך אויסצופיהרען:
דאָס וואָרט פון גאָט אַליין בלויז האָט געוויכט.
שטעהט אויף! שטעהט אויף, איהר קנעכט דאָרט!
מאַן פאר מאַן!
לאָזט גליקליך זעהן, וואָס 'ך האָב שטאָלץ אויסגעטראַכט!
נעמט שנעל דאָס ווערקצייג, שאָפּעל נעמט און רידעל!
די אָנגעהויב'נע אַרבייט מוז געענדיגט ווערן.
א שטרענג באַפעהלען און א שטרענגער פליים,
מוז ברענגען מיט ערפאָלג דעם שעהנסטען פרייז;
אַז ענדיגען זאָל זיך דאָס גרויסע ווערק,
פאַר טויזענד הענד געניגט נאָר בלויז איין גייסט.

VI

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(אלס אויפזעהער, פאָראויס).

אהער, אהער! אַריין, אַריין!
ציטערנדיגע לעמורען,
פון נערוועז, זשילעס און פון ביין
געלאַט'טע האלב-נאַטורען!

ל ע מ ו ר ע ן

(אין כאָר). (267)

מיר קומען גלייך דיר צו דער האַנד,
און ווי מיר האָב׳ן פאַרנומען,
איז דאָ די רעדע פון אַ לאַנד,
וואָס מיר וועלען באַקומען.
געשפּיצטע שטאַנגען זענען דאָ,
די קעטען אויך צום מעסטען;
צו וואָס מען האָט גערופען אונז,
דאָס האָבען מיר פאַרגעסען.

מ עַ פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאָ׳דאַרף מען נישט קיין קינסטלערישע אַרבייט;
טהוט און אַרבייט ווי איהר אַליין פאַרשטעהט!
דער לענגסטער זאָל אויסשטרעקען אין דער לענג זיך,
און איהר אַרום איהם הייבט די גראָז-ערד אויף!
ווי מען האָט פאַר אונז׳רע עלטערן געטהאַן,
פאַרטיפט אַ לענגליכען קוואַדראַט!
פון דעם פּאַלאַץ אין דעם ענגען הויז,
נאַריש לויפט עס ענדליך דאָך אַרוים.

ל ע מ ו ר ע ן

(גראַבענדיג מיט שפּאַטישע באַוועגונגען).

ווען יונג נאָך ׳ך האָב געלעבט, געליעבט,
איז געוועזען, דאַכט מיר, זיס;
ביי פרעהל׳כען טאָן, און לוסט׳גען קלאַנג,
געריהרט זיך האָבען מיינע פיס.

יעצט האָט די ביטרע אַלטער מיך,
מיט איהר קוליע געטראָפען;
׳ך בין איבער אַ קבר טהיר געפאַלען,
וואָרום ׳ז געשטאַנען זי אָפען?

פ אַ ו ס ט.

(קומענדיג פון פּאַלאַץ, די טהיר־זייטען טאַפּענדיג).

ווי דאָס קלינגען פון די רידעלס פרעהט מיך!
עס איז די מאַסע, וועלכע שקלאַפּט מיר,
די ערד מיט זיך אַליין מאַכט פריעדען,
איהר גרענעץ פאַר די כוואַליעס שטעלט,
מיט אַ שטאַרקען באַנד דעם ים פאַרצאַמט.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

(אַז אַ זייט).

דו האָסט זיך נאָר פאַר אונז באַמיהט,
מיט דיינע וואַסער־ווענד און פעסטונגען;
ווייל דו גרייטסט אָן פאַר נעפּטונען,
דעם וואַסער־טייפעל, שוין אַ פעסט.
אין יעדען פאַל זענט איהר פאַרלוירען; —
די עלעמענטען זענ׳ן מיט אונז פאַרבונדען,
אייער שיקזאַל איז פאַרניכטונג בלויז.

פ אַ ו ס ט.

אויפזעהער!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

דאָ בין איך!

פ אַ ו ס ט.

וויפיעל איז עס מעגליך,
שאַף אַ גרויסע מאַסע אַרבייטער,
מונטער אויף דורך גענוס און שטרענגקייט,
באַצאָהל, פאַרנאַר, צווינג, ווי דו קענסט!
נאַכריכט וויל איעדען טאָג איך האַבען,
ווי ׳ס פאַרלענגערט זיך דער אונטערנומ׳נער גראַבען.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

(האַלב הערבאַר).

מען רעדט, ווי מען האָט מיר דערצעהלט,
גאָר נישט פון ג ר אָ ב ע ן נאָר פון ג ר ו ב. (268)

פ א ו ס ט.

א זומפּ ציהט ביי די בערג זיך דאָרט,
פאַרפּעסטעט אַלץ וואָס ׳ס איז דערגרייכט שוין;
פוילע לוזשעס אָבצוציהען
וואָלט געווען דאָס לעצטע, העכסט-דערגרייכטע.
איך עפען פּלאַץ פאַר מיליאָנען מענשען,
כאָטש נישט זיכער, דאָך טהעטיג פריי צו וואוינען.
פרוכטבאַר גרינע פעלדער; מענש און סטאַדע
מאַכען גלייך באַקוועם זיך אויף דער נייער ערד,
און באַזעצט גלייך אויף די בערגלאַך-קראַפט,
אויפגעאַרבייט פון א שטאָל-פלייסיג פאָלק.
אין מיטען דאָ א שעהן גן-עדן לאַנד,
רוישען מעג די פלוטה פון אויבען,
און ווען זי גריזשעט, מיט קראַפט אַריינצופליסען,
יאָגען אַלע דאַן דעם שאָלט פאַריכטען.
יא, איך האַלט-מיך פעסט ביי דעם געדאַנק,
דאָס איז דער חכמה׳ס לעצטער שלוס:
נאָר דער פאַרדיענט זיך פרייהייט און דאָס לעבען,
ווער טעגליך זי באַזיגען מוז.
אַזוי פאַרברענגט, אַרומגערינגעלט פון געפאהר,
דאָ קינדהייט, מאַן און גרייז זיין לעבענס-טאָג.
אַזאַ געזעמעל וואָלט געוואָלט איך זעהן,
אויף פרייער ערד מיט א פרייעם פאָלק שטעהן.
אין דעם אויגענבליק וואָלט איך געזאָגט:
„פאַרוייל נאָך, נאָך, ביזט אַזוי שעהן!“
עס קען די שפור פון מיין ערדענלעבען
נישט אין עאָנען אונטערגעהן. —
אין פאַרגעפיהל פון אַזאַ הויכען גליק,
געניס איך יעצט דעם העכסטען אויגענבליק.

(פ א ו ס ט פאַלט ריקווערטס, די לעמורען כאַפּען איהם אונטער און לעגען איהם אויף דער ערד). (269)

מעפיסטאָפעלעס.

קיין לוסט האָט איהם געזעטיגט, נישט געניגט קיין גליק,
געיאָגט האָט ער נאָך בייטענדע געשטאַלטען זיך;
דעם לעצטען, שלעכטען, פוסטען אויגענבליק,
ווינשט דער אָרימער איהם פעסט צו האַלטען.
קרעפטיג איז ער ווידערשטאַנען מיר,
די צייט ווערט האַר דער גרייז דאָ ליגט אין זאמד.
דער זייגער שטעהט שטיל —

כאָר.

שטעהט שטיל! ער שווייגט ווי מיטערנאַכט.
דער ווייזע פאַלט.

מעפיסטאָפעלעס.

עס פאַלט, עס איז געענדיגט.

כאָר.

עס איז פאַרביי.

מעפיסטאָפעלעס.

פאַרביי! אַ נאַריש וואָרט,
וואָרום פאַרביי?
פאַרביי און ריינער ניכטס, פאַלשטענדיג איינערליי!
וואָס טויג אונז דען דאָס עביגע שאַפען?
געשאַפענעס אין גאַרנישט צו פאַרניכטען?
„דאָס איז פאַרביי!" וואָס איז דאָ דאָ צו לעזען?
'ס איז אַזוי גוט, גלייך גאַרנישט ווי געוועזען,
דאָך יאָגט עס אין אַ קרייז אַרום, גלייך 'ס וואָלט **געוועזן**.
דערפאַר ליעב איך פאַר מיר דאָס עביג-לעערע.

באַערדיגונג. (270)

לעמור

(סאָלאָ).

ווער האָט 'זוי שלעכט דאָס הויז געבויט,
מיט רידלעס און מיט שופלען?

לעמורען

(כאָר).

פאַר דיר, טעמפּער גאַסט, אין ליינוועגטענעם קלייד,
איז עס צו גוט געראָטען.

לעמור

(סאָלאָ).

ווער האָט ׳זוי שלעכט דעם זאַל פאַרזאָרגט?
מ׳ האָט טיש און שטוהל גענומען!

לעמורען

(כאָר).

׳ס אויף קורצער צייט געווען געבאָרגט;
אַלץ נייע גלויב׳גע קומען.

מעפיסטאָפעלעס.

דער קערפּער ליגט, און וויל דער גייסט אוועקפליה׳ן,
דאַן ווייז ׳ך איהם שנעל דעם בלוט געשריבענעם טיטעל; —
דאָך ליידער, האָט מען יעצט פיעל מיטעל,
נשמות דעם טייפעל אַוועקצונעמען.
אויפ׳ן אַלטען וועג לאָזט מען נישט געהן,
אויף דעם נייעם איז אונז נישט ערלויבט נאָך;
ווייל אַנדערש וואָלט איך עס אַליין געטהאָן,
יעצט מוז אַרויסהעלפערס איך מיר זוכען.

אונז געהט אין אלע זאכען שלעכט!
גע׳ירש׳נטע געוואוינהייט, אַלטעס רעכט,
מען קען אויך גאָרנישט מעהר פאַרטרויען.
געוועהנליך ׳ז מיט דעם לעצטען אָטהעם זי אַרויס,
איך האָב זי געהיט, און ווי די שנעלסטע מויז,
קנאַק! האָב איך געהאלטען זי אין שטאַרק פאַרשלאָס׳נע קלויען,
יעצט ציטערט זי, און וויל דאָס פינסטערע אָרט,

פון שלעכטען בר־מנן׳ס עקעל־הויז, נישט פארלאזען;
די עלעמענטען, וועלכע האסען זיך,
טרייבען זי א פארשעהמטע ענדליך דאך ארויס.
און ווען איך גאנצע טעג און שטונדען פלאג מיך,
ווען? ווי־אזוי? און וואו? איז די
טרוי׳ריגע פראגע;
פארלוירען האט דער טויט זיין פלינקע קראפט,
דאס אויב? אפילו איז שוין צווייפעלהאפט.
אפט, פול ליסטיגקייט, האב געקוקט איך אויף פארשטארצטע
גלידער;
ס׳א טעות געווען, עס האט געריהרט, גערעגט זיך ווידער.

(פאנטאסטיש־פליהענדיגע באשווערונגס־באוועגונגען).

נו, שנעל אהער! פארדאפעלט אייער שריט,
איהר הערלען פון גלייכע און פון קרומע הערנער?
פון אלטען טייפעל־זאמד און קערן
ברענגט מיט אייך אויך דעם גיהנם־פיסק.
כאטש דער גהינם פיעלע פיסקעס האט!
בלויז לויט שטאנד און ווירדע שלינגט ער איין;
דאך וועלען מיר דא ביי דעם לעצטען שפיעל,
פון יעצט און ווייטער נישט איבערלעגען מעהר.

(דער שרעקליכער גהינם־פיסק עפענט זיך אויף לינקס). (271)

עקצייהן גענעצען; פון געוועלב פון אבגרונד
שרעקליך יאגט דער פייער־שטראם פול צארן,
און אין דער זידענדיגער פארע פון הינטערגרונד,
זעה איך די פלאמענשטאדט אין עביגער גלוט.
דער רויטער בראנד שלאגט ביז די צייהן ארויף;
פארדאמטע, האפענדיג אויף רעטונג שווים׳ן אהער;
דאך זיי צערייסט די אונגעהיירע היענע,
און באנייען דעם מארטערפולען הייסען גאנג.
אין ווינקלען איז א סך פאראן נאך צו ענטדעקען;
אזוי פיעל שרעקליכעס אין ענגסטען פלאץ!

איהר טהוט זעהר·גוט, די זינדיגע צו שרעקען ;
דאָך האַלטען זיי עס פאר באַטרוג און טרוים.

(צו די גראָבע טייוואָלים, מיט קורצע, גלייכע הערנער).

גו, בייכיגע שופטען מיט די פייערבאַקען !
איהר גליהט גאַנץ פעט פון גיהנם-שוועפעל,
קורצע, קלאָציגע, קיינמאָל באַוועגטע נאַקענס !
דאָ אונטען זעהט, צו עס ווי שוועפעל שיינט :
דאָס איז דאָס נשמה׳לע, פּסיכע מיט די פליגעל ; (272)
פליקט איהר אוים זיי, דאַן איז זי א מיאוס׳ער וואָרים ;
מיט מיין שטעמפעל וועל איך זי צוערשט באַזיגלען,
דאַן וואַרפט זי אין דעם פייער-ווירבעל-שטורעם !
גיט אכטונג אויף די נידריגע רעגיאָנען,
איהר פענכערם ! דאָס איז אייער פליכט ;
צו עס געפעלט איהר דאָ צו וואוינען,
גאַנץ זיכער ווייסט מען דאָס נאָך נישט.
אין נאָפעל האָט זי ליעב צו זיין ;
גיט אכטונג זי זאָל נישט פון דאָרט אַרוים.

(צו די דאַרע טייוואָלים, מיט לאַנגע, קרומע הערנער).

איהר לצים, פליגעל-פיהרערישע ריעזען !
גרייפט אין דער לופט, נישט צו רוהען זוכט !
די אָרעמס פעסט, די קלויען שטאַרק געבויגען,
איהר זאָלט די פלאַטערנדיג׳ אנטלאָפ׳נע כאַפּען !
עס איז איהר זיכער שלעכט אין אַלטען הויז,
און דער גייסט, ער וויל זיך גלייך דערהייבען. (273)

(274) הערליכקייט פון אויבען, רעכטס

די צבאות.

קומט איהר געזאַנדטע,
הימלס-פאַרוואַנדטע,
אין לייכט-זאַנפטען פלוג !
זינד צו פאַרגעבען,

שטויב צו באַלעבען!
צ׳ אַלע נאַטורען
פריינדליכע שפּורען
ווירקט ליעב אין שוועבען
פון לאַנגזאַמען צונג!

מעפיסטאָפעלעס.

פאַלשע טענער הער איך, אַן עקעלדיג רימפּלען,
פון אויבען קומט עס, מיט אַ נישט געווינשטען טאָג;
עס איז דער קינדיש-מיידעלשער געמורמעל,
ווי עס ליעבט עס דער געשמאַק דער פרומער.
איהר ווייסט, ווי אין משוגע׳נע שעה׳ן, מיר
האָב׳ן אויסגעטראַכט פאַרניכטונג פאַר׳ן מענשליכען
געשלעכט:
דאָך דאָס שענדליכסטע וואָס מיר האָב׳ן ערפונדען,
איז פאַר זיי׳ רע תפילות ווי געוואונשען. (275)
מיט צביעות קומען זיי, די נאַרען!
פיעלע האָבען זיי אַזוי אוועקגעכאַפּט,
באַזיגען אונז מיט אונז׳רע אייגענע וואַפען;
׳ס איז אויך טייוואָלים, נאָר פאַרשטעלטע.
דאָ צו פאַרליערען וואָלט געווען אייער עביגע שאַנד;
אַהער צום קבר, און האַלט אייך פעסט ביים ברעג!

כאָר פון מלאכים

(רויזען צוזענדיג). (276)

רויזען, איהר בלענדענדע,
באַלזאַם פאַרשפּרייטענדע!
פלאַטערנדע, שוועבענדיג,
סודות׳דיג באַלעבענדיג,
צווייגלאַך באַפליגעלטע,
קנאָספּ׳ן אויפגעזיגעלטע,
איילט אייך צום בליה׳ן!

פריהלינג זאָל שפּראָצען,
פול פורפור און גרין!
טראָגט אין גן-עדן,
דעם שלאָפ׳נדעם אהין.

מעפיסטאָפעלעס.

(צו די שטנ׳ם).

וואָס ציטערט און צוקט איהר? איז דאָס גיהנם׳יש?
שטעהט נאָר פעסט און לאָזט זיי צוזעען!
אויף זיין פלאַץ איעדער נאָר!
זיי דענקען אפשר מיט אזעלכע בלימלעך,
די הייסע טייוואָלים צו פאַרשנייען?
דאָס שמעלצט, צוגעהט פון אייער הויך.

נו, יעצט בלאָזט איהר בלאָזערס! — גענוג, גענוג!
פון אייער אָטהעם בלייבט די גאַנצע מחנה. —
נישט אזוי געוואַלדיג! שליעסט דאָס מויל און נעזער!
אין אמת׳ן, איהר האָט צו שטאַרק געבלאָזען;
נאָך וויסט איהר נישט די ריכטיגע מאָס!
דאָס ציהט זיך נישט צענויף נאָר, עס ברוינט, ׳ס פאַרדאַרט,
עס ברענט!
שוין שוועבט עס אהער מיט גיפטיג-ריינע פלאַמען;
שטעלט אייך זיי אַנטקעגען, פרעסט אייך שטאַרק צוזאַמען!
די קראַפט געהט אוים! עס איז אוועק דער מוט!
די טייוואָלים שמעקען פרעמדען שמייכעל-פייער.

מלאכים.

בליטהען פון זעליגקייט,
פלאַמען פון פרעהליכקייט,
ליעבע פאַרברייטען זיי,
לוסט אויך באַרייטען זיי,
דעם האַרצענס פאַרמאָג.
ווערטער פול וואָהרהייט,

יעטהער פון קלאַהרהייט,
ד׳ עב׳גע צבאות
פאַרשפּרייטען דעם טאָג!

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

אַ, פלוך און בושה אויף אַזעלכע נאַרען!
טייוואָלים שטעהען אויף די קעפּ,
די פעטע דרעהען זיך ווי רעדער,
און שנעל גאַר יאָגען אין גיהנם.
זאָל וואויל באקומען אייך, דאָס פאַרדינטע הייסע באַד!
איך אָבער בלייב דאָ אויף מיין שטעל.

(ארומשלאַגענדיג זיך מיט די שוועבענדיגע רויזען).
אוועקט אירליכטער! דו! לייכט נישט אַזוי שטאַרק,
ווען ׳ך כאַפּ דיך בלייבסט דו בלויז אַן עקלער שמוץ.
וואָס פלאַטערסט דו? נו, נעם דיר שוין דעם וועג! —
ווי פעך און שוועפעל קלעפט עס אויף מיין נאַקען.

מ ל א כ י ם.

(כאָר).

וואָס נישט צו אייך געהערט,
מוזט איהר אויסמיידען,
וואָס אייך אינערליך שטערט,
דאַרפט איהר נישט ליידען.
דרינגט מיט געוואַלד עס איין,
מוזען מיר קרעפטיג זיין;
ליעבע נאָר ליעבענדע
פיהרט נאָר אַריין.

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס.

ווי מיר דער קאָפּ, דאָס הארץ, די לעבער ברענט!
אַן איבער־טייפלישׁ עלעמענט!
איך שאַרפער ווי גיהנם־פייער!
ווערפאר יאָמערט אַזוי שטאַרק איהר.

אונגליקליכע פארליעבטע! וואס, פארלאזטע,
קוקען דער פארליעבטער נאך מיט פארדרעהטען האלז.

מיר אויך! וואס ציהט מיין קאפ צו יענער זייט?
איך בין דאך מיט זיי אין געשוואוירענעם קריעג!
זיי'ר אנבליק איז מיר דאך געוועזן פול שנאה.
האט עטוואס פרעמדעס מיך דורך און דורכגעדרונגען?
איך וויל זיי גערן זעהן די ליעבליך שעהנע יונגען;
וואס האלט מיך אב, איך זאל נישט שעלטען?
און ווען איך לאז פארנארען מיך,
ווער וועט, פון יעצט און ווייטער, זיין דער נאר?
די וואונדער־אינגלעך, וואס איך האס אזוי,
קומען מיר גאר זעלטען ליעבליך פאר.

זאגט מיר, 'ך בעט אייך, שעהנע קינדער:
זענט איהר אויך נישט פון לוציפער'ס געשלעכט?
איהר זענט ווירקליך אזוי שעהן, 'ך וואלט אייך וועלען קושען,
מיר דאכט, איהר זענט מיר גאר ווילקאמען,
איך פיהל מיך אזוי גוט, אזוי נאטירליך,
ווי איך וואלט אייך טויזענד מאל געזעהן שוין;
מיר ווערט אזוי ווארעם און באגעהרליך;
מיט יעדען בליק ווערט איהר אלץ שעהנער, ליעבער.
א, דערנעהנט אייך, א, שענקט מיר בלויז א בליק!

מלאכים.

מיר קומען שוין, ווארום וויכסט דו צוריק?
מיר נעהנטערן זיך, און אויב דו קענסט דאן בלייב!

(די מלאכים, קומענדיג, פארנעמען דעם גאנצען פלאץ).

מעפיסטאפעלעס.

(וועלכער ווערט אין דער פאדער־ביהנע געדרענגט).

איהר רופט אונז פארדאמטע גייסטער,
און איהר זענט אמת'ע מכשפים;
ווייל איהר פארפיהרט דעם מאן, דאס ווייב. —

וואס פאר א פארפלוכטער צופאל!
איז דאס דאס ליעבעס-עלעמענט?
דער גאנצער קערפער שטעהט אין פייער;
איך פיהל קוים, אז מיין נאקען ברענט. —
איהר שוועבט אהין און אהער; לאזט אייך ארונטער!
אביסעל וועלטליכער באוועגט די שעהנע גלידער!
אמת, דער ערנסט פאסט אייך זעהר שעהן!
דאך וואלט געוואלט איך אייך כאטש איינמאל שמייכלען
זעהן;
דאס וואלט געוועו פאר מיר אן עביגע ענטציקונג:
איך מיין אזוי, ווי ווען פארליעבטע בליקען;
א קליינער צוג ביים מויל, און ׳ס איז געשעהן.
דיך לאנגער אינגלינג, קען איך אם בעסטעןליידען,
די גלח-מינע, וויל דיר גאר נישט פאסען,
נו, קוק מיך דאך אביסעל ליסטיג אן!
אויך וואלט געקענט איהר אנשטענדיג-נאק׳טער געהן,
דאס לאנגע פאלדען-העמד איז איבערזיטליך. —
זיי דרעהען זיך אום פון הינטען אנצוקוקען
איז די באנדע מיר גאנץ אפעטיטליך. (227)

כ א ר פ ו ן מ ל א כ י ם.

ווענדט צו דער קלאהרהייט
אייך ליעבענדע פלאמען!
די וואס זיך פארדאמען,
הייל׳ן זאל די וואהרהייט;
אום פון דעם בייזען,
פריי זיך אויסלייזען,
אום אין דעם ג ר ו י ס-פאראיין
גליקליך צו זיין.

מ ע פ י ס ט א פ ע ל ע ס.

(פאסענדיג זיך).

וואס איז מיר? — אזוי ווי איוב, פול מיט ביילען

איז דער קערפּער פּול, אַז פאַר מיר אליין מיך גרוילט;
דאָך טריאומפיר איך, ווען איך האָב מיך דורכגעקוקט.
ווען איך האָב פאַרטרויען צו די מייניגע,
געראַטעוועט זענען די עדלע טייפעלם-טהיילען!
דער ליעבעס-כּשוף וואַרפט זיך אויף דער הויט.
אויסגעברענט שוין זענען די פּאַסקודנע פלאַמען.
און, ווי עס זיך פּאַסט דאָ, פאַרשעלט'ך אייך אַלע 'ן איינעם!

כ אָ ר פ ו ן מ ל א כ י ם.

הייליגע גלוטען!
וועמ'ן ז' אַרומשוועבען,
פיהלט זיך אין לעבען
גליקליך מיט גוטען.
און יעצט, פאַראייניגט,
לויבט אַלע דרייסט!
ד' לופט איז גערייניגט,
זאָל אַטה'מען דער גייסט.

(זיי דערהויבען זיך, אוועקטראָגענדיג פ א ו ס ט 'ס אונשטערבליכע).

מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל ע ס

(ארומקוקענדיג זיך).

וואָס? — וואו זענען זיי אַוועקגעגאַנגען?
מינדעריעהריג פאָלק, דו האָסט מיך איבעראַשט!
זיי זענען מיט דעם רויב צום הימעל געפלויגען;
דערפאַר זענ'ן זיי געשטאַנען ביי דעם קבר דאָ!
דעם גרעסטען אוצר האָט מען מיר אַוועקגערויבט;
די הויכע נשמה, וואָס האָט זיך מיר פאַר'משכנ'ט,
כיטרע האָבען זיי ביי מיר אַוועקגעכאַפּט.
פאַר וועמען זאָל איך מיך באַקלאָגען?
ווער גיט מיר מיין פאַרדינטען רעכט?
ביזט אָבגענאַרט אויף דיינע עלט'רע יאָהרען,

דו האָסט 'ם פאַרדינט, עס געהט דיר שרעקליך שלעכט.
שרעקליך מיאוס האָב געהאַנדעלט איך,
אַ גרויסער אוצר שענדליך איז פאַרטהון;
געמיינע לוסט, נאַרישע ליעבע האָט
פאַרפיהרט דעם אלט-ערפאַר'נעם טייפעל. (278)
און האָט זיך מיט דעם קינדער-שפּיעל
דער קלוג-ערפאַרענער באַשעפטיגט,
דאַן איז, אין אמת'ן, די נאַרישקייט א גרויסע,
וואָס האָט צום שלום מיט מאַכט ארומגענומען איהם.

VII.

בערג-שלוכטען, פעלד, ווּיסטעניש. (279)

הייליגע נזירים

(בארג־ארויף צעטהיילט, אויסגעשטעלט צווישען די שלוכטען).

כאָר און ווידער־קול.

'ם וואלד באַוועגט זיך הין און הער,
פעלזען שטאַרק לאַסטען שוועהר,
וואורצלען זיך קלאַמערן זעהר
אויף ד' שטאַמען מעהר און מעהר.
כוואַליע נאָך כוואַליע שפּריצט,
די העהל, די טיעפסטע, שיצט;
לייבען דאָ געהען שטום-
פריינדליך ביי אונז אַרום,
ז' עהרען 'ם געווייהטע פּלאַץ,
הייליגער ליעבע-שאַץ.

פאטער עקסטאטיקוס

(שוועבט ארויף און אראב). (280)

עב׳גער ענטציקונגס-בראנד,
גליהענדער ליעבעס-באנד,
זידענדער שמערץ פון ברוסט,
שוימענדע גאטעס-לוסט.
פיילען, דורכגעדרינגט איהר מיך,
שפיזען, באזיגט איהר מיך,
קנוטען, צעשמעטערט מיך,
בליצען, צעלעכערט מיך;
דאס ערדישע זאל דארבען,
דאס נישטיגע זאל שטארבען,
׳ס זאל שיינען דער גלאנץ-שטערן,
דער עביגער ליעבעס-קערן.

פאטער פראפונדוס

(טיעפע רעגיאן).

ווי פעלזען-אבגרונד מיר צו פיסען
אויף טיעפער טיעפקייט קרעפטיג רוהט,
ווי טויזענד שטראמען, שטראהל׳נדיג פליסען
צום שרעקענס-שטורץ פון שוים פון פלוט;
ווי גלייך מיט אייגענעם מעכטיגען טריעב,
דער שטאם שטארק אין דער לופט זיך רעגט:
אזוי איז די אלמעכטיגע ליעבע,
וואס אלץ באשאפט און אלץ באוועגט.

ארום מיר הערשט א ווילדער ברויזען,
עס רוישט דאס וואלד און פעלזען-גרונד!
דאך פאלט פול ליעבליכקייט אין רוישען
דער וואסער-שטראם אראב צום גרונד,
דעם טהאל גערופען צו באוואסערן;

דער בליץ וואָס פלאמט אראָב מיט לוסט
די לופט צו רייניגען, וואָס האָט
גיפט געטראָגען אין דער ברוסט:
זענ'ן ליעבעס-הערעלדס אַנצוזאָגען,
וואָס שאַכענדיג אַרום אונז וואַלט.

מיין אינערליכס מעג אויך פאַרברענען,
וואָס עס דער גייסט, צעמישט און קאַלט,
זיך קוועהלט אין נאַריש טיעפען זינען,
אין שטאַרק-פאַרשלאָס'נעם קעטען-שמאַרץ,
אָ, גאָט, באַרוהיג די געדאַנקען,
באַלייכט מיין נויטבאדאַרפטיג האַרץ!

פ א ט ע ר ס ע ר א פ י ק ו ס

(מיטלערע רעגיאָן).

וואָס פאַר מאָרגען-וואָלקען שוועבט דאָרט,
דורך די טאַנענבוימער שעהן!
וויים איך וואָס אינערליך עס לעבט דאָרט?
ס' א גייסטער-מחנה יונג און ריין.

כ אָ ר פ ו ן ד י ה י י ל י ג ע א י נ ג ל ע ך. (281)

זאָג אונז, פאָטער, וואו מיר וואַנדערן,
זאָג, ווער זענ'ן מיר? נעם פאַר ליעב.
גליקליך זענ'ן מיר אַלע, אַל'מען
איז דאָס דאָ-זיין אַזוי ליעב.

פ אָ ט ע ר ס ע ר א פ י ק ו ס.

אינגלעך, מיטערנאַכט-געבויר'נע,
האַלב פאַרשלאָסען גייסט און זין,
פאַר די עלטערן גליך פאַרלויר'נע,
פאַר מלאכים אַ געווין.

אַז דאָ אַ ליעבענדער איז דאַ
פיהלט איהר גוט; דערנעהנט אייך נאַר!
דאָך פון גראָבע ערדען-וועגען,
גליקליכע! נישט ווייסט איהר גאַר.
שטייגט אראָב אין מיינע אויגען,
וואָס צום זעהן מען ווענדעט אָן!
איהר קענט אַלס איי׳רע זיי געברויכען,
קוקט אייך גוט די געגענד אָן.

(ער נעמט זיי אריין אין זיך).

דאָס זענ׳ן בוימער, דאָס זענ׳ן פעלזען,
און דער שטראָם אראָבגעשטירצט,
האָט מיט אונגעהיי׳רען יאָגען
זיך דעם וועג אראָפּ פאַרקירצט.

הייליגע אינגלעך
(פון אינוועניג).

מעכטיג איז דאָס אַנצוקוקען,
דאָך צו טרויריג ׳ס אָרט צו זעהן;
מיר ציטערן פול גרויל און שרעקען,
עדלער, גוטער, לאָז אונז געהן.

פאַטער סעראַפיקוס.

שטייג ארויף צו העכ׳רע ספערען,
וואַקסט נישט געזעהן, אָהן מורא;
לויט נאָך עביג ריינעם מנהג,
שטאַרקט די געגענוואַרט פון בורא!
דאָס איז די נשמות-נאַהרונג,
וואָס הערשט אין ריינסטער הייליגקייט:
ליעבעס עביגע אנטפּלעקונג,
וואָס, מילד, פיהרט צו גליקזעליגקייט.

כאָר פון הייליגע אינגלעך

(ארומקרייזענדיג די העכסטע באַרג־שפּיצען).

הענד מאַכט אַ רינג יעצט,
פרעהליך צום דרעה־זיך שפּיעל,
דרעהט אייך און זינגט יעצט
מיט הייליגען געפיהל.
איהר געטליך געלעהרט׳,
טרויט רוהיג, שעהן;
וועמען איהר פאַרעהרט,
דעם וועט איהר זעהן.

מלאכים

(שוועבענדיג אין העכערע ספערען, טראַגענדיג פאַוסט׳ס אונשטערבליכען טהייל).

געראַטעט איז דאָס עדלע גליד
פון דער גייסטער־וועלט פון בייזען:
ווער שטענדיג שטרעב׳נדיג זיך באמיהט,
דעם קענען מיר ערלעזען. (282)
און האָט אין איהם די ליעבע גאָר
פון אויבען טהייל גענומען,
באַגעגענט איהם דער הייל׳גער כאָר,
מיט הארציגען ווילקומען.

די אינגערע מלאכים.

זיי, יענע רויזען פון די הענד
פון די הייליגע בעל־תשובה׳ניצעס,
געהאָלפען האָב׳ן דעם זיעג געווינען,
דאָס ווערק צו ברענגען צו אַן ענד.
דאָס זעעלען־שאַץ האָב׳ן מיר געוואונען;
שדים זענ׳ן אנטלאָפען, צערונען,

זיי זענ׳ן געפלויגען, ווען געטראָפען;
שטאָט געוואוינט׳ גיהנם-שטראָפען,
געפיהלט האָב׳ן ליעבעס-פיין די גייסטער;
אויך דער אַלטער טייפעלמייסטער,
געוועזן פון פיין איז דורכגעדרונגען,
יעצט שרייט אויף! עס איז געלונגען!

די פאָלקאָמענערע מלאכים.

אונז בלייבט אן ערדיש-רעסט,
פיינליך צו טראָגען,
וואָלט געוועזן ער פון אסבעסט,
ער איז נישט ריינליך.
ווען שטאַרקע גייסטערקראַפט,
די עלעמענטען,
אין זיך צוזאַמעננעמט,
קיין מלאך קען צעטהיילען,
ד׳ פאַראייניגטע צוויי
פון ד׳ אינערליךביידע:
די עביגע ליעבע נאָר
קען זיי צעשיידען. (283)

די אינג׳ערע מלאכים.

נעבעלדיג, פעלזענהויך,
פיהל איך יעצט עבען,
רעגענדיג אין דער נאָהנט,
נשמה-לעבען.
די וואָלקען ווערן קלאָהר;
׳ך זעה שוין די מחנה פון
אינגלעך זעליגע,
פריי פון דער ערד׳ס דרוק
אין קרייז געשטעלט.

זיך פרעה'ן די הייליגע,
פון נייעם פריהלינג-שמוק,
פון ד'ר אויבערשטער וועלט.
זאָל ער פון אָנהייב זיין, —
שטייגענדער אָנהויב פיין, —
נעבען זיי געשטעלט.

די הייליגע איינגלעך.

מיט פרייד עמפפאַנגען מיר,
דעם דאָ אין פופענשטאַנד ; (284)
אַזוי דערלאַנגען מיר
צ' א מלאך'שען פאַנד.
מאַכט יעצט די באַנדען לויז,
וואָס איהם ארומגעבען !
שוין איז ער שעהן און גרויס,
פון הייליגען לעבען.

דאָקטאָר מאַריאַנוס

(אין דעם העכסטען, ריינסטען געצעלט). (285)

דאָ איז די אויסזיכט פריי,
דער גייסט דערהויבען ;
דאָרט ציה'ן פרוי'ן פאַרביי,
שוועבענדיג אויבען :
די הערליכע 'ן מיטען, אין
לייכטענדעם שטערן-קראַנץ, —
די הימלישע קעניגין,
איך זעה עס אין גלאַנץ.

(ענטציקט).

העכסטע הערש'רין פון דער וועלט !
לאַז מיך אין דעם בלויען

אויסגעשפרייטען הימעלצעלט,
דיין סוד זעהן מיט פארטרויען!
ערלויב, אָ, וואָס פון מאַן די ברוסט,
צאַרט און ערנסט פלאַגט זיך,
און מיט הייליגער ליעבעסלוסט,
דיר אַנטקעגען טראָגט זיך!
פריי און שטאַרק איז אונזער מוט,
ווען דו נאָר באַפעהלסט אונז;
פלוצים מילדערט זיך די גלוט,
ווען דו נאָר דערפרעהסט אונז.
יונגפרוי, ריין אין שענסטען זין,
מאַמע, הימליש-ריינליך,
אונז'ר ערוועהלטע קעניגין,
געטער ביזט דו עהנליך.
אַרום איהר שוועבען
וואָלקענדלעך קליינע,
בעל-תשובה'ניצעס זענ'ן עס,
צאַרטע און שעהנע,
ארום איהרע קניע,
און אָטהמענדיג דופט,
דאַרפען גנאָד ווי לופט.

אָ, דו אונבאַריהרבאַרע,
זאַנפט האָסט דו פאַרנומען,
אַז די לייכט פאַרפיהרבאַרע,
פול טרוי'ן צו דיר קומען.
פון דער שוואַכקייט שטאַרק פאַרשקלאַפט,
איז זיי שוועהר צו רעטען;
ווער צעררייסט מיט אייג'נער קראַפט,
פון די לוסט די קעטען?
ווי גליטשט אויס זיך שנעל דער פוס,
אויף שיעף-גלאַטען באָדען!

ווען׳ן פֿאַרנאַרט נישט בליק און גרוס?
און שמייכעלהאַפֿטער אָטהעם?

מאַטער גלאָריאָזאַ.

(שוועבט ווייטער).

כאָר פֿון בעל-תשובה׳ניצעס (286)

דו שוועבסט צו דער הויכקייט
פֿון עביגע רייכען,
פֿאַרנעם דאָס בעטען
דו גאָר אָהן גלייכען!
דו גנאָדענרייכע!

מאַגנאַ פּעקקאַטריקס.

ביי דער ליעבע, וואָס צו פֿיסען
פֿון דיין זוהן, דעם יונגען גאָט,
באַלזאַם-טרערן געלאָזט האָט פֿליעסען,
להכעיס דער פּרושים׳ס שפּאָט;
ביים קריגעל, וואָס האָט אַזוי רייך,
שעהנעם גרוך געטריפֿט אַנידער;
ביי די לאָקען, וואָס האָבען ווייך,
געטרוקענט די הייליגע גלידער. —

מוליער סאַמאַריטאַנאַ.

ביי דעם קוואַל, וואָס נאָך דער אַלטער
אברהם די שאָף געפֿיהרט האָט;
ביי דעם עמער וואָס אַ קאַלטער
דעם רעטער׳ס ליפּען באַריהרט האָט;
ביי דעם רייגעס, רייכען ברונען
וואָס אַצינד זיך דאָרט פֿאַרגיעסט,

איבערפֿליסיג, עביג ריינער,
אַרום דורך אַלע וועלטען פֿליעסט —

מאַריאַ עגיפּטיקאַ.

ביי דעם הייליג שטילען קבר,
וואו מ׳ האָט דעם האַר פֿאַרדעקט דעם בליק;
ביי דער האנד, וואָס פֿאַר דעם טהויר,
האָט געשטויסען מיך צוריק;
ביי דער פֿערציג-יעהריגער חרטה,
וואָס ׳ך בין אין מדבר טריי געבליבען;
ביים גליקזעליגען שיידונגס-בריעף,
וואָס ׳ך האָב אין זאמד געשריבען —

אַלע דריי.

דו, וואָס לאָזט גרויסע זינדערינס
צו דיין נאָהענטקייט דערהייכען,
און א חרטה פֿול געווינס,
אין דער עביגקייט דערגרייכען;
שענק אצינד אויך ד ע ר נשמה,
וואָס האָט פֿאַרגעסען זיך איינמאָל, —
נישט געוואוסט האָט אַז זי זינדיגט, —
אַ, זיי איהר מוחל פֿאַר דעם מאָל!

אונאַ פּאָניטענציום (287

(אמאָל גרעטכען גערופֿען. טוליענדיג זיך).

אַ, נייג, אַ, נייג
דו אָהן א גלייכען,
דו שטראַהלענרייכע,
דיין פּנים גנעדיג צו מיין גליק!
מיין פֿיעלגעליעבטער,

מעהר קיין באַטריעבטער,
יעצט קומט צוריק.

היילינגע אינגלעך.

ער איבערוואקסט אונז שוין,
מיט מעכטיגע גליעדער;
'ר וועט דעם געטרייען לוין
פריה אונז דערווייטערט מ' האָט
פון לעבען, פון װערן;
דאָך ער געלערנט האָט,
ער וועט אונז באלעהרען.

די בעל-תשובה'ניצע

(אמאָל גרעטכען גערופען).

פון עדלען גייסטער-כאָר אומגעבען,
דערפיהלט ער קוים דעם נייעם הײנט,
ער פיהלט אויך קוים דאָס פרישע לעבען;
ווי די צבאות גלאַנצט ער, שיינט.
זעה, עס פאלט א יעדעם ערדיש-באַנד
פון אַלטען לעבען, 'ס פאלט אָהן האפט, —
און, פון לופטיג-ריינעם קלאָהר געוואנד,
ערשיינט די ערשטע יוגענדקראַפט!
ערלויב מיר אויך איהם צו באלעהרען!
דער נייער טאָג פאַרבלענדט איהם נאָך.

מאַטער גלאָריאָזא.

קום! דערהייב דיך צו העכ'רע ספערען!
ווען ער דערפיהלט דיך, קומט ער נאָך.

דאָקטאָר מאַריאַנוס

(מיט דעם פּנים צו דער ערד, אנבעטענדיג).
בליקט אַרויף צום רעטונגסבליק,
בעלי־תשובות מיט פאַרטרויען,
אייך צום שיקזאל פול מיט גליק,
דאנקבאַר אומצובויען.
זיין זאָל יעדער בעס'רער זין,
פאַר דיין דיענסט אויף עביג;
יונגפרוי, מאַמע, קעניגין,
געטין, בלייב אונז גנעדיג!

קאָרוס מיסטיקוס.

אלץ וואָס פארגענגליך איז,
אַ משל איז נאָר;
דאָס וואָסט אונמעגליך איז,
ווערט דאָ אויף וואָהר;
דאָס אונבאשרייבליכע,
טהוט מען דאָ אויף;
דאָס עביג ווייבליכע
ציהט אונז אַרויף.

ע נ ד ע.

באמערקונגען צו פאוסט.

1. ליעבליכע געגענד.

די סצענע איז ווי א מין פראלאג צו דעם צווייטען טייל. אז אונבעשטימטע צייט פארגעהט זייט דעם אומגליק מיט מארגארעטען, און אז פאוסט האט דערפון שרעקליך געליטען וועט דער לעזער פארשטעהן פון אריאל'ס באפעהלען צו די עלפען.

געטהע, אז ער פלעגט אמאל געפלאגט זיין פון צרות, זענען זיינע איינציגע היילמיטעל געווען צייט און נאטור. ער פלעגט זיך צוריקציהען פון געזעלשאפט און זיך איבערגעבען דעם איינפלוס פון דער נאטור, ביז ער פלעגט „געזונד" ווערן. דאס זעלבע לאזט ער אויך פאוסט'ען טהון.

א ר י א ל איז דא דער הערשער פון די עלפען (חלום-טהייל), ווייל אריאל, זייענדיג די פאעזיע, פאסט זיך יעצט מעהר גייסטער) אנשטאט א ב ע ר א ן („אינטערמעצא", ערשטער פאר פאוסט'ס יעצטיגען צושטאנד.

2. פיער זענען די פויזען פון דער נאכט.

די ערשטע פויזע, דאס אנקומען פון דער נאכט, פון 6 ביז 9; די צווייטע, די טיעפקייט פון דער נאכט, פון 9 ביז 12; די דריטע, דאס אנקומען פון מארגען, פון 12 ביז 3; און די פערטע, דאס אנקומען פון דער זון, פון 3 ביז 6 אין דער פריה.

אין דער גמרה ב ר כ ו ת דף 2 און 3 דיספוטירען צוויי תנאים צו איז די נאכט איינגעטהיילט אין דריי פויזען אדער פיער: „ארבע משמרות הוי הלילה" און „שלש משמרות הוי הלילה".

3. דאן באדט איהם אין דעם טהוי פון לעטהע'ס שטראם.

ל ע ט ה ע איז איינער פון די גהינום שטראמען, וועמענס

נאמען בעדייטעט פ א ר ג ע ס ע נ ק י י ט. די גייסטער פלעגען טרינקען זיין וואסער צו פארגעסען די פארגאנגענהייט. (מיטהאלאגי.)

4. גיט איהם צוריק דעם הייליגען ליכט.

אזוי ווי פאוסט „בלאנדזשעט אין דער פינסטערניש“, זאלען איהם די עלפען מאכען פארגעסען אין אלץ וואס איז געווען, און איהם ברענגען צו דעם הייליגען ליכט פון קלאהרען פערשטאנד און ריינער טהעטיגקייט.

5. כאר.

די פיער סטראפען וואס דער כאר זינגט, שילדערן די פיער פויזען. די ערשטע באשרייבט דעם בין השמשות; די צווייטע, די שטילקייט פון דער נאכט; די דריטע, דאס אנקומען פון פריה־מארגען; און די פערטע, דאס אנקומען פון דער זון. דאס זינגען פון מעהרערע און איי־צעלנע עלפען איז בלויז א סצענע־עפעקט.

6. אן אונגעהייער געטומעל זאגט אן דאס דערנעהנטערן זיך פון דער זון.

זעה ערקלעהרונג 5 פון ערשטען טהייל.

7. פאוסט.

איך וויל דא בלויז ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דעם לעזער, ער זאל ניט ווערן ב ל ו י ז הינגעריסען פון דער פאעטישער קראפט פון דעם מאנאלאג, נאר ער זאל זיך גוט אריינטראכטען אין דער פילאזאפי (פאוסט׳ס איבערגאנג), וואס ווערט דא געשילדערט.

8. צו באהאלטען זיך אין יוגענדליכסטען שלייער.

פאוסט פיהלט יעצט דאס זעלבע וואס ער האט געפיהלט ווען דער ערד־גייסט איז צו איהם ערשיענען: די ערשיינונג פון דעם

לייכטענדעם א מ ת. דעמאָלט איז ער אָבער געווען א ל ט. און די שרעקליכע גרויסקייט פון אמת, נישט געקענט פאַרטראָגן. יעצט אָבער, זייענדיג איינגעהילט אין דעם „שלייער“ פון י ו ג ע נ ד, קען ער דעם אמת אריבערטראָגן ניט פרעגענדיג קיין קשיות, ווי די יוגענד געוועהנליך טהוט.

אין דער לעצטער שורה פון דעם מאָנאָלאָג:

„אין פאַרביגען אָבגלאַנץ האָבען מיר דאָס לעבען“

מיינט געטהע, ווי ער האָט זיך אַמאָל אַליין אויסגעדריקט, פאָל־גענדעס: דער וואַסערפאַל איז אַ סימבאָל פון דעם מענשען׳ס שטרעבונגען, — פול האַסטיגקייט, אָהן אַן ענדע, צערשטערענדיג דאָך אַ בעגייסטערענדע שאַפענדע קראַפט; און דער רעגענבויגען איז דער שטאַרקער ליכטיגער ווייסער שטראַהל פון אמת וואָס שפּיגעלט זיך אָב אין איהם און הענגט איבער דער באַוועגליכקייט פון לעבען.

9. קייזערליך שלאָס.

מיט דער סצענע פאַנגט אַן די גרויסע דראַמאַ פון פאַוסט׳ס טהעטיגקייט אין דעם מ אַ ק ר אָ ק אָ ס מ ו ס, די „גרויסע וועלט“. פאַוסט וועט פון יעצט אַן און ווייטער ערשיינען אַלס אַ געלייטערטער דורך זיינע ערפאַהרונגען פון מענשליכער ליעבע, לוסט און ליידען. יעצט וועלען מיר אין זיינע טהאַטען איהם מוזען נאָכפאָלגען נישט מיט אונזערע געפיהלען, נאָר מיט אונזער אינ־טעלעקט, מיט דעם פאַרשטאַנד.

„אין דעם קייזער“, האָט געטהע אַמאָל געזאָגט צו עקערמאַן, „האָב איך געמיינט צו פאַרקערפערן אַ פּרינץ וועלכער האָט אַלע מעגליכקייטען צו פאַרלירען זיין טהראָן מיט דעם לאַנד אינאיינעם, ווי עס טאַקע שפּעטער געשעהט. דער צושטאַנד פון דעם קעניגרייך און זיינע אונטערטהאַנען אינטערעסירען איהם נישט; ער האָט נאָר אין זינען זיך, ווי אַזוי צו פאַרטרייבען די צייט, יעדען טאָג מיט עטוואָס נייעס. אין לאַנד הערשט אַן איבערקעהרעניש, קיין גע־

זעץ ווערט נישט געפאַלגט, די ריכטער אליין זענען יד אחת מיט די פאַרברעכער. די סאָלדאַטען, וועלכע זענען נישט באַצאַהלט, געהען ארום ראַבעווען, צו האַבען פון וואָס צו לעבען. די קייזערליכע קאַסע איז לעדיג און אַהן האָפנונג ארייַנצוקריגען געלד. מיט איין וואָרט עס איז גרויסע צרות. די מיניסטאָרען פּרובירען צו ערקלעהרען דעם הערשער די אַלע צרות, אום מיט איהם זיך צו באַראַטען ווי אַזוי די אַלע צרות צו באַזייטיגען. אַבער דעם הערשער געפעלען ניט די אַלע טענות און ער וואָלט בעסער געוואָלט מען זאָל איהם „אַמוזירען“. דאַ, אַלזאָ, איז דאָס ריכטיגע פּלאַץ פאַר מעפיסטאָ'ן, וועלכער האָט שנעל באַזייטיגט דעם פריהערדיגען הויף־נאַר, און שטעהט אַלס נייער הויף־נאַר און בעל־יועץ, ביי דעם קייזער'ס זייט.

10. וואָס איז פאַרשאָלטען, דאָך ווילקאָמען?

מאַנכע דענקען אַז דאָס מאַכט מעפיסטאָ אַן אָנשפּיעלונג אויף זיך אַליין. אַנדערע ווידער, אַז דאָ איז געמיינט „גערעכטיגקייט“

11. געמורמעל פון דער מאַסע.

די „מאַסע“, וועלכע שטעהט דאָ אַלס צושויער, דערמאָנט אין די „כאָרען“ פון גריכישע טראַגעדיען. דער לעזער וועט פאַרשטעהן אַז דאָס זענען די „געוועהנליכע“ מענשען, וועלכע מאַכען באַמערקונגען אויף אַלץ וואָס געהט פאָר אין די „הויכע פענסטער“.

12. צו וואָס מיט עצות זיך צו קוועהלען?

דער זאַץ דריקט אָס שטאַרקסטען אוים דעם כאַראַקטער פון דעם הערשער, וועלכער וויל נישט אויסהערען די באַריכטען פון די הויכע בעאַמטע, און הערט זיי אוים מיט ווידערווילען ווייל ער זעהט „אַז עס קען נישט אַנדערש זיין“.

13. די גהיבעלינען און די גועלפען.

די ג ה י ב ע ל י נ ע ן און ג ו ע ל פ ע ן זענען געווען צוויי שטאַרקע קעמפּפענדע פּאַרטייען אין מיטעלאַלטער. די ערשטע

האבען געהאלטען מיט דעם דייטשען קייזער און די צווייטע מיט דעם פאבסט.* אין זייער קאמפף, ווער עס זאל הערשען, דער קייזער אדער דער פאבסט, האבען זיי גרויסע צרות און נאך גרעסערען שאדען אנגעמאכט.

14. רעהען, פאזאנען א. א. וו.

„רעהען" זענען אזעלכע הירשען, „פאזאנען" — אזעלכע זעלטענע טהייערע עופות.

15. נאטור און גייסט 'זוי רעדט מען נישט צו קריסטען.

„נאטור" און „גייסט" (שכל) איז פאר דעם קאנצלער, וועלכער איז צו דערזעלבער צייט א בישאף, א פארשטעהער פון דער קירכע, שרעקליכע ווערטער. די ווערטער טרעפען איהם ווי מיט א שטיק אייזען איבערן קאפ! ווארום טאקע איז דער אמת'ן, ווי קומט צו דער קירכע נאטור און גייסט, וואס דאס מיינט פארשטעהן און וועלען פארשטעהן, אין צייט וואס די קירכע הייסט בלויז גלויבען? און ווייל אזעלכע ווערטער קענען אויפקלעהרען דאס פאלק, און עס קען אנהויבען פרעגען קשיות און רעבעליערען; דערפאר הענגט די קירכע אויף אזעלכע אטהעאיסטען, וועלכע האבען די העזה צו רעדען פון „נאטור" און „גייסט". און נאטירליך, די איינציגע וועלכע האלטען אויף דעם טהרוין. און נעהמען דערפאר די בעסטע חלקים, זענען די הייליגע און די ריטער.

16. אלע קרייזען פון די שטונדען־הייזער קען ער גאנץ גענוי.

די אסטראלאגען, אום צו „לעזען פון די שטערן" דעם מענשען'ס צוקונפט, האבען דעם הימעל איינגעטהיילט אין צוועלף טהיילען וועלכע זיי האבען גערופען „הייזער" און זענען אונז בעקאנט אלס די „צוועלף מזלות".

אום פאראויסצוזאגען דאס מזל פון א מענש דארף מען צוערשט וויסען די שטונדע אין וועלכער דער באטרעפענדער מענש איז

געבוירען געוואָרען און וועלכער שטערן עס האָט זיך גראָד אין דער געוויסער שטונדע געפונען אין איינעם פון די „הייזער“.

17. די זון אַליין זי איז פון רייגעם גאָלד.

דער מאַנאַלאָג, סופליערט פון מעפיסטאָפעלעס, טראָגט ערש־טענס דעם כאַראַקטער פון אַ מעפיסטאָפעלישער סאַטירע, צווייטענס אַ ריין אַסטראָלאָגישען כאַראַקטער. די ז ו ן איז גאָלד און ל ו נ א (די לבנה) איז זילבער; מ ע ר ק ו ר איז קוועקזילבער, וו ע נ ו ס — קופּער, מ אַ ר ס — אייזען, י ו פּ י ט ע ר — בלעך, און ס אַ ט י ר ן — בליי. דאָס זענען אויך די נעמען פון די פינף גרעסטע שטערן.

18 קאַלענדעריי — כעמיסטעריי.

דער עולם מיינט אַז דאָ רעדט מען פון אַ גלח (קאַלענדעריי) ווייל מען רעדט פון זון, לבנה א. א. וו. אָדער פון כעמי, ווייל מען רעדט פון מישען מעטאַלען, און זיי האַלטען דאָס פאַר נאַרעריי.

19. דער אַנד'רער פון דעם שוואַרצען הונד.

מעפיסטאָפעלעס, רעדענדיג פון וויסענשאַפטליכע פאַרשונגען (וואָס דאָס אַליין וועט ברענגען די מאַכט פון דער קירכע), זעהט אַז זיי, די צושויער, מיינען אַז ער רעדט דאָ פון כשוף און טייוואָלים.

20. און קען נישט מאַכען אַ זיכערען שריט.

מען פלעגט גלויבען אַז ווען מען שטעהט אויף אַ פּלאַץ און עס הייבט אָן קיצלען אין פיאַטע איז אַ סימן, אַז אויף דעם פּלאַץ געפינט זיך אַן אוצר.

21. דאָ ליגט דער פיעדלער, ליגט דער שאַץ.

אין דייטשלאַנד האָט מען געגלויבט (און אפשר איצט נאָך אויך), אַז אויף דעם פּלאַץ וואו אימיצער איז געהענדיג פּלוצים

געפאלען, ליגט באגראבען א פיעדלער (אדער, פיעדעל־שפיעלער), דא געברויכט געטהע דעם אבערגלויבען פאר טרעפען אוצרות.

22. סאלפעטער האט ער צו געפינען אין דער ליים־וואנד.

סאלפעטער איז א מין זאלץ וואס זעצט זיך אן אויף אלטע קעלער־ווענט. אמאל האט די רעגיערונג דערויף געהאט א מאנאפאל.

23. געפינט ער אויך אן אלטען טרונק.

ביי אויסגראבונגען פון אלטע פארשאטענע שטעדט, טרעפט מען מאנכעסמאל כלים מיט וויין פון יענע צייטען ווען די שטאדט איז פארשאטען געווארען.

24. דער וויינשטיין האט א פאס געמאכט דעם וויין.

אין מאנכע געגענדען גלויבט מען, אז א פאס וויין, וואס שטעהט הונדערטער יאהרען, קלייבט זיך ארום דעם וויין אזא מין שטיין, וואס ווערט אנגערופען „וויינשטיין", און ווערט אזוי שטארק אז ער קען אין זיך האלטען דעם וויין ווי אין א שטיינער'ן פאס, ווען דאס הילצער'ן פאס צעפאלט זיך פון פוילקייט. אזא וויין, גלויבט מען, זאל באזיצען א וואונדערבארע היילונגס־קראפט.

25. רייסען זיך פון דער ערד ארויס.

די „טשערעדע גאלדענע קעלבער" מיינט דא אוצרות.

26. אשער־מיטוואך.

„אשער־מיטוואך" איז דער ערשטער טאג פון די 40 פאסט־טעג פאר דעם קריסטליכען פסח.

27. דעם חכם וואלט געפעהלט דער שטיין.

דער חכם־שטיין, געוועהנליך בעקאנט אלס דער „פילאזאפי־שער שטיין", איז געזוכט געווארען פון די אלכעמיסטען (זעה ערש־

טער טהייל), וועלכע האבען געגלויבט אז מיט דעם דאזיגען שטיין וועלען זיי קענען פערוואנדלען יעדעס מעטאל אין גאלד.

28. גרויסער זאל א. א. וו. מאסקען-באל.

אז דער מאסקען-באל, אדער קארנאוואל, איז אן אלעגאריש בילד, אין וועלכען עס ווערט, אונטער פארשיעדענע מאסקעס, פאר־געשטעלט די מענשליכע געזעלשאפט, איז קיין צווייפעל נישט. דאס שוועהרע דא איז נאר אכטונג צו געבען, יעדע מאסקע, אויף וויפיעל עס איז, ריכטיג אויסצוטייטשען. דאס אינטערעסאנטע אין דער סצענע איז אויך דאס, וואס מיט איהר פאנגט זיך אייגענטליך אן דער ערשטער אריינגאנג אין דעם פאוסט-לאבירינט פון דער „גרויסער וועלט“.

הערא לד — איז אן אויסרופער וואס עס דארף פארקור־מען. אויך א שליח.

29. האט ער אונז דעם נאר'ס מיץ מיטגעבראכט.

„דעם נאר'ס מיץ“ מיינט דא לוסטיגקייט זיך נאריש מאכען. דאס איז געוועזן א מנהג אין דייטשלאנד, יעדעס מאל וואס א קעניג איז צוריקגעקומען פון רוים, נאכדעם ווי ער איז געקרוינט געווארען פון פאבסט.

30. גערטנערינס.

מיט די גערטנערינס ווערט פארגעשטעלט, דער לוסטיגער, דער זארגלאזער עלעמענט פון דער מענשליכער געזעלשאפט; יונגע, שעהנע, ליעבעסווירדיגע אונפערהייראטהע מיידלעך, וועלכע באזי־צען די קונסט וועלכע מען דענקט איז קיין קונסט נישט. דאס איז בלומען וואס בליהען א גאנץ יאהר. די גרופע איז איינע פון די ליעבליכסטע אין קארנאוואל.

31. אַליוועז־צווייג מיט פרוכט.

דער „אַליוועז־צווייג“ און די איבעריגע „קרענץ“ און „צווייגען“ ביז צו די „גערטנער“, דענקט איינער פון פאוסט קאָמענטאַטאָרס, (באַיארד טיילאָר, דער בעסטער ענגלישער „פאוסט“־איבערזעצער) זענען טיפען פון פרויען־כאַראַקטערע וועלכע ווילען דורך פאַרשיעדענע באַפּוצונגען צוציהען דעם מאַן.

שנעטגער (אַן אַנדער קאָמענטאַטאָר) דענקט אַבער אַז: לוסט און פאַרגעניגען בליהען אונטער דעם שוץ פון דעם אַליוועז־צווייג, וועלכער איז דער סימבאָל פון פריעדען. און נאָר אין פריעדען צייטען דער מענש הנאה האַבען פון אלעם גוטען, שעהנעם און ניצליכען.

נאָך אַלעמען האָט דאָ דער לעזער א פרייע האַנד און ער מעג זיך ערקלעהרען לויט זיין אייגענער אויפפאַסונג.

32. צערעס׳ס גאַבען אייך באַפּוצען.

צ ע ר ע ס, די געטין פון אגריקולטור. (גריכישע מיטהאָלאָגי.)

33. בונטע בלומען, מאַלווען עהנליך.

ב ו נ ט (בונטע פאַרבען), ליכטיגע פאַרבען. מ א ל ו ו ע, אזא שעהנע פלאַנצע.

34. וועט אויך טהעאָפראַסט נישט וועלען.

טהעאָפראַסט פון לעסבאָס, גריכישער נאַטורפאָרשער, וועלכער האָט אָנגעשריעבען אַ „נאַטור־געשיכטע פון פלאַנצונגען“. געבוירען 390 פאַר קריסטוס.

ה א ר ט ו נ ג (א „פאוסט“־קאָמענטאַטאָר), דענקט אַז דער פאַנטאַזיע־קראַנץ און די פאַנטאַזי־בלומענצווייג, זענען קונסט און פאָעזי, וועלכע זוכען א נשמה זיי צו פיהלען און אנערקענען. וועהרענד די רויזען־קנאָספען באַהאַלטען זיך באַשיידען; די רויזען־קאָנספע וועט איהר גליהענדיג הארץ עפענען בלויז צו דעם גליקליכען געפינער.

35. דאָס באהערשט נאָר פלאָראַ׳ס רייך.

פ ל אָ ר אַ. די געטין פון די בלומען און גארטענס, די געליעב־טע פון צ ע פ י ר און די מאַהמע פון פריהלינג. (גריכ. מיטה.)

36. גערטנער.

די גערטנער, דאָס איז דער מ ע נ ל י כ ע ר עלעמענט פון אונזער געזעלשאפט, ביי וועמען נישט דאָס גראַציעזע און שעהנע שפיעלט די הויפּט־ראָלע נאָר דאָס פּראַקטישע און ניצליכע.

37. מוטער און טאָכטער.

דאָ איז אונמעגליך זיך טועה צו זיין וואָס געטהע מיינט מיט דער „מוטער און טאָכטער״; די מאַמע איז באַזאָרגט וואָס איהר טאָכטער קען קיין מאַן נישט קריגען.

„פאַנדע־שפּיעל״ און „דריטער מאַן״ זענען אזעלכע שפּיעלען וואָס ווערען געשפּיעלט פון מיידלעך און יונגע לייט אין געזעלשאַפט. מען ווערט „גע׳משפט״ און „פאַראורטהיילט״, נאַטירליך צו קושען זיך. מיידלעך האָבען דאָ אויך נאַטירליך אַ געלעגענהייט צו „כאַ־פּען״ אַ חתן; און אזוי ווי יעצט איז אַ פ ע ס ט, לערנט די מאַמע די טאָכטער וואָס צו טהון, טאָמער וועט זי פּאַרט קריגען אַ חתן.

38. האָלץ־העקערס. פּוליצינעל. פּאַראַזיטען.

מיט די ערשטע ווערט דאָ געמיינט די „נידריגע״ מאַסע, פון וועמענס פּראַצע עס לעבען די „הויכע״ לייט פון דער געזעל־שאַפט; די צווייטע, די חברה וועלכע מאַכען יענעם מיינען אַז זיי זענען באַשעפטיגט און טהוען גאַרנישט לעבענדיג אויף דעם חשבון פון די ערשטע; און וואָס די דריטע זענען פערשטעהט שוין דער לעזער פון דעם נאָמען אליין.

די איינפאַכע בעדייטונג פון „פּוליצינעל״ מיינט אַ שפּעטער, אַ

חוזק־מאַכער און אליין אַ נאַר, אַ בופאָן. די אַבשטאַמונג פון דעם טיפּ איז פון נאַפּאָלי, איטאַליען.

39. שכור׳ער.

דאָ איז געמיינט דער בעל־תאוה, וועלכער גיט זיך איבער דער, לוסט אהן שום איבערלעגונג.

40. דער העראָלד א. אַ. וו. ביז צו די „גראַציען".

דער לעזער וועט פאַרשטעהן אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען פאַר־שיעדענע פּאָעטען וועלכע רייסען זיך אַרום פאַר דער גדולה און כבוד וואָס יעדער וויל פאַרנעמען אין דער ליטעראַטור. איינער לאָזט דעם צווייטען אַ וואָרט נישט אויסרעדען, נאָר דעם סאַטיריקער גע־לינגט עטוואָס צו זאָגען; ער וואָלט געוואָלט זאָגען דאָס „וואָס קיי־נער וויל נישט הערען". אויך האָט דאָ געטהע אין זינען געהאַט פאַרשיעדענע פּאָעטישע שולען.

41. די גראַציען.

די דריי גראַציען זענען געווען דריי געטינען, וואונדערבאַרע שעהנקייטען. איינע, א י פ ר א ס י נ ע, האָט אין זיך פאַר־קערפּערט גראַציע; די צווייטע, א ג ל א י א, האָט פערקערפּערט שעהנקייט; און די דריטע, ט ה א ל י א, פרייד. (גריכ. מיטה.) געטהע אָבער געברויכט זיי דאָ אַלס די פאַרקערפּערונגען פון ג ע־ב ע ן, נ ע ה מ ע ן און ד א נ ק ע ן, ווי אויך דער שייכות וואָס די דריי האָבען צווישען זיך אַלס עדעלער אויסדרוק פון מענש־ליכע געפיהלען.

אנשטאַט טהאַליא געברויכט דאָ געטהע די געטין ה ע ג ע־מ א נ ע, ווייל טה א ל י א איז מעהר בעקאַנט אַלס די מוזע פון „קאָמעדיע" און „אידילע."

42. די מזלות.

די מזלות זענען פאַרגעשטעלט אין דריי געטינען, האַלטענדיג דעם לעבענס־פאָדעם, וועלכע האָבען געהערשט איבער דעם מענ־שען׳ס לעבען.

קלאָטהאָ, שפינענדיג דעם פאָדעם; לאַכעסיס דרע־הענדיג דאָס שפּינראַד; און אַטראָפּאָס, האַלטענדיג די שער דעם פאָדעם איבערצושניידען. (רוימישע און גריכישע מיטהאָלאָגי.)

קלאָטהאָ, די אינגסטע פון די מזלות, ערקלעהרט דאָ אַז זי האָט איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטליכע שטעלע אלס אָבשנידערין פון דעם פאָדעם, אָבער זי האַלט די שער אין דער שייד. דאָס הייסט, דער עולם מעג זיך אַמוזירען.

43. די פוריען זענען עס.

דריי אין צאָהל און שוועסטער פון די מזלות. זיי האָבען גע־דיענט דער גערעכטיגקייט און ראַכע גענומען פון פאַרברעכער. (אַלט גריכ. מיטה.) אין דער נייער גריכישער און רוימישער מיטהאָ־לאָגי ווערען זיי פאַרגעשטעלט אַלס שרעקליכע פּאַרזעהענישען, מיט שלאַנגען אויסגעמישט אין די האָר, האַלטענדיג אין איין האַנד אַ ברענענדיגען פאַקעל און אין דער אַנדערער אַ דאָלך, לויערנדיג אויף די מענשען זיי שלעכטס צו טהון.

געטהע לאָזט זיי דאָ אויפטרעטען ווי אין ערשטען פאַל. פון זייערע ווערטער וועט דער לעזער געוויס פאַרשטעהען, וואָס פאַר אַ ראָלע זיי שפּיעלען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט.

מעגערא דערמאָנט אשמדאי׳ן אַלס צושטערער פון פאַ־מיליען־גליק, ווייל אין „מעשה טוביה“ ווערט דערצעהלט ווי אשמדאי דער׳הרג׳עט זיעבען מענער פון אַ געוויסער פרוי, אין דער ערשטער חופּה־נאַכט.

44. איהר זעהט ווי ׳ס דרענגט אַריין אַ באַרג זיך.

מאַנכע מפרשים דענקען, אַז מיט דעם העראָלד׳ס ווערטער:

„ווייל די וואָס קומען יעצט, נישט אייער גלויבען זענען."

נעהמען די שפּעטערע מאסקען אַן אַ פּאָליטישען כאראַקטער אַנ־שטאט, ווי די פריהערדיגע, אַ ריין געזעלשאַפטליכען. דער עלעפאַנט איז די רעגיערונג, געפיהרט פון חכמה, וועהרענד ביי די זייטען זענען שרעק און האָפנונג געשלאָסען אין קעטען, וועמען חכמה רופט אַן „צוויי פון מענשענ'ס גרעסטע שונאים". די ערשטע שרעקט זיך פאַר יעדער ענדערונג און די צווייטע, דער אונאיבערלעגטער פאַרלאַנג פאַר ענדערונגען. אין אַ גוטער רעגיערונג זענען דיביידע געהאַלטען אין קעטען, חכמה פיהרט מיט איבערלעגונג דעם „באַרג" און אויבען זיצט די געטין וויקטאָריאַ, די זיעגעריז, אויף איהר טהראָן אין פולער פראַכט.

45. צאָליאָ — טהערסיטעס.

צאָליאָ איז געווען אַ גריכישער קריטיקער וועלכער האָט זיך לעכערליך געמאכט מיט זיינע פאַרביסענע נאַרישע אַטאַקעס אויף פּלאַטאָ, סאָקראַטעס און איבערהויפּט אויף האָמער, און זיין נאָמען איז געווען אַ סינאָנים פאַר אַ וואולגאַרען פאַרביסענעם זיעדלער.

טהערסיטעס — אַ טיפּ געשילדערט פון האָמער אין זיין צווייטען בוך פון „איליאַדאַ", וואו עס ווערט געשילדערט די שלאַכט פון טראָיאַ. ער ווערט פאַרגעשטעלט אלס אַ פּלאַפּלער, אַ ליגנער, איינער וועלכער איז שטענדיג פאַרטיג שלעכטס צו טהון, אַ קריפּעל און אַ מיאוס'ער עקעלדיגער קערל.

געטהע האָט פון די צוויי געמאכט איין טיפּ, אין וועלכען ער כאַראַקטעריזירט די אָבשפּעטער פון אַלע גוטע טהאַטען, און דער דאָפּעל־כאַראַקטער ווערט נאָך עקעלדיגער דערמיט וואָס דער העראָלד פאַרוואַנדעלט איהם אין אַ שלאַנג און אין אַ פלעדערמויז.

46. דער שוואַרצער בליץ פון די אויגען, א. אַ. וו.

די שילדערונג פון דעם אינגעל ווי אויך זיינע קליידער איז עהנליך צו אַפּאָלאָן, דער גאָט פון פּאָעזיע. (גריכ. מיטה.)

47. וואס אונטער׳ן טורבאנס...

טורבאן איז א טערקישער קאפ־צודעק, וואס באשטעהט פון א לאנגען שאל, מיט וועלכען די פרומע טערקען וויקלען ארום דעם קאפ.

48. איך בין די פארשווערונג, בין די פאעזי.

אין זיינע עראינערונגען דערצעהלט עקערמאן פאלגענדעס:

„מיר האבען גערעדט פון דעם אינגעל־פיהרער.

— אז פאוסט איז באהאלטען אונטער דער מאסקע פון פלוטוס*), און מעפיסטאפעלעס אונטער דער מאסקע פון גייץ, — האט געטהע געזאגט, — האט איהר שוין געווים באמערקט, אבער ווער איז דער אינגעל־פיהרער?

איך האב געצעגערט און נישט געקענט שנעל ענטפערן.

— דאס איז אייפאריאן**).

— אבער ווי אזוי קען ער ערשיינען דא אין קארנאוואל, — האב איך געפרעגט, — ווען ער ווערט געבוירען ערשט אין דריטען אקט?

— אייפאריאן — האט געטהע געענטפערט — איז נישט קיין מענשליכע נאר אן אלעגארישע ערשיינונג. אין איהם איז פארקערפערט פאעזי, וועלכע איז ניט געבונדען צו צייט, פלאץ אדער מענש. דער זעלבער גייסט וועלכער קלייבט זיך שפעטער אויס צו זיין אייפאריאן, ערשיינט דא אלס דער אינגעלפיהרער, און אזוי איז ער שטענדיג א געשפענסט וועלכער קען ערשיינען אומעטום און צו יעדער צייט."

די אלעגארישע זייט פון פלוטוס אלס געלדרייכטהום און פון דעם אינגעלפיהרער אלס קונסט איז דא געבראכט אלס א טהייל פון דער געזעלשאפט.

---

*) דער גאט פון רייכטהום. (גריכ. מטה.)

**) די געשיכטע פון אייפאריאן וועט דער לעזער געפינען אין דריטען אקט.

ווי אזוי די מאסע עמפפאנגט זייערע מתנות, וועלען מיר שפעטער זעהן.

49. איז בלויז א גאלד'נע נארעריי.

דאס וואס די מאסע קריגט פריי און אין גרויסער צאהל האט ביי איהר קיין שום ווערטה נישט; פערל ווערען זשוקלעך, און דיא־מאנטען — זומערפויגעלעך, און אפילו דער העראלד זעהט אויך נישט בעסער.

די „פלעמלעך" וואס דער אינגעלווארפט אויף די קעפ פון דער מאסע, און וועלכע ער באשרייבט אלס שפרינגענדיג אהין און צוריק, לייכטענדיג אביסעל אויף איין קאפ, אבשטארבענדיג אין דער זעלבער צייט אויף אן אנדערענ'ס קאפ, און זעלטען ווען לייכ־טענדיג א לענגערע צייט, וועט דער לעזער פארשטעהן אז דאס זע־נען „פאעטישע פלעמלעך".

50. ווען א לארבער־קראנץ דיין שטערן ציערט

האב איך איהם נישט מיט זין און האנד געפלאכטען.

דאס זעהט מען ווי דאס רייכטהום (אין עדלעם זין פוןווארט, נאטירליך), געהט האנד אין האנד מיט קונסט. דער לעזער וועט אויך פארשטעהן אז פאוסט איז פון מעפיסטאפעלעס דא אריינגע־פיהרט אלס פ ל ו ט ו ס, אום לייכטער צוצוקומען צום קייזער, וויל דעם לעצטען פעהלט געלד.

51. האט זיך 'ס ביי פיעלע אויסגעלאשען, אויסגעברענט.

זעה ערקלעהרונג 49.

אין דער „ווייבער־פלוידעריי" איז דאס ווארט פיער־געשפאן, ווי געוועהנליך, א וואגען געשפאנט מיט פיער פערד; ה א נ ס־ו ו א ו ר ש ט מיינט א קלאון, א שפאס־מאכער אין א צירקוס, אדער קארנאוואל שפעטער וועט דער לעזער ערפאהרען ווער דאס איז.

52. דער אָפּגעמאָגערטער.

דאס איז דער דערמאַנטער האנס־וואורשט.

מעפיסטאָפעלעס, אלס פארניינונגס־גייסט, טראָגט די מאסקע פון גייץ, אָדער קאַרגשאַפט. אווארי ציא איז אין דער לאטיינישער שפּראַך דאס זעלבע וואס גייץ. אווא ריציא איז אָבער פון ווייבליכען געשלעכט, ווערענד גייץ פון מענליכען. ער זידעלט די ווייבער, ווייל זיי זענען ווייניגער קאַרג ווי די מענער וועלכע ארבייטען אויף דער געלד.

53. מיט דראַכען מעג דער דראַך זיך רייצען.

דראַך — אזא מין פאנטאַסטישע שלאַנג מיט פליגעל.

54. פאַריאָג די מאַסע פון דעם פעלד.

מיט דעם פאַרשווינדען פון אייפאָריאָן (דער אינגעל־פיהרער) ענדיגט זיך דאס עדלערע רייכטהום פּלוטוס׳עס, און ער בלייבט דאָ בלויז אלס עשירות. נאָך דעם רייכטהום משוגעת, וועלכער דער העראָלד שרייט צו דער מאַסע, אז ער איז בלויז א קאַרנאַוואַל שפּיעל, קומען צרות, ווי נאָך יעדער רייכטהום מאַניאַ. דער עולם זעהט, ערשט נאָכדעם, וואס פאַר א צרות דאס ברענגט.

55. וואָס הייבט ער אָן דער מאָג׳רער נאַר?

„געטהע צייגט אונז דאָ, ווי אין א צייט פון מאַטעריעלען גליק, די לוסט נאָך רייכטהום און צעלאַזענקייט וואַקסט, ביז עס ברענגט דאס פאָלק צו דער העכסטער מדרגה פון שענדליכער אונמאָראַליטעט.“ (דינצער.)

דער לעזער וועט פאַרשטעהן אז די פאָרמען וועלכע מעפיסטאָפעלעס קנעט פון דעם גאָלד זענען ווייט נישט קיין אנשטענדיגע, און אז, אלס אזעלכע, געפינט ער זיך אין זיין ריכטיגען עלעמענט.

56. זיי ווייסען נישט וואוהין זיי געהן,

ווייל זיי האָבען זיך נישט פאַרגעזעהן.

אין די פאונען, סאַטירען און גנאָמען זענען דאָ פאַרגעשטעלט די מאַסען וועלכע פייערן זייער „פאַן" (געשפיעלט פון קעניג), און וועלכע רעפּרעזענטירען אויך די רעוואָלוציאָנערע אידעען, אבער די מאַסע איז גראָב, אונענטוויקעלט, און לויפט, נישט פאַרגעזעהן אין פייער אריין. די ענרע פון אזא נישט־איבערלעגטער יאָגעניש, וועט דער לעזער שפּעטער זעהען.

57. פ א ו נ ע ן.

וואַלד האַלב־געטער אין דער געשטאַלט פון האַלב־מענש האַלב־ציעג — מיט געשפּיצטע אויערען, אויך אַבהיטער פון שאָף און פלאַנצונגען. (רוימישע מיטהאָלאָגיע.)

58. סאַטיר.

א וואַלד האַלב־גאָט, פאַרגעשטעלט אַלס אויסגעלאַסען און ליסטיג, מיט ציגענע אויערען, א גראָב נעזעל, א קורצען עק, און קליינע הערנערלעך. (גריכ. מיטה.)

59. גנאָמען.

ערד־גייסטער וועלכע גיבען זיך אָב מיט זאַמלען אוצרות און העלפען דעם מענש אין זיינע שווערע אַרבייטען. זיי ווערען פאַר־געשטעלט אַלס קליינע מענשעלעך. (גריכ. מיטה.) אין אידיש „שרייטעלעך."

60. ריעזען.

זיי ווערען פאַרגעשטעלט אַלס האַלב־נאַקעטע, אונגעהייער גרויסע מענשען, מיט אַן אויסגעריסענעם בוים אין האַנד. (דייטשע מיטהאָלאָגיע.) זייער דיענסט איז ווייניג בעקאַנט.

די פיער דערמאָהנטע האַלב־געטער שטעלען מיט זיך פאָר: 57, בויערן; 58, די אָבשפּעטער פון דעם פאָלק און פון אַלץ וואָס איז נאַריש; 59, די גרענעצלויזע שפּאַרזאַמקייט פון מאַכט און רייכטהום; און 60, די גראָבע און נאַרישע איינגעשפּאַרטע נאַטורען, וועלכע זענען יעדע מינוט פאַרטיג צו פאַרניכטען יעדע פאָלקס־באַוועגונג.

61. נימפען.

געטינען וועלכע לעבען אין וואַלד, וואַסער אָדער העהל. (גריכ. מיטה.) דאָ, וואַלד־נימפען.

62. און ווען ער נאָך מיטאָג שלאָפט.

דער לעזער האָט שוין געוויס פאַרשטאַנען אַז פּאַן איז דאָ נישט קיין קליינינקייט, אייגענטליך דער הויפּט גאָט אויף דעם דאָזיגען מאַסקען־באַל. אין איהם (דעם קייזער אין דער מאַסקע פון פאַן) איז אַלץ פאַרקערפּערט.

די גריכען האָבען געגלויבט אַז פון 11 ביז 1 נאָכמיטאָג אין זומער־טעג, ווען אַלץ איז רוהיג, קיין בלעטעל באַוועגט זיך נישט, קיין פייגעלע פּיפּצעט נישט, און עס ווייזט אויס אַזוי ווי די נאַטור וואָלט איינגעדרעמעלט אונטער די וואַרימע שטראַהלען פון דער זון, אַז דעמאָלט שלאָפט פּאַן. און אַ פאַקט איז אַז זומער נאָכמיטאָג שלעפערט, מען פיהלט אַז מען וואָלט זיך מחיה געווען אַ דרימעל צו טהון. וואַהרשיינליך קומט דאָס פון דער היץ.

אויך איז מעגליך אַז געטהע האָט דאָ אַריינגעבראַכט די רוה אַלס קאָנטראַסט, צו דעם וואָס די נימפען דערמאַנען זיך אין דער אַלטער גריכישער לעגענדע וואו עס ווערט דערצעהלט פון זיין מעכטיגער שטימע, מיט וועלכער ער האָט איבערגעשראָקען די ריעזען ווען זיי האָבען געקעמפפט געגען יופּיטער. אין שלאַכט איז זיין שטימע אויך געהערט געוואָרען, און עס קען זיין אַז פון דער פּלעצליכער שרעק וואָס זיין קול פלעגט, לויט דער לעגענדע, פאַראורזאַכען, איז ענטשטאַנען דאָס וואָרט „פּאַניק“ (פּלעצליכע שרעק.)

63. דעפוטאַציאָן פון די גנאָמען.

די גנאָמען (די גאָלד זאמלער) קומען אָנבאָטען דעם גרויסען פאן (דעם קייזער) אוצרות, ליבענדיג איהם אלס דער איין־ און־איינציגער וואס איז ווערטה די אלע אוצרות, ווייל באהויפטען זיי, אז ע ר האט, האבען א ל ע. ווי דאס לאזט זיך אויס וועט דער לעזער באלד זעהן.

64. הערָאלד.

ווענען דעם וואס דער הערָאלד שילדערט, זענען פאַראַן מעה־רערע מיינונגען. איין מיינונג איז, אז געטהע שטעלט דאָ פאַר די רעוואָלוציאָן, א מיינונג וואס קען. מעהר אדער וועניגער, אָנגע־נומען ווערען. אבער מעהר וואהרשיינליכקייט איז פאראן אין דער פאלגענדער ערקלעהרונג:

ווען פאן, אדער דער קייזער, ערשיינט מיט זיין סוויטע, געהט צו איהם צו א דעפּוטאַציע פון גנאָמען, די מעטאַל גייסטער, און פיהרט איהם צום פליעסענדעם גאָלד אין פלוטוס'עס קוואַל, וועלכען זיי האבען ערשט ענטדעקט. די הויפּט־אויפגאבע פון דעם מאַסקען־קאַרנאוואַל איז דערמיט געענדיגט; דער קייזער ווערט ערקלעהרט אלס דער הערשער איבער די אונאויסשעפּליכע מעטאַל־אוצרות וועלכע זענען באהאַלטען אין דער ערד. דאָן ענדיגט זיך דאַס גאַנ־צע, זייענדיג בלויז א שפּאסיגע אילוזיאָן, מיט בלומרשט'דיגער שרעק. אויך האָט דאָ פאוסט די געלעגענהייט צו צייגען די העכסטע מאַכט וואס ער באזיצט אין כשוף. עס קען מעגליך זיין אז דאָ ליעגט באהאַלטען א וואונק, אז רייכטהום קען זיך ענדיגען מיט שאָדען, און אז א מאַטעריעלער גלאַנץ איז געסטראַשעט מיט דער געפאַהר פון פאַרניכטונג.

65. לוסט־גאָרטען, מאָרגען־זון.

דער קאַרנאוואַל געענדיגט, זעהען מיר ווי מעפיסטאָפעלעס ארבייט אויף אַלע זייטען צו מאַכען פאוסט'ען ניצליך פאר'ן קייזער.

און, כאָטש עס ווייזט אויס אַז ער חנפ׳עט, איז אמת׳ן אָבער לאַכט ער גאָר אָב פון אַלע, און דער לעזער מעג זיך גוט צוהערען צו דער אויסגעצייכענטער מעפיסטאָפעלישער סאַטירע.

אויך וועט דער לעזער ווייטער באַמערקען וואָס פאַר א פרייד עס הערשט אין לאַנד.

66. טהעטיס ווערט עס גלייך געוואָהר.

טהעטיס, אַ וואַסער־געטין, די טאָכטער פון נערעוס און דאָריס, די פרוי פון פעלעוס און די מאַמע פון דעם גריכיש־מיטהאָלאָגישען העלד אַרילעאוס.

דאָריס, די טאָכטער פון דעם ים און טעטהיס (אויך א ים־געטין) האָט חתונה געהאַט מיט איהר ברודער נערעוס, מיט וועלכען זי האָט געהאַט פופציג טעכטער, די נערײַדען, באַצויבערענד־שעהנע וואַסער־נימפען. (גריכ. מיטה.)

67. ביזט דו אַזוי פּרוכטבאַר ווי שעהעראַצאַד.

שעהעראַצאַד איז דער נאָמען פון א וויזיר־טאָכטער, וועלכע איז פערהייראַט צו אַ סולטאַן, און דערצעהלט איהם הונדערטער מעשה׳לעך. („טויזענד און איין נאַכט“.)

68. יעצט הערט און זעהט דאָס שיקזאַל־שווערע בלאַט.

ענדליך איז מעפיסטאָפעלעס׳ן געלונגען אַרייַנצופּירעהען פּאוסט׳ן אין קייזער׳ס פּאַלאַסט וועלכער ווערט דער געפייערטער העלד, דורך זיין איינפאַל מיט דעם פּאַפּיער־געלד. צוערשט ווערט דער קייזער איין כעס ווען ער דערהערט דערפון, ביי א נעהענטער באַטראַכטונג. און דאָ הויבט אַן מקוים ווערען די פּאַראויסזאָגונג פון ערקלעהרונג 64.

69. פינסטערע גאלערי.

איך וויל דעם לעזער אויפמערקזאם מאכען אויף דער וייטערער ארבייט וואס פאוסט מוז טהון ווי געטריבען פון אן אונזיכבארער קראפט צום שאפען; ער האט געבראכט געלד און אפשר גליק אויך פאר א געוויסער צייט, ער מ ו ז אויך ברענגען קונסט און ער הייבט אן מיט דער גריכישער. ווי אזוי? דאס וועלען מיר ווייטער זעהען.

70. דאך ׳ז פאראן א מיטעל.

מעפיסטאפעלעס, אלס טייפעל געשטאלט פון מיטעלאלטער, געשאפען פון דער קריסטליכער קירכע, וויל, „נאטירליך" גארנישט האבען וואס צו טהאן מיט „געצענדיענעריי", אבער געבונדען צום קאנטראקט מוז ער טהון וואס פאוסט פארלאנגט. ער איז אויך זעלבסטפערשטענדליך געגען ה ע ל ע נ א, דער סימבאל פון שעהנקייט, ווייל ער ווייסט וואס פאר אן אנציהענדעם גוטטהוענדעם איינפלוס זי קען אויסאיבען. ווייטער, לויט זיין באהויפטונג, האבען זיי, די געצענ־דיענער, זייער אייגענעם גהינם מיט וועלכען ער האט גארנישט וואס צו טהון. דערפאר, ווי מיר זעהען שפעטער, מוז פאוסט אליין דאס טהון.

71. די מ א מ ע ס זענען עס.

אין ווייטען אלטערטהום זענען די מ א מ ע ס געווען די געטינען וועלכע האבען מיט זיך פארגעשטעלט די פארשטעהערינס פון אלע פרימיטיווע נאטור־קרעפטען, און פון אלץ וואס ערשיינט אין דער נאטור, דאס הייסט, די א י ד ע ע, די פארשטעלונג פון דער ערשיינונג, איידער זי ערשיינט אויף דער ערד אין א באשטימטער פארם.

אלס אזעלכע געברויכט זיי געטהע, פארשטעלענדיג זיי, די מאמעס, אלס אידעען־שעפפערישע געטינען, וועלכע שאפען אלע פ א ר מ ל ו י ז ע פארמען שעהנקייט, ערהאבענקייט א. א. וו

און ערשט דער דיכטער דאַרף זיי „זעהען און ארויסברענגען אין אַ ממשות'דיגער פאָרם."

דימאַמעס, אַלס פאַרשטעהער בלויז פון אידעען, אידעאַלען א. א. וו. זענען נאַטירליך נישט געבונדען צו צייט און פּלאַץ. קיין „וועג" אין ריינעם זין פון וואָרט קען נאַטירליך צו זיי נישט פיהרען, ד.ה. דער קינסטלער מוז אַפּעליערען צו זיין פאַר־שטעלונגסקראַפט. דער „וועג" איז אונבטרעטבאַר, און מען קען איהם, דעם וועג, נישט דערבעטען ער זאָל פאַר אונז ערשיינען; אין יענע רעגיאָנען זענען נישט פאַראַן, נישט קיין שלעסער, נישט קיין ריגלען צו עפענען ד.ה. גאָר נישט מאַטעריעל. די אידעען און שעהנקייט־פאָרמען וואוינען אין דעם לאַנד פון פאַנטאַזיע. אין דעם לאַנד פון איינזאַמקייט, לעערקייט: אַלץ איז איינגעהילט אין פינסטערניש, אין נאַכט.

פאַוסט דער פאָרשער דערשרעקט זיך נאַטירליך צו מאַכען אַזאַ שריט.

72. דאָס לעערע לערנען, לעערעס לערנען.

דאָס הייסט: דאָס וואָס ער האָט געלערנט איז פוסטקייט, און וואָס ער האָט יענעם געלערנט איז אויך נישט מעהר געוועזן ווי פוסטקייט.

73. גאָרנישט וועסטו דאָ זעהן אין עביג וויטער לעערקייט.

מעפיסטאָפעלעס, מורא האָבענדיג אַז פאַוסט קען ענדליך וואַגען זיך אַוועקצולאָזען אין די אידעען־ספערען, פּרובירט ער איהם אָבצושרעקען.

74. דו רעדסט ווי איינער פון די מיסטאַגאָגען.

מיסטאַגאָג, איז איינער וואָס ערקלעהרט מיסטעריען, געהיימניסע. דאָ, וואהרשיינליך רעליגיאָן־געהיימניסע.

מיסטאגאָגען זענען וואהרשיינליך געוועזן די יענינע, וועלכע האבען זיך באשעפטיגט מיט באקעהרען מענשען צו נייע רעליגיאָנען. נעאפיט, אן ערשט באקעהרטער צו א פרעמדער רעליגיאן.

.75

פאוסט איז בארייט צו געהן זוכען די פארמען ; און אין מעפיסטאפעלעס ניכטס (ווייל ער איז דאך א פארניינונגסגייסט) האפט ער צו געפינען דאס גאַנצע: דאס אלאומפאסענדע, דאס עביג־שאפענדע.

.76 נא, נעהם דאס שליסעל !

כמעט אלע קאמענטאטארס שטימען איין, אז דער שליסעל איז דער סימבאל פון אויסערנעוועהנליכען לײדענשאפטליכען ווילען צו פראָדוציערען שעהנקייט אין פעסטער ממשות'דיגער פאָרם. מיט דעם שליסעל קען מען צוקומען צו דעם דרייפוס, וועלכער איז א סימבאל פון טיעפסטער חכמה, און דורך ביידע קען מען דערנאך פון „לופטיגען גארנישט" שאפען געשטאלטען פון אידעאלען שעהנקייט. אנדערע דענקען אויך, אז דער דרייפוס איז א סימבאל פאר קלאָהר־זעהען.

.77 פארזינק ! איך וואלט געקענט אויך זאָגען : שטייג ארויף.

אזוי ווי די פארמען האבען נישט קיין באשטימטען „פלאץ" קען מען זוכען וואו מען וויל.

.78 א גליה'נדער דרייפוס וועט דיר ענדליך ווייזען.

דערגרייכט פאוסט דעם דרייפוס, די טיעפסטע חכמה, וועט ער דורך דעם שליסעל, זיין ווילען, אלץ דערגרייכען.

דער לעזער וועט שפעטער קומען איבער א ווארט „שטאמפענדיג". דאס מיינט קלאפענדיג מיט דעם פוס. אין געוועהנליכער אלטעגליכער שפראך זאגט מען : „ער טופעט מיט די פיס". אלזא וואלט דאס געהייסען „טופענדיג". אונטער דעם

ווארט „טופעט" פארשטעהט מען אבער ווען איינער איז אין כעס.
און ער קלאפט מיט די פיס אין דער ערד פאר רציחה.

79. העל באלויכטענע זאלען.

די סצענע איז וואהרשיינליך אנגעשריעבען געווארען מיט דעם צוועק צו צייגען דעם אונטערשיעד צווישען דעם קאמפף פאר די העכסטע אידעאלען און די פוסטקייט פון דער הויף געזעלשאפט.

80. איין ווארט מיין העררן! איהר זעהט א ריין געזיכט.

אין דער גאנצער סצענע, וואו מעפיסטאפעלעס גיט רפאות, לאכט געטהע אב פון די זאגענאנטע הויף־ערצטע.

81. אויסגעשטעלט מיט ריסטונגען.

ריסטונג; אלץ וואס באלאנגט צו א סאלדאט. ד.ה. דער פאנ־צער, דער העלם (אייזערן היטעל), שווערט, שפיעז א. א. וו.

82 ריטער־זאל שוואך באלויכטען.

דער העראלד, וועמעס ארבייט עס איז אויסצורופען וואס עס דארף פארקומען, איז אליין שטארק צעמישט, נישט וויסענדיג וואס דא וועט פארקומען. און אנשטאט דעם סאטיריזירט ער (נישט וויסענדיג) די פערזאמעלטע געסט, דעם קייזער, וועלכער איז גע־וואוינט צו זעהען קעמפפע, און די איבריגע וועלכע זעהען אין די פארשטעלונג בלויז א מיטעל זיך צו טרעפען און אביסעל דורכ־שמועסען זיך.

83. און ווי א ט ל א ס...

א ט ל א ס: דער זוהן פון יופיטער, קעניג פון מורעטאניען (אפריקא) וועמען פ ע ר ז ע ו ס האט פארוואנדעלט אין א שטיי־נערנעם בארג מיט דעם קאפ פון דער מעדוזע. (זעה ערק. 111,

ערשטען טהייל.) זייענדיג א ריעזען־בארג האט מען געגלויבט אז ער איז פאראורטהיילט צו טראגען די וועלט אויף זיינע פלייצעס. (גריכ. מיטה.)

84. דאס איז אנטיק? איך קען עס נישט פארשטעהן.

דער טעמפעל, פארגעשטעלט אויף דער ביהנע, איז פון ד א־ ר י ש ע ן סטיל, וועלכער באשטעהט הויפטזעכליך פון גרויסע, שווערע זיילען. ד א ר י ס איז געווען א געגענד אין גריכענלאנד (איינוואוינער: ד א ר י ע ר). זיי האבען ענטוויקעלט אן אייגענ־ ארטיגען, איינפאכען סטיל אין ארכיטעקטור און פערזענמאס.

געטהע וויל דא ווייזען וואס פאר אן איינדרוק עס מאכט ווען אן איינפאכער ארכיטעקט דערזעהט א קלאסישען סטיל אין ארכי־ טעקטור, און אין דער זעלבער צייט לאכט ער (געטהע) אב פון דער ג א ט ה י ש ע ר ארכיטעקטור, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר מיטעלאלטערליכען שפיציגען סטיל, אנשטאט דער רונדער ווי די קלאסישע.

85. וואס ס׳אמאל געווען, אין פולען גלאנץ און שיין, באוועגט זיך דארט; וויל ער וויל עביג זיין.

דאס זענען די נאך נישט, אין דער ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט, געשאפענע פארמען, ד.ה. זייערע פארמען עקזיסטירען נאך אין דער וועלט פון פאנטאזיע, פון פארשטעלונגס־קראפט. וואו די מ א מ ע ס וואוינען, און דער מכשף ד.ה. דער קינסטלער וועט זיי ארויסצוי־ בערן פון ז י י ע ר וועלט אין א ו נ ז ע ר ע ר.

86. די זיילען קערפער, און דער דריי־שניט קלינגט.

דריי־שניט: אזא מין אויסשניט אין דער דארישער ארכי־ טעקטור. דאס קלינגען באצייכענט דאס דערנעהענטערן זיך פון דער קונסט, און אזוי הערען וואונדערבאר צוזאמענגעבראכט די דריי קינסטע, פאעזי, מוזיק און ארכיטעקטור, וועלכע פייערן דאס אנ־

קומען פון דעם העכסטען חלום פון שעהנקייט אין מענשליכער פאָרם.

87. ווער דערקענט נישט דעם ליעבליבען פ אַ ר י ז?

פ א ר י ז איז געווען דער זוהן פון פ ר י א ם דער קעניג פון טראָיא. קומענדיג אין גאַסט צו מ ע נ ע ל א ס, דער קעניג פון ספּאַרטאַ, האָט ער זיך פאַרליעבט אין דעם קעניג'ס וואונדער־שעהנע פרוי ה ע ל ע נ אַ. און האָט זי איבערגערעדט מיט איהם צו אנטלויפען קיין טראָיא. מענעלאָס איז שרעקליך אויפגערעגט געווארען און מיט פאראייניגטער מאַכט ערקלעהרט קריעג טראָיא און נאָך א שרעקליכען קאַמפף זי פאַרניכטעט צוריקבערענגענדיג זיין ווייב אהיים. העלענאַ איז אין איהם, פאַריז, אויך שטארק פאַר־ליעבט (גריכ. מיטה.)

פ אַ ר י ז ווערט פאַרגעשטעלט אלס א זעלטען שעהנער יונג־לינג.

די באַמערקונג וואָס די צושויער מאַכען אויף ביידע ערשיי־נונגען, איז איינע פון די שאַרפּסטע סאַטירעס אויף דער רייכער קלאַס, וועלכע הייבט נישט אָן צו פאַרשטעהן וואָס קונסט איז, איבערהויפּט אין די הויפען פון די געקרוינטע קעפּ.

88. וואָס פאַרפאַרטיגט ווי אמבראָזיאָ.

אמבראזיאַ: די געטער־שפּייז, וועלכע גיט אונשטערבליכקייט, און האָט א זעלטען אנגענעהמען גערוך. (גריכ. מיטה.)

89. אָט דאָס איז זי? די וואָלט מיר נישט געשטערט מיין רוה.

געטריי צו זיין כאַראַקטער, וואָלט מעפיסטאָפעלעס קיין שעהנ־קייט פון רוה נישט געשטערט. און פון וואנען זאָל דער מיטעל־אַלטערליכער טייפעל פאַרשטעהן וואָס קלאַסישע שעהנקייט איז?

90. די ליעב׳ געשטאַלט וואָס האָט אַמאָל מיך שטאַרק ענטציקט.

דאָ איז איינע פון די וועניגע אַנדייטונגען וועלכע האָבען צו טהון מיט דעם ערשטען טהייל. פאוסט דערמאָנט אין דער פרויען־שעהנקייט וואָס ער האָט געזעהן אין דער מכשפה׳ס צויבערשפּיגעל. אָבער ווי שוין געזאָגט האָט ער דאָרט נישט געזעהן העלענאַ׳ן אָדער מאַרגאַרעטען. דאָרט איז געווען בלויז אַ קערפּערליכע שעהנקייט, וועלכע האָט אַפּעלירט בלויז צו זיינע קערפּערליכע געפיהלען, וועהרענד דאָ זעהט ער די פרוילּיכע פאָרם וואָס אַפּעלירט צו זיין קינסטלערישען אינסטינקט, צו דעם אינסטינקט פון שעהנ־קייט. דאָס איז דער געפיהל וואָס יעדער אמת׳ער קינסטלער און דיכטער פיהלט, און ער ווערט הינגעריסען מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין קינסטלערישער נשמה.

91. ענדימיאָן און לונאַ!

ענדימיאָן איז אַ שעהנער אינגלינג וועמען סעלענע (לונאַ, די לבנה) באַזוכט ווען ער שלאָפט אין אַ העהל. זי האָט פון איהם פופציג טעכטער, וועלכע שטעלען פאָר די פופציג לבנות וועל־כע נעהמען אַנטהייל אין די אָלימפּישע קאַרנאַוואַלען (גריכ. מיטה.)

92. זי האָט שוין נישט געטויגט פון צעהנטען יאָהר נאָך.

די ערקלעהרונג דערצו וועט דער לעזער געפינען אין דריטען אַקט אין „העלענאַ“.

93. רוף איך דאָס שטיק: דער רויב פון העלענאַ.

דער אַסטראָלאָג רופט דאָס רויב, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען פאוסט׳ן אַז מען רויבט פון איהם אַוועק די שעהנקייט און שיער, שיער וואָלט מעפיסטאָפעלעס געקענט איינמאַהנען זיין קאָנטראַקט. אָבער דורך זיין פאַרנייגונגס־נאַטור פאַרשטעהט ער גישט פאוסט׳ס ליידענשאַפט פאַר שעהנקייט.

94. צעפליסען זיך אין נעבעל.

נאַטירליך וועט פאוסט, דורך מיטעלאַלטערליכע מעפיסטאָ־פעלישע שטיק, נישט קריגען די קלאַסישע שעהנקייט. און ער אליין איז נאָך אויך נישט פארטיג דאָס קלאַסישע צו עמפפאַנגען. און אלץ צעפליעסט ווי אין א חלום. שפּעטער וועלען מיר זעהען, ווי פאוסט ענטוויקעלט זיך אין ווערט דער מייסטער פון דער קלאַסישער קונסט

95. צווייטער אַקט.

דער לעזער מוז יעצט לאַנגזאַם און זעהר פאָרזיכטיג אָנהייבען אריינגעהן טיעפער אין דעם וואונדערבאַרען פאוסט־לאבירינט, איז מיט מיר אינאיינעם פּרוביערען געפינען דעם ריכטען אויסוועג.

* * *

מיר געפינען פאוסט'ן ווידער אמאָל אין זיין ענגען גאָטהי־שען צימער, אין דעם זעלבען צימער אין וועלכען ער איז, פאר זיין „ארויסגעהן אין דער וועלט", געזעסען און באַקלאַגט זיין לעבען. אָבער דאָס צימער זעהט אוים נאָך פארלאַזענער, פארשטויבטער, פארנאַכלעסיגט און פארזשאַווערט. און ווי קען אזא צימער, אין וועלכען א מענש האָט זיך יאָהרען אָבגעמאַטערט מיט פראַגען, וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט פארענטפערן; מיט טהעאָריען און טרוקענע ווערטער וועלכע האָבען איהם שיער געטריבען צו זעלבסטמאָרד, ווי קען אזא צימער אנדערש אויסזעהן אין די אויגען פון א מענש וועלכער איז געגאַנגען זוכען דעם אמת אין דער קונסט, יא, די קונסט און די שעהנקייט אליין? דער אמת'ער קינסטלער קען אין אזא ענגען חדר נישט געפינען דאָס וואָס זאָל זיין גייסט צופריעדען שטעלען, דעם גייסט וועלכער רייסט זיך מיט געוואַלט צו דער שעהנקייט פון דער נאַטור און קען נאָר רוה געפינען אין דער וועלט פון קונסט, שעהנקייט און פּאָעזי.

אָבער פאוסט איז געגאַנגען אויף אַ קרומען וועג. און וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אלץ פארפּלאָנטערטער איז דער וועג גע־

ווארן און געענדיגט האט ער זיך, — מיט א שטוים צוריק אין ענגען געטהישען צימער פון מיטעלאלטער, ד. ה. אין דער וועלט פון קירכען הערשאפט, מויהל און שטויב פילאזאפי, אבערגלויבען, אסטראלאגי, כשוף א. אז. וו. אין א וועלט וואו אלץ וואס איז שעהן, ערהאבען, גייסטיג־פריי, פאעזי און קונסט, הייסט: פארלייקענען גאט און די מאכט פון דער קירכע און אטהעאיזמוס, און פאר אזעלכע זינד שיקט מען אין דער דאזיגער וועלט צום שייטער־הויפען, אום די פלאמען זאלען פארניכטען דעם גייסט וועלכער האט געוואגט צו שטרעבען ווייטער ווי די קריסטליכע רעליגיאן ערלויבט.

און מעפיסטאפעלעס, דער מיטעלאלטערליכער טייפעל? ער שטעהט נעבען פאוסט'ען, רעדט נארישקייטען און הייבט נישט אן צו פארשטעהן מיט וואס ווייטער צו „פאפיהרען" פאוסט'ן. דאס איינציגע וואס ער קען יא טהון, איז ווידער אמאל אנטהון דעם „אלטען פעלץ" פון פארשימעלטע געדאנקען, און רעדען צו די מויהלען, אינזעקטען א. אז. וו.

96. כאר פון אינסעקטען.

פאוסט וועט מוזען אנהויבען געהן אויף א נייעם וועג, זיין ציעל צו דערגרייכען, און אויב מעפיסטא וועט איהם וועלען באגלייטען, וועט ער זיך זעהר, זעהר פיעל מוזען ענדערן, ווייל פאוסט וועט נישט מעהר אפעלירען צו זיין הילף, ווייל ער געהט אויף א וועג דעם מיטעלאלטערליכען טייפעל גאנץ אונבאקאנט.

97. פאמולוס.

עס איז קיין צווייפעל נישט אז דער דאזיגער פאמולוס איז א גייסטיג קינד פון יואגנערן, וועלכער איז יעצט אליין פראפעסאר.

אין דעם געשפּרעך צווישן מעפיסטאָ און דעם פאַמולוס, ווען דער לעזער לייכט באַמערקן דעם ערשטן סאַרקאַזם.

98. ...סאַנקט פּעטער.

סאַנקט (הייליגער) פּעטער, איז געווען איינער פון די ערשטע אַפּאָסטלען. ער ווערט פאַרגעשטעלט האַלטענדיק אין האַנט דעם שליסעל פון גן־עדן טויער.

99. באַקאַלאַורעאוס.

באַקאַלאַורעאוס, איינער וואָס טרעט ערשט אַריין אין אַן אוניווערזיטעט.

פוקס, אַ ערשט אַריינגעקומענער אין אַן אוניווערזיטעט.

* * *

ערקלעהרונגען וועגן דער סצענע צווישן דעם באַקאַלאַורעוס און מעפיסטאָ זענען איבריג. דער לעזער וועט נאָר באַמערקן וויפיעל שניידענדע איראָני דער יונגער חברה־מאַן געברויכט רעדענדיג וועגן דאָס אַלטע. און ווי אין זיין שטורם, דענקט ער, אַז אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען מיט איהם, און אַז אַלץ איז באַשאַפען געוואָרן בלויז פון זיינעטוועגען. אויך וועט דער לעזער באַמערקען, אַז דאָס איז דער זעלבער וועמען מעפיסטאָ האָט עצות געגעבען אין ערשטען אַקט. דעמאָלט אַ שילער נאָך.

100. רעזאָלוט און גאַנץ שטאָלץ זעהט איהר אויס;

קומט נאָר בישט גאַנץ אַבסאָלוט צו הויז.

רעזאָלוט און אַבסאָלוט זענען פילאָזאָפישע אויסדריקע. דאָס ערשטע מיינט ענטשלאָסען און אויפלעזען, וואָס אין דער ווירקליכקייט איז איינס דער היפוך פון אַנדערן; דאָ איז עס אַ סאַרקאַסטישער ווערטען־שפּיעל. אַבסאָלוט מיינט זיכער, פאָלקאָמען.

101. דאַן איז ער אַזוי גוט ווי טויט.

געטהע, דורך דעם מויל פון באַקאַלאורעוס, לאַכט אָב פון דעם פילאָזאָף פ י כ ט ע, וועלכער האָט באַהויפּטעט אַז אַ מענש איי־בער דרייסיג יאָהר איז אַ שאַד וואָס ער לעבט. דער זעלבער האָט אויך באַהויפּטעט, אַז דער א י ך ק ע ן ט ה ו ן וואָס ע ר ו ו י ל, ע ר א י ז אַ ג אָ ט. צ.ב. „ווען א י ך ו ו י ל נ י ש ט ד אַ ר ף ק י י ן ט י י פ ע ל ז י י ן" א. אַז. וו.

102. ווער קען עפּוואָס קלוג צו נאַריש דענקען,
וואָס די פאָרוועלט האָט נישט פריהער שוין געדאַכט.

אין אַ געשפּרעך וועגען אָריגינאַליטעט האָט געטהע, צווישען אַנדערעס, באַמערקט: מענשען רעדען פון אָריגינאַליטעט, אָבער וואָס מיינט דאָס? אַזוי ווי מיר ווערען נאָר געבוירען הייבט די וועלט אויף אונז אָן ווירקען, און אַזוי ווייטער ביז צו דער ענדע. אָבער וואָס קענען מיר רופען אונזער אייגענס, אַ חוץ ענערגיי, קראַפט און ווילען? ווען איך זאָל וועלען אָנצייגען וויפיעל איך בין שול־דיג צו גרויסע פאָרגענגער און יעצטיגע, וואָלט פון מיין אַרבייט כמעט גאָרנישט געבליבען." ...„דער מענש, וועלכער באַזיצט אַן אמת ליעבענדע נשמה, נעמט דעם אמת פון אומעדום. ...אָבער די וועלט איז אַזוי אַלט, און פאַר פיעלע טויזענד יאָהר האָבען אַזוי פיעל גרויסע מענער געלעבט און געדענקט, אַז זעהר ווייניג ווירקליך נייע זאַכען קענען ערפונדען און געזאָגט ווערן."

דאָס דערמאָנט אויך אין קהלת'עס ווערטער:

„מה שהיה הוא שיהיה, ומה שנעשה הוא שיעשה, ואין כל חדש תחת השמש. יש דבר שיאמר ראה זה חדש הוא כבר היה לעלמים אשר היה מלפננו."

וואָס עס איז געווען, דאָס וועט זיין, און וואָס עס איז געטהאָן געוואָרן דאָס וועט געטהאָן ווערן, און עס איז קיין גאַנץ נייעס נישטאָ אונטער דער זון. עס איז פאַראַן אַ זאַך, פון וועלכער איי־נער זאָגט: זעה דאָס איז ניי! אָבער עס איז שוין געווען אין די צייטען וואָס זענען פאַר אונז געוועזען. (קהלת א, 10, 9).

103. ווייל ווי נאריש ס׳זאל דער מוסט נישט באבלען.

מוסט. וויין וואס האלט אין שפיעלען.

104. לאבאראטאריום.

איך וויל דעם לעזער נאך אמאל אויפמערקזאם מאכען צו לע־זען מיט גרויס געדולד, ווייל קרום און פארדרעהט זענען די פאר־שיעדענע וועגען אויף וועלכע מיר געהען יעצט, אזוי ווי דאס לע־בען אליין.

וואגנער איז דא דער שטעלפארטרעטער פון פאוסט׳ן, וועלכער ליגט און הלומ׳ט, און דער ערשטער ענדיגט דעם לעצטע־רענס ארבייט. אין צייט וואס פאוסט איז געגאנגען זוכען דעם אמת אין דער קונכט, איז וואגנער געבליבען אין לאבאראטאריום אין דער היים צו זוכען דעם אמת אין דער וויסענשאפט. וועמען פון די ביידע געלינגט, איז א פראגע וואס מיר וועלען שפעטער ענטשיידען.

קארפונקעל. אזא מין טהייערער שטיין מיט א טיעף־רויט קאליער; אויך א רובין.

קאלבע. א פארמאכטער קוגעל פון גלאז, אינוועניג לעדיג.

105. קריסטאליזירטעס מענשענפאלק געזעהן.

די ערקלעהרונג דערצו וועט דער לעזער געפינען אין דער ערקלעהרונג צו „האמונקולוס.“

106. האמונקולוס.

וואס געטהע האט דא געמיינט מיט זיין **האמונקולוס** איז זעהר, זעהר שווער ארויסצוקריגען די ריכטיגע ערקלעהרונג. אבער מיר וועלען פרוביערען.

די אלכעמיסטען פון מיטעלאלטער האבען געגלויבט, יא זענען געווען איבערצייגט, אז דורך דעם צונויפשמעלצען און קריסטאלי־זירען פון פארשיעדענע מעטאלען קען מען שאפען א מענש, וועל־

בער, אזוי ווי ער וועט ארויס פון שמעלץ־גלאז, וועט ער זיך ענט־וויקלען ווי יעדער מענש אבער ער וועט באזיצען אן איבערנאטיר־ליכע קראפט: ווי לעזען יענעמס געדאנקען, אויפטהון פארשיעדענע איבערנאטירליכע ארבייטען א. אז. וו. און פ א ר א ס ע ל ס ו ס, איינער פון די גרעסטע אלכעמיסטען פון מיטעלאלטער, האט באהויפטעט, אז דער מענש איז צונויפגעשטעלט פון פארשיעדענע מעטאלען. דאס ערקלעהרט וואגנער'ס באשעפטיגונג מיט שא־פון דעם האמונקילוס. אויך דער פילאזאף וואגנער וועל־כער האט געלעבט אין איין צייט מיט געטהע'ן, האט אין זיינער א לעקציע וועגען כעמי, ערקלעהרט, אז אלע קערפערס זענען בלויז „אנטוויקעלטע מעטאלען" און אז „עס וועט קומען א צייט ווען די כעמי וועט שאפען ארגאנישע קערפערס, אפילו מענשען אויך." (אין אונזער צייט האט זיך זיין נבואה אנגעהויבען פארווירקליכען.)

די מיינונגען, וואס פאר א סימבאל געטהע האט פארקערפערט אין זיין האמונקולוס, זענען זעהר פארשיעדען. לויט איין קאמענ־טאטאר, עקערמאן, האט געטהע אליין, צווישען אנדערעס, געזאגט פאלגענדעס: ...ווייל אזעלכע גייסטער ווי האמונקולוס האט מען אריינגערעכענט צווישען טייוואלים, דערפאר רופט ער מעפיסטא'ן שוועסטערקינד, און צווישען זיי ביידע איז פאראן א געוויסע פאר־בינדונג. (מעפיסטא העלפט דאך אינדירעקט באשאפען דעם הא־מונקולוס.) אבער ער שטעהט העבער פון מעפיסטא'ן".

עקערמאן אליין ערקלעהרט אז געטהע האט געמיינט צו פאר־קערפערן פ א ר ש ט א נ ד, דעם ג י י ס ט ווי ער ערשיינט איידער ער געהט אריין אין דער וועלט פון ערפאהרונג, פון פראק־טיק; די נשמה פון דעם מענש איז זעהר באגאבט ווען זי ערשיינט, און מיר לערנען נישט אלצדינג, מיר ברענגען א סך מיט אונז מיט.

ו י י ז ע זאגט: „האמונקולוס איז דער ווירקליכער אויס־דרוק, די פערזענליכע פארם פון פאוסט'ס יעצטיגען גייסטיגען צו־שטאנד, קעמפפענדיג פאר א נייער געבורט אין אן אנדער אונבא־קענטען צושטאנד פון עקזיסטענץ."

ל י י כ ט ב א כ ע ר זאגט: „ער איז דער גייסטיגער צו־שטאנד פון פאוסט, וועלכער איז ארויסגעשפרונגען אין לעבען פון צווישען דער אויסערליכער מעכאנישער וועלט, אלס אן אמת־פאע־טישער געדאנק,—א צושטאנד אין וועלכען פאוסט האט פארגעסען די גאנצע מיטהאלאגישע וועלט פון אלטערטהום, און דורך וועלכער עס איז איהם מעגליך צו פארשטעהן דעם גייסט פון א מ ת און ש ע ה נ ק י י ט, וואס ליגט באהאלטען אין יענער וועלט.“

ש נ ע ט ג ע ר באהויפטעט, אז: „האמונקולוס איז די ה ע כ ס ט ע שעהנקייט ענטוויקעלט דורך א רייהע פון טויזענ־דער פארמען,—מיט איין ווארט, ער איז דער קערן פון העלענא!.. האמונקולוס איז מענשליכע שעהנקייט אין דעם פראצעס פון שעפ־פונג, און העלענא און גאלאטעא זענען די געשאפענע שעהנקייט.“

עס זענען נאך אנדערע מיינונגען פאראן. אבער אלע קומען כמעט צו דעם זעלבען שלום.

מיין מיינונג איז, אז האמונקולוס איז דער נייער דור, וועלכער ערשיינט נ א ך דער מיטעלאלטערליכער טעמפער פילאזאפי און אלכעמיסטישער קינדעריי, און ענטהאלט אין זיך די שטרעבונגען צו שעהנקייט, פאעזי און קונסט, געדאנקען וועלכע באהערשען יעצט פאוסטען, וועלכער איז אויך אוועקגעגאנגען פון דעם פארשימעל־טען, פארשטויבטען מיטעלאלטערליכען לאבאראטאריום, און לאזט זיך זוכען דעם אמת פון ריינער שעהנקייט און קונסט; נאר אזוי קענען מיר באגרייפען ווי אזוי האמונקולוס קען לעזען זיינע גע־דאנקען און איז אין דער זעלבער צייט אן אינדיווידואום, וועלכער, ווי מיר וועלען שפעטער זעהן, זוכט מיטלען זיך צו ענטוויקלען אליין און זעלבסטשטענדיג.

איבריגענס קען זיך דער לעזער אויסקלייבען וועלכע מיינונג ער וויל.

107. באדויטענד! —

האמונקולוס איז באגייסטערט פאר פאוסט'ס חלום, זעהענדיג אז דער „אלטער“ האט ענדליך אנגעטראפען דעם ריכטיגען וועג ווי

אַזוי צוצוקומען צום אמת. מעפיסטאָפעלעס קען „נאַטירליך“ גאָר נישט זעהען דאָ, ווייל ער איז אַ מיטעלאַלטערליכער טייפעל, וועל־כער איז ענטשטאַנען נ א ך דער גריכיש־קלאַסישער צייט.

דער חלום, וועלכען פאוסט חלומ׳ט, שטעלט פאָר ווי י ו פּ י־טער, פארשטעלט אַלס אַ שוואַן, געווינט די ליעבע פון דער שעה־נער ל ע ד אַ, די פרוי פון ט י נ ד אַ ר ע ס, קעניג פון ספּאַרטאַ, און פון זייער ליעבע קומט אַרויס ה ע ל ע נ אַ און איהרע צוויי ברידער ק אַ ס ט אָ ר און פּ אָ ל ו ק ס. געטהע האָט דעם חלום צוגעבראַכט צו צייגען דעם אַנהויב פון העלע־נא׳ס ערשיינען אויף דער וועלט און איהר אונשטערבליכקייט.

אויך פארשטעהט האָמונקולוס, אַז אום צו רעטען פאוסט׳ן פון טויט מוז מען איהם ברענגען קיין גריכענלאַנד, אום זיין חלום זאָל פארווירקליכט ווערן.

108. אין בּרייטע שטראָמען פליעסט פענעאָס פריי.

פענעאס, היינטיגער טייך „סאלעמבריא“, וועלכער פליעסט אין טהעסאליען.

* * *

„און אויבען ליעגט פּ אַ ר ז אַ ל ו ס אַלט און נײַ.“

פּ אַ ר ז אַ ל ו ס איז אַ געגענד אין טהעסאַליען, וואו צעזאַר און פּאָמפּעי, ביידע גרויסע רוימישע העלדען, האָבען געהאַט אַ ביטערע שלאַכט, איינער וועלענדיג באַהערשען דעם צווייטען, כאָטש זיי זענען געוועזן קינדער פון איין פאָלק. (צעזאַר האָט באַזיעגט פּאָמפּעי׳ן.)

די ווערטער „אַלט און נײַ“ ווערן ערקלעהרט מיט מעפיסטאָ׳ס ענטפער.

109. די אונזער׳דיגע געפינט שטענדיג טרויריג.

דורך דעם אַ ס ק ע ט י ז מ ו ס פון דער קריסטליכער לעה־רע וועלכער הייסט זיך אָבזאָגען פון אַלעם ערדישע.

110. און ווען איך פון טהעסאלישע מכשפות רעד.

די טהעסאלישע מכשפות האבען געשפיעלט א גרויסע ראלע. זיי האבען געקענט ארונטערברענגען די לבנה אויף דער ערד, און דורך געוויסע זאלבען, פארוואנדלען מענשען אין חיות. (גריכ. מיטה.)

האמונקולוס פארשטעהט, אז דאס איז דער איינציגער מיטעל צו באוועגען מעפיסטא'ן, וועלכער פארשטעהט נישט וואס די קלאסישע וואלפורגיסנאכט איז, מיטצוגעהן.

111. וועל ענטדעקען איך דאס פינטעל אויף דער א י.

געטהע'ס א באליעבטער אויסדרוק, וואס מיינט ענדיגען, פאלענדונג.

112. ענדליך הענגען מיר דאך אב פון באשעפענישען, וואס מיר שאפען.

מיט די ווערטער באשטעטיגט געטהע, אז האמונקולוס איז די שעפפונג פון דעם מיטעלאלטערליכען וואגנער און מעפיסטאפעלעס און וועלכער איז זיי ביידע אריבערגעוואקסען. ווי דער פאל מיט יעדען יונגען דור, וועלכער געהט ווייטער פון דעם אלטען.

113. קלאסישע וואלפורגיס-נאכט.

די קלאסישע וואלפורגיס-נאכט, ווי דער לעזער וועט באמערקען, איז א מין וואלפוגרים-נאכט ווי אין ערשטען, מיט דעם אונטערשיעד וואס דא איז זי ריין גריכיש.

די קלאסישע וואלפורגיס-נאכט איז אויך א פארבארייטונג פאר פאוסט'ס, האמונקולוס'ס און מעפיסטאפעלעס'ס וועגען, וועלכע זיי וועלען נעהמען יעדער פאר זיין צוועק; פאוסט דורכמאכענדיג אלע ערפאהרונגען, דורכגעהענדיג אלע שטאפלען פון דער גריכישער מיטהאלאגיע, אום ענדליך צו קריגען העלענא'ן; האמונקולוס וועט דורכמאכען זיינע ערפאהרונגען אום זיך צו ענטוויקלען

צו אן אינדיווידועלער, זעלבסטשטענדיגער ענטוויקלונג; און מעפיסטאפעלעס, אלס פארניינענדער גאסט, וועט אויך זיינע וועגען דורכמאכען ביז ער וועט דערגרייכען דעם העכסטען פונקט פון העסליכקייט, די פארקיאדען, ווי דער לעזער וועט שפעטער זעהן.

ערישטאָ, איינע פון די טהעסאלישע מכשפות, וועמען פאמפעי האט קודם געפרעגט צי זאל ער געהן אין שלאכט. זי שילדערט דא די שלאכט צווישען פאמפעי און צעזאר, און זאגט אן דאס אנקומען פון די גייסטער פון דער גריכישער מיטהאלאגי.

אויך וועט דער לעזער באמערקען די פארשיעדענע פארמען פון פערזענמאס, קלאסיש און ראמאנטיש, ווי זיי זענען אזוי וואונדערבאר צונויפגעפלאכטען.

114. וואו איז זי? — פרעג יעצט ווייטער מעהר נישט נאך!...

פאוסט, נאר וואס ארויסשטעלענדיג דעם פוס אויף דעם גריכישען באדען, דערפיהלט מיט זיין קינסטלערישען אינסטינקט, אז ער איז אויף דער ריכטיגער שפור פון העלענא, און אלע דריי צעטהיילען זיך.

115. דאך געפין איך מיך דא גאר אין גאנצען פרעמד.

מעפיסטאפעלעס געפינט זיך עפעס נישט אין דער היים. ער ניט צו, אז ביי איהם, אויף דעם „בראקען", איז מען אויך גענוג אונאנשטענדיג, אבער די גענצליכע נאקעטקייט פון דער גריכישער קונסט שיינט איהם „צו לעבעדיג". ענדליך ווענדעט ער זיך צו די ספינקסען און גרייפען אלס די ערשטע מיאוסקייטען וואס ער דערזעהט.

איך וויל דעם לעזער אויפמערקזאם מאכען אויף דער פיינער סאטירע.

* * *

די ספינקסען זענען ביי די עגיפטער סימבאלען פון שווייגען, אבער ביי די גריכען ערשיינט די ספינקס אלס א פרע־

געריז פון רעטעניִשען און ווער עס קען נישט ענטפערן, דעם דער׳הרג׳עט זי. זי ווערט פארגעשטעלט מיט דעם הינטערשטען האלבען קערפער פון א לייב און דער אייבערשטער טהייל פון א פרוי.

ג ר י י ף, די גרייפען זענען טהירישע געשטאלטען פון אל־טערטהום (ווי מאנכע דענקען פון אינדיען.) מאנכע שטעלען זיי פאר אלס היטער פון אוצרות, אנדערע שטעלען זיי פאר אלס קלוגע, כלומרשט געלעהרטע, און מענשענפיינדליך. געטהע באַ־נוצט זיך כמעט מיט אלע לעגענדען וועגען זיי. זיי ווערען פאר־געשטעלט מיט דעם קערפער פון א לייב, פליגלען פון אן אדלער, און אויערען פון א פערד.

116. דער שורש פון וואנען ׳ס קומט אהער.

געטהע לאכט דא אב פון מאנכע געלעהרטע, וועלכע האבען געקליבען ווערטער און געוואלט ארויסשטעלען זייער שטאם. דער גרייף איז צופריעדען מיט דער ערקלעהרונג, אז גרייף קומט פון ג ר י י פ ע ן, נ ע ה מ ע ן, און אזעלכע האט פ א ר ט ו נ א האלד.

117. ...פארטונא האלד.

פ א ר ט ו נ א איז די געטין, וועלכע לויט איהרע קאפריזען צעטהיילט רייכטהום און ארימקייט צווישען מענשען (רוימיש־גריכ. מיטה.)

118. ארימאספען.

לויט דעם גריכישען היסטאריקער הערָאדאט (וועלכער האט געלעבט אריבער 400 יאהר פאר קריסט.) זענען די ארימאספען געווען אן איין־אויגיג פאלק וואס האט געלעבט אין די סטעפעס פון סקיטיא (נעבען אזיען.) און וועלכע האבען שטענדיג געקעמפפט מיט די גאלד־היטערס, די גרייפען. די מ ו ר א ש ק ע ס זענען

געווען אביסעל גרעבער פון פוקסען און האבן געלעבט אין צענט־ראל אזיען, פלעגען ארויסווארפען גאלד גראבנעדיג זייערע אונטער־אירדישע נארעס.

119. האט מען מיך געזעהן אלס „אלד איניקואיטי".

עס ווייזט אויס, אז די ספינקסען האבן גלייך דערקענט מע־פיסטא'ן און דאס רעטעניש וואס זיי שטעלען, אין וועלכען מען דערקענט איהם אליין, איז בלויז א שפאס.

„אלד איניקואיט", איז אין די אלטע ענגלישע „מאראלישע" לעהרען ערשיענען אלס פארשיעדענע זינד, וועלכע פלעגען נאכגעהן דעם טייפעל.

ווי עס ווייזט אויס, האט דער מיטעלאלטערליכער מעפיסטא דאך אמאל געהערט פון די מיטהאלאגישע גייסטער, אבער זיין ר א מ א נ ט י ש ע נאטור קען נישט געהן האנד אין האנד מיט זייער ק ל א ס י ש ע ר, דערפאר, ביי דער ערשטער געלעגענ־הייט וועלען זיי זיך צוקריגען, אבער מעפיסטא וועט געגען זיי נישט קענען ביישטעהן.

120. רוף נאר אן דיך, וועט א רעטעניש שוין זיין.

ווי שוין געזאגט, האבען די ספינקסען גלייך דערקענט מע־פיסטאפעלעס'ן, און זייער רעטעניש איז בלויז א שפאס. ווען זיי זאגען אז זייערע גייסטער־טענער ווערען פאר איהם עטוואס קער־פערליכעס, מיינען זיי אז ער, אלס מיטעלאלטערליכער טייפעל, זעהט אין זיי בלויז זייער האלב בעסטיאלישען קערפער.

121. סירענען.

די סירענען זענען געווען צוויי אדער דריי אין צאהל און האבען געלעבט אויף א געוויסען אינזעל. זיי האבען זעהר שעהן גע־זונגען און מיט זייער געזאנג פאראומגליקט א סך ים־רייזענדע. לויט דער לעגענדע האבען זיי אזוי לאנג געקענט לעבען, אזוי לאנג

ווי זייער געזאַנג האָט געווירקט צו ברענגען אָפּפער. און ווען אָ ר־ ל י ס ע ס, איינער פון די הויפּט־העלדען ביי דער באַלאַגערונג פון ט ר אָ י אָ, האָט זיך נישט פאַרלוירען ביי זייער געזאַנג, האָבען זיי זיך אַריינגעוואָרפען אין ים אַריין. זיי ווערן פאַרגעשטעלט אַלס זעהר שעהנע מיידלעך מיט דעם אונטערשטען האַלבען קער־פּער פון פייגעל מיט מיאוס'ע גרויסע קראַלען (נעגעל.) (גריכ. מיט.)

געטהע ברענגט זיי אַריין אין דער קלאַס. וואַלפּ. נאַכט, אַלס אַנפאַנג פון שעהנקייט־ענטוויקלונג.

122. פון די גראָבע, דאָך גרויסע טיכט'גע ציגען.

פאוסט איז ציפריעדען פון די גראָבע ציגען (שטריכען) פון דער עגיפּטישער מיטהאָלאָגי, און ווערט אַנגעפילט מיט פרישען מוטה און גייסט וויסענדיג אַז ער איז אויף דער ריכטיגער שפּור צוצוקומען צו דער גריכישער שעהנקייט ה ע ל ע נ אָ, ווייל די ערשטע איז דער אַנפאַנג פון דער לעצטערער.

123. פאַר אַזעלכע איז ע ד י פּ ו ס אַמאָל געשטאַנען.

ע ד י פּ ו ס איז געווען דער זוהן פון ל אַ י ו ס און י אָ ק אָ ס ט ע, קעניג און קעניגין פון טהעבעס. לאַיוס, זייענדיג געוואָרענט פון אַ נביא, אַז ער וועט גע'הרג'עט ווערען פון זיינעם אַ זוהן, האָט ער עדיפּוס'ן, גלייך ווען ער איז געבוירען געוואָרען, אַוועקגעשיקט אויף דעם באַרג ציטהעראָן. פאַסטוכער האָבען איהם געפונען און איהם געבראַכט צום קעניג פון קאָרינטה, וועלכער האָט איהם ערצויגען ווי אַ פּרינץ. ווען ער איז גרויס געוואָרען, האָט איהם אַ נביא געזאָגט ער זאָל זיך נישט אַהיימקעהרען. ער איז אָבער פון קאָרינטה אוועק, האָט אויפ'ן וועג באַגעגענט לאַיוס'ן, זיי האָבען זיך צוקריעגט און עדיפּוס האָט איהם דער'הרג'עט, נישט וויסענדיג אַז דאָס איז זיין פאָטער.

אין יענער צייט האָט אַרום ט ה ע ב ע ס געבור־שעוועט אַ ספינקס, וועלכער האָט יעדען דורכגעהער גע־פרעגט רעטענישען און דער'הרג'עט יעדען איינעם וועלכער

האט די רעטענישען נישט געקענט ענטפערן. צ ע ד א ז, דער נאכפאלגער פון ל א י ו ס, האט פארשפראכען דעם טהרויז און די קעניגין יאקאסטע צו דעם יעניגען וועלכער וועט בעפרייען דאס לאנד פון דער ספינקס. און עס האט געטראפען אז עדיפוס האט די ספינקס באגעגענט און זי האט איהם געשטעלט דאס פאלגענדע רעטעניש: וואס פאר חיה איז דאס? אין־דער־פריה געהט עס אויף פיער פיס, בייטאג אויף צוויי און אויפדערנאכט אויף דריי? — עדיפוס האט געטראפען אז דאס איז דער מענש: אלס קינד, דער־וואקסענער און אלטער מענש. די ספינקס האט זיך פאר כעס אריינ־געווארפען אין ים. עדיפוס איז געבראכט געווארען אין קארינטה, האט חתונה געהאט, נישט וויסענדיג, מיט זיין מאמע, און געהאט א טאכטער א נ ט י ג א נ ע, א נביא, בעקאנטמאכענדיג וואס דא איז געשעהן, האט זיך יאקאסטע אויפגעהאנגען און עדיפוס, נאכ־דעם ווי ער האט זיך די אויגען ארויסגענומען, איז אוועק פון טהע־בעס געפיהרט פון זיין טאכטער. (גריכ. מיטה.)

דער גרעסטער גריכישער דראמאטורג, ס א פ א ק ל ע ס, האט אויף דער דאזיגער טהעמא אנגעשריבען א דראמא, וועלכע ווערט גערעכענט אלס איינע פון די געניאלסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראטור.

וועגען אולים — זעה ערקלעהרונג 121.

124. די לעצטערע האט הערקולעס דער׳הרג׳עט.

ה ע ר ק ו ל ע ס איז געווען דער גרעסטער העלד פון דער גריכישער מיטהאלאגי. געטהע דערמאנט די טהאט, צו צייגען דעם לעצטען איבערגאנגס־קאמפף פון מיאוס׳קייט צו מענשליכער שעהנקייט. כ י ר א ן איז די לעצטע געשטאלט פון שעהנקייט און מיאוס׳קייט, די בריק, אזוי צו זאגען, צווישען מיאוס׳קייט און שעהנקייט, און הערקולעס די פאלקאמענע מענער שעהנקייט. (גריכ. מיטה.)

125. דאָס זענ'ן די פלינקע סטימפּאַלידען.

אַ ל ס י ד ע ס, אַ צונעמעניש פון הערקולעס.

ס ט י מ פ אַ ל י ד ע ן, אַזעלכע פייגעל, וועלכע האָבען גע־האַט אַ מענשענפּרעסערישע נאַטור. הערקולעס האָט זיי ענטוועדער דער'הרג'עט אָדער פאַרטריבען אויף אַן אינזעל אין שוואַרצען ים. (גריכ. מיטהאָלאָגי.)

126. דאָס זענ'ן די קעפּ פון דער לערנעאַישער שלאַנג.

די לערנעאַישע שלאַנג האָט געהאַט זיבען קעפּ. האָט מען זיי אָבגעהאַקט איינציגווייז זענען זיי צום קערפּער צוריקגעשפּרונגען. ביז ענדליך הערקולעס האָט אָבגעהאַקט אַלע קעפּ מיט אַמאָל און זי גע'הרג'עט.

127. די ל אַ מ י ע ן זענען עס...

די ל אַ מ י ע ן זענען אַזעלכע מיידלער־גייסטער, וועלכע פאַרנאַרען יונגע לייט און פאַרדאַרבען זיי. (זעה ערק. 151.)

די ספינקס, וועלכע שיקט מעפיסטאָפעלעס'ן זיך צו טרעפען מיט די לאַמיען און די איבריגע פאַרדאַרבענדיגע גייסטער, ווייסט אַז דאָס איז דער ריכטיגער עלעמענט פאַר מעפיסטאָפעלעס, און אַז דאָס איז דער וועג וועלכער וועט איהם ענדליך פיהרען צו דער־גרייכען דעם העכסטען אידעאַל פון מיאוס'קייט.

128. פענעיאָס.

פ ע נ ע י אַ ס איז אַ שטראָם, וועלכער פליעסט אויף די פאַרזאַלישע פעלדער; אויך דער שטראָם־גאָט. דאַ דערגרייכט שוין פאוסט צו אַ העכערער ענטוויקלונג פון שעהנקייט, און ווי די לע־זער וועלען שפּעטער זעהן, דערזעהט פאוסט די פאַרווירקליכונג פון זיין חלום ווען ער איז געלעגען אויפ'ן בעט אין „גאָטהישען צימער" ביי דער געבורט פון ה אַ מ ו נ ק ו ל ו ס.

129. נימפען.

נ י מ פ ע ן זענען שאפענדע געטינען; דערפאר טרעפט מען זיי אויף בערג און טהאלען, פעלדער און וועלדער, לאנקעס און קוואלען. די וואסער־נימפען הייסען אויך נאיאדען.

דער לעזער וועט באמערקען די ליעבליכע ענדערונג אין דער סצענע וואו די נימפען ערשיינען, און מיר פיהלען אז דאס ערשיי־נען פון דעם שעהנעם איז שוין נישט ווייט.

130. כיראן.

כ י ר א ן איז געווען א צ ע נ ט א ו ע ר, האלב מענש, האלב פערד, דער זוהן פון ס א ט ו ר ן (דער פאטער פון שפע־טערדיגען הויפט־גאט י ו פ י ט ע ר) און פ י ל י ר א, די טאכטער פון א ק ע א נ ו ס. כיראן איז געווען דער ערציהער (פעדאגאג) פון די באריהמטסטע העלדען גריכענלאנד'ס, ווי אויך א מעדיצינער, ווייל ער האט אויך ערצויגען ע ס ק ו ל א פ 'ן, דעם גאט פון דער מעדיצין. (גריכ. מיטה.)

131. ...ד' עדלע א ר ג א נ א ו ט ע ן.

די ארגאנאוטען זענען געווען באריהמטע העלדען. (גר. מיטה.)

132. אפילו פאלאס...

פ א ל א ס, אדער מ י נ ע ר ו ו א, די געטין פון חכמה.

133. די דיאסקורען...

די דיאסקורען ווערען אנגערופען י ו פ י ט ע ר 'ס צוויי זיהן, ק א ס ט א ר און פ א ל ו ק ס, ה ע ל ע נ א 'ס ברי־דער.

די ב א ר ע י א ד ע ן זענען אויך געווען זעלטענע העלדען, און האבען געהערשט איבער די שטורם־ווינטען.

י א ז א ן, איינער פון די גרעסטע העלדען, דער פיהרער פון די ארגאנאוטען און דער מאן פון דער באריהמטער מעדעא, וועלכע האט דער׳הרג׳עט איהרע צוויי קינדער, נאכדעם ווי יאזאן האט זי פארלאזען.

א ר פ ע א ו ס, דער גאט פון מוזיק, וועמען כ י ר א ן האט געלערענט שפּיעלען אויף דער לירע. מיט זיין שפּיעלען האט ער געצעהמט די ווילדעסטע חיות.

ל י נ צ ע א ו ס, א באריהמטער שארפזיכטיגער טהורמ־וועכטער, וועלכער פלעגט ווארענען פאר דעם אנפאלען פון ארא־בישע ים־רויבער. (גריכ. מיטה.)

134. איך האב פ ע ב ו ס...

פ ע ב ו ס, אדער אפּאלאן, דער זונען־גאט.
א ר ע ס, אדער מארס, דער גאט פון מלחמה.
ה ע ר מ ע ס, אדער מערקור, דער גאט פון מסחר.
ג ע א, איז די מאמע־ערד.

ה ע ב ע, די געטין פון יוגענד, ווערענדיג די פרוי פון הער־קולעס, נאכדעם ווי מען האט איהם ערלויבט צו זיין אויף דעם אלימפּ צווישען די געטער.

135. יעצט רעד איך פון דער שעהנסטער פרוי!

געוועהנליך איז פ א ר י ז צונויפגעפּארט מיט ה ע ל ע־נ א אלס די שעהנסטע געשטאלט פון מענש. געטהע אבער שטעלט פאר הערקולעס׳ן אלס די שעהנסטע מענער געשטאלט.

136. די דיאסקורען האב׳ן צו יענער צייט.

„צו יענער צייט“ מיינט ווען ט ה ע ז ע א ו ס, א גריכי־שער העלד, האט אוועקגערויבט העלענא׳ן ווען זי איז בלויז צעהן יאהר אלט געווען, און איהרע ברידער האבען זי געראטעוועט.

.137 איך זעה, די פּילאָלאָגען.

מאַנכע פּילאָלאָגען דענקען אז העלענאַ איז בלויז זיעבען יאָהר אַלט געווען ווען טהעזעאוס האַט זי פאַרפיהרט.

פאוסט׳ס ענטפער:

„דאַן זאָל זי אויך דורך דער צייט נישט זיין געבונדען!
האָט דאָך אַכילעאוס אויף פערע זי געפונען
אויסער יעדע צייט."

מיינט, אז שעהנקייט לעבט אונבאגרענעצט, זי עקזיסטירט אויסער צייט און אומעטום.

לויט דער לעגענדע האט אכילעאוס, דער גרעסטער העלד גריכענלאנד׳ס, זי געפונען אויף דעם אינזעל פערע, האָט מיט איהר חתונה געהאט און העלענא האט פון איהם געהאט א זוהן, אייפאריאן.

.138 קום איך צו זעהן דאָ מאַנטאָ.

מאנטא איז געווען די טאכטער פון דעם נביא טירעסיאס, וועלכער האט געלעבט אין טהעבעס. זי איז אויך געווען א נביאה און האט געדיענט אין דעם „עביגען" טעמפעל אפאלא׳ס אויף דעם אָלימפּ, אַלס וואהלטהעטעריז.

געטהע שרייבט איהר צו עסקולאפּ׳ן אַלס פאטער, כדי צו רעכטפארטיגען איהר באקאנטשאפט מיט כיראן.

דורך מאנטא׳ן וועט פאוסט קענען קומען צו פערזעפאָנע׳ן און דורך איהר צו העלענא.

.139 ...פיהרט צו פערזעפאָנע׳ן.

פערזעפאנע איז די געטין פון דער אונטערוועלט.

ארפעאוס איז געווען אין דער אונטערוועלט, וואו ער האט דורך זיין צויבערליכען שפּיעלען צוריקגעקראגען זיין אוועקגערויבטע ווייב.

מיט דער ענדע פארשווינדט פאר אונז פאוסט פאר א צייט. שפעטער וועלען מיר איהם באגעגענען און זעהן וואס ער האט אין דער צייט אויפגעטהאן.

140. סירענען.

די סירענען פון דער סצענע אונטערשיידען זיך פון די פריהערדיגע דערמיט, וואס די יעצטיגע זענען וואסער־נימפען, און געטהע לאזט זיי באווייזען די ערד־ציטערניש, ווייל זיי זענען שוין אריינגעפיהרטע כאראקטערע, וועלכע האבען א שייכות מיט דעם ים. אויך רעפרעזענטירען זיי מיט זיך די נעפטונישע טהעארי.

דא פאדערט זיך א שטיקעל ערקלעהרונג וועגען דער נעפטונישער און פלוטאנישער טהעארי וועגען דער געשטאלטונג פון אונזער ערד.

די אנהענגער פון דער נעפטונישער טהעארי (נעפטון איז דער גאט פון וואסער) זענען געווען איבערצייגט, אז די ערד איז ענטשטאנען פון פארשיעדענעם אבזאץ פון אוראלטע ים'ען אדער פון געדיכטע וואלקען, און אזוי זענען ענטשטאנען בערג און טהאלען, שטיינער, מארמאר, גראניט, א. אז. וו.

די פלוטאניסטען (פלוטא איז דער גאט פון דער אונטערוועלט, וואו עס הערשט אן עביג פייער) באהויפטען אז דאס ענטשטעהען פון טהאלען, בערג א. אז. וו. זענען געקומען דורך אינערליכע וואולקאנישע אויסברוכען.

געטהע, וועלכער איז געווען כמעט א פארביסענער אנהענגער פון דער נעפטונישער לעהרע האט גארנישט געוואלט הערען פון דער נייער טהעארי און האט זיך פון איהר אויסגעלאכט, יא, זי זאגאר ביטער פארדאמט. ער האט די לעהרע געהאלטען פאר אויסגעטראכטע ווילדע מעשיות, ווי פון מכשפות, רוחות, שדים א. אז. וו.

לויט זיין באהויפטונג איז די ערד ענטשטאנען לאנגזאם, דורך עוואלוציאן און נישט דורך „שטורם און דראנג". און אפילו דאן, ווען די פלוטאנישע לעהרע האט אפירגעריסען דעם באדען פון דער

נעפּטונישער, אפילו דאָן האָט זיך געטהע מיט פאַרביסענער עקשנות'דיגקייט געהאַלטען ביי דאָס זייניגע.

יעצט וועט דער לעזער, מעהר אָדער ווייניגער, פאַרשטעהן די סאַטירישע זייט פון דער „קלאַסישער וואַלפּורגיס-נאַכט“ וואו, אין די פאָלגענדע סצענען, לאַכט זיך געטהע אויס מיט ביטערקייט פון די פּלוטאָניסטען.

זיין פאַרליעבע זיך אַבצורעכענען מיט זיינע געגנער קען מען באמערקען אין דער ערשטער „וואַלפּורגיס-נאַכט“, ווי אין דער פאַרליגענדער.

„פאַר'ן אונגליקליכען פאָלק צום גוט“.

וואָס די סירענען זינגען, מיינט געטהע אודאי די „אונגליקליכע פאַרפיהרטע“ פּלוטאָניסטען.

ל ו נ א, מיינט די לבנה.

141. ס ע א י ס מ אָ ס.

סעאיסמאָס איז די פאַרקערפּערטע ערד-ציטערניש, אַלס טהעטיגער בערג-גאָט פון געטהע'ן געברויכט אַלס פאַרשטעהער פון פּלוטאָניזמוס, אום בעסער צו קענען אַבלאַכען פון דער דאָזיגער לעהרע.

142. ווי אַן אַ ט ל אַ ס אין זיין שטעהן.

אַ ט ל אַ ס איז געווען קעניג פון מורעטאַניען. אַבזאָגענדיג זיך פון אויפצונעהמען גאַסטפריינדליך פערזעאוס'ן, האָט ער איהם, מיט דעם מעדוזא-קאָפּ פאַרוואַנדעלט אין אַ בארג, אויף וועלכען עס רוהט די ערד. (גריכ. מיטה.)

דערפאַר שטעלט מען פאַר אַטלאַס'ן טראָגענדיג אויף זיך די ערד.

ק אַ ר י אַ ט י ד איז אַ מענשענפיגור אויסגעהאַקט אין שטיין, געמאַכט אַלס אַ זייל וואָס האַלט אונטער אַ געביידע.

„ווייטער אָבער זאָל ׳ס נישט קומען,
ספינקסען האָב׳ן דאָ פּלאַץ גענומען.“

אין די שורות ווייזט אויס אז געטהע האט געהאלטען אן ערד־ציטערניש פאר א לאָקאלער ערשיינונג.

143. סעאיסמאָס.

איך וויל אויפמערקזאם מאכען דעם לעזער אויף דער איראָני, מיט וועלכער געטהע שמייסט זיינע געגנער פּלוטאָניסטען.

144. אין געזעלשאַפט פון טיטאַנען.

די טיטאַנען זענען געוועזן די זיהן פון דעם הימעל און דער ערד. רעוואָלטירענדיג געגען די געטער, האָבען זיי ארויפגעשטעלט איין בארג אויף דעם אנדערען אום ארויסצוקומען אויפ׳ן הימעל, אָבער יופּיטער האט זיי פארטיליגט.

די טיטאַנען דערמאָנען אין דער ביבעל, וואו עס ווערט דערצעהלט, אז די בני האלהים האָבען געזעהן אז די מענשען־טעכטער זענען זעהר שעהן, האָבען זיי זיך אויסגעקליבען די שעהנסטע, מיט זיי חתונה געהאט. און פון זיי זענען ארויסגעקומען די „גבורים“, וועלכע זענען געווען באריהמט. (בראשית 6).

אויך דערמאָנט די געשיכטע אין דעם טהורם פון בבל.

עס איז ווערט צו באמערקען אז פאוסט רעדט דאָ ווי א פּלוטאָניסט. דאָ זעהט מען ווי דער קינסטלער איבערוועלטיגט דעם איינגע׳עקשנ׳טען וויסענשאַפטסמאַן.

145. אימזען יאָגט עס אויפצוקלויבען.

אימזען זענען א מין מוראשקעס.

דאָס פּלעצליכע ערשיינען פון די גרייפען, מוראשקעס, פּיג־מעיען און דאַקטילען, אלס באוואוינער פון דעם ניי ענטשטאַנענעם בארג, און זייער זאמלונג פון גאָלד און אנדערע מעטאַלען, פון וועלכע זיי מאַכען געוועהר אָנצוגרייפען די רייהערס (די נעפּטו־

ניסטען), איז אביסעל אונקלאהר. אבער מיר וועלען דאך פרובירען דאס צו ערקלעהרען.

געטהע, ווי מיר ווייסען, איז געוועזן שרעקליך אויפגעבראכט אויף דער אנגענומענער פלוטאנישער טהעארי.

די גרייפען און די מוראשקעס, שטעלען פאר די יעניגע וועלכע כאפען זיך גלייך אן אין יעדער איינער טהעארי, און זיי גלויבען אז די גייסטיגע אוצרות זענען אזוי טהייער און ניצליך, אז זיי איילען זיך זיי צוזייפצוּנעהמען. די פיגמעיען און דאקטיליען זענען די מאסען סטודענטען און גלאט צוהערער, וועלכע קענען זיך נישט באפרייען פון די קעטען פון די נייע טהעאריען; וועלכע געפינען זיך, אליין נישט וויסענדיג ווי אזוי, אונטער דעם איינפלוס פון דער דאזיגער אויטאריטעט, און ווערען אונטערטהעניג, גענען זייער אייגענעם ווילען. די עלטערע פיגמעיען און דער הויפט קאמאנדיר, זענען, נאטירליך, די הערשער, וועלכע הייסען אומברענגען די רייהערם, וועלכע זענען וואסער־פויגלען כדי די פיגמעיען זאלען זיי באציהרען מיט זייערע פעדערען.

146. פיגמעיען.

פיגמעיען, זענען אזעלכע קארליקלעך קליינינקע מענשעלעך.

147. דאקטילען.

געוועהנליך איז דאקטיל אזא פערזענמאס; אויך א פינגער. דא געמיינט אזעלכע קארליקלעך ווי א פינגער די גרוים.

148. הויפט־קאמאנדיר און רהייערס.

זעה ערקלעהרונג 145.

149. איביקוס׳ם קראניכען.

איביקוס איז געוועזן א גריכישער לירישער דיכטער,

וועלכער האט געלעבט אין זעקסטען יאהרהונדערט פאר קריסט. און איז געווען זעהר באליעבט ביים פאלק.

פאלגענדעס ווערט דערצעהלט וועגען איביקוס'ס קראניכען:

איביקוס, געהענדיג צו די אלימפּישע אונטערהאלטונגען (אזעלכע העלדישע שפּיעלען), איז ער פון רויבער געה'רג'עט געווארען אין א וואלד געווידמעט נעפּטונ'ען, נעבען קארינטה. איידער ער האט זיין לעצטען אטהעם אויסגעהויכט, האט ער דערזעהן א מאסע קראניכען פליהענדיג איבער'ן וואלד, האט ער געשריגען זיי זאלען אין זיין נאמען דערצעהלען פון זיין אומגליק. מען האט דעם קערפּער געפונען, געבראכט אין דעם שפּיעל־פּלאץ, און דאס פאלק האט טיעף באטרויערט זיין פארלוירענעם ליעבלינגס־דיכטער. אין מיטען דער טרויעריגער שטילקייט וואס האט געהערשט אין אמפי טהעאטער, האט מען דערזעהן פליהען א מאסע קראניכען, און אימיצער האט אויסגעשריגען מיט שפּאט: „אט זענען איביקוס'ס קראניכען!" מען האט גלייך אויסגעפונען דעם וואס האט אויסגעשריגען, וועלכער איז געווען איינער פון איביקוס'ס מערדער ווי אויך זיינע מיטשולדיגע, וועלכע זענען געקומען זעהן די אלימפּישע שפּיעלע, און מען האט זיי גלייך הינגעריכטעט. די קראניכען האבען זיך, הייסט עס, נוקם געווען אין איביקוס'ס מערדער.

געטהע מאכט דא אן אנשפּיעלונג, ווי ער האט זיך אליין אויסגעדריקט, אז „עס וועט נאך אויפשטעהן א יונגער מענש, א זשעני, וועלכער וועט האבען דעם מוטה איבערצוקעהרען די משוג'ענע (פּלוטאניסטישע) טהעאריע.

מאנכע דענקען, אז דאס איז אויך אן אנשפּיעלונג אויף דעם וועהטאג וואס ער האט געפיהלט, דורך דעם פארלוסט פון זיין טהייערען פריינד שיללער.

„פון די פעט־בויך, קרום־שעלמעס" —

אזוי זעהען אויס, לויט די מעשה'לעך, די פּיגמעיען און דאקטילען.

150. מעפיסטאפעלעס (אויף דער ענדע).

דאס ווידער־ערשיינען פון מעפיסטא׳ן איז ווידער אן אטאקע אויף די פלוטאניסטען. געטהע אליין האט געזאגט: „אפילו דער טייפעל, וועלכער זוכט בלויז דאס מיאוס׳ע, דאס אבשטויסענדע, דאס וואולגארע, אנטלויפט דאך פון אייער העסליכער פייערוועלט, אפילו ער איז דאך אויף אזא פלאץ ניט זיכער, און לויבט זיין זיכערען בראקען, וועלכער איז טויזענדער יאהרען אלט, מיט דעם אוראלטען, עבּיגען אילזענשטיין, היינריך־הויכקייט, די שנארכער און עלענד: ער ציהט מעהר פאר אזא מין פלאץ איידער אייער זודיגע ערד.“

די דערמאנטע נעמען זענען וואונדער־שעהנע געגענדען אין די הארצבערג.

היינע האט אין זיינע „רייזע־בילדער“ אם שעהנסטען געשילדערט די דאזיגע געגענדען.

151. לאמיען.

לאמיא, די טאכטער פון בעלום און ליביא, אין וועמען יופיטער איז געווען פארליעבט, איז פון דער אייפערזיכטיגער יונא (יופיטער׳ס ווייב, פון וועמען ער האט נעבעך געהאט אבגעשניטענע יאהרען) פארוואנדעלט געווארען אין א מיאוס׳ער קינדער־פרעסערישער פארזעהעניש. פון איהר שטאמען דאס די לאמיען. אויך קענען זיי זיך פערוואנדלען אין מעהרערע געשטאלטען. (גריכ. און מיטעלאלטערליכע מיטה.)

מעפיסטא, דערמאנענדיג זיך אין די טהעסאלישע מכשפות, וואס האמונקולוס האט איהם צוגעזאגט, יאגט זיי נאך, ווייל ער איז מיט זיי מעהר אדער ווייניגער באקאנט, אבער אפילו אזעלכע מיאוס׳קייטען ווי זיי, ווילען מיט איהם נישט האבען וואס צו טהון, און מאכען חוזק פון איהם. ד. ה. דאס ראמאנטיש מיאוס׳ע איז אזוי אבשטויסענדיג, אז אפילו דאס קלאיש מיאוס׳ע קען עס נישט פארטראגען.

די וויסענשאפטליכע סאטירע איז איבערגעריסען, אבער זי וועט זיך באלד ווידער צוריקקעהרען.

איך געברויך דאס ווארט „לודער“, ווייל עס כאראקטעריזירט אם בעסטען אזעלכע בחור׳טעס ווי די לאמיען.

152. עמפוזע.

ע מ פ ו ז ע האט געהאט איין פוס מיט אן עזעל־קאפיטע, און כאטש זי האט זיך נישט געקענט אזוי פערוואנדלען ווי די לאמיען, האט זי זיי אבער איבערגעשטיגען אין העסליכקייט און קאניבאלישער נאטור. (קלאסישע מיטה.)

דא זעהט מען ווי מעפיסטאפעלעס געהט פון מיאוס׳קייט צו ערגערער מיאוס׳קייט, ביז ער וועט ענדליך דערגרייכען זיין „איר־דעאל“.

153. פון ה א ר ץ ביז העלאס...

ה א ר ץ מיינט די הארץ־בערג און ה ע ל א ס — גריכענ־לאנד. די איראני איז א זעלטענע אין דער סצענע.

154. שרעקען מיך מעטאמארפאזען.

מ ע ט א מ א ר פ א ז ע הייסט אן אבסאלוטע פארוואנדלונג.

155. כאפ איך גאר א טהירזוס־שטעקען.

טהירזוס־שטעקען, איז אזא שטעקען וואס באקכוס (דער גאט פון וויין און שכירות) און באקכאנטעס פלעגען טראגען ביי א באקכוס־פעסט. דער שטעקען האט געהאט א קאפ געמאכט פון א קליינעם אנאנאס.

156. ארעאס.

א ר ע א ס, איז א נימפע, וועלכע הערשט איבער בערג און העהלען.

געטהע ברענגט זי אהער אלס דער גייסט פון אן אוראלטען בארג, געשאפען ליט דער נעפטונישער טהעאריע, און דאס וואס מעפיסטאפעלעס באגריסט זי איז עס געטהע אליין וועלכער רעדט. האמונקולוס'ס ערשיינונג איז אויך אזא ווי געטהע וואלט געוואלט ווייזען אז זיין, האמונקולוס'ס, ענטוויקלונג קען זיין נאר א נעפ־טונישע.

פ י נ ד ו ס, א בארג אין גריכענלאנד, געהייליגט צו אפאלא און די מוזען.

פ א מ פ ע י, א גרויסער רוימישער גענעראל. ער האט גע־פיהרט א שרעקליכע שלאכט געגען צ ע ז א ר ביי דעם דאזיגען בארג. (48—106 פאר קריסטוס.)

157. אנאקסאגאראס.

א נ א ק ס א ג א ר א ס איז געווען א גריכישער נאטור־פילאזאף, וועלכער האט געלעבט אין פינפטען יאהרהונדערט פאר דער יעצטיגער צייטרעכנונג. ער איז געווען א גרויסער קענער אין די אייגענשאפטען פון דער זון און לבנה. געטהע ברענגט איהם אהער, אבוואל נישט גאנץ ריכטיג, אלס פארשטעהער פון דעם וואולקאניזמוס (פלוטאניזמוס).

ט ה א ל ע ס, א גרויסער גריכישער נאטור־פילאזאף, איינער פון די „זיעבען קלוגע גריכענלאנד'ס", געלעבט אין זעקסטען יאהר־הונדערט פאר דער יעצטיגער צייטרעכנונג. ער האט גענומען דאס וואסער אלס אורשפרונג פון שאפען. געטהע ברענגט איהם אהער אלס פארשטעהער פון דעם נעפטוניזמוס.

האמונקולוס, וועלענדיג „ענטשטעהן", הערט זיך צו וואס די נאטור־פילאזאפען רעדען. נאטירליך וועט ער זיך האלטען אין טהאלעס'ן.

158. שנעל וואקסט דער בארג מיט מירמידאנען.

מ י ר מ י ד א נ ע ן, אזא אלטע גריכישע באפעלקערונג פון זעהר קליינעם וואוקס.

159. אפילו אין דער גרויסקייט איז נישטאָ געוואַלד.

דער זאַץ שטימט איין מיט געטהע'ס טהעאָרי, אַז אַלץ ענט־וויקעלט זיך לאַנגזאַם, האַרמאָניש, אָהן געוואַלט.

אַנאַקסאַגאָראַס זעהענדיג אַז האָמונקולוס האַט גרויס חשק צו ענטשטעהן, שלאָגט ער איהם גלייך פאָר צו ווערען קעניג איבער די קליינע באַרג־באַשעפענישען, דאָס הייסט מיט איין קלאַפּ, נישט דורך לאַנגזאַמער ענטוויקלונג, וועט האָמונקולוס דערגרייכען דאָס וואָס ער וויל.

טהאַלעס אָבער באַהויפּטעט, אַז איביקוס'ס קראַניכען, (די קראַפט פון אויבען), וועט פאַרניכטען די קליינינקע באַרג־באַוווי־נער.

ע אַ ל י ש, שטאַמט פון וואָרט ע אַ ל, דער גאָט פון די ווינטען. (גריכ. מיטה.)

160. דיאַנאַ, לונאַ, העקאַטע!

איינע און די זעלבע געטליכקייט (די לבנה), וועלכע הערשט, אַלס ה ע ק אַ ט ע, אין די טיעפענישען פון דער ערד; אַלס ד י אַ נ אַ, אויף דער ערד, און אַלס ל ו נ אַ, אויף דעם הימעל.

* * *

„איז עס אמת, אַז טהעסאַלישע פרויען."

דאָס איז אַן אַלטע גריכישע לעגענדע.

* * *

דאָס וואָס אַנאַקסאַגאָראַס זעהט, איז וואַהרשיינליך, דאָס אַרונטערפאַלען פון אַ מעטעאָר און ער מיינט, אַז דאָס האַט איהם די לבנה דערהערט זיין געבעט. טהאַלעס און האָמונקולוס לאָזען איהם איבער מיט זיינע נאַרישקייטען און געהען אַוועק צו זייער באַליעבטען עלעמענט, דאָס וואַסער.

161. האָט דאָס באַרג־געבוי צושטאַנד געבראַכט.

געטהע לאַכט דאַ, אין דער זעלבער צייט, אָפּ פון דער טהעאָרי פון שאַפונג פון א ו י ב ע ן.

דאַ ענדיגט זיך די זאַגענאַנטע וויסענשאַפטליכע אַלעגאָרישע סאַטירע, און מיר געהען ווייטער אַריין אין דער עסטהעטישער וועלט.

162. די פּאַרקיאַדען.

די פּאַרקיאַדען זענען געווען די דריי טעכטער פון פּאַרקים (פינסטערניש) און קעטאַ (דער אַבגרונד). זיי ווערען פאַרגעשטעלט אַלס דאָס העסליכסטע וואָס די גריכישע פאַנטאַזי האָט געקענט שאַפען. אַלע דריי האָבען געהאַט בלויז איין אויג און איין צאָהן, מיט וועלכע זיי האָבען זיך באַדיענט, און גע־וואוינט האָבען זיי אין דעם טיעפסטען אַבגרונד פון דער ערד און קיין שטראַהל פון דער זון אָדער לבנה האָט זיי נישט געקענט דערגרייכען. דערמיט דערגרייכט מעפיסטאָפעלעס זיין „אידעאַל“ פון העסליכקייט, און איבערהויפּט איז ער צופריעדען דערמיט וואָס ער האָט געפונען עטוואָס העסליכערעס פון זיך, ווייל די ראָמאַנ־טישע קונסט פלעגט איהם פאַרשטעלען אַלס די העסליכסטע באַ־שעפעניש. מיט דעם דאָזיגען אוצר פון מיאוס'קייט פאַרשווינדט ער, אום נאָך אַמאָל צו ערשיינען אין זיין נייער פאָרם (אַלס פּאַרקיאַס) אין דער העלענאַ וועלט.

163. פאַר אַפּס און רהעאַ טיעף זיך שוין פאַרנייגט.

אַפּס איז ביי די רוימער געווען די געטין פון הרחבה. רהעאַ, ביי די גריכען, די פרוי פון סאַטורן און די מאַמע פון דעם געטער געזינדעל.

164. די טייפעל אין גיהנום צו דערשרעקען.

זיי זיינען אַזוי מיאוס די פּאַרקיאַדען, אַז אפילו די ראָמאַנ־טישע טייוואָלים וועלען זיך דערשרעקען.

165. פעלזען־בוכטען פון עגעאישען ים.

מיט דער סצענע ענדיגען זיך די דריי אַבטהיילונגען, אין וועלכע די וואַלפּורגיס נאַכט איז איינגעטהיילט.

1) די אבטהיילונג פון דעם שעהנעם פון דעם העסליכען, און טהיילט אב די פארשיעדענע וועגען פון מעפיסטאפעלעס און פאוסט, וועלכער געהט אויסבעטען העלענא'ן פון די שאטנעס פון דער אונטערוועלט.

2) דא ווערט אריינגעפיהרט דער קאמפף פון די צוויי וועלט־שעפפונגס טהעאריען, די פלוטאנישע און נעפטונישע, און באַשטימט דעם גאנג פון האמונקולוס'ם וועג צו ענטשטעהן, און פאר־בינדט זיך מיט דעם נעפטונישען טהאלעס. די כצענע שליעסט זיך מיט מעפיסטא'ס דערגרייכען זיין אידעאל פון העסליכקייט.

3) דער ענטוויקלונגס־פראצעס פון דער שעהנקייט ענטוויק־לונג ווערט ווייטער אריינגעפיהרט אלץ ווייטער און העכער; אבער האמונקולוס פארנעמט דא כמעט דעם גאנצען אויבען־אן. אויך וועט דער לעזער באמערקען אז די גאנצע סצענע איז א נעפטונישע, זי באלאנגט אין גאנצען צום ים, און ים ערשיינונגען.

נערייידען און טריטאנען. די ערשטע, גע־טינען, און די צווייטע, געטער פון ים. זיי ווערען פארגעשטעלט אלס האלב־מענש און האלב־פיש.

166. צו סאמאטראצע זענען זיי.

סאמאטראצע איז אן אינזעל ביים טהעסאלישען ברעג. די קאבירען זענען געווען דריי געטער צו וועלכע די עגיפטער און פלשתים האבען געדיענט. א טעמפעל איז דערנאך פאר זיי אויפגעבייט געווארען אויף דער סאמאטראצע אינזעל, צו־געבענדיג זיי דריי געטינען, און אלע האבען געדיענט די דאזיגע „סודות'דיגע" געטער און עטינען, דורך שרעקליכע אויסגעלאסע־נע צערעמאניעס. מאנכע שרייבער דענקען אז די צאהל פון די קאבירען איז געווען אכט.

167. איך וואלט געפיהרט דיך גערן צום אלטען נערעאוס.

נערעאוס איז א ים־גאט. דער טאטע פון די דארידען און נערייידען.

נערעאום וויל האמונקולום'ן קיין עצה נישט געבען, ווייל האָ־מונקולום מוז אנהויבען זיך צו ענטוויקלען פון די ניעדעריגע פאָר־מען פון לעבען.

168. ווי האָב איך פּאַריז פּאַטערליך געוואָרענט.

עס הייסט אַז נערעאום האָט פאָראויסגעזעהן די צרות וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דעם וואָס פּ א ר י ז האָט צוגענומען ה ע ל ע נ אַ'ן.

* * *

צ י ר צ ע איז געווען, לויט דער לעגענדע, אַ באַריהמטע כשוף־מאַכערין, וועלכע האָט דורך אַזאַ מין געטראַנק געהאַלטען א ו ל י ס'ן נעבען זיך אויף דער אינזעל וואו זי האָט געוואוינט.

* * *

די צ י ק ל אָ פּ ע ן זענען געווען, לויט דער פאַבעל, אונ־געהייערע ריעזען, וועלכע האָבען געהאַט איין אויג אין מיטען שטערן.

169. אין פאַרבענשפּיעל פון ווענוס'ס פּערל־וואָגען,
קומט גאַלאַטעאַ, די שעהנסטע יעצט, געטראָגען.

ג אַ ל אַ ט ע אַ, וועלכע איז די שעהנסטע טאָכטער נערע־אום'ס, פאַרנעמט די שטעלע פון, דער שוים געבוירענער, ציפּרים (ווענוס), וועלכע איז אַרויף אויף דעם אָלימפּוס. ווענוס איז פאָר־עהרט געוואָרען אַלס געטין אויף דעם אינזעל ציפּרים אין פּאַפאָס. דערפאַר הייסט זי דאָ ציפּרים.

פּ ר אָ ט ע א ו ס איז דער זוהן פון נעפּטון, וועלכער האָט איהם געגעבען די קראַפט פון נביאות. לויט דער לעגענדע פלעגט מען איהם קומען פרעגען עצות, און אום דאָס אויסצומיידען פלעגט ער זיך פאַרוואַנדלען אין פאַרשיעדענע געשטאַלטען. ער ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס גוטהערציגער און זעהר נייגעריגער.

170. כעלאָנע'ס ריעזען שילד דאָ.

כ ע ל אָ נ ע איז דער נאָמען פון א נימפע, וועלכע איז פון יופיטער (צעאוס) פארוואנדעלט געווארען אין א ריעזיגער טשאַ־רעפּאַכע. מיט דער שאָלאכץ פון דער דאָזיגער טשארעפּאכע באַ־דיענען זיך די קאבירען אלס א שיף.

171. דאָך אַלע נאָך נישט פאַרטיג.

די קאבירען ווערען אויך פארגעשטעלט אלס די פארקעפּערונג פון די זיעבען פלאנעטען און דער אכטער אלס די זון.

172. ווי שלעכטע ערד'נע טעפּ.

האָמונקולעס' באַמערקונג איז א סאטירע אויף די ארכעאָלאָ־גען, וועלכע ברעכען זיך די קעפּ געגען אויסצוגעפינען ווער און וואס די קאבירען זענען.

173. עס פעהלט איהם נישט קיין גייסט'גע אייגענשאַפטען.

ד י שורה און די צווייטע, דענקען מאַנכע קאָמענטאַטאָרס, זע־נען געטהע'ס אייגענע אונבאַהאָלפענקייט, ווייל זעהר אָפט איז איהם שווער געווען צו באַשטימען אויב א געוויסער איינפאַל קען פּאָע־טיש געברויכט ווערען. דער לעזער ווידער קען זיך דערפון דרינ־גען וואס ער אליין וויל, ווייל דער געדאנק אין די צוויי שורות איז אזוי טיעפזיניג אז יעדער קען דרינגען פון איהם וואס ער וויל.

174. מיט קליינס אין אָנהויב פאַנגט מען אָן.

ד. ה. האָמונקולוס וועט מוזען אָנהויבען פון דער קלענסטער ערשיינונג אין די באַשעפענישען, דורכגעהן דורך דער גאנצער ענט־וויקלונגס פעריאָדע פון די חיות ביז ער וועט ענדליך ווערען א מענש.

175. טעלכינס פון רהאָדעס.

די טעלכינס פון רהאָדעס, וועלכע מען האט גערופען די זיהן פון דער זוי, זענען געווען די ערשטע מעטאל־ארבייטער. זיי האבען דאס געמאכט נעפטונ׳ס דריי שפיציגען סצעפטער, און האבען די ערשטע געגאסען אין בראָנז די געטער־געשטאלטען. זייער ערשיינונג זאָגט אַז דאָס אַנקומען פון דער גריכישער קונסט.

176. דאָרט שטייגט איהם אַן עביגער פּעאַן אַרויס.

פּעאַן מיינט דאַ דער זון־גאָט אַפּאָלאָ; אויך אַ פריידענס־געזאַנג.

177. פּסילען און מאַרסען.

די פּסילען און די מאַרסען זענען געווען שלאַנגען־צויבערער פון זייער איטאליען. געטהע מאַכט זיי דאַ אלס די היטער פון ציפּרים׳עס וואָגען אין וועלכען זיי ברענגען גאַלאַטעאַן, „אונזיכטבאַר דעם נייעם געשלעכט“, נישט מורא האַבענדיג פאַר דעם רוימישען אַדלער, פאַר דעם באַפליגעלטען אַדלער פון ווענעדיג, פאַר דער האַלבע לבנה פון די אַריענטאַלען, און פאַר דעם צלם פון די קרייץ־צוג העלדען. אַן אַנדער קאָמענטאַטאָר וויעדער זעהט אין זיי אַ סימבאָל פון מיאוס׳קייטען (די שלאַנגען) פאַרניכטער און אויפהאַלטער פון שעהנקייט. מיט איין וואָרט, זיי זענען אַ טהייל פון די יעניגע וועלכע נעהמען אַנטהייל אין דער שעהנקייטס־פּראָצעסיאָן.

די דאָרידען בעטען ביי זייער פאָטער, די „אינגלעך“ (די אויבענדערמאָנטע) אונשטערבליך צו מאַכען, אָבער דאָס קען נאָר יופּיטער.

178. (גאַלאַטעאַ דערנעהנטערט זיך אויף דעם פּערל־וואָגען.)

גאַלאַטעאַ, די שעהנע נערריידע, פאַרנעהמט דאַ דאָס פּלאַץ פון העלענאַ, ווי האָמונקולוס דאָס פּלאַץ פון פאַוסט. זי איז די אידעאַלע שעהנקייט, די ים געבוירענע נאָכפאָלגערין פון ווענוס־אפראָדיטע.

179. וואָס פּלאָמט אַרום ביי גאַלאַטעאַ'ס פּערל־וואָגען?

האָמונקולוס דערזעהט מיט אמאל דעם אַנהויב און די פאַר־קאָמענדע רעזולטאַטען פון עקזיסטענץ. אַרום איהם איז לויטער שעהנקייט: זיין גלעזערנע תפיסה בליצט אויף לייכטענדיג און ציטערט פון זיין ליידענשאַפטליכען פאַרלאַנג צו ענטשטעהן, און לאַשצעט זיך אַרום גאַלאַטעאַ'ס פיס. די כוואַליעס אַרום דעם פּערל־וואָגען זענען פאַרגאָסען מיט ליכט; ער הויבט אָן דאָס לעבען פון ים, דורך וועלכען ער וועט שפּעטער דערגרייכען צום מ ע נ ש.

180. דאָן הערשען זאָל עראָס. וואָס האָט אַלץ אָנגעפאַנגען.

מיט דעם סירענען ליעב־געזאַנג צו עראָס (דער גאָט פון ליע־בע, וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס דער אַנהויבער פון אַלץ וואָס לעבט) ענדיגט זיך די אַלעגאָרישע ערשיינונג, און האָמונקולוס'ס וועג פאַר זיין ענטשטעהונג איז געעפענט. זאַרגען וועלען שוין דער־פאַר די פיער עלעמענטען: פייער, וואַסער, לופט און ערד.

181. דריטער אַקט.

ענדליך האָבען מיר, מיט דער ערשיינונג פון ה ע ל ע נ אַ, דערגרייכט צו דער העכסטער עסטעטישער ענטוויקלונג, דורך וועל־כער פ אַ ו ס ט איז דורכגעגאַנגען זייט זיין פאַרשווינדען אין פאָריגען אַקט.

די אַלעגאָרישע זייט פון דעם אַקט איז די פאַרבינדונג פון די צוויי שטרייטענדע שולען די ק ל אַ ס י ש ע און ר אָ מ אַ נ־ט י ש ע.

די ערשיינונג פון ה ע ל ע נ אַ איז געשילדערט אין עכט־קלאַסישע גריכישע פערזען, ווי אויך די גאַנצע פאָרם בלייבט גריכיש־קלאַסיש.

דער לעזער וועט דעם אַקט לעזען זעהר פאַרזיכטיג, ווייל דער אינהאַלט איז נישט פּאָפּולער פאַר אידען, און פון דעם וואָס דער

לעזער ווייסט שוין פון די פאריגע ערקלעהרונגען, ווי אויך מיט די ווייטערע, וועט דער אקט ווערען גאנץ פארשטענדליך.

* * *

פאסעידאן, דער גריכישער נאמען פאר נעפטון.

איראס, דער זיד־וועסטליכער ווינד.

ציטערע'ס טעמפעל, אויף דעם אינזעל ציטערע איז געווען א וועגוס טעמפעל.

אין דער סצענע, ביז צו דער ערשיינונג פון פאוסט, ווערט געשילדערט העלענא'ס צוריקקעהר צו איהר הויז, נאך דעם ווי מענעלאס האט דורך איהר צושטערט טראיא.

182. כאר.

דאס כאר איז צענויפגעשטעלט פון צוועלף טראיאנער מיידלעך וועלכע באגלייטען העלענא'ן. אזעלכע כארען געפינט מען כמעט אין אלע גריכיש־קלאסישע טראגעדיעס.

183. אבער ווען נאר אין איראטאס.

איראטא, א שטראם ביי ספארטא.

184. וואו לאקעדעמאן.

לאקעדעמאן איז די הויפטשטאדט פון לאקאניען אדער ספארטא.

185. ...סטיגישע געטער.

די סטיגישע געטער האבען באלאנגט צו דער אונטערערדישער וועלט, פון דעם גריכישען גיהנום.

186. טהאלאמאס.

טהאלאמאס איז דאס שלאפצימער, אדער דאס עהע־בעט אליין.

187. כאָר.

איך וויל דעם לעזער אויפמערקזאם מאכען אויף דער וואונ־דערבארער געניאלער שילדערונג פון דעם בראנד און אונטערגאנג טראיאס, וואס דאס כאָר שילדערט.

א י ל י א ז, אן אנדער נאמען פאר טראיא.

188. פון די גראַיען געקומען.

די ג ר א י ע ן זענען די פארקיאדען.

* * *

פ ע ב ו ס, דא, דער גאָט פון מענער־שעהנקייט.

189. פאַרקיאַס.

דער לעזער וועט זיך דערמאנען, אז מעפיסטאפעלעס האט זיך אין דער קלאסישער וואלפורגים־נאכט, פארוואנדעלט אין א פאר־קיאד, און אלס דער פארניינונגס־גייסט ערשיינט ער דא, אין א סארקאסטישען טאָן אבצושפעטען פון ש ע ה נ ק י י ט, און זי אבצושרעקען מיט פארניכטונג. אבער ער בלייבט דער זעלבער גע־הארכזאמער, אונטערטהעניגער גייסט פון פאוסט.

* * *

א ר ק ו ס איז דער גריכישער מלאך המות, וועלכער וואוינט אין האדעס (גיהנום).

* * *

מ ע נ א ד י ש, באקכאנטיש.

190. פון פאָטער ע ר ע ב ו ס דערצעהל...

ע ר ע ב ו ס און נ י ק ה ס (נאכט) זענען די קינדער פון כאאס. ערעבוס איז אויך א שוידערהאפטע פינסטערע געגענד, אונ־טער דעם גיהנום.

191. די דערצעהלט פון סצילא...

ס צ י ל ל א איז געווען א האפקענדיגער, שרעקליכער מאנ־סטער, וועלכער פלעגט פארניכטען שיפען.

192. טירעזיאס, דעם אלטען...

ט י ר ע ז י א ס, איז געווען אן אלטער בלינדער באריהמ־טער „זעהער" (אדער נביא) פון טהעבע, וועלכער האט פאראויס־געזאגט עדיפוס'ס אומגליק.

193. אריאנס אם...

א ר י א ן איז געווען א באריהמטער יעגער, וועמען דיאנא האט אויס כעס פארוואנדעלט אין א שטערנבילד.

דא, בילדליך געמיינט פארצושטעלען די העכסטע עלטער, וויל פארקיאס איז די עלטער־עלטערבאבע פון אריאן'ס אם.

194. הארפיען, דאכט מיר...

ד י ה א ר פ י ע ן זענען געווען דריי מענשענפרעסערישע מאנסטער. זיי ווערן פארגעשטעלט מיט דעם קאפ פון א פרוי, דעם קערפער פון אן אדלער און שרעקליך גרויסע שארפע קראלען.

195. און פארשפארט מיך אין אפידנוס'ס פעסטונג אין אטיקא.

א פ י ד נ ו ס איז געווען א פריינד פון טהעזעאוס. א ט־ט י ק א א געגענד פון אלטען גריכענלאנד, מיט דער באריהמטער הויפטשטאדט אטהענא.

196. האב פאטראקלוס איך, דאס עבענבילד פון פעלידען.

פאטראקלוס איז געווען א גריכישער העלד און א פריינד פון אכילעאוס.

197. הערמיאָנע.

הערמיאָנע איז געווען די איינציגע טאָכטער פון מענעלאַס און העלענאַ, וועלכע, ירש'ענענדיג דער מוטער'ס שעהנקייט האָט אויך אָנגעמאַכט געגוג צרות.

198. איך האָב אַלס גייסט צו איהם, דעם גייסט, פאַרבונדען מיך.

לויט דער לעגענדע איז העלענאַ'ס גייסט נאָר געווען אין טראָיא, וועהרענד זי אַליין איז געווען אין עגיפּטען און חתונה געהאַט מיט דעם גייסט פון אַכילעאוס, אום צענויפצופאַרען די שעהנסטע געשטאַלטען פון מאַן און פרוי.

די אַלעגאָרישע זייט פון איהר חלש'ן, קען מען אויסטייטשען דאָס שיינבאַרע אָבשטאַרבען פון דער קלאַסישער קונסט, פאַר דער ר ע נ ע ס אַ נ ס פון דעם מיטעלאַלטער, אָבער זי ערוואַכט צוריק און פאַרבינדט זיך מיט דער ראָמאַנטישער שולע.

199. דריי־קעפּיגען הונד'ס געביס.

דער דריי־קעפּיגער הונד האָט געהייסען צ ע ר ב ע ר ו ס און האָט געהיט פאַר דער טהיר פון דעם גריכישען גיהנום.

200. דאָס מיינט מען דיך.

לויט דער לעגענדע האָט מענעלאַס געוואָלט ברענגען העלע־נאַ'ן פאַר אַ קרבן, אָבער ער איז פון איהר שעהנקייט באַזיעגט געוואָרען און ער האָט דאָס שווערט אַוועקגעוואָרפען. אַנדערע ווער־דער ערצעהלען אַז ער האָט זי יאָ דער'הרג'עט.

געטהע געברויכט די דאָזיגע שילדערונג אום צו ברענגען הע־לענאַ'ן פון דעם קלאַסישען אויף דעם ראָמאַנטישען באָדען.

פאָרקיאַס אַמוזירט זיך אויף אַ בייזוויליגען אופן מיט דער שרעק פון דעם כאָר: דאָס ברענגען פון די קאָרליקעס איז נישט מעהר ווי אַ בייזער שפּאַס, אָבער ווי געזאָגט, מעפיסטאָ מוז זיך בויגען פאַר פאוסט'ס ווילען, און בלייבט אונשעדליך.

201. ווי אין פויגעלפאַנג די דראָסעלס.

ד ר א ס ע ל איז אזא מין טונקעל בלויער זינג־פויגעל. אין דייטש „דראָססעלן" מיינט אויך דערווארגען. דערפאר קומט אויס דער זאץ שטאַרקער אין אָריגינאַל.

202. ביי דער זייט טאַיגעטאַ.

טאַיגעטא איז א בארג נעבען ספארטא.

203. נישט רויבער זענ'ן עס, דאָך איינער איז דער הויפּטמאַן.

דאַ הייבט מען שוין אַן פיהלען דאָס דערנעהנטערן זיך פון דעם „ראַמאַנטישען באַדען". אַלץ ווערט לוסטיגער, ליכטיגער, אַלץ אָטהעמט פרייער און אין קורצען וועלען מיר אין גאַנצען איבערגעהען צו דער ענדליכער פאַרבינדונג פון דער קלאַסישער מיט דער ראָמאַנטישער שולע.

204. ציקלאָפּען ווי ציקלאָפּיש.

דער לעזער ווייסט שוין אז די ציקלאפּען זענען געווען א ראַסע פון ריזען מיט איין אויג אין שטערן. דאַ ווערט געמיינט גראָב, רויה, אונגעהובעלט.

205. די זיעבען דאָרט פאַר טהעבע'ן האָב'ן געטראָגען בילדער.

די זיעבען העלדען וועלכע האבען זיך געשלאָגען מיט דעם קעניג עטיאָלקע פין טהעבע, האָבענדיג דעם קעניג'ס אייגענעם ברודער, פּאָליניצע, אַלס הויפּט־פיהרער.ביידע בריעדער האבען זיך באַגעגענט און זיך דער'הרג'עט. (גריכ. מיטה.)

* * *

א י א ק ס, זענען געווען צוויי גריכישע העלדען וועלכע האבען געקעמפּפט ביי טראַיא.

206. ווי ער האָט דיין דייפאָבוס.

ד י י פ אָ ב ו ס האָט נאָך זיין ברודער'ס טויט חתונה גע־האַט מיט העלענאַ'ן, אָבער נאָכדעם ווי מענעלאַס האָט צעשטערט טראָיאַ האָט ער איהם דער'הרג'עט.

207. אונצוטהיילבאַר איז די שעהנקייט.

דער היסטאָרישער כאַראַקטער ווערט דאָ קלאָהר און דייטליך אויסגעדריקט: אויב מיר ווילען באַזיצען די קלאַסישע שעהנקייט ווילען מיר זי גאַנץ, אַזוי ווי זי שטעהט און געהט אָהן ענדערונ־גען, און דאָס וועט אויך זיין העלענאַ'ס שיקזאַל; פאָלשטענדיג אין גלאַנץ און פראַכט פון קלאַסישער שעהנקייט.

208. הערמעס פאָרוים.

דער לעזער וועט זיך ערינערן אַז הערמעס איז דער נאָמען פון מ ע ר ק ו ר, דער גאָט פון סוחר'עריי און פון גנבים, רויבער א. ז. וו. דאָס כאָר שרעקט זיך דאָ טאָמער האָט מענעלאַס גע־שיקט מערקור'ן זיי צוריקצוברענגען קיין ספּאַרטאַ.

209*) אינערליכער פעסטונגס־הויף, אַרומגערינגעלט מיט פאַנטאַסטישע געבוידעס פון מיטעלאַלטער.

דער איבערגאַנג פון צייט און פּלאַץ; פון דעם קלאַסישען באָדען צו דעם גאָטהישען, איז אַזוי מייסטערהאַפט דורכגעפיהרט און די ענדערונג קימט אַזוי וואונדערבאַר אונערוואַרטעט, אַז מיר שטוינען און שטעהען פאַר אַ צייט ווי צעמישט פון דער פּלעצ־ליכער שטימונג, ביז ענדליך מיר קומען צו זיך און געפינען זיך אין דער מיטעלאַלטערליכער גאָטהישער אומגעבונג, און דערזעהען אַז אונטערוועלט מיט שעהנע, ליעבליכע בלאָנדע שעהנקייטען.

די סטראַטעגיק אין וועלכער העלענאַ מיט איהר כאָר געפינען זיך, איז דער סימבאָל ווי איינער פון די בעסטע קאָמענטאַ־טאָרס דריקט זיך אויס: ווען די קלאַסישע קונסט מיט

איהר אידעאל פון שעהנקייט איז ערשיענען אין דער מערב־זייט פון אייראפא, האט זי די וועלט געפונען איינגעהילט אין קירכען־פינסטערניש און מאנאכען־נעבעל, באדעקט מיט דעם שימעל פון מאנאכען שטיבלעך. נאטירליך האט זיך די טאכטער פון גריכענלאנד, וועלכע געוואוינט צו נאטור פרייהייט, שלעכט געפיהלט אין אזא פארפעסטעטער אומגעבונג. אבער גלייך ערשיינט די אויפבליהענדע רענעסאנס און העלענא ווערט אויפגענומען מיט דעם כבוד וואס עס קומט איהר.

(**209. וועלכער, דורך זיין שולד, האט גערויבט מיין פליכט.

פאוסט, ווי מיר באמערקען, רעדט דא מעהר ווי א העלד, און די כארפיהרערין שטימט איין מיט פארקיאס אז ער איז פיעל שעהנער ווי מאנכע גריכישע העלדען. אבער ער איז נאך נישט דער ריכטיגער פאוסט, נאר דער נייער עלעמענט אין ליטעראטור און קונסט, אבער אויך אזוי פיעל ענטוויקעלט אז ער דערקענט דעם אידעאל פון שעהנקייט, אין דער הויכער עסטעטישער גריכישער קולטור. ערשט ביי דער ענדע פון דעם אקט ווערט פאוסט וויעדער אמאל דערווירקליכער העלד פון דער דראמא.

לינצעאוס דער וועכטער (וועמען די לעזער קענען שוין) וועלכער ווערט פון פאוסט געבראכט צו העלענא׳ס פיס געשלאסען אין קעטען, שטעלט מיט זיך פאר די געוועהנליכע פאלקס־זינגער, די דיכטער פון ליעבע, וועלכע מיט זייער גאנצער קראפט פון שארפען בליק, האבען דאך נישט געזעהן די אמת׳ע קונסט, אבהאלטענדיג זי פון קומען, און די קאסטענס גאלד און ציערונג וואס ער ברענגט איז די זאמלונג פון אלטערטימליכע אוצרות, אין וועלכער דאס מיטעלאלטער האט זיך געפוצט, בלינד צו די העכערע אוצרות וועלכע זענען ארויסגעבראכט געווארען צום לעבען, מיט דער ווייטערער, פיינערער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ראסע.

מיט לינצעאים דעם טורמוועכטער פאנגט אן דער מאדערנער

פערזען מאס און פארם, אבער די קלאסישע געשטאלטען בלייבען בײ זייער געוועהנליכער ארט רעדען.

210. פלוצלונג געהט די זון אויף איינמאל וואונדערבאר אין דרום אויף.

דא ווערט געמיינט די רענעסאנס, די אויפערשטעהונג פון קלאסישער קונסט אין איטאליענישער קונסט און ליטעראטור.

211. פון מזרח זענען מיר געקומ'ן;

אין דער גאנצער רעדע פון לינצעאוס ווערט געשילדערט דאס עמיגרירען פון די מזרח־פעלקער, אין וועמען די גאנצע קלאסישע וועלט איז געווען באהאלטען, ביז עס איז זיי געלונגען, נאך א לאנ־גען קאמפף, צו שאפען א נייע געשטאלט פון מענשליכער קולטור. די הויפטזאך פון דער שילדערונג שיינט צו זיין, אז אלץ וואס שלאכט און קאלאניזאציאן האט אויפגעטהאן און געקראגען — לאנד, מאכט, רייכטהום א. אז. וו. — ווערט גארנישט נעבען דער דאזיגער נייער ערשיינונג. עס קען נאר דאן א ווירקליכען ווערטה האבען, ווען עס וועט געאפפערט ווערען דער ש ע ה נ ק י י ט, וועלכע איז די קרוין פון אמת'ער ציוויליזאציאן.

212. אן אנדערס קומט, דאס ערשטע זאנפט צו לאשצען.

עס איז וואינדערבאר צו באמערקען ווי די ראמאנטישע און די קלאסישע קונסט פארשמעלצען זיך איינע אין די אנדערע, און די מתנות זענען נישט אין גאנצען איינזייטיג: דער ראמאנטישער פאוסט נעהמט אויף מיט עהרפורכט און פארגעטערונג די קלאסישע העלענא, אבער ער זעצט צו די מוזיק פון ריים צו דער פראפארציע פון מעטער (זילבען־מאס).

עס איז ווערטה צו באמערקען ווי העלענא לערנט זיך גראמען.

דאס אלעגארישע בילד איז אזוי רעאליסטיש געשילדערט, אז מיר פארגעסען זיך כמעט צו מיינט מען דא א סימבאל, נאר מיר

זעהען פאר זיך צוויי אמת ליעבענדע מענשען וועלכע רייסען אונז מיט מיט זייער הארציגער ליעבע. די גאנצע נשמה און קערפער פון דעם קלאסיציזמוס, ווערט פאראייניגט אין א באנד פון ריינער ליעבע, צו דעם סענטימענט, צו דער ליידענשאפט, און צו דער פרייהייט פון דער ראמאנטישער קונסט; און דאס לעצטערע, פאר־געסענדיג צייט, פלאץ און ראסע, פיהלט איין זאך; עס באזיצט דעם העכסטען אידעאל פון שעהנקייט.

213. ווער וואלט געדאכט אז אונזער פירסטין.

דאס כאר וואונדערט זיך אויף דער שנעלער פארבינדונג פון דעם קלאסישען מיט דעם ראמאנטישען. דערהוייל, אזוי ווי דאס כאר באשטעהט פון מיידלעך זאגען זיי אויס ווי די שעהנקייט באַ־הערשט אלצדינג.

אויך העלענא'ן (דעם קאסיציזמוס) גלויבט זיך קוים.

214. בוכשטאביערט אין ליעבעס־פיבלען.

דאס ערשטע ביכעל אין וועלכען א קינד אין די דייטש־רע־דענדע לענדער הויבט אן לערנען לעזען הייסט „פיעבעל“.

* * *

פארקיאס (מעפיסטאפעלעס) פארשטעהט אז פון דעם גאנ־צען ליעבעס טאראראם וועט דא (פאר איהם) קיין גוטס נישט ארויסקומען, זוכט ער די ליעבע צו צעשטערען דורך שרעק. ווארום ווי קען דאס מיטעלאלטערליכע קירכען־פינסטערניש ערלויבען דאס אויפבליהען פון קונסט? אבער די פינסטערניש האט זיך דא אנ־געטראפען מיט דער שטארקער ליכט פון דער „רענעסאנס“ און זי מוז פארשווינדען.

215. (סיגנאלען, עקספלאזיאנען א. אז. וו.)

מאנכע דענקען אז דא ווערט אנגעדייטעט אויף דער ערפינ־דונג און געברויך פון שיעספולווער פון דער ארטילעריע ביים סוף

פון מיטעלאַלטער. אויך דענקט מען אז פאַוסט שטעלט דאָ פאַר דעם העלדען־גייסט וועלכער איז אויסגעדריקט אין די מינע־זינגער און פאָלקס־זינגער אלס די פארלויפער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

216. גערמאַנער, אַ, קאַרינטהא'ס בוכטען.

ג ע ר מ א נ ע ר, דאָס זענען די דייטשען.
אַ כ א י אַ, אַ געגענד נעבען גריכענלאַנד.
נאַטה איז אַ שפּאַניער.
ע ל י ס איז אַ געגענד נעבען איטאַליען, אָדער אַ טהייל פון איהר.
פ ר א נ ק ע ן זענען די פראַנצויזען.
מ ע ס ס ע נ ע, אַ טהייל פון אַלטען גריכענלאַנד.
נ א ר מ א ן איז אַן ענגלענדער.

* * *

דאָס צעטהיילען זיך פון די לענדער ווייזט אויס, איז דאָס צעטהיילען זיך מיט קלאַסישער קונסט אַזוי אז אַלע פעלקער זאָלען פון איהר גענייסען, און הערשען איבער אַלע זאָל די קעניגין ה ע ל ע נ א.

217. דאָס לאַנד, אַ זון פאַר אַלע לענדער.

דאָס לאַנד דאָ, ווי דער לעזער וועט זעהן, איז א ר ק אַ־ ד י ע ן, אַ גריכישע פּראָווינץ, וואו די נאַטור צייגט זיך אין איינער פון איהרע וואונדערבארסטע אַנטפּלעקונגען, איינגעהיהלט אין אַ זעלטענעם קלימאַט. די דיכטער, פון דעם אַלטערטהום ביז צו די מאָדערנע צייטען, באַזינגען דאָס לאַנד און איהרע איינוואוינער די פאַסטוכער, וועלכע זיי שילדערן אלס ווייכהארציגע און פול מיט פאַעטישען צויבער.

דער סימבאָל פון דעם לאַנד פון וועלכען פאוסט רעדט איז דאָס לאַנד פון פּאָעזיע און קונסט, וואו די קעניגין העלענא הערשט ווי א געטין.

דער לעזער מעג דאָס לעזען אויפמערקזאם.

218. ווייל וואו נאַטור אין אַלע קרייזען הערשט נאָר, דאָרט גרייפ׳ן זיך אַלע וועלטען שעהן.

דער זאַץ אין אָריגינאַל איז כמעט אונאיבערזעצליך. איך האָב געטהאָן דאָס בעסטע, פאַר מיר, מעגליך.

מיט דעם זאַץ איז געמיינט, אז דאָרט וואו די נאַטור הערשט אין ריינע אונשולדיגע קרייזען, דאָרט נעהמען זיך אַלע וועלטען ארום; עס איז נישטאָ קיין אונטען און אויבען, הימעל און ערד: די געטער אַנטפּלעקען זיך דורך די מענשען, און די מענשען ווערען געטער עהנליך.

דאָס איז איינער פון די העכסטע פּאָעטישע געדאַנקען וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. דאָס איז די פאַרשמעלצונג, אזוי צו זאָגען, פון דעם מענשליכען מיט דעם געטליכען אין איין ערהאַבענער געשטאַלט.

219. איהר אויך, בערדיגע, וואָס איהר דאָרט אונטען זיצט און וואַרט.

טהאָמאס קאַרלייל, איינער פון די גרעסטע „פאַוסט“ מפרשים, דענקט אַז די „בערדיגע“ זענען טייוואַלים וועלכע זיצען אונטען און וואַרטען צו זעהען וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דעם „צוזאַמענלעבען“ פון פאַוסט און העלענאַ.

געטהע אַליין האָט באַמערקט אַז די פראַנצויזען (די בערדיגע) וועלען קאָליע מאַכען דאָס אויפפיהרען פון „העלענאַ“, ווייל די פראַנצויזישע ביהנע איז נאָך נישט געוועזן ענטוויקעלט, און דער געשמאַק פון פאָלק זעהר נישט קיין ענטוויקעלטער.

.220 ווי דער ערדען־זוהן אַנטעאוס...

אנטהעאוס איז געוועזן אַ ריעז, דער זוהן פון נ ע פּ ט ו ן און פון דער ע ר ד. ה ע ר ק ו ל ו ס. שלאָגענידג זיך מיט איהם האָט אויסגעפונען אז וויפיעל מאָל אנטעאוס שטעלט זיך אויף דער ערד באַקומט ער נייע קרעפטען, האָט ער איהם אויפגעהויבען אין דער הויך און איהם דערשטיקט. (גריכ. מיטה.)

.221 רופסט דו אַ וואונדער דאָס טאָכטער פון קרעטא?

לויט פּאַרקיאַס שילדערט דאָס ניי געבוירענע קינד פון העלענא און פאוסט, איז עס דער פּאָעטישער גייסט געבוירען פון דער קלאַסיש־ראָמאַנטישער „חתונה״.

.222 אַזוי אויך ער, דער לוסטיגער.

דער לוסטיגער איז דאָ געמיינט הערמעס (מערקור), וועלכער אַלס קינד ווערט בעטראַכט אַלס פּאָעטישער גייסט. (שפּעטער בעקאַנט אלס דער גאָט פון גנבים, סוחרים א. ז. וו.)

אַלס פּאָעטישער גייסט ערלויבט זיך דאָס קינד אַלצדינג; ער גנב׳עט צו דעם דריי־שפּיציגען סעפּטער פון נעפּטון; דאָס שווערט פון אַרעס (דער גאָט פון מלחמה), פון פעבוס דעם בויגען און פייל און פון העפעסטאָס (דער שמיעד וואולקאַן) די צוואַנגען, אפילו דעם פּאָטער׳ס בליצען וואָלט ער צוגענומען; עראָס׳ן (דער גאָט פון ליעבע) איז ער בייגעקומען אין קאַמפף; און ביי ציפּרים (איינער פון ווענוס׳ס נעמען) דעם גאַרטעל, ד. ה. פּאָעזי קען זיך אַלץ ערלויבען.

.223 איופאָריאָן.

לויט דער לעגענדע האָט פאוסט מיט העלענא׳ן געהאַט אַ זוהן, וועלכער האָט געהייסען יוסטוס פאוסט, אוןביידע פאַרשווינדען ווען דער קאָנטראַקט מיט דעם טייפעל ענדיגט זיך.

אין איינער פון די אַלטע גריכישע לעגענדען ווערט דער־

צעהלט אז העלענא וועלכע האט חתונה געהאט מיט אכילעס (צו־ריקגעבראכט פון האדעס), געבערט א זוהן, אייפאריאן (דער לייכט שוועבענדיגער) וועלכער האט פליגעל, און ווערט דערנאך דער־הרג׳עט פון יופיטער׳ס בליצען. דאס איז ער דער פאעטישער גייסט ווי שוין אנגעוויזען אין ערקל. 221.

ווי דער לעזער וועט באמערקען איז דא פארשוואונדען דער קלאסיציזמוס וועלכער ווערט פארשלונגען פון דעם ראמאנטיזמוס.

איבערצוגעבען די לייכטיגקייט פון דעם קורצען פערזענמאס און פון דער גאנצער פארם און אטמאספערע וועלכע היהלט ארום אייפאריאן, איז כמעט אונמעגליך. איך האב געטהאן דאס בעסטע וואס איך האב געקענט. זאלען קומען אנדערע און בעסער מאכען. אבער דעם לעזער וויל איך בעטען ער זאל די סצענע לעזען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט און זיין פאנטאזי וועט איהם שוין דאס איבריגע ארויסהעלפען.

224. האלט נאך פון פארשוואונד׳נעם ציעל!

וועט אייפאריאנען געלינגען נאכצושוועבען זיין ציעל? וויל צופיעל וואגט ער דער ערד־געבוירענער. דאך איז ד י וועלט צו ענג פאר דעם ניי־געבוירענעם, ד י וועלט איז צו ענג פאר איהם, און ער וועט יאגען אהין וואו די נאטור רוישט און שטורעמט פריי און אונגעשטערט, אין דארט וועט ער בלייבען, ביז עס וועט איהם אויך דארט ענג ווערען און ער וועט זיך אוועקלאזען אין די פרייע הימלען פון דער פרייער פאעזי.

225. מיטען פון פעלאפ׳ס לאנד, דער ערד און ים פארוואנדט.

פ ע ל א פ איז געוועזען א גריכישער העלד. ערמארדענדיג דעם קעניג פון ארקאדיען איז ער געווארען זיין נאכפאלגער, און אויך געווארען הער־שער איבער אן אינזעל, וואס איז דערנאך בע־קאנט געוועזען אונטער דעם נאמען פעלאפ׳ס אינזעל.

226. יעצט עפענט זיך צו רוהם דער וועג.

אייפאַריאָן ווייל נישט הערען וואָס דאָס כאָר בעט איהם, צו בלייבען אין דעם פריעדליכען לאַנד פון פּאָעזי, אַרקאַדיען. ער מוז זיין זיעג אין קאַמפּף געווינען. ווייל אַנדערש פאַרשטעהט ער נישט קיין זיעג.

227. איקאַרוס! איקאַרוס!

א י ק אַ ר ו ס איז געוועזען דער זוהן פון דעדאַלוס דער אַרכיטעקט פון דעם לאַבירינטה אויף דעם אינזעל קרעטא וואו זיי זענען דערנאָך איינגעשפּאַרט געוואָרען. איקאַרוס וועלענדיג אַנטלויפען פון דעם געפענגניש מיט'ן פאָטער האָט ער זיך געמאַכט פליגעל פון וואַקס און פעדערן און אַנגעהויבען פליהען איבער'ן וואַסער. אויפהויבענדיג זיך צו הויך, זענען די וואַקסענע פליגעל פון דער זון־היץ צוגאַנגען געוואָרען, און איקאַרוס איז אין ים אַריינגעפאַלען און דערטרונקען געוואָרען.

אין דער ליטעראַטור ווערט דער נאָמען איקאַרוס געברויכט צו באַצייכנען איינעם וועלכער וויל געהן איבער זיינע קרעפטען.

228. טרויער־געזאַנג.

לויט די בעסטע אויטאָריטעטען האָט געטהע אין אייפאַריאָן פאַרקערפּערט דעם געניאַלען ענגלישען דיכטער בייראָן. ווען געטהע האָט געשטעלט העכער פון אַלע ענגלישע פּאָעטען זייט שעקספּיער, ווייל בייראָן אַזוי ווי אייפאַריאָן, אַן אומרוהיגער קאַמפּפסלוסטיגער פּאָעטישער זשעני פאַר וועמען די גאַנצע וועלט איז צו ענג געווען, און אַזוי ווי אייפאַריאָן איז בייראָן געשטיגען, אַדער געוואָלט שטייגען איבער די מענשליכע קרעפטען און איז געשטאָרבען אַ פריהצייטיגען טויט, באַוויינט פון דער גאַנצער וועלט. ביירואָן איז געבוירען געוואָרען אין 1788, געשט. 1824. אין דעם געזאַנג פון דעם כאָר דריקט געטהע אויס זיינע געפיהלען וועגען דעם געניאַלען דיכטער'ס טויט.

229. (**העלענא'ס** קליידער צעטהיילען זיך א. ז. וו.)

פאוסט, וועלכער איז די גאנצע צייט פון „העלענא" א קינסטלער־כאראקטער, און וועלכער וויל אריינברענגען דאס קלאסישע אין דער מאדערנער קונסט, קען העלענא'ן אזוי לאנג אויפהאלטען, אזוי לאנג ווי ער גליהט מיט באגייסטערונג. אבער אזוי שנעל ווי אייפאריאן, דער פראדוקט פון זיין צוזאמענזיין מיט העלענא'ן, פארשווינדט, צעפליסט העלענא און איהם בלייבען איבער בלויז די קליידער, אן וועלכע ער האלט פעסט זיי נישט צו פארליערען; און די קליידער ווערען וואלקען און הייבען איהם אויף העכער איבער די קליינליכקייטען פון דעם אלטעגליכען לעבען און טראגען איהם אהין, אין יענע רעגיאנען פון עביגען זון־גלאנץ פון ריינער אמת'ער פאעזי.

* * *

די באמערקונג וואס פארקיאס־מעפיסטא מאכט וועגען אייפאריאן'ס קלייד און לירע איז צו דייטליך צו ברויכען ערקלערונגען.

230. נישט נאר פארדיענסט, נאר טריוהייט האלט אויף דעם מענש.

אין דעם זאץ דריקט געטהע אוים זיין גלויבען אין אונשטערבליכקייט. אבער, האט ער באהויפטעט, דער מענש קען נאר דאן עקזיסטירען אלס אינדיווידועלער אונשטערבליכער טהייל, ווען ער ווערט אליין א **גאנצער שטארקער איד** אין צייט ווען ער לעבט.

אין גייסטיגען זין איז ער זיכער גערעכט.

231. די עביג־לעבעדיגע נאטור.

דאס צעטהיילט זיך אין פיער טהיילען, ווארפען אראב פון זיך זייער מענשליכע געשטאלט און געהען אריין אין דעם לעבען פון בוימער, עכא'ס אדער וויעדערקלאנגען, טייכלעך און וויינגאר־

טענס, און אזוי באקומט די נאטור א לעבעדיגען כאראקטער מיט מענשליכע געפיהלען.

דער פערטער טהייל, די באשרייבונג פון וויינמאכען קלינגט ווי א פעסט פון דעם שירות־גאט, באקכוס.

232. (דער פארהאנג פאלט א. אז. וו.)

מאנכע מפרשים דענקען אז אין דער שילעדרונג פון דעם באקכוס־פעסט האט געטהע געוויזען די דעקאדענץ פון דער אלטער וועלט, און דאס וואס פארקיאס ווערט צוריק מעפיסטאפעלעס מיינט, אז ווען דער היסטארישער פארהאנג איז געפאלען פאר־דעקענדיג די גריכישע קולטור, איז בלויז דאס מיאוס'ע און שלעכטע איבערגעבליבען, אלס די איינציגע פארבינדונג צווישען דער אלטער און מאדערנער וועלט.

233. יעצט ווערט עס א געשטאלט!

די וואלקען (אדער געדאנקען, אידעאלען) אויף וועלכע פאוסט האט געשוועבט, נעהמען אן די געשטאלט פון העלענא, ווען זיי שוועבען אוועק פון איהם: דער אידעאל וועלכען ער האט פאר־פאלגט שוועבט אייפ'ן האריזאנט, און ער שטעהט ווידער אמאל אויף די שטיינערנע שפיץ־בערג פוןווירקליכען לעבען. אויך קלינגט זיין רעדען ווי אן עריגערונג, ווי אן עכא פון זיין איבער־לעבעניש מיט העלענא.

234. א זיבען־מיילענדיגער שטיוועל (טרעט אויף.)

פאוסט איז אזוי ווייט פארטגעשריטען (אין צייט און אין גייסט), אז מעפיסטאפעלעס מוז געברויכען די זיבען־מיילענדיגע שטיוועל פון די צייבער־מעשה'לעך אום איהם צו דערגרייכען.

די טענה וואס מעפיסטא האט, אז די צעווארפענע בערג און פעלזען, דא וואו פאוסט געפינט זיך, באלאנגט צו דער ארבייט פון

גהינם, איז עס ווידער אמאל געטהע, וועלכער קען זיך נישט צו־ריקהאלטען פון אבצולאכען פון די פלוטאניסטען.

235. אן עפענטליכער סוד, נאר גוט באהאלטען.

מיט דעם וויל מעפיסטאפעלעס באהויפטען אז די טייוואלים האבען דורכגעבראכען דעם גהינם און ער איז ווידער אמאל „דער הערשער פון דער לופט.“

פאוסט'ס ענטפער איז געטהע'ס אייגענע מיינונג וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט.

236. נאך ליגען פרעמדע שטיינער־מאסען אויף דער ערד.

אום דער לעזער זאל פארשטעהען וואס דא ווערט געמיינט מיט די פרעמדע בערג און מאסען שטיינער וואס פאוסט (געטהע) קען נישט ערקלעהרען פון וואנען זיי קומען אהער, מוז איך געבען א קורצע וויסענשאפטליכע ערקלעהרונג.

אין די פופציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, לאנג נאך געטהע'ס טויט, האט מען פעסטגעשטעלט א נייע וויסענ־שאפטליכע טהעארי, וועלכע איז היינט שוין נישט מעהר קיין טהע־ארי נאר א באשטימטער וויסענשאפטליכער פאקט, און דאס איז די א י י ז ־ ב ע ר ג ט ה ע א ר י. נעמליך, אין די גאר אלטע צייטען האט אין די בערגיגע געגענדען פון דער ערד געהערשט אן עביגער ווינטער און דורכדעם זענען ענטשטאנען אייז־בערג. טויזענדער און טויזענדער יאהרען זענען אוועק און א ווארימער קלי־מאט איז ערשיענען. דאס האט פאראורזאכט דאס צעשמעלצען פון די אייז־בערג. די אונגעהייערע שטראמען וואסער וועלכע זע־נען ענטשטאנען פון דער אייז־שמעלצונג האבען אנגעהויבען ארונ־טעריאגען מיט אזא האסטיגקייט און ריעזיגער קראפט אז זיי האָ־בען אויסגעמולטעוועט די ערד אין פארשיעדענע געגענדען און אזוי זענען ענטשטאנען טהאלען און שוין ממילא בערג, ווי אויך העכערע און ניעדריגערע לאנד־געגענדען און ערשט נאכדעם ווי דאס קלי־מאט איז אלץ ווארימער און ווארימער געווארען האבען זיך אין די

געגענדען אנגעהויבען באוויזען פלאנצונגען און לעבעדיגע באשע־פענישען.

עס קען אויך זיין אז פון דער דאזיגער „פארטריקעניש" שטאמט די מבול־לעגענד.

237. און מען ערציהט זיך נאר רעבעלען.

דאס הייסט ווען א רייכער ווערט אפילו א בעל־צדקה, האט מען איהם אויך פיינט, און דאס פאלק הויבט געוועהנליך אן רע־בעלירען געגען די געלד־מאגנאטען.

238. שלעכט און מאָדערן, סארדאנאפאל.

ס א ר ד א נ א פ א ל, איז א לעגענדארישע פיגור, וועלכער איז, לויט דער קלאסישער טראדיציע, געווען א קעניג פון אסיריען און זאל האבען געהערשט פון 836 ביז 817 פאר דער יעצטיגער צייטרעכענונג. סארדאנאפאל איז געבליבען אין דער ליטעראטור אלס דער טיפ פון אן אויסגעלאסענעם פרינץ, א פייגלינג, א שכור און א נואף.

239. צום צווייטען ים געווען ׳ז מיין אויג געצויגען.

אין דער דאזיגער שילדערונג, פון דעם קאמפף פון די עלע־מענטען, זעהען מיר ווי פאוסט׳ס שטורמיגער גייסט איז נישט צופריעדען בלויז מיט זיעגען אין געזעלשאפט, קעמפען מיט מענ־שען, ער זוכט א געפעהרליכען, פאר איהם אלץ מעהר אינטערע־סאנטען, קאמפף; דאס באזיעגען פון די עלעמענטען, וועלכע מור־זען זיך אונטערגעבען צו דעם הערשענדען מענשליכען גייסט.

240. מעהר ווי אנדערע זענ׳ן זיי געווען באטהייליגט.

אז גלחים שאפען אונרוהען און אונצופריעדענהייט, איז שטענדיג געווען געמהע׳ס איבערצייגונג.

מעפיסטאפעלעס רעגט דא פאוסט׳ן צו טהאטען, ווייל ער, מעפסיטא, פארשטעהט ניט אז דורך דעם העלפט ער פאוסט׳ן גע־

ווינען דעם ברעג ים, און אויספיהרען זיין גרויסע טהאט; פארצא־
מען דעם ים, פאוסט׳ס העכסטער, ליבענסווערטער וואונש.

241. ניין! אבער ווי הער פעטער סקוענץ.

פעטער סקוענץ איז א קאמישע־פעדאנטישע פיגור
פון שעקספּיער׳ס „א מיט־זומערנאכטס טרוים."

242. די דריי געוואלדיגע גבורים טרעטען אויף.

די דריי סימבאלישע גבורים, צענויפגעשטעלט פון אורמענש־
ליכער נאטורקראפט, דערמאנען אין די דריי זעלטענע גבורים וועל־
כע דוד האט געהאט, און וועלכע ווערען דערמאנט אין תנ"ך.
(שמואל א׳, 23 און דברי הימים א׳, 2).

אויך ווערט דער לעזער, לויט די נעמען פון די דריי חברה־לייט,
דערקענען, ווער און וואס יעדער שטעלט מיט זיך פאר.

243. אויף די פארדער־בערג.

די שילדערונג פון דעם קעניג׳ס ארמעען זענען אזוי גענוי,
כאטש די שפּראך און שילדערונג איז כמעט א מיליטערישע, דאך
איז אלצדינג אזוי וואונדערבאר פארפלאכטען מיט דעם איבער־
נאטירליכען, אז מיר פיהלען זיך שטענדיג אונטער געטהע׳ס פאע־
טיש־מאגנעטישער קראפט.

פלאנקע הייסט א זייט. דא ווערט געמיינט די סאלדא־
טען, וועלכע שטעהען אין דער רעכטער זייט פון דעם באטאליאן,
לויט זיי זענען אראנזשירט צום קאמפף.

פאלאנקס, הייסט א באטאליאן סאלדאטען וועלכע ווע־
רען אויסגעשטעלט אין א געוויסער פאזיציאן, געדיכט איינער נע־
בען אנדערען.

אויך ווערט דא אויספיהרליך געשילדערט די פאזיציאנען,
וואו די שלאכט דארף פארקומען, און די פוסטע באריהמעריי פון
דעם קייזער, וועלכער מיינט אז ער איז א העלד.

244. ווען איך האָב מיך דאָרט אין פייער־רייך געשפּיגעלט.

דער קייזער דערמאָנט זיך דאָ אין דעם פייער־שפּיעל וואָס מעפיסטאָפעלעס האָט איהם פאַרשאַפט ביים פעסט. (אקט 1, סצענע 3.)

245. דאָן אין קריסטאָל און זיין עביגער שטילקייט.

דער גלויבען, אַז אין קריסטאַל קען מען זעהן די צוקונפט, איז שוין זעהר אַן אַלטער.

עס איז אויך מעגליך, אַז געטהע וויל דאָ אַנדייטען, די קריס־טאַלאָגראַפישע וויסענשאַפט, וועלכע גיט זיך אָב מיט דעם שטודי־רען פון די פאַרשיעדענע קריסטאַלען, וועלכע געפינען זיך אין דער ערד.

246. דער נעקראָמאַנט פון נאָרטשיאַ, דער סאַבינער.

נ ע ק ר אָ מ אַ נ ט י ק איז אַ מין „וויסענשאַפט“ ווי אַזוי צו באַשווערען טויטע.

דער נעקראָמאַנט פון נאַרטשיאַ, אַ געגענד אין סאַביניען, איז, לויט מאַנכע באַהויפּטען, אַ געוויסער טשעקקאָ די מאַסקאַלי, אַן איטאַליענישער נעקראָמאַנטישער שרייבער, וועלכער איז פאַר־ברענט געוואָרען אין פלאָרענץ, אין 1327.

פאַוסט, אום צו ווייזען דעם קעניג אַז ער מיינט גוט מיט איהם, דערצעהלט ער איהם, אַז ער האָט גערעטעט דעם נעקראָ־מאַנט, ווען מען האָט איהם, דעם קייזער, געקרוינט אין רוים.

247. זעלבסטשטענדיג איז דער מאַן!

דאָס איז געטהע וועלכער רעדט פון אינדיווידועלער זעלבסט־שטענדיגקייט. אין דעם קייזער'ס מויל אָבער, ווערט עס אַ פּוסטע, לעכערליכע פראַזע. פאַוסט'ס ענטפער איז אַ שטיק חניפה, וועלכע וואָלט גיכער געפּאַסט פאַר מעפיסטאָ'ן, אָבער ער קען זיך ניט העל־פען, מיט אַזאַ מין פּוסטען בעל־גאוה ווי דער קייזער, קען מען אַנ־דערש ניט רעדען. ווי זאָגט דאָס ווערטעל: „אַז מען קומט צווישען הינד, מוז מען בילען.“

248. שלעגער. (טרעט אַרוים.)

עס איז קיין צווייפעל נישט אַז די דריי אַלעגאָרישע גבורים זענען גענומען פון תנ"ך. אין ישעיה (ח' 1) שטעהט: „ויאמר יהוה אלי, קח לך גליון גדול וכתב עליו בחרט אנוש למהר שלל חש בז. (און גאָט האָט געזאָגט צו מיר, נעם דיר אַ גרויסען טאַוועל און שרייב אויף איהם מיט אַ מענשען־גריפעל וועגען איילען (דאָס רויב שנעל (צו) נעהמען.)

געטהע האָט פון מהר־שלל־חש־בז, אויסגעאַרבייט די נעמען „האַב־באַלד", אַנשטאַט „רויב־באַלד", ווייל רויב־באַלד פּאַסט ניט אין אַ שלאַכט, און „שנעל־רויב".

די פיער אַלעגאָריען פאַרקערפּערען אין זיך אַלץ וואָס איז נעטהיג אין אַ שלאַכט.

249. דער האַריזאָנט האָט זיך פאַרטונקעלט.

פון דאַנען אַז ווערט שוין געשילדערט די בלוטיגע שלאַכט פון די צוויי פיינדליכע מחנות. אויך פיהלט זיך שוין מעפיסטאָפעלעס'ס אַרבייט.

250. יועץ בילד נאָך בילד די לופטען ברעכט.

פאוסט האָט דאָ געשילדערט די סיציליאַנישע לופטיגע ערשיי־נונג, וועלכע איז באַוואוסט אַלס „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ". „פאַטאַ־מאָר־גאַנאַ" האָט געהייסען די ליעבליכע צויבערין פון מאָרגאַנאַ, וועלכע האָט געזעצט אין באַוועגונג די לופטיגע ערשיינונג, און ווען אַי־מיצער יאָגט זיך נאָך עטוואָס אונדערגרייכבאַרעס זאָגט מען: „ער יאָגט זיך נאָך דער פאַטאַ־מאָרגאַנאַ", אָדער ווי מיר זאָגען: „ער בויט שלעסער אין דער לופט."

251. מיר דאַכט ע ר וויל אַ צייכען שיקען.

דאָס אַזוי אַז אַלטער אַבערגלויבען אַז אין שלאַכט־צייטען שי־קען די געטער צייכענס, צו די יעניגע נאַטירליך, וועלכע פאַרדיענען

זיך דאס, אלס א כימבאל אז זיי וועלען זיעגען. פאוסט, וועלכער פרוביערט דער גאנצער שלאכט־סצענע צו געבען א גייסטערהאפ־טען אויסזעהען, מאכט דעם קעניג זעהן אזא מין צייכען אז ער וועט זיעגען. דער לעזער וועט פארשטעהן, אז דער ריכטיגער אדלער איז „אונזער" קייזער.

252. ׳ס איז געטהאן! —

פאוסט, מיט מעפיסטאפעלעס׳ס הילף, וועט פאר דעם קייזער די שלאכט געווינען.

עס איז מערקווירדיג צו זעהן מיט וועלכער קראפט געטהע שילדערט די אבערגלויבענישען וועלכע זאמלען זיך ביסלעכווייז אן ביים פאלק אין לויף פון יאהרהונדערטער וועגען מאנכע געוואונענע שלאכטען: צ. ב., דעם און דעם קייזער אדער העלד, האט גאט געהאלפען געווינען א שלאכט, כאטש דער שונא איז געוועזן אונ־צעהליגע מאל גרעסער און שטארקער. דאס זיינען, אזוי צו זא־גען, די שלאכט־נסים.

253. פארשווענד׳ריש אוצרות די פארזעעסט.

דער לעזער האט זיכער פארשטאנען וואס געטהע מיינט דא מיט האבבאלד און שנעלרויב. דאס איז דאס פלינדערן פון די זיעגער נאך א שלאכט.

דער אויבענדערמאנטער זאץ מיינט, אז רויב האט קיין מזל נישט, מען פערשווענדעט עס שנעל. ביי אונז איז פאראן א גלייכ־ווארט וואס פאסט זיך דערצו: „נדן, ירושה, גנבה־ אדער קאר־טען־געלד און געלד געוואונען אין לאטערי (א שפיעל־צעטעל) הא־בען קיין הצלחה נישט."

254. זי הייסט באשטייערונג.

האבבאלד לאכט זיך אויס פון דער סאלדאטסקער עהרליכ־קייט: אז מען צווינגט א באזיעגט פאלק צו צאהלען שטייערן הייסט נישט רויבען? נאר אין אנדער פארם.

255. קייזער.

די דאָזיגע לעצטע סצענע איז אַ זעלטענע סאַטירע אויף דער נישטיגקייט און פּוסטער גאוה פון די קעניגליכע הייזער. טויזענדער סאָלדאַטען און הונדערטער העלדען פאַלען — ווער האָט די שלאַכט געוואונען? — דער קייזער! דער „גאָט־געזאַלבטער" קייזער! דער קייזער וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אין פּאַלאַץ און וועלכער, אויב נישט אַרומגערינגעלט פון פרויען און באַרוישענדע ווײנען, האָט אפשר אַ טראַכט געטהאָן פון שלאַכטפעלד.

די הויפּט־זייט פון דער סאַטירע איז מיט דעם קאַנצלער (ערשטער מיניסטער). וועלכער איז אין דער זעלבער צייט בישאָף. דער לעזער וועט באַמערקען ווי דער בישאָף (דאָס הייסט די קירכע) זוכט צו פּראָפיטירען פון יעדער רויבעריי, און אויב זי קען נישט נעהמען מיט גוטען, שרעקט זי אַז דער הייליגער טאַטע פון רוים וועט פאַרשעלטען, אָדער אין חרם אַריינלעגען, און עס ווירקט און מען גיט.

היינט, די חניפה און די פּוסטע פראַזען וואָס הערשען אַרום טהרוין? עס כאַפּט איינפאַד אַז אַ געלעכטער און אַז עקעל אין דער זעלבער צייט!

256. אין דיין קרוינונגס טאָג דו האָסט דעם צויבערער באַפריוט.

עס איז מערקווירדיג צו באַמערקען ווי דער בישאָף געברויכט דעם צופאַל וואָס דער קייזער האָט גערעטעט דעם נעקראָמאַנט פון שייטערהויפען, און פאַרלאַנגט אַז דער קייזער זאָל זיך פון דעם פּאַפּסט'ס חרם אויסקויפען מיט אונצעהליגע אוצרות. און דאָס שעהנסטע איז וואָס ער פאַרלאַנגט דאָס נאָך־נישט־דאָ־געוועזענע לאַנד, וואָס פאַוסט דאַרף באַקומען פון קייזער אַלס באַלוינונג פאַר זיינע לייסטונגען אין דער שלאַכט. און אַם שעהנסטען איז, וואָס דאָס לאַנד ליגט נאָך אין ים, און דער בישאָף ווייסט אַז די רעטער, פאַוסט און מעפיסטאָ, זענען פאַר דער קירכע נישט כשר. אָדער ווי זאָגט דער גלח צו מאַרגאַרעטע'ס מוטער:

„די קירכע האָט אַ גוטען מאַגען,
האָט גאַנצע לענדער אויפגעפרעסען
און זיך נישט קיינמאָל איבערגעגעסען.
די קירך אַליין, מיינע ליעבע פרויען,
קען אונעהרליך רייכטהום גוט פאַרדייהען".
(ערשטער טהייל, סצענע 9.)

אַט אַזוי האָט דאָס די קאַטוילישע קירכע געריסען פון טויטע און פון לעבעדיגע, עהרליך אָדער נישט עהרליך גוט און אַנגעזאַמעלט אונגעהיירע אוצרות.

257. פינפטער אַקט.

דער פינפטער אַקט, אין וועלכען מיר געפינען די קרוינונגס־ארבייט פון פאוסט, זיין טויט און דער זיעג פון די מלאכים איבער לויט ע ר באַגרייפט האָט ע ר דאָך געוואונען), און ענדליך דאָס לעמ'ן איהם צו העלפען באַקומען דעם צוזאַג פון קאָנטראַקט (ווייל לויט ע ר באַגרייפט האָט ע ר דאָך געוואונען), און ענדליך דאָס זיעגרייכע אַרויפשטייגען פון דער נשמה אין הימעל אַריין, דאָס אַלצדינג שטעלט צונויף אַביסעל אַ פיינליכע אַרבייט. ערשטענס, ווייל אין דעם אַקט איז פאַראַן אַזוי וועניג גשמיות און אַזוי פיעל רוחניות, אַז עס איז כמעט שווער נאָכצופאָלגען די געדאַנקען. צווייטענס, און וואָס איז די הויפּטזאַך, איז די סצענע וואו עס פאַנגט אַן דער קאַמפּף צווישען די מלאכים און שדים אַזוי דורכאויס קריסטליך, אַז עס איז פאַר דעם אידען כמעט אונבאַגרייפליך. אַבער, לאָמיר האָפען אַז דער לעזער וועט געדולדיג זיין און זיך אַביסעל אַנשטרענגען צוצוקומען צום שלום, און וועט זיך לאָזען פיהרען פון דעם געניאַלען דיכטער צו דעם ענדציעל פון זיין, פון דיכטער'ס, לעבען. און אויב ער, דער לעזער, וועט שוין זיין ביי דער גרענעץ פון ד ע ר וועלט, וועט ער זיך אויך צוהערען וואָס דער דיכטער וועט איהם צופליסטערן פון י ע נ ע ר וועלט.

דער „וואַנדערער" איז איינער פון די פיעלע וועמען דאָס, יעצט אַלטע, פּאָר פּאַלק האָבען גערעטעט פון דערטרונקען ווערען.

אויך איז ער דא, אום דער לעזער זאל, דורך זיינע, דעם וואנדע־רער׳ס, באמערקונגען, פארשטעהן אז פאוסט האט פון ים נייע יבשה ארויסגעבראכט.

באוצים און פילעימאן, זענען א לעגענדאריש פאר־פאלק, וועלכע האבען געוואוינט אין איינער פון די פריגישע געגענדען (אלט קליין אזיען).

די לעגענדע ־ערצעהלט: יופיטער און מערקור, קומענדיג אמאל אין יענער געגענד, האבען זיך אלע איינוואוינער פון זיי אב־געקעהרט (נישט וויסענדיג נאטירליך ווער די אורחים זענען), אבער דאס ליעבענסווירדיגע פאר־פאלק האט זיי פריינדליך אויפגענומען. דערפאר, ווען יופיטער האט אויס כעס יענע געגענד פארניכטעט, האט ער זייער קליין הייזעל פארוואנדעלט אין א פאלאץ. אבער אזוי ווי זיי האבען זיך זעהר ליעב געהאט, האבען זיי, אלט ווערענ־דיג, נישט געוואלט שטארבען איינער אהן דעם אנדערן. יופיטער האט דערהערט זייער געבעט און פילעימאנע׳ן פארוואנדעלט אין א סאסנעבוים און באוצים׳ן אין א לינדענבוים, שטעהענדיגביידע איינער נעבען אנדערן.

אין דער ליטעראטור ווערען זיי אפט דערמאנט אלס א סימ־באל פון אויסערארדענטליכער ליעבע צווישען פארהייראטע מאן און ווייב, און זעלטענער גאסטפריינדליכקייט, און אויף אזא אופן געברויכט זיי געטהע.

258. לינצעאוס דער טורמוועכטער.

לינצעאוס, איז לויט באיארד טיילאר, ארייננגע־בראכט געווארען אין דער סצענע בלויז צו שילדערן די האנדלונג. שנעטגער באהויפטעט וויעדער, אז לינצעאוס איז די „פראַ־פעטישע ערשיינונג פון דעם דיכטער", וועלכער טרויערט איבער דער פארניכטונג פון דאס שעהנע דורך דעם מאדערנעם סוחר׳ישען גייסט. זאל דער לעזער האבען זיין אייגענע מיינונג.

עס איז אויך אינטערעסאנט צו וויסען אז געטהע האט, אין א באמערקונג צו זיינע גוטע פריינד, געזאגט: „פאוסט, אזוי ווי ער

ערשיינט אין פינפטען אקט, איז, לויט מיין אנזיכט, פונקט הונ־דערט יאהר אלט, און איך ביז נישט זיכער אויב עס וואלט נישט גלייך געווען דאס ערגעץ וואו אויסדריקליך צו באמערקען.״

259. מיט צוואנציג קעהרען מיר צוריק.

מעפיסטאפעלעס, אנשטאט צו פארשפרייטען דאס האנדלען דורך דער פארבינדונג מיט'ן ים, ווערט גאר א פיראט (ים־רויבער) און מיינט דערמיט צו מאכען פאוסט'ן אלס א מיטשולדיגען. אבער פאוסט קעהרט זיך אב דערפון מיט עקעל, און מעפיסטא'ס באַ־הויפטונג אז קריעג, האנדעל און פיראטעריי זענען א דריי־אייניג־קייט, מאכט אויף פאוסט'ן קיין שום ווירקונג נישט.

260. די ליעבע פייגעל קומען מארגען.

מאנכע קאמענטאטארס ערקלעהרען די „פייגעל״ צו זיין, הא־פען־מיידלעך (אדער פראסטיטוטקעס), וועלכע נעמען אוועק ביי די מאטראזען כמעט זייער גאנצען פארדיענסט. אויך האט דער לעזער געוויס פארשטאנען, אז די „דריי חברים״ שטעלען מיט זיך פאר דעם מאטראזען־קלאס.

261. ווען נבות וויינבארג'ז שוין געווען.

דאס מעשה'לע מיט נבות'ס וויינבארג געפינט זיך אין מלכים א' קאפ. 21. אין דעם מעשה'לע ווערט דערצעהלט ווי אחאב, דער קעניג פון שמרון, האט פון נבות'ן פארלאנגט ער זאל איהם פאר־קויפען זיין וויינגארטען וועלכער געפינט זיך נעבען זיין פאלאץ. אבער נבות האט נישט געוואלט פארקויפען די ירושה פון זיינע עלטערן, ווייל אזוי האט גאט באפוילען. דער קעניג האט זיך זעהר נעקרענקט, האט זיין ווייב איזבל געפונען א מיטעל ווי אזוי דורך א בילבול פון נבות'ן פטור צו ווערען, און נאכדעם ווי מען האט נבות'ן געשטייניגט האט אחאב געקראגען דעם וויינגארטען, פאר וועלכען ער האט שפעטער שטארק חרטה געהאט, ווייל גאט האט אויף איהם געצערנט.

מעפיסטאפעלעס'ן טהוט שטארק הנאה, וואס דא וועט זיך טרעפען צווישען פאוסט מיט דעם אלטען פאר־פאלק, ביי וועמען ער וויל דאס שטיבעל אוועקנעמען. דאס זעלבע וואס צווישען נבות און אחאב, און אזוי ווי ער וועט שפיעלען די ראלע פון איזבל, וועט שוין גאט מסתמא אויסלאזען זיין כעס צו פאוסט'ן. אבער פאוסט בלייבט דאך אונשולדיג, להכעיס מעפיסטאפעלעס'ן, וועלכער זוכט איהם אלץ אריינצוציהען אין א פארברעכען, ווייל ער נעמט נישט אן דאס גוט און הייזעל פון די אלטע און פארשעלט מעפיסטא'ס גרויזאמע טהאט.

262. נאכט.

פון דער סצענע אז, הייבען מיר ווירקליך אן אריינצוגעהן אין דער נאכט פון פאוסט'ס לעבען, וועלכע הייבט איהם אן איינצו־הילען ווי א געדיכטער אונדורכזיכטבארער שלייער, און ער הייבט אן לאנגזאם פארשוואונדען צו ווערען פאר דעם מענשליכען גשמיות'דיגען אויג, אום דערנאך צו ערשיינען אלס געלייטערטער אין דער געשטאלט פון א קלאהר־לייכטענדער גשמה, זיכטבאר פאר דעם גייסטיגען אויג, וואס בליקט אין דער צוקונפט, אין דער אונענדליכקייט...

263. די זארג קריכט דורך'ן שליסעל־לאך אריין.

מ א נ ג ע ל, ש ו ל ד און נ ו י ט קענען אין קיין רייכע הייזער נישט אריינקומען, זיי באלאנגען אויסשליסליך צום ארימאן... אבער ז א ר ג, זי האט א פרייע האנד, זי וועט איהר וועג געפינען, אפילו דורך א שליסעל־לאך, און קומט זי אין איינעם פון די רייכע הייזער, דאן האט זיך פאר זיי אלץ געענדיגט, און זיי מוזען זיך שוין ריכטען אין וועג אריין...

דערפאר מוזען די ד ר י י פארשווינדען פון פאוסט'ס הויז, און נאר ז א ר ג אליין פארמאכט איהם די אויגען אויף עביג.

264. דאן וואלט עס ווירקליך ווערט געווען א מאן צו זיין.

שפעט, אבער ענדליך זעהט פאוסט איין, אז אלס נאטור־מענש וואלט ער פיעל גליקליכער געווען געלעבט, און געשטארבען א רוהיגער זארגלאזער מענש. איך זאג שטארבען, אבער דאס איז אפשר נישט דאס ריכטיגע ווארט, גיכער קען מען זאגען ער וואלט געווען געפיהלט אז ער קעהרט זיך אום צוריק צו דער מאמע ערד, דאס הייסט, ער וואלט זיך געווען אויסגעלעבט די יאהרען, ביז ער וואלט ענדליך איבערגעגאנגען פון איין פארם אין א צווייטער; ער וואלט איבערגעלעבט די מעטאמארפאזע פון אלע נאטור ערשיי־נונגען, וועלכע בלייבען נישט עביג אין איינער און דערזעלבער פארם. אבער פארפאלען! ער קען שוין מעהר נישט צוריקכאפען. און שטעהענדיג ביים שוועל פון קבר באקלאגט פאוסט זיין ביטע־רען שיקזאל, וועלכען ער קען ליידער מעהר נישט ענדערן.

כאראקטעריסטיש איז אויך געטהע'ס פאלגענדע ערקלעהרונג, ווען ער איז שוין כמעט אכציג יאהר אלט געווען: „אבער מיר אל־טע אייראפעער זענען מעהר אדער ווייניגער אין א שלעכטען צו־שטאנד... יעדער איז עדעל און העפליך, אבער קיינער האט נישט דעם מוטה צו זיין אפענהערציג און אמת, אזוי אז א מענש מיט נאטירליכע געדאנקען און נייגונגען איז שטענדיג אין אן אונגליק־ליכער לאגע. מאנכעס מאל קען מען זיך נישט העלפען צו ווינשען, אז מען זאל געווען געבוירען ווערען אויף איינעם פון די ים זידלי־כע אינזלען, אלס א זאגענאנטער ווילדער, אום כאטש איינמאל צו האבען געפיהלט די איינפאכע, ריינע מענשליכע עקזיסטענץ, אהן אירגענד וועלכע פאלשע באפוצונגען.“

265. אוועק! די שלעכטע ליטאניי.

ליטאניי, איז אזא מין געבעט ביי קריסטען. דא מיינט עס א דרשה.

266. דאך אינערליך נאך שיינט א ליכט א העלס.

בלינד ווערענדיג פיזיש, איז פאוסט'ן געבליבען דאס גייסטיגע

אויג, מיט וועלכען ער „בליקט“ אין דער צוקונפט. דאס קערפער־ליכע אויג איז בלינד געווארען, דערפאר אבער איז דאס „אויג“ פון דער נשמה פיעל ליכטיגער און זעהענדער געווארען.

267. לעמורען (אין כאר.)

די לעמורען אדער רעמורען זענען ביי די רוימער געווען די שאטענס פון די פארשטארבענע. געטהע גע־ברויכט זיי דא אלס קברות־לייט.

268. גאר נישט פון גראבען נאר פון — גרוב.

ענדליך ערלויבט זיך שוין מעפיסטא, אין א האלב הערבאר קול, אנצוזאגען פאוסט'ס ענדע, און ווי עס ווייזט אויס איז ער זיכער מיט זיין זיעג.

269. (פאוסט פאלט ריקווערטס, די לעמורען כאפען איהם אונטער און לעגען איהם אויף דער ערד.)

פאוסט איז געשטארבען! יא, געניסענדיג דאס גליק פון דעם העכסטען אויגענבליק, נישט דורך מעפיסטאפעלעס'ן, נאר להכעיס איהם, פארשווינדט פאוסט'ס שטערבליכער טהייל. שווער, שרעק־ליך שווער, אפט איבערלײידענדיג די אונמענשליכסטע יסורים, אבער מיט פעסטע טריט און א זיכערען בליק, האט פאוסט דורכ־געפיהרט זיין העכסטען אידעאל; שאפען פאר די קומענדע דורות, און זעהענדיג מיט דעם גייסטיגען אויג, ווי דורך זיין שאפען וועט לען די צוקינפטיגע מענשען לעבען פריי און גליקליך, שטארבט ער מיט א שמייכעל אויף די ליפען, א צופריעדענער, מיט דעם באוואוסטזיין אז דעם מענשען'ס העכסטער און איינציגער אי־דעאל איז דאס שאפען פאר דעם גליק פון די מיטמענשען.

און מעפיסטאפעלעס? ווי לעבערליך און קליין ער זעהט אויס נעבען דעם ריעזן פאוסט! ער פארשטעהט נישט און קען נישט

פֿאַרשטעהן, די גרויסקייט פֿון פֿאוסט און פֿון זיין גליקזעליגקייט וואָס ער האָט געפֿונען אין ש אַ פֿ ע ן, ווייל מעפיסטאָ איז דער פֿאַרניינענדער, פֿ אַ ר נ י כ ט ע נ ד ע ר גייסט, וועלכער ווינשט זיך דאָס עביג ל ע ע ר ע, דעם נ אַ ר נ י ש ט.

יאָ, פֿאוסט האָט אויסגעהאַלטען די וועט וואָס גאָט, דער אַל־שאַפֿענדער, דער אַל־אומפֿאַסענדער גאָט, האָט אויף איהם געמאַכט מיט מעפיסטאָ'ן, און אַ פֿאַרשעמטער, וועט דער טייפֿעל מוזען צוגעבען, אַז גאָרנישט איז פֿאַרניכטבאַר, און אַז ער, אַלס טייפֿעל, העלפֿט שאַפֿען, און אַז דאָס וואָס ער רעכענט פֿאַר פֿאַרניכטעט איז נישט מעהר ווי איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער פֿאָרם, און אַז דאָס ג ו ט ע כייז ענדליך באַזיעגען דאָס ש ל ע כ ט ע. ער וועט נאָך פּרובירען צו קריגען פֿאוסט'ס נשמה, אָבער לעכערליך! נישט קענענדיג באהערשען זיין קערפּער, וועט ער זיין גייסט אודאי נישט קענען באהערשען!

ע אַ ן: אַן אונאויסרעכענבאַרע פּעריאָדע, וועלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר איינע פֿון די באַגרייפֿליך לענגסטע איינטהיילונגען פֿון דער צייט. אויך צייטאַלטער אָדער עביגקייט.

דאָס כאָר פֿון די לעמורען דערמאָנט דאָ די ענדע פֿון דעם קאָנטראַקט צווישען פֿאוסט און מעפיסטאָ.

270. באערדיגונג.

די לעזער וועלען לייכט באַגרייפֿען די סאַטירע פֿון די לעמור־רען אויף די פֿאַרשטאָרבענע.

271. (דער שרעקליכער גהינם־פּיסק עפֿענט זיך אויף לינקס.)

דאָ געברויכט געטהע די זעלבע גיהנם־מאַשינערי וואָס עס איז געברויכט געוואָרען אין די אַלטע פֿאוסט פּופּען־שפּיעלען. אויך קען זיין געברויכט געטהע די דאָזיגע גראָבע ווידערווילליגע סצענע, אַלס קאָנטראַסט צו דער אַנקומענדער שיין פֿון גן־עדן.

.272 דאָס איז דאָס נשמה'לע, פּסיכע מיט די פּליגעל.

פּ ס י כ ע, די נשמה, ווערט אין דער קלאַסישער מיטהאָלאָגי פאַרגעשטעלט אַלס אַ וואונדערבאַר שעהנע, צאַרטע יונגפרוי, פול אונשולד און ליעבליכקייט, אין וועמען אמאָר, דער גאָט פון ליעבע, איז שטאַרק פאַרליעבט.

דאַ מיינט געטהע אַבצולאַכען פון דער טהעאָרי אַז די נשמה איז אַן ע ט ו ו אַ ס וואָס מען קען אַנטאַפּען, און אַז מען ווייסט דאָס פּלאַץ פון מענשליכען קערפּער וואו זי געפינט זיך.

.273 און דער גייסט, ער וויל זיך גלייך דערהייבען.

אין זיין טייפלישער אונוויסענקייט מיינט מעפיסטאָ, אַז האָבענדיג די דאָרע פליהענדיגע טייוואָלים, וועלכע כאַפּען נשמות אין דער לופט, אַז מיט זייער הילף וועט ער פאַרהאַלטען דעם גייסט (די נשמה) פון דערהויבען זיך. מאַנכע דענקען אַז אין די דאָרע לאַנגע טייוואָלים האָט געטהע סימבאַליזירט די יעזואיטען, וועלכע האָבען געמיינט, און מיינען נאָך איצט אפשר אויך, אַז אויסשפּרייטענדיג די שוואַרצע פּליגעל פון דער קירכע, וועלען זיי פאַרהאַלטען דאָס דערהויבען זיך פון דעם גייסט פון פאָרטשריט, און פאַרשטעלען די זון פון ריינעם שכל.

.274 הערליכקייט פון אויבען.

דער לעזער וועט אַזוי גוט זיין און די מלאכים געזאַנגען לייענען לאַנגזאַם, נישט אַזוי מחמת זייער טיעפזיניגער באַדייטונג, ווי וועגען דער שווערקייט און קורצקייט פון שפּראַך, ווייל איך האָב זיך מיט אַלע כחות געהאַלטען אין אָריגינאַלען טעקסט, איבערזעצענדיג איהם אין אידיש וויפיעל מיר איז מעגליך געווען.

.275 איז פאַר זיי'רע תפילות ווי געוואונשען.

געטהע סאַטיריזירט פול ביטערקייט דעם געדאַנק פון אַסקעטיזמוס, ד. ה. אַז די פרומע מוזען אַבקומען אויף דער וועלט, און

ווען זיי דארפען ענדליך אריינקומען אין גן־עדן, מוזען זיי דורכ־געהן די ליידען פון גהינם, ווי פארגעשריעבען פון דער מיטעלאל־טערליכער קירכע.

276. כאר פון מלאכים (רויזען צעזעענדיג).

איין קאמענטאטאר וויל האבען, אז די רויזען זענען די „טהא־טען פון ליעבע“, אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט דער העכסטער פרינציפ פון גאט און, אויסגעדריקט דורך דעם מענש, באזיעגען דעם פרינציפ פון שלעכטיגקייט.

אויך ווערט דער לעזער באמערקען, אז געטהע האט מיט די „כארען“ פון די מלאכים פרוביערט צו שילדערן דאס איבערמענש־ליכע, דאס א ו נ מ ע ג ל י כ ע. ווייל אין די „כארען“ קען מען קוים ד ע ר ז ע ה ן דעם געדאנק, מען מוז איהם, אזוי צו זאגען, ד ע ר פ י ה ל ע ן. און פאר דעם איבערזעצער איז דאס אויך כמעט אן איבערמענשליכע ארבייט.

277. איז די באנדע מיר גאנץ אפעטיטליך.

דער קאנטראסט דא, וועלכער דערגרייכט דעם קלימאקס, צווישען גוטס און שלעכטס, איז איינפאך א שרעקליכער; דאס שלעכטע און פארדארבענע קען קיינמאל נישט באגרייפען די אמת׳ע ריינע ליעבע.

דאס איבריגע איז אזוי קלאהר אז ערקלעהרונגען זענען איבריג.

278. פארפיהרט דעם אלט־ערפאר׳נעם טייפעל.

מעפיסטאפעלעס, ווי געזאגט, קען אבסאלוט נישט פארשטעהן, ווי אזוי ער האט פארלוירען די וועט, און דער גייסט איז ארויף אין העכערע ספערען. ער שרייבט דאס צו צו דער כיטרעקייט פון די מלאכים, וועלכע האבען אויסגענוצט דעם מאמענט, ווען זיי האבען איהם דעם קאפ פארדרעהט מיט לוסטיגער ליעבע. און ענדליך פארשווינדט ער אלס דער אונמעכטיגער פארניינונגס־

גייסט, אלס דער געדאנק פון שלעכטיגקייט, וועלכער וועט דאס גוטע און דאס שאפענדע קיינמאל נישט פארשטעהן.

279. בערג־שלוכטען, פעלד, פעלז, וויסטעניש.

ווי מאנכע קאמענטאטארם ווילען האבען, איז די גאנצע סצענע א מין קעט פון אלגעמיינע ליעבע, וועלכע פאנגט אן אויף דער ערד און ענדיגט זיך אין הימעל.

די הייליגע נזירים, זענען די יעניגע וועלכע האבען זיך אב־געטהיילט פון דער מ ע נ ש ל י כ ע ר און שטרעבען צו דער ג ע ט ל י כ ע ר ליעבע.

280. פאטער עקטאטיקוס (שוועבענדיג ארויף און אראב).

פ א ט ע ר ע ק ס ט א ט י ק ו ס, מיינט ענטציקטער פא־טער. אין ד ע ם האט געטהע געדענקט פארצושטעלען די אי־בערגעבענקייט ווי זי קומט פון ענטציקונג.

אין פ א ט ע ר פ ר א פ ו נ ד ו ס (פראפונד מיינט טיעף), די איבערגעבענקייט ווי זי קומט פון ריינעם שכל, זעהט סימבאלען אין יעדער ערשיינונג, און שטרעבט צו דעם הימלישען אמת, אלס די העכסטע פארם פון וויסען.

אין פ א ט ע ר ס ע ר א פ י ק ו ס (סעראפיקום מיינט שרפים'דיג. די שרפים זענען אזעלכע מלאכים), די איבערגעבענ־קייט ווי די נשמה באזיצט זי אין דעם ריינסטען פלאם פון זעלבסט־ענטזאגונג.

די דערמאנטע דריי נעמען האט מען צו פארשיעדענע צייטען געגעבען צו פארשיעדענע קריסטליכע הייליגע און מאגיקער.

281. כאר פון די הייליגע אינגלעך.

דאס זענען די נשמות פון די קינדער וועלכע זענען געשטאר־בען ביים געבוירען ווערען, און אבוואהל זיי פיהלען די לוסט פון זייער דאזיין, זענען זיי אבער געבליבען ריין און אונשולדיג. פאטער סעראפיקוס נעמט זיי אריין אין זיך און ווייזט זיי די וועלט.

282. ווער שטענדיג שטרעב'נדיג זיך באמיהט,
דעם קענען מיר ערלעזען.

געטהע האט אין א געשפרעך באמערקט פאלגענדעס: „אין די שורות ליגט דער שליסעל צו דער רעטונג פון פאוסט'ס נשמה. זיין עביג שטרעבען צו דער ריינער טהעטיגקייט ביי דער ענדע און די אייביגע ליעבע ארונטערקומענדיג איהם העלפען.. ...מען וועט אויך צוגעבען אז דאס איז אין אנקלאנג מיט אונזערע רעליגיעזע איבערציינגונג, אז מיר ווערען נישט גערעטעט דורך אונזער אייגענער קראפט, נאר דורך דער געטליכער גוטסקייט.“

283. די עביגע ליעבע נאר
קען זיי צושיידען. —

דאס הייסט אז די מלאכים וואס טראגען פאוסט'ס נשמה, וועלכע איז נאך נישט אין גאנצען ריין פון דעם ערדישען, זענען נאך נישט בכח די צוויי „עלעמענטען“, דאס גייסטיגע און דאס קערפערליכע, צו צעשיידען, דאס קען נאר טהון די „עביגע ליעבע.“

284. דעם דא אין פופען־שטאנד.

פופענשטאנד הייסט, דער צושטאנד פון א פליגעלע איידער עס ענטוויקלען זיך די פליגלעך. דא געמיינט די ב ל ו י ז ע נשמה, אזוי ווי זי „זעהט אויס“ איידער זי נעמט אן די מענשליכע פארם.

285. דאקטאר מאריאנוס.

מאנכע דענקען אז דאס איז א געוויסער מאריאנוס, א נזיר, וועלכער איז געשטארבען אין 1086. אבער ווי עס ווייזט אויס איז ער דא בלויז צו שילדערן דאס דערנעהענטערן זיך פון דער „מאטער גלאריאזא“ (די לייכטענדע מאמע יעזוס'ס).

די בעל־תשובה׳ניצעס זענען גענומען פון נייעם טעסטאַמענט. זיי בעטען די „מאַטער גלאָריאָזאַ“ זי זאָל מוחל זיין מאַרגאַרעטע׳ן, וועלכע איז נאָך ניט אַריינגעלאָזט געוואָרען אין הימעל אַריין. יעצט לייענט זייער יחוס־בריעף.

מאַגנאַ פּעקאַטריקס, איז די באַריהמטע פּראָסטיטוטקע מאַרי מאַגדאַלענאַ, וועלכע איז אַזוי פאַרליעבט געווען אין יעזוס׳ן, אַז זי האָט איהם די פיס געוואַשען, און זיי געטריקענט מיט איהרע האָר.

מוליער סאַמאַריטאַנאַ, איז דאָס סאַמאַריטאַנישע ווייב, וועלכע האָט געגעבען יעזוס׳ן טרינקען, און אויך געווען פאַרליעבט אין איהם, און אַז מען רופט זי בעל־תשובה׳ניצע, האָט זי דאָך וואַהרשיינליך געזינדיגט...

מאַריאַ עגיפּטיקאַ, האָט גאָר דעם שעהנסטען יחוס־בריעף: זי איז געווען איינע פון די פאַרדאָרבענסטע און געזונקענסטע פרויען פון אַלעקסאַנדריען (אַ האַפען־שטאָדט אין עגיפּטען). אָבער נאָך זיעבעצעהן יאָהר פון שרעקליכער אויסגעלאַסענקייט האָט זי חרטה געקראָגען אויף איהרע מעשים און האָט, אויף דעם באַפעהל פון אַ בת־קול, פון דעם „הייליגען קבר“ פון ירושלים, פאַרבראַכט אין אַ מדבר דאָס איבריגע לעבען איהרס, 48 יאָהר, איבערלאָזענדיג אַ שיידונגס־בריעף געשריעבען אין זאַמד, און וואַהרשיינליך מיט דעם זעלבען ממשות (אויב די מעשה איז אין גאַנצען אַ ממשות׳דיגע...)

און זיי דריי בעטען דאָס די „מאַטער גלאָריאָזאַ“, וועלכע האָט זיך צווישען אונז גערעדט אויך אַמאָל „פאַרגעסען... צו זאָגען דעם זוהן ווער זיין טאַטע איז געווען“, אַז זי זאָל מוחל זיין מאַרגאַרעטע׳ן פאַר דעם איינעם מאָל וואָס זי האָט זיך „פאַרגעסען“, נישט וויסענדיג אַז זי זינדיגט.

287. אונאַ פּאָניטענציום.

אונאַ פּאַניטעציום, (אַ בעל־תשובה׳ניצע) איז

מארגארעטע, וועלכע וויינט שוין נישט צו דער „מאטער דאלאראָ־
זע.“ (זעה „צווינגער“, ערשטער טהייל), נאר זי זינגט א גליקליך
ליב־געזאנג צו דער „מאטער גלאריאזא.“

ענדליך ברענגט מען פאוסט׳ס אונשטערבליכע טהייל, וועל־
כער האט געליטען און געלערענט.

288. קאָרוס מיסטיקוס.

דער קאָרוס מיסטיקוס (דער געהיימניספּולער
כאָר) דערצעהלט אונז, אז דאס הימלישע גליק, וואס איז אויף דער
וועלט שוין יעצט לערנען די מלאכים, ער, וועלכער האט אזוי פיעל
ערד אונמעגליך, קענען מיר באקומען אין הימעל, און די ליעבע,
וועלכע איז דאס העכסטע גליק, און וואס ווערט אונז, מענער, אי־
בערגעגעבען אויף דער ערד דורך די פרויען, ווערט אונז אויך אין
הימעל ערקלעהרט דורך פרויען, וועלכע ציהען אונז ארויף, ווייל
נאר דאָרט באקומען מיר דעם העכסטען אידעאל פון ליעבע.

ענדע.